STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10482

IN DER VELT ARAYN

Moses Judah Shelubsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה יודל שעליובסקי

אין דער וועלט אַריין

(1956 — 1952)

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

באַנד 101

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

Publishing
I. PERETZ LIBRARY
3... ...d.
... EL

משה יודל שעליובסקי

אין דער וועלט אריין

דערציילונגען

PUBLIC LIBRARY
CITY OF DENVER

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1957 — תשי״ח.

E755019

דרוקעריי ברידער זלאטאפיארא — סאן לוּיס 3149 — בוענאס־איירעס

אינהאַלט:

I
איין מענטש

זייט

איין בויד — — — — — — — — — — — — — — 9

דער פאַרוואָגלטער — — — — — — — — — — — — 97

דער פּאַלאַץ פון פאַרשטערטער פרייד — — — — — — — — — 115

II
אַרום וואַלד

פעדערן — — — — — — — — — — — — — — 177

אברהמל דער ליידיקגייער — — — — — — — — — — 242

אַ שטריי מיט אַ היי — — — — — — — — — — — 272

פאַרשפּעטיקט — — — — — — — — — — — — — 301

אליהו הנביא דערפרייט אַ ייִדן פסח צום סדר — — — — 332

I

איין מענטש

אין בויד

— א —

הינטער די סעדער און הייזער פון זשירעווע, נישט ווייט פון ישוב, איז אַ קליין גערטנדל געשטאַנען אין מיטן פעלד. דאָס גערטנדל איז געווען אַרומגעצאַמט מיט אַן אייזערנעם פּאַרקן און אינעווייניק, אין גערטנדל, איז געוואַקסן הויכע גראָז מיט קראָפּיווע. אונטערן גראָז האָט אין גערטנדל, אַראָפּגעזעצט אין דער ערד, גערוט אַ קבר. איבער דעם גראָז, העכער פון דעם פּאַרקן, האָט אַן אַלטער בוים אויסגעשפּרייט זיינע דאַרע צווייגן.

אין זשירעווע האָבן די ייִדן גערופן דעם בוים און דעם גערטנדל מיט איין נאָמען: „דער קבר", און זיי האָבן אָפּגעהיט דעם צאָם פון גערטנדל, אַ גוי זאָל נישט אַרויסגנבענען קיין שטאַכעט פון פּאַרקן. קיינער האָט אָבער נישט אַרומגעזען דעם קבר, נישט אַרומגעשניטן דאָס גראָז, און קיין קרוב איז נישט געקומען אין גערטנדל דערמאָנען דעם נאָמען פון מת.

די עלטערע ייִדן האָבן נישט פאַרגעסן די מעשה נורא מיטן „קבר", און אַז מען האָט גערעדט וועגן די אַמאָליקע צייטן האָט מען זיך אַליין נישט אַרומגעזען ווי אַזוי די רייד זענען אַרויף אויף דער געשיכטע מיטן גערטנדל. מען האָט אַ זיפץ געטון: „וואָס ס'קען פאַרלויפן אין דער וועלט" און מען האָט צעבראָקלט די ווערטער זיי זאָלן נישט זיין שווער דעם מת.

אַז מען האָט זיך אַמאָל פאַרגעסן, און מען איז אין אַ שפּעטער שעה דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם קבר, האָט מען זיך פאַרשעמט פון דער מורא,

וואָס האָט אָרומגענומען און מען האָט זיך אַליין אויסגערעדט: „מען האָט דאָך געקענט אָנלייגן אַ פּאָר טריט און גיין מיט אַן אַנדער וועג".

אַז מען איז געקומען אַהיים האָט מען געטראַכט וועגן דער בחירה, וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן דעם בן אָדם; ס'איז אַרויף אויפן זינען דער גורל פון די אייגענע בני בית, און מען האָט געזען פאַרבאָרגן פון די קינדער די געשיכטע מיטן קבר וואָס איז געלעגן באַגראָבן אין גערטנדל.

די קינדער — די בחורים, די מיידלעך — זיי האָבן יאָ געוואָלט ריידן וועגן גערטנדל. זיי האָבן געקליבן די ווערטער וואָס האָבן זיך אַראָפּ־געקייקלט ביי די אַלטע לייט פון די רייד און זיי האָט געצויגן צום דעם קבר.

שבת בייטאָג, נאָך וואַרמעס, זענען זיי אַרויס שפּאַצירן צום גערטנדל און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אונטערן בוים. אַמאָל האָט מען פאַרגעסן אַז אין גערטנדל ליגט אַ מת און מען איז אַריין אין אַ פריילעכקייט, און אַמאָל האָט זיך ביי אַ מיידל אַראָפּגעלאָזן דער בליק אין טרויער און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ס'איז שטיל געוואָרן אונטערן בוים. די שטילקייט האָט זיך איבער־געבראָכן אין די פאַרדאַרטע צוייגן מיט די ווערטער, וואָס די מיידלעך מיט די בחורים האָבן געוואָלט פאַרבאָרגן.

נאָר פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קול ווי ער וואָלט זיך אַרויס־געפּלאָנטערט אַ טויבער פון געדיכטן גראָז: „לאָמיר גיין צוריק"...

אַז אַ בחור האָט אָבער געוואָלט אויסנעמען ביי אַ מיידל, ער האָט געוואָלט באַווייזן איר זיין געוואַגטקייט, האָט ער איר געזאָגט, אַז ער וועט זי פאַרנאַכט אָפּוואַרטן אונטערן בוים.

דאָס מיידל האָט געטראַכט וועגן די מעשיות פון ליבע, ליידן און עלנטקייט, וואָס האָבן זיך אין זשירעווע געוועבט פאַרבאָרגענערהייט וועגן קבר, און זי האָט באַהאַלטן איר מורא. זי האָט זיך אויסגעהיט פון טאַטע־מאַמע, און איז געקומען אויף דעם אָפּגערעדטן אָרט — צום גער־טנדל. דאָ, אונטערן בוים, האָט זי מיטן בחור גערעדט וועגן דוד לייבן, דעם גרויסן געלערנטן, וואָס ליגט באַגראָבן אין דעם קבר. זיי האָבן געוואָלט דערגיין דעם סוד, פאַרוואָס מען האָט אים מקבר געווען דאָ אין

זשירעווע און נישט אין סלאָגים אויפן בית־עלמין. זיי האָבן געוועבט לעבן גערטנדל זייער אייגן לעבן פון וואָר און חלום, אָט אַזוי, ווי זיי האָבן געשפּונען די מעשיות וועגן דוד לייבן, הירשל דעם פּאָטשטערס זון.

— ב —

פּאַרצייטנס, מיט יאָרן צוריק, האָט הירשל דער פּאָטשטער געהאַלטן די פּאָטשט אין זשירעווע. פאַרנאַכט האָט ער אָפּגעפירט קיין דעמאַנאָווע צו דער באַן די בריוו, פּאַקעטן וואָס זשירעווע האָט אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט, און אין דער פרי האָט ער געבראַכט צוריק די „פּריקאַזן פון פּראָוויטעלסטווא״ (באַפעלן פון דער רעגירונג) מיט די בריוו און ידיעות וואָס די וועלט האָט געלאָזט וויסן זשירעווע. אַמאָל האָט ער אויך אָפּגענו־מען פאַר אַ קרעמער אַ ביסל סחורה פון באַן, האָט אויסגעפירט אַ שליחות פאַר אַ סוחר און צוגעפירט אין זיין בויד אַ גאַסט צו דער באַן.

מען האָט געוווּסט אין זשירעווע, אַז הירשל זיצט מיט דער בייטש ביים עק פון פערד, שטעקט מיט די פיס אין שטאָל, און מען האָט געלאַכט פון אים ווי ער זעצט איין די עברי ביים דאַווענען. מען האָט אָבער נישט פאַרגעסן, אַז ער נעמט צו די פּאָטשט פון זשירעווע און ברענגט די ידיעות פון די מרחקים, האָט מען אים נישט אַריינגערעכנט צווישן די בוטענער בעל־עגלות, וואָס שפּאַרן אַריין די פאַרשוינען אין בויד און לייגן אָן די משא אויפן אַקס. נאָר מען האָט געהאַלטן הירשל דעם פּאָטשטער פאַר אַ וועלט־מענטש.

אַז ער איז אַריין אין אַ שטוב, האָט מען אים צוגעטראָגן אַ שטול מיט כבוד, ער זאָל בלייבן זיצן און זיך נישט איילן אַוועקגיין. אַז מען האָט אים באַגעגנט אין גאַס, האָט מען געזעגן אין זיינע אויגן די וועייט־קייטן פון דער וועלט. מען האָט געוואָרט, ער זאָל דערציילן וועגן ישועות, נחמות, אָדער ח״ו, גזירות, וואָס די יידן פירן מיט דער באַן פון פּעטער־בורג־מאָסקווע — פון די כרכן און די יידישע ישובים און מען האָט אים אָנגעטאָן דעם כבוד פון „רעב״.

— וואָס הערט זיך, ר׳ הירשל אויף דער וועלט?

הירשל, שטעלט זיך אָפּ, רוקט אַרויף דאָס היטל העכער אויפן שטערן,

קוקט אין דער ווייטער ווייטקייט אריין, לאזט אראפ די אויגן, און שווייגט א ווילע. דערנאך הייבט ער אן שטיל, ווי ער וואלט געבראכט א וויכטיקע ידיעה, וואס ער האט נאך קיין מאל נישט דערציילט:

— צו פיל רויטע קנעפ מיט עפאליעטן זע איך איצטער אין די וואגאנען פון ערשטן קלאס. אז די באן קומט אן צו דער סטאנציע, פאר־הענגען זיי די פענצטערלעך. איך כאפ אבער א קוק. פון מיר וועט מען זיך נישט אויסבאהאלטן, — הייבט ער אויף דאס קול — גענעראלן, פאל־קאווניקעס, מעניסטארן. זיי זיצן פארטראכט, ריידן נישט אויס קיין ווארט. די סאלדאטן האלט מען פארשפארט הינטן, אין די טאווארנע וואגאנעס. מען פירט זיי ווי פערד; ס׳איז מלחמה; וואס מיינט איר, ענגלאנד וועט שווייגן, און דער טערק איז שוין איינגעשלאפן? מען וועט זיך שלאגן, — טוט ער א זיפץ, — און דאס איז די ליניע וואס מען פירט די ארמיי — שטרעקט ער אויס די הענט — פון דאנען קיין באראנאוויטש. דערנאך פאר־דרייט מען זיך, און ס׳איז א גלייכער וועג צום גרענעץ. דארטן באגעגענען זיך די ארמייען מיט די ביקסן און הארמאטן, אט אזוי ווי איך טרעף זיך דא מיט אייך אין גאס.

— און וואס וועט זיין מיט די ייִדן, מיטן עם לבדד? — טוט א ייִד א זיפץ.

— מיט די ייִדן, מיטן פאלק ישראל? — דערזעט הירש זיין עלנט־קייט וואס ליגט בייגאכט צוזאמען מיט דער פאטשט אין בויד; ער וויל נישט אראפפאלן ביי יענעם אין די אויגן, הייבט ער אן מיט א העכערן קול, ווי ער אליין וואלט עפעס געטון צו באשיצן דאס פאלק ישראל:

— ייִדן שווייגן נישט, רוען נישט, מען זיצט נישט אויף איין ארט; ייִדן פארן מיט דער באן. ראשית, מאכט מען א יאזדע צו באראן הירש, צו ראטשילדן, טאקע אין אויסלאנד. מען כאפט זיך אריבער דעם גרענעץ און מען איז גלייך אין פאריזש, בערלין, אפילו אמעריקע. וואס מיינט איר, זיי זענען ווי אונדזער טעוועלע, וואס זיצט צוגעקלעפט צו דער באנק און היט די קליאמקע פון דער טיר? זיי פארן; אריין און ארויס פון באן.

— אמת דער באראן מיט ראטשילדן זאגן, צו וואס פארט איר צו אונדז, אז איר האט ביי אייך אין פעטערבורג אויך א באראן, באראן גינז־בורג, וואס וויס ווי ס׳עפנט זיך א טיר און קען אליין אויך אויסציילן אן

אלף אלפים, א מתנה ביי אַ מיניסטער אונטערן קישן. די נסיעה איז אָבער נישט אומזיסט. קודם כל קערן זיי אום די הוצאות מיט אַ סמיטשעק, מיט אַ בייטש וואָס איז מערער ווערט ווי דאָס פערד, און מען דערלייגט נישט צום עסק.

— והשנית, וואָס איז דאָס ווערט, וואָס מען זיצט ביי אַ ראָטשילדן אין פּאַלאַץ און מען רעדט צו אים, אָט אַזוי, ווי איך שטיי מיט אייך אָט דאָ לעבן פּלויט.

צינדן זיך אָן ביי דעם ייִדן די אויגן מיט בטחון: „אין פּאַריזש, און פּעטערבורג, אומעטום זיצט אַ ייִד אַ גביר, אַ מיליאָנער אין אַ פּאַלאַץ און פאַרגעסט נישט אַז ס'זענען פאַראַן אויף דער וועלט נאָך ייִדן, אָרעמע לייט, קבצנים. פרעגט ער אָבער נאָך אַמאָל: „ווי, זיי פּאָרן טאַקע?"

— וואָס רעדט איר — ווערט הירשל ביי זיך תקיפער, — אָט הערט, אַגומלט שטיי איך אַזוי לעבן וואקזאל און וואַרט אויף דער באַן. ס'איז שוין ליכטיק, קוק איך זיך איין ווי דער וועכטער קריכט אַרויס אַ פאַר־שלאָפענער פון זיין כאַטע. ערשט הינטער מיר באַהאַלט זיך אַ ייִד, מיט אַ שוואַרצער אַרומגעשאַרענער בערדל, אין אַ צילינדער־הוט, איך זאָג אייך, בגדי מלכות. טראַכט איך, פון מיר וועט מען זיך נישט אויסבאַהאַלטן. ער אַ טראָט, איך אַ טראָט; ער בייגט אַראָפּ דעם צילינדער און הייבט אויף דעם קאָפּ, איך לאָז אַראָפּ דאָס היטל און שטעל אַרויס די בייטש. און אַזוי אַ טראָט נאָך אַ טראָט און איך שטיי שוין צוזאַמען מיט אים אין וואָקזאַל. און ווער, מיינט איר, זיצט דאָרטן אין אַ ווינקל? טאַקע ווער?! נאָר וואָס זאָל איך ביי אייך פרעגן? איר וועט קיינמאָל נישט טרעפן. דער סלאָנימער רב, ר' מרדכילע מיט נאָך דריי באַלעבאַטים פון שטאָט. וואָס טוען זיי פאַרטאָג אין דעמאַנאַוועו אויפן וואָקזאַל? זיי פאָרן אין אַ שתדלנות צו באַראָן גינזבורג קיין פעטערבורג. מען זאָל ביי ייִדן נישט צונעמען קיין בראָנפן. איי, ווי קומען זיי אין דעמאַנאָוועו? אין סלאָנים איז דאָך אויך פאַראַן אַ באַן מיט אַ וואָקזאַל.

יאָ, וועט איר פרעגן? אַז זיי וועלן אָבער אַרויספאָרן פון סלאָנים וועלן אַלע זען און ריידן, און קיינער טאָר וועגן דעם נישט וויסן. אַזעלכע זאַכן ווערן געטון בשתיקה, בחדרי חדרים, אויפן ווונק, מיט אַ פּיפּס, דער שטן מקטרג זאָל זיך נישט אַריינמישן. אַ וואָקזאַל איז אָבער אַן אָפענער

טויער פון דער וועלט, און ווער ס׳האָט אויגן זעט — קען מען זיך טאַקע פון הירשל דעם פּאַטשטער נישט אויסבאַהאַלטן. נישט אַלע מענטשן זענען אָבער גלייך. אַטאַ האָב איך דריי זין. וועגן די מיידלעך, זאָלן געזונט זיין, רייד איך נישט. וואָס איז אַ מיידל? מען דאַרף קלייבן נדן פאַר איר און היטן — איר ווייסט דאָך וואָס ס׳איז געשען, נישט פאַר קיין ייִדן געדאַכט, אין סלאָנים מיטן ראַבינערס טאָכטער. אָבער די זין; פון איין טאַטע־מאַמען, פאַר די צוויי בנים זענען דריי פערד ווינציק. איך וואַרט זיי זאָלן אַראָפּ־פטרן דעם פּריזיוו, וועל איך זיי קיין אַמעריקע אַוועקשיקן. אַז לערנען ווילן זיי נישט.

אָבער דער עלטערער, זאָל געזונט זיין, דוד לייב — ליאָוואַ; ער האָט נאָר אַוועקגעשטעלט אַ פוס אין אָפענעם טויער אויפן וואָקזאַל, שווימט ער אין דער גרויסער וועלט צווישן מענטשן.

הירשל פּאַרדרייסט דעם קאָפּ מיט גאווה: „אַ וועלט, מענטשן, איר דאַרפט הערן ווי זיי ריידן״, און ער גייט אַוועק אַ גלייכער, אַן אויסגעצויגענער מיט געמאָסטענע טריט. זיין האַנט שאָקלט זיך אָבער אַ ליידיקע, אָן איבעריקע, ווי אים וואָלט עפּעס געפעלט. דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז אַרויס אָן דער בייטש און אים טוט אַ ביס דער כעס: „אַ פּאַטשטער איז נישט בעסער ווי אַ בעל־עגלה, — זיי האָליובען זיך ביינאַכט אונטער די פּערענעס און ער דאַרף אין רעגן און קעלט ליגן מיט זייערע ליבע־בריוועלעך אין בויד״.

אין זיין ביטערער אַרבעט — אין שטאָל ביים פערד, ביינאַכט אין בויד, ראַטעווועט זיך אָבער הירשל: „ער האָט אַ זון אַ דאָקטער, אמת ליאָוואַ איז נאָך נישט קיין דאָקטער, ער וועט אָבער באַלד ווערן אַ דאָקטער״.

די גרויסע וועלט לאָזט זיך אַראָפּ צו אים אויף די הענט און ער אַליין הייבט זיך אויף איבער די דעכער, איבער די קוימענס פון די זשירעווער איינגעבויגענע הייזער. ער קוקט זיך איין ווי קליין און אָרעם זיי זעען אויס אין זיינע אויגן און ער טוט אַ שמייכל: „ווי אַ פליג אויפן רוקן פון דעם פערד״.

— ג —

ליאָווא דער דאָקטער איז אָבער פלוצלונג אַראָפּגעפאַרן פון דער גרויסער וועלט און האָט געלאָזט וויסן דעם טאַטן, אַז ער וויל נישט זיין קיין דאָקטער און וויל נישט מען זאָל אים רופן ליאָווא, נאָר דוד־לייב.

איז פינצטער געוואָרן ביי הירשל דעם פּאָטשטער די גרויסע וועלט, פינצטערער פון דעם שטאָל מיטן פערד. ער איז צעטומלט געוואָרן און האָט נישט געוווּסט וואָס צו ריידן צו זיין זון. ער האָט בלויז איבערגע־חזרט, ווי מען קרעכצט אַרויס אַ וויטיק: — „וואָס וועסטו טון? ווו וועסטו זיין?" — און האָט געוואַרט, אַז זיין זון, דער גרויסער געלערנטער זאָל אַליין עפּעס זאָגן און העלפן דעם טאַטן אויסריידן אַ וואָרט.

דוד לייב האָט אָבער אַזוי טיף איינגעגראָבן אין זיך זיינע רייד, אַז די מאַמע האָט אַפילו נישט אַרויסגעבראַכט פאַרן מויל: „פאַרוואָס האָסטו מיין זון נישט אָנגעזאָגט, אַז דו קומסט צופאָרן".

זי האָט געזען: „ערשט נאָך אַ קרענק, און גאָט ווייסט, אפשר נאָך אַ שווערער חולאת". האָט זי געזיפצט: „די שטוב איז אַלט, אָפּגעלאָזן", און האָט זיך פאַרענטפערט: „דאָס זענען די פּאַלאַצן, וואָס דער רבונו של עולם האָט צוגעגרייט פאַר אונדז צוזאַמען מיטן פערד און דער בויד".

דער טאַטע קוקט זיך איין ווי לעבן אים שטייט זיין זון אַן איינגע־בויגענער און אין זיין קאָפּ שניידט זיך דורך, ווי אַ בליץ, אַ גרויע האָר, זעט ער, אַז דוד לייב האָט זיך געעלטערט פאַר דער צייט. דער גרויס־שטאָטישער לעבן האָט זיך אויסגעוועפּט פון זיינע אויגן, אָט אַזוי ווי ס'ווערן אויסגערונען דעם טאַטנס מעשיות וועגן דער גרויסער וועלט, וואָס ער ברענגט פון דער באַן אין דעמאַנאָווע, היט ער זיך מיט יעדן וואָרט וואָס ער רעדט אַרויס. ער וויל אָבער פאָרט דערגיין פאַרוואָס איז זיין זון פּלוצלונג געקומען אַהיים אָנהויב זומער איידער דאָס לערנען פון יאָר ענדיקט זיך. צאַפּט ער אויס זיינע רייד איינציקווייז, ווי מען ציילט אויס די טראָפּנס פון אַ רפואה: — „דוד לייב, וואָס איז געוואָרן פון דיין לער־נען? גייסט נישט אַרויס פון דעם קליינעם חדר, באַווייזט זיך נישט פאַר דער וועלט". ער שעמט זיך אַרויסצוברענגען פאַרן מויל: „איך האָב דאָך דעם לעצטן ביסן אָפּגעשפּאָרט, ווייל איך האָב געמיינט אַז מיין זון וועט

זיין אַ דאָקטער״. נאָר דוד לייב זעט וואָס דער טאַטע וויל זאָגן. וויל ער אים ענטפערן, אַז דער זון שעמט זיך נישט מיטן טאַטן דעם פּאַטשטער. דאַרף זיך דער טאַטע נישט איבערנעמען מיט זיין זון דעם דאָקטער. וואָס איז נאָך דערוויל נישט קיין דאָקטער און ס׳וועט נישט זיין קיין אומגליק, אַז ער וועט נישט ווערן קיין דאָקטער. נאָר דער טאַטע שטייט אין דרויסן אַנגעשפּאַרט אויפן וואָגן, אַט אַזוי ווי דוד לייבס גוף האָט זיך אָפּגעזעצט אויף די פּיס אין שפּיטאָל. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען דער דאָקטער האָט אַרויפגעלייגט אויף זיין אַקסל די האַנט און אַ זיפץ געטון: „קינד מיינס, אַז דו וועסט ווערן דאָקטער, וועט מען אין דיינע צייטן קענען מערער אויפטון״...

דער טאַטע ווייסט נישט, אַז זיין זון האָט געהאַט אַ ווייב און דאָס ווייב איז געשטאָרבן. ער טראָגט אָבער אַזוי שווער זיין זונס צער, גלייך ווי ער וואָלט געקומען צו אים אין שבעה טרייסטן אים.

פאַרדריסט דוד לייבן פאַרוואָס ס׳זענען אים געקומען אויפן זינען אַזעלכע האַרבע רייד און ער וויל זיך אויסקויפן מיט געציילטע ווערטער: „טאַטע זי איז געשטאָרבן אין קינפּעט״. נאָר די ווערטער קאָרטשען זיך איין אין זיין ווייטיק, אַט אַזוי ווי דער פראָסט שמידט איין די קעלט, און ער קען גאָרנישט זאָגן. ער קען אָבער נישט אַוועקגיין פון טאַטן אָן אַ וואָרט, וואַרט דוד לייב, דער טאַטע זאָל נאָך עפּעס פרעגן, אפשר וועט ער אים קענען ענטפערן, אַזוי ווייך ווי טאַטע־מאַמע טראָגן אים אַנטקעגן זייער גוטסקייט.

ביי הירשלען האָט זיך אָבער איצטער אויסגעוועפּט די גוטסקייט. ס׳בייסט אים דער פּיין: „וואָס זאָל ער פרעגן און וואָס קען ער ענטפערן״. ער קען נישט פאַרגעסן דעם כבוד, וואָס דוד לייב האָט גאָר נישט־לאַנג, מיט איין בליק צוריק, אַנגעטון דעם טאַטן.

ווען דוד לייב איז נאָך געווען אַ קליין יינגל און האָט געלערנט ביי מלמדים, האָבן אַנדערע איבערגערעדט „ס׳וואַקסט אַ כלי״. ער אַליין, דער טאַטע, האָט געשוויגן, בלויז אַנגעוויזן, און טאַקע מיט דער בייטש, אויף די באַלעבאַטישע קינדער: „זעט, מיט וואָס זיי האַלטן זיך גרויס״...

שפּעטער, אַז דוד לייב איז אַנגעקומען לערנען אין דער ישיבה און דער ראש־ישיבה האָט אים אַוועקגעזעצט לעבן זיך צוזאַמען מיט די

אויסגעקליבענע בחורים — די גוטע קעפּ, די מתמידים — האָט הירשלען נישט געאַרט, אַז ער האָט דערזען ביי אַ למדן דעם שמייכל, וואָס איז מבטל דעם עם הארץ. ער האָט בלויז אַ פרעג געטון אַ באַלעבאָס נאָכן דאַווענען, אָדער האָט זיך אַריינגעמישט ביי אַ שמועס אין לערנען: — „אייער זון לערנט נאָך אין דער ישיבה?“.

און דערנאָך, אַז דוד לייב האָט געזאָגט, ער וויל נישט ווערן קיין רב, נאָר שטודירן, האָט זיך הירשל דערמאָנט ווי זיין טאַטע ע״ה האָט אים געבונדן די טריט, ווי מען פּענטעט אַ פערד, און ער איז געבליבן ביי דעם פערד מיט דער בייטש. האָט ער נישט געוואָלט אָנטון זיין קינד דעם זעלבן צער. ער האָט אָפּגעשפּאַרט פון זיין האַרעוואַניע, דוד לייב זאָל קענען אַוועקפאָרן שטודירן.

און אַז הירשל איז געשטאַנען פאַרטאָג ביים וואָקזאַל און האָט אָפּגעוואַרט די פּאָטשט, האָט ער פאַרגעסן די בויד מיטן פערד, וואָס האָט געדרעמלט אין שפּאַן, נאָר ער האָט געטראַכט וועגן זיין געראָטענעם זון, וואָס איז שטענדיק צווישן מענטשן — געהויבענע לייט — ווי אָט דאָ אויפן באַן אין ערשטן און צווייטן קלאַס. ער האָט געזען ווי זיין דוד לייב קומט זומער אַהיים אויף די קאַניקולעס מיט זיין גרויסשטאָטישקייט, געלערנטקייט און דעם נייעם נאָמען „ליאָווע“. ער שטייגט אַראָפּ פון באַן אין דעם סטודענטישן היטל, וואָס גלאַנצט מיטן כבוד פון אַ דאָקטער און ער נעמט אַרום דעם טאַטן מיט פרייד, אַלע זאָלן זען די מתנה וואָס ער ברענגט אַהיים.

איצטער איז אָבער דוד לייב געקומען אַהיים פאַר דער צייט מיטן יאָך שווערער פון דעם טאַטנס; טאָ וואָס איז אים געבליבן פון דער גרויסער וועלט מיט אַלע זיינע האָפענונגען. ענטפערט ער זיך אַליין: „נישט מער ווי די בויד מיטן פערד“ און ער קען נישט אָפּטעמפּן זיין שאַרפקייט. רופט ער זיך אָפּ: „דו ווייסט, דוד לייב, די מאַמע האָט טאָקע אויסגעראַמט פאַר דיר אַ באַזונדער חדר, מיינסטו אַז דאָרטן איז ליכטיקער ווי אין בויד“.

נישט אויף אַזעלכע רייד האָט זיך דוד לייב געריכט פון טאַטן, ער איז אָבער נישט געוואָרן אין כעס. נאָר פאַרקערט, דער טאַטע איז מיט זיין שאַרפקייט געוואָרן אים אייגענער ווי אין זיין הכנעה. האָבן זיך ביי דוד לייבן אָנגעהויבן אויסשיילן פון זיין פאַרבאָרגעניש איינציקע ווערטער,

ווי טריט עפּענען די פינצטערניש פון וועג: — „מיינסטו, טאַטע, אַז דאָרטן אין דער גרויסער וועלט איז ליכטיקער ווי אין בויד אָדער ביי מיר אין חדר?״.

הירשל האָט געזען, אַז דוד לייב האָט אַ סך צו דערציילן, אים איז אָבער שווער צו ריידן. האָט אים אַרומגענומען אַ רחמנות אויפן זון און ער האָט ביי אים נישט געצויגן קיין רייד; ער האָט בלויז אַרויסגעזיפצט:

— ס׳איז אָבער ענג אין די דלת אמות.

— ס׳איז פאַראַן אַמאָל אַ צייט, אַז אַ מענטש דאַרף נישט האָבן מער ווי די „דלת אמות״, האָט דוד לייב אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האָט זיך אַוועקגעשאַרט צו זיך אין חדר.

— ד —

„דער טאַטע זאָרגט, אַז פאַר מיר איז ענג״, האָט דוד לייב שווער איבערגעביטן די טריט ביי זיך אין חדר, „און פאַר דוניען זענען געווען די דריי שפּאַן וואָס מען האָט איר אויסגעטיילט אין דער ערד״.

ער האָט דערזען דעם קבר און ביי אים האָט זיך אויסגעגראָבן אונ־טער די אויגן אַ שמייכל, ווי דער שיין פון אַ בלימעלע, וואָס ציטערט אין גראָז פון בית־החיים: „זי האָט נישט געגלויבט, אַז אַ סטודענט אין אַ פוראַזשקע, אַ גאַנצער דאָקטער זאָל זיך פאַרליבן אין אַ פּשוט מיידל אַ שניידערין, האָט זי זיך אַרויסגעצויגן פון זיין שכנהשאַפט און זיך אַריינ־געקליבן אין אַ פאַרוואָרפענעם געגנט, ווייט פון די באַקאַנטע און פריינט, דאָרטן האָט זי געוואַרט צי ער וועט זי זוכן, וועט ער זיך נאָכפרעגן אויף איר...

...פייערן צוקן זיך אין די פענצטער, ווי טרערן שפּיגלען זיך אין קינדערשע אויגן. נאָר אין גאַס איז טונקל און שטיל ווי שבת פאַרנאַכט צום המבדיל. דוד לייב געדענקט, אַז דוניע איז געשטאַנען אין דרויסן לעבן הויז, אַן אויסגעפּוצטע אין אַ ברייטער שטרויענער הוט, מיט לאַנגע ווייסע האַנטשן ביז די עלנבויגן, און האָט געשעפּטשעט:

— ס׳האָט זיך נישט געגלויבט... איך שטיי אָבער און וואַרט.

נאָר איצטער, אַ יאָר נאָך איר טויט, קען ער נישט אויפלעבן פאַר

זיינע אויגן איר געשטאַלט. ער זאָל קענען אַ קוק טון אויף איר אַט אַזוי ווי ער זעט די מאַמע, די שוועסטער. דוניע טרעט נישט אָפּ פון אים און זי גייט אים נישט אַרויס פון זינען, נאָר איר אויסזען ציטערט, ווי שטראַלן זיפּן זיך אויף אַ שאָטן. ער קען בלויז דערזען אַ תנועה, דעם בייג פון קאָפּ, דעם שאָרך פון קלייד אין טונקעלן צימער, דערהערן אַ קול:

„איך זיך טאַקע איבער די גראַבע ביכער און פאַרשטיי גאָרנישט, איך מאַטער זיך אָבער, איך זאָל דיר העלפן האַלטן דעם עקזאַמען".

איר געלעכטער גראָבט אַזוי טיף אין אים, אַז איר פרייד גייט אויף ווי אַ טוי אויף זיין פּנים, נאָר איר געזיכט קען ער נישט אויסטיילן פון די רעיונות וואָס רינגלען אים אַרום דאָ אין חדר. אַזוי האָט ער נישט גע־קענט פאָרשטעלן אין זיין דמיון איר וווּקס, איר הויך, ווען ער האָט אַרומ־געבלאָנדזשעט איבער די גאַסן פון וואַרשע.

מענטשן — באַקאַנטע און פריינט — זענען געקומען צו דוד לייבן, טרייסטן אים אין זיין צער; יעדערער האָט געבראַכט אַ גוט וואָרט, אַ שבח וועגן דוניען, נאָר ער אַליין האָט נישט געוווּסט מיט וואָס איז זי גע־ווען אַנדערש פון די איבעריקע מענטשן און ער אַליין האָט נישט געקענט דערזען דאָס געשטאַלט, וואָס האָט זיך אויסגעמאָלן פון זייערן אַ וואָרט, אַ דערמאָנונג, אַ נאַרישקייט.

ער האָט זיך איינגעקוקט מיט אָפענע בליקן, וואָס זוכן, פאָרשן, חידושן זיך, נאָר אין דער אמתן זענען זיינע אויגן געווען פאַרצויגן מיט אַ טעמפּ־קייט, וואָס איז געקראָכן העכער פון אים ווי אַ נעפּל און האָט געוויגט צעשאָטענע תנועות פון אַ מענטשן.

האָט דוד לייב אָנגעהויבן אויסמיידן זיינע פריינט און באַקאַנטע. ער האָט זיך דערוויטערט פון זייערע רייד, וואָס זענען געפאַלן אויף אים ווי אויסגעליידיקטע שעלעכלעך פון אַ צעשפּאָלטענער נוס, און ער האָט נישט געקענט אַריינקוקן אין זיינע לערן־ביכער. ער האָט טעג און נעכט אַרומ־געבלאָנדזשעט איבער די גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, ער זאָל זיין אָפּגעשיידט פון די פּנימער און אויגן, וואָס ווילן אָפּשלאָגן אויף זיך דו־ניעס אויסזען און איבעררײדן אירע רייד.

דער טומל פון גאַס, די בליקן פון די מענטשן זענען אים אָבער געקראָכן אין די אויגן ווי די שפּיצן פייערן פון די גרויסע אָנגעצונדענע

לאַמפּן. אים האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע שטאָט האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים, — די באַקאַנטע און די פרעמדע מענטשן. זיי יאָגן אים און טרייבן אים פון איין אָרט אויף דעם אַנדערן, שליידערן אים פון דער הויך איו דער נידער, טראָגן אים פון דער נידער אין דער הויך, העכער פון די מויערן. זיי טוען דאָס בכיוון, ער זאָל נישט האָבן קיין מינוט רו, ער זאָל זיך נישט קענען דערטראַכטן צו אַ וואָרט וואָס דוניע האָט אויסגערעדט און נישט דערזען אַ פינטל פון אירס אַן אויג.

האָט ער איבערגעלאָזן זיין דירה מיט די ביכער און חפצים, און איז, אין מיטן אַרומבלאָנדזשען איבער די גאַסן, אַוועק צום וואָקזאַל און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים קיין זשירעווע.

ער האָט געטראַכט, אַז דאָרטן ווייסט מען נישט וועגן דוניען, וועט אים קיינער נישט טרייסטן מיט די צוגעגרייטע רייד. ער וועט אַליין קענען קוקן אויף איר, אַט אַזוי ווי זיי האָבן פריער געזען איינע די אַנדערע. ער וועט זיך אַוועקלאָזן אויף די שטילע בערג, אין די ווייטע פעלדער און וואַרעמען פאַר זיינע אויגן איר געשטאַלט.

— ה —

זשירעווע איז אָבער אַ קהילה מיט אַ מנין יידן, וואָס האָט איינגעשטעלט איר סדר אין לעבן: מען ווייסט ווען מען דאַרף אָפּכאַפּן אין דער פרי דאָס דאַווענען פון פאַרנט און ווען מען דאַרף ביינאַכט פאַרמאַכן די לאָדן פון די פענצטער. די ווייבער פירן דעם רעכענונג, וועלכע מיידל שטייט שוין אין שידוכים, און וועלכע ווערט, פאַר קיין יידן געדאַכט, פאַרזעסן. זיי היטן אָפּ די צייט פון ליכט־בענטשן און פאַרגעסן נישט, אַז ווינטער איז בעסער ראַסטשינען די חלה דאַנערשטיק ביינאַכט, איידער איבערלאָזן אויף פרייטיק פאַרטאָג. די מאַנסבילן זוכן אַ תכלית פאַר די קינדער, זיי זאָלן נישט אַרומגיין פוסט און פּאַס, ס׳זאָל זיין שכר־לימוד פאַר די קלענערע יינגלעך, און די דערוואַקסענע זאָלן קענען אָנקומען אין דער ישיבה לערנען; זיי ווייסן ווער ס׳קען אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא און ווער עס קען קוים אָפּזאָגן אַ קאַפּיטל תהילים. זיי זיצן אויף די שווערע צייטן, וואָס קומען אויף יידן און ריידן אין לערנען. זיי לאַכן

אַפּ ווי אַן אַנדערער זעצט אײַן די עברי, ברענגען אַ גראָבן טײַטש, און זיי פאַרגעסן נישט זוכן חיונה.

די זשירעוווער ייִדן פרייען זיך און קריגן זיך צוזאַמען; מען זעט ווען בײַ עמעצן איז אַ שמחה און מען פאַרמאַכט נישט די אויגן ווען בײַ יענעם איז, ח״ו, אַן אומגליק.

און אַז דוד לייב איז געקומען אַהיים, האָט הירשל דער פּאַטשטער נישט געקענט באַהאַלטן פון דער וועלט, אַז זײַן ליאָוואַ האָט זיך פאַר־שפּאַרט בײַ זיך אין חדר און וויל זיך נישט באַווײַזן פאַר מענטשן.

הירשל האָט אויפגעהערט דערציילן מעשׂיות און איז ווינציק אַרויס אין גאַס. ער האָט אויפגעהערט גיין אין פרעמדע הײַזער, מען זאָל צו אים אין שטוב נישט קומען.

דער מנין ייִדן האָט אָבער נישט גערוט; אַלע ווײַלע האָט איינער דעם אַנדערן געבראַכט אַנדערע נײַעס, איבערגערעדט וואָס ס׳לייגט זיך אויפן זינען, האָט באַוויזן זײַנע השערות, און בײַ הירשל דעם פּאַטשטער האָט זיך נישט פאַרמאַכט די טיר פון הויז.

אַ קינד איז געקומען מיט אַ שליחות, אַ דערוואַקסענער איז אַריין מיט אַ תּירוץ; איינער האָט געבראַכט אַ ידיעה, אַן אַנדערער האָט גענדאַרפט עפּעס פרעגן. די רייד האָבן אָפּגעקלונגען בײַ דוד לייבן אין חדר, ווי די טרייסט־ווערטער וואָס די באַקאַנטע און פרײַנט האָבן אים געבראַכט אין וואַרשע. „און נאָך שווערער״ האָט זיך דוד לייבן געוואָלט אַרײַנגראָבן אין די טריט טיפער פון זײַנע פיס: „דאָ דויערט די מאַמע, אמת, דער טאַטע מאָנט נישט און פרעגט בלויז מיט דער הילפלאָזיקייט פון אַ קינד, מיט דער שטומקייט פון אַ חיה״. דוד לייב מאָנט אָבער בײַ זיך אַליין: „ער האָט נישט דערציילט דעם טאַטן אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שניי־דערין, ער זאָל נישט אָנטון קיין אומכבוד זײַן זון ליאָוואַ דעם דאָקטאָר, איז ער געקומען אַהיים און האָט געבראַכט אין הויז אַריין דעם אומער פון איר טויט״. זײַנע רעיונות ווערן אָפּגעטעמפּט און דוד לייבן דוכט זיך, אַז ער קען מער נישט טראַכטן; אים איז שווער עפּעס צו דערמאָנען זיך פון נעכטן און פאַר אים איז פאַרנעפּלט דאָס וואָס ס׳קומט פאַר הײַנט; ער זעט נאָר דעם פּחד, וואָס דער גורל וואַרפט אָן אויפן מענטשן.

„מיט ווײפל שטעגן און וועגן דער מענטש זאָל זיך נישט קערן און

ווענדן, קען ער נישט אויסמיידן זיין מזל; ס'וועט אים קומען אַנטקעגן און וועט אים פירן אויף דעם וועג וואָס איז אַנגעצייכנט געוואָרן פאַר אים". גיט זיך דוד לייב אונטער זיין גורל. אים דוכט זיך אָבער, אַז זיין צער שפּאַרט זיך אַרויס פון זיין פאַרבאַרגעניש מיט מער גאווה, ווי זיין סטודענטיש היטעלע מיט דעם גרויסשטאָטישן נאָמען, וואָס האָט זיך אַמאָל געגרויסט דאָ אין שטוב. גורט ער אָן אויף זיך שווערער די וואָכע־דיקייט פון זיינע קליידער און גאַרטלט אַרום זיין נאָמען „דוד לייב" מיט דער וואַרעמקייט פון די קינדער יאָרן. זאָלן טאַטע־מאַמע זען, אַז פון דער גרויסער שטאָט איז נישט אַראָפּגעפאָרן דער סטודענט — דער דאָקטער, נאָר דער ישיבה־בחור איז געקומען אַהיים אויף די בין הזמנים. און ווי אַ קינד וואָס איז נאָך נישט איבערגעטראָטן די שוועל פון הויז און האָט נאָך נישט אויפגעגעסן דעם חלק פלייש, וואָס די מאַמע האָט אויסגע־טיילט, וועט ער ריידן צום טאַטן.

ער וועט אים זאָגן: „טאַטע, דאָס מזל האָט מיך אַרויסגעפירט אויף דער וועלט און עס האָט מיך מיט די זעלבע טריט געבראַכט אַהיים. ווי ס'ווייזט אויס קען אַ מענטש נישט אַנטליפן פון זיין גורל. ער מוז גיין אויף דעם וועג, וואָס איז אַנגעצייכנט געוואָרן פאַר אים. איך בין אַוועק פון דער ישיבה און איך בין צוריק געקומען צום לערנען, אָבער נישט אַליין"... ס'שטעלן זיך טרערן ביי דוד לייבן און ער ווייס נישט ווי אויס־צוריידן: „דוניע געשטאָרבן".

חזרט ער איבער די רייד, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר דעם טאַטן, און לייגט אָפּ די ווערטער פון מינוט אויף מינוט, זיי זאָלן זיך אַליין אַרויסשפּאַרן.

נאָר דער טאַטע איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן, אמת בלויז מיט אַ פאַרקילונג, אָדער אפשר פון עגמת נפש, אָבער פּאַרט אַ חולה. האָט מען אין שטוב פאַרגעסן אַ ווײַלע אין דעם זון, דעם גאַסט, מען האָט געזאָרגט וועגן דעם טאַטנס קראַנקייט און געדאגהט וועגן דער פּאָטשט.

דוד לייב זעט ווי דער טאַטע ליגט אין בעט אויפן הויכן צוקאָפּנס, און לעבן אים שטייען אויף אַ קליינעם טישל די פלעשלעך רפואות, וואָס דער פעלדשער האָט צוגעגרייט. דאָס ווייסע סערוועטל, וואָס די מאַמע האָט אַוועקגעלייגט אין דער וואָכן אויפן טישל, שלאָגט אָפּ זיין בלאַסקייט

ביים טאַטן אויפן פּנים קראַנקער פון זיין חולאת. ער ווייס, אַז דער טאַטע איז נישט קיין חולה, מסתמא זיך פאַרקילט אָדער איבערגעפּירט דעם מאַגן, און ער וועט אויפשטיין פון בעט אַפילו אַן דעם ביסל וואַסער, וואָס דער פעלדשער האָט פאַרמישט. ער קען אָבער נישט איבערטראַגן ווי די מאַמע בעט זיך ביי אים:

— דו ביסט דאָך מער דאָקטאָר פון פעלדשער.

פאַרגעסט דוד לייב אין די רייד, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַרן טאַטן און ווערט אין כעס: „איך בין אַפילו ביי אַ דאָקטאָר אונטערן בעט נישט געלעגן", ער וויל זיך אָבער באַלד אויסקויפן פאַרוואָס ער האָט אַזוי שאַרף געענטפערט דער מאַמען.

טראַכט ער, אַז ער וועט אָוועקפירן די פאָטשט קיין דעמאַנאָווע און צונעמען אין זאַרג פון שטוב. ער ווייסט אָבער נישט צי ער וועט נאָך קענען איינשפּאַנען דאָס פערד.

קוקט דוד לייב אויפן טאַטן ווי זיין גרויסער גוף האָט זיך אונטער־געגעבן דעם געלעגער; ער שעמט זיך צו באַגעגענען מיט דעם געבעט פון דער מאַמעס אויגן, און שטעלט זיינע טריט אַהין און צוריק; אָט טוט ער אַ קוק אין אָפענעם פענצטער און גייט אַרויס אין גאַס און אָט לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ און פאַרשפּאַרט זיך צוריק ביי זיך אין חדר.

און אויפן הויף שטייט די בויד אַ ליידיקע מיט פאַרריסענע האַליאַב־לעס און דאָס פערד רוט נישט אין שטאַל. דער פאַרנאַכט זעצט זיך אָפּ אין אַ נעפּל און די שעה אויפן פאָטשט דערנענטערט זיך צום פאַרשליסן.

די פאַרריסענע האַליאַבלעס שפּאַרן זיך דוד לייבן אין די אויגן, ווי אַ דאַרן סטאַרטשעט אַרויס פון אַ פאַרדאַרטן בוים. זיי פאַרמעסטן זיך מיט אים און רייצן זיך מיט אים, זאָל ער באַווייזן, צי זיינע אויסגעכאַ־ליעטע הענט, וואָס האָבן זיך יאָרן נאָכאַנאַנד געוויקלט אין דעם קליאַק פון דעם טאַטנס מי און פּראַצע, קענען נאָך איינשפּאַנען דעם פערד און גרינגער מאַכן די דאגות ביים טאַטן.

טוט ער זיך אַ ריס פון שטוב און נעמט אָפּבינדן די האַליאַבלעס. דאָס פערד הירזשעט אין שטאַל, רוקט אַרויס דעם קאָפּ פון אָפענעם טויער און ס'איז אַ רחמנות צו האַלטן אים צוגעבונדן צו דעם קרוק.

פירט אַרויס דוד לייב ס'פערד פון שטאַל און דאָס פערד לאָזט זיך

אַליין איינשפּאַנען. דוד לייב פילט נישט, ווי ער נעמט זיך איבער, גלייך ווי ער וואָלט זיך אויסגעפּיינט פאַר עמעצן, וואָס ער קען איינציִען די שלייפן פון כאָמוט אונטער דער דוהע און שרייט: „מאַמע, איך פאָר מיט דער פּאָטשט קיין דעמאַנאָווע!"

— ו —

דאָס אויסגערוטע פערד האָט נישט געוואַרט אויף דער בייטש, און גלייך ווי דוד לייב האָט גענומען די לייצעס, האָט עס זיך אָוועקגעיאָגט אויף דעם איינגעפאָרענעם וועג קיין דעמאַנאָווע.

דוד לייב האָט איינגעהאַלטן דאָס פערד און זיך איינגעקוקט אין דעם וועג וואָס האָט אַראָפּגעבויגן אויף זיך די נאַכט נידעריקער, נידעריקער אין דער ווייטקייט. ער האָט געוואָלט זען, צי ער דערקענט די טריט, וואָס ער האָט אַמאָל דאָ געטראָטן, צי ער קען אויסטיילן די ביימער, וואָס האָבן פאַרריסן זיינע יינגלשע אויגן צום הימל, און ער האָט געזוכט די דערפער, וואָס האָבן אַמאָל אָנגעטרונקען מיט געזאַנג די פאַרנאַכטן.

די ביימער האָבן אָבער אויסגעשפּרייט אויף זייערע צווייגן די נאַכט און זיך אָפּגעזעצט אין דער אייגענער טונקלקייט. די דערפער זענען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין די נעפּלען, זיי האָבן בלויז אַרויסגעטונקט זייערע פייערן, ווי די פייער־פליגן האָבן געציטערט אין די גראָזן, און דוד לייב האָט נישט געקענט דערקענען די זכרונות פון אַמאָליקע צייטן.

אַנטקעגן, פאַר זיינע אויגן, שפּרייט זיך אויס אַ ברייטער, אַ ווייטער דער הימל און טונקט אַרויס די ליכטיקייט פון די שטערן. די שפע פון די פעלדער גייט אויף אין נעפּל מיטן אומרו פון די פליגעלעך און חיה־לעך, וואָס וועקן די זריעה אין דער ערד. פון אומעטום, פון דער ברייט און פון דער ווייט אָטעמט אַ לויב צו דעם וואָס לעבט איביק. פאַרגייט זיך דוד לייב אין אַ געבעט, נאָר די נאַכט זאַפּט איין זיינע רייד, לאָזט ער אַרויס די לייצעס פון די הענט און לייגט אָוועק די בייטש אין וואָגן.

דאָס פערד קען דעם וועג קיין דעמאַנאָווע, גייט עס אַליין אָן די לייצעס און אָן דער בייטש. ער שוועבט אין דער נאַכט העכער פון די רעדער,

וויטער פון דעם וואָגן, און דער נעפּל ציט אויס איבער אים און אַפּריער פון אים דעם שאָטן פון הימל.

די שלווה פון די בערג און טאָלן וויגט איין דוד לייבן ווי דער גלעט פון אַ נאָענטער האַנט און זיינע בליקן לויטערן זיך אין דער ליכטיקייט פון די רעיונות וואָס באַווייזן זיך פאַר אים:

„די לבנה האָט אַ פּנים פון אַ מענטשן, שעמט זי זיך און שפּילט זיך אין באַהעלטעניש אונטער די וואָלקנס; אַזוי האָט דוניע פאַרצויגן איר שמייכל, מיט אַ שאָטן, ווען זי האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דעם ציטער, וואָס האָט אָנגעהויבן אָטעמען אין איר לייב. אַזוי האָט דוניע אַרויפגעלייגט איר האַנט ביי אים אויפן אַקסל און אָנגעוויזן אויף דער מאַלעריי אין מוזעאום: „אַזאַ בילד וואָלט איך אויסגעמאָלט פון דיר”.

דער שיין פון הימל פאַלט אויף דער מאַלעריי; דאָס בילד וועלגערט זיך אויס ברייט און הויך, די בערגן טונקען זיך אין שאָטן פון דער לבנה, און די שאָטנס לייכטן אויף מיט דוניעס שמייכל אין מיטן פון דער מאַלעריי.

דער שמייכל ציטערט אויף זיין פּנים ווי אַן אנריר פון אַן אָטעם, פאַרציט זיך אויפן קאָפּ, גלעט די האָר און בייגט זיך אַראָפּ אין בויד, ווי אַ ווינט גליטשט אַראָפּ אין שאָטן די זון־שטראַלן פון די צווייגן.

דוד לייב שטיינערט אין זיין שטילקייט, נעמט אַן פעסט די לייצעס און ער ווייס נישט, צי ער וויל אָפּשטעלן דאָס פערד, אָדער זיך אָנהאַלטן אַן עמעצן. ער פּרוווט זיך אָפּקערן אויף הינטן, זיך באַגעגענען מיט די בליקן וואָס רוען אויף זיין פּלייצע, נאָר ער ציטערט זיך אַ ריר צו טון, ווי מען וואַכט איבערן שלאָף פון אַ חולה.

דיביימער פון וואַלד האָבן אַ שאָקל געטון דעם ווינט און פאַנאַנ־דערגעבלאָזן דוד לייבס זעאונגען, ווי עס ווערן צעטראָגן די לעצטע פונקן פון אַ פייער. זענען אַרויסגעפאַלן די לייצעס ביי אים פון די הענט, און דאָס פערד, וואָס איז געווען דורכגענומען מיט דער קעלט פון דער נאַכט, האָט זיך אַ יאָג געטון, ווי ער וואָלט אַראָפּגעפאָרן פון אַ באַרג.

די בויד וויגט זיך אין דער פינצטערניש פון וואַלד העכער פון די צווייגן, די רעדער קייקלען זיך אַפּריער פון דעם וואָגן, דוד לייב יאָגט זיך נאָכן פערד און וויל אים אָנכאַפּן פאַרן עק. ער ווייס נישט, אַז ער

האַלט די לייצעס אין האַנט און ציט זיי אַהין און צוריק. די קילזעס שניידן זיך איין ביים פערד אין מויל, יאָגט זיך דאָס באַשעפעניש שנעלער ווי מיט אַ בייטש און שפּאַרט זיך אַרויס פון וואַלד.

אַנטקעגן קרייזט די לבנה, ברייט און ווייט, איר רויטן שיין אויפן הימל. ביי דוד לייבן לייטערן זיך אויס די אויגן פון דעם פחד, וואָס די פינצטערניש האָט אים אַרומגעגאַרטלט אין וואַלד.

ער זעט, אַז ס׳שאַריעט שוין אויף טאָג, נאָר ער טונקט זיינע בליקן, ווי אין אַ דרעמל, אין די זעאונגען, וואָס ער האָט געזען ביינאַכט. פאַר אים ציטערן די מעשיות וועגן די טויטע, וואָס שיידן זיך נישט אָפּ פון זייערע טייערע און ליבע אויף דער וועלט.

„...די נשמה קוקט אין פענצטער די דרייסיק טעג פון שלושים צי די יאָרצייט־ליכט ברענט״...

„...אַז מען גייט אין דעם יאָר פון אבילות לעבן אַ בית־עלמין, זעט מען אין אַ גרויען נעפּלדיקן טאָג, ווי פון קבר הייבט זיך אויף דער מת ווי אַ וואָלקן און באַגלייט דעם אבל ביזן הויז״...

„...ביינאַכט נאָכן דאַווענען לערנט מען נישט אין שול; מען לאָזט איבער דעם מקום קדוש פּוסט און ליידיק, מען זאָל נישט שטערן די מתים קומען אין זייערע תכריכים אָפּריכטן חצות. און טאָמער איז אין סלאָנים געווען אַ שמש וואָס האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן און איז געבליבן שבת־נאַכט, נאָך מעריב אַליין אין שול, האָט ער זיך נאָך האַלבע נאַכט קוים אַרויסגעראַטעוועט; ער איז אָבער געניזוקט געוואָרן און די גאַנצע שטאָט האָט געזען, ווי ער איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען אַ געליימטער ביזן סוף פון זיין לעבן״.

דוד לייב טוט אַ ציטער, עפנט די אויגן, זוכט דעם שמש פון סלאָנים און זעט ווי דאָס פערד איז אַליין געקומען קיין דעמאַנאָווע און האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן וואָקזאַל. דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט געבראַכט די פּאָטשט צו דער באַן, און ער קריכט אַרויס פון בויד. ער פּרוּווט שטעלן אַ טראָט. נאָר אים דוכט זיך, אַז ער גייט נישט גלייך; ער הינקט אָט אַזוי ווי דער סלאָנימער שמש איז געניזוקט געוואָרן. שטייט ער לעבן דער בויד און אים איז שווער צו צורירן זיך צו דעם זאַק מיט די בריוו.

ער קוקט זיך איין ווי דער טאָג צייטיקט זיך אין זיין ליכטיקייט און

ער וואָרט עמעצער זאָל ביי אים פרעגן: „נאָך וואָס איז ער אַהער געקומען?“ ער זאָל קענען זיך אַליין זאָגן און יענעם ענטפערן: „איך ווייס נישט“...

נאָר אָט איז אָנגעקומען די באַן מיטן טומל און געשריי מיט פראַגן און ענטפערס און האָבן פאַרטריבן דוד לייבס רעיונות. ביי אים האָבן זיך אויסגעפורעמט די ווערטער און די טאָוונגען אַזוי קלאָר ווי דער טאָג האָט זיך אַוועקגעשטעלט.

אַז ער איז געפאָרן צוריק אַהיים האָט ער זיך איינגעקוקט אַ וואַכער, מיט אָפענע אויגן, אויף דעם פרימאָרגן גלייך ווי ער אַליין וואָלט אים אַרויסגעצויגן פון דער נאַכט.

ער זעט ווי די זאַנגען גייען אויף אויף די פעלדער העכער פון זייער גרינקייט, די צווייגן פון די ביימער באַהאַלטן זיך אונטער זייערע בלע־טער, די גראָז שפּראָצט אויף די לאָנקעס און ער טראַכט:

„די זריעה וואָס דער מענטש האָט אַריינגעטון אין דער ערד, גייט אויף אויף די פעלדער, אָט אַזוי, ווי די זרע הייבט אָן אָטעמען אין לייב, — דאָס וואָס ס'ווערט פאַרפרוירן ווינטער אונטערן שניי אין די פרעסט, לעבט אָפּ זומער אונטער דער זון. טאָ פאַרוואָס זאָל אַ מענטש זיין אַנ־דערש, ווי אַלע אַנדערע ווערק פון גאָטס באַשאַף? פאַרוואָס זאָל אַ מענטש נישט אָנהייבן לעבן מיט נאָך אַ לעבן, מיט אַן אַנדער לעבן, נאָך דעם ווי מען לייגט אים אַריין אין קבר?“.

און די זעאונגען וואָס האָבן ביינאַכט געציטערט אין בויד, שיילן זיך איצטער אויס פון חלום און שלאָף. דוד לייב זעט קלאָר דוניעס געשטאַלט, וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים אין בויד, איידער ער איז אַריינגעפאָרן אין וואַלד.

ער שטאַרקט זיין רויקייט, וויל באַנעמען מיט שכל, ער זאָל נישט פאַרפירט ווערן פון אַ חלום, פון אַ דוכטעניש. רעכנט ער אויס מיט ישוב הדעת: „ער איז נישט געשלאָפן, און אים האָט נישט גענומען קיין שלאָף; ער מאַכט בלויז צו די אויגן, ווען ער ליגט אין בעט, טאָ ווי אַזוי וועט ער איינשלאָפן אין וואָגן לעבן פערד“. און נאָך אַ זאַך קומט אים אויפן זינען: „זייט זי איז געשטאָרבן האָט ער נישט געקענט אויסמאָלן איר אויסזען, נישט אין חלום און נישט אין דער וואָר; האָט ער דערזען די אויגן, איז דער נאָז מיט די באַקן פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ שאָטן, האָט

ער אָפּגעשטעלט זיינע בליקן אויף די ליפּן, זענען די אויגן פאַרוואָלקנט געוואָרן אונטער די שוואַרצע האָר, און ביינאַכט האָט זי זיך באַוויזן מיט אַלע אירע תנועות; ער האָט אַפילו געזען דעם שמייכל, וואָס האָט גע־קוועלט אויף די באַקן".

ער האָט אָבער מורא ווייטער צו צי׳ען די געדאַנקען, די רעיונות זאָלן נישט געשטרויכלט ווערן מיטן קלאָרן שכל. היט ער בלויז די ווער־טער צו וועלכע ער האָט זיך דערטראַכט, און אַזוי היט ער אויך דעם וואָגן, וואָס דאָס פערד האָט געבראַכט אַהיים.

ער האָט אַוועקגעשטעלט די בויד ווייטער פון שטאָל און צוגעדעקט דאָס היי פון וואָגן מיט אַ ווייסן לייוונט. ער האָט זיך נישט אָפּגעזונדערט ביי זיך אין חדר און אַכטונג געגעבן אויף דער בויד, זי זאָל נישט פאַר־שוועכט ווערן.

דער טאַטע האָט זיך אָנגעהויבן פילן בעסער; ער איז שוין אַראָפּ אַ פּאָר טריט פון בעט. האָט מען זיך אין שטוב געפרייט מיט יעדן וואָרט, וואָס ער האָט געזינטער אויסגערעדט און מען האָט פאַרגעסן זאָרגן פאַר־וואָס ער קען נישט פאָרן מיט דער פּאָטשט קיין דעמאַנגאָווע. מען האָט נישט געמאַכט קיין איבעררייד וועגן דוד לייבס ביינאַכטיקער רייזע, גלייך ווי דער טאַטע וואָלט געוואָרן דער גאַסט אין הויז און נישט דוד לייב, וואָס איז געקומען אַהיים פון דער גרויסער וועלט.

אין דער פרייד מיטן טאַטן האָט מען נישט געזען דעם יום טוב, וואָס דוד לייב האָט פלוצלונג אָנגעטון אויף זיך. מען האָט ביי אים נישט געפרעגט פאַרוואָס ער לייגט זיך נישט בייטאָג שלאָפן און מען האָט זיך נישט געחידושט, וואָס ער באַווייזט זיך אויפן הויף, דרייט זיך אַרום אין שטוב צווישן די קינדער, און פאַרשפּאַרט זיך נישט ביי זיך אין קאַמער.

און אין זיין יום טוב האָט דוד לייב נישט געזען די פרייד פון הויז. ער האָט נישט אַרויסגעלאָזן פון זיין רעיון דוניען, וואָס האָט זיך אַזוי קלאָר באַוויזן צו אים ביינאַכט אין בויד און אים האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט אים איצטער אָפּגעשיידט פון דעם הויזגעזינד, קיינער זאָל זיך נישט אַריינמישן צווישן זיי ביידן. דער טאָג האָט זיך אָבער געצויגן צו לאַנג און די פיס האָבן זיך געשפּאַרט ווייטער פון די טריט. איז דוד לייב אַרויס אויפן וויהאָן אַ קוק טון ווי דאָס פערד פיטערט זיך. ער האָט עס

אַרויפגעפירט אויף פעטערע פּאַשע און האָט זיך אַליין אויסגעצויגן אויפן גראָז. נאָר די ליכטיקייט האָט געררויבט פון זיינע אויגן די ביינאַכטיקע זעאונגען, האָט ער זיך אָוועקגעאײַלט צו זיך אין צימער און אָנגעטון די יום טובדיקע קליידער. ער האָט אַ קוק געטון אין שפּיגל און אַ ציטער געטון: „אָט אַזוי האָט ער אויסגעזען ווען זי האָט אַ שמייכל געטון, טאַטע". ער האָט געוואָלט אין דעם אָנטועכץ אַרויסגיין אויפן הויף צו דער בויד. נאָר ער האָט זיך דערשראָקן: „זיי וועלן זיך חידושן אין הויז און דוניע וועט זיך פאַרשעמען". האָט ער צוריק אָנגעטאָן די וואָכעדיקע מלבושים.

אַז ער האָט אָבער איינגעשפּאַנט דאָס פערד, האָט ער אָפּגעהיט יעדן טייל פון שפּאַן און פאַרזיכטיק מיט ישוב הדעת געזען, אַז יעדע קלייני־קייט זאָל זיין בסדר. ער האָט אויסגעקאַמט די גריווע ביים פערד, אויסגע־גלעט און אויסגעגלייכט די סברוע אויף זיין פעל און אַרויפגעהויבן די דוהע אַ גלייכע אַ שטאָלצע, גלייך ווי ער אַליין וואָלט זיך אויסגעפּוצט.

אַז ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, האָט ער גענומען פעסט די לייצעס אין האַנט און נישט אַרויסגעלאָזן פון זינען, אַז ער וועט אַריינפאָרן אין וואַלד, וועט ער איינהאַלטן דאָס פערד, עס זאָל זיך נישט יאָגן און נישט מאַכן קיין טומל.

דער וועג קיין דעמאַנאָווע ציט זיך ווי נעכטן און דוד לייב האַלט וואַך די אויגן, קיין זאַך זאָל נישט פאַרלוירן ווערן פון זיינע בליקן אין דער שטילקייט. ער קוקט זיך איין מיט ציטער, ווי די נאַכט פאַרציט דעם אָוונט מיט די שאָטנס, וואָס דרעמלען אויף די פעלדער. דער נעפּל שווימט ביי דעם פערד אונטער די טריט, הייבט זיך אויף צום הימל און בעט אויס דעם שיין פון די שטערן מיט וואָלקנס. דער וועג עפנט זיך ווי אַ שפּאַלט אין אַ באַרג און לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער, ווי ער וואָלט זיך געטרונקען אין אַ וואַסער.

אַנטקעגן קומט דער פּראָפעסאָר מיט אַ שמייכל: „זינט איר האָט חתונה געהאַט האָט איר אָפּגעגט די ביכער"...

דוד לייב וויל נישט זאָגן: „דוניע איז געשטאָרבן", און פאַרמאַכט די אויגן, ער רירט זיך נישט פון אָרט און לאָזט דעם פערד גיין וווהין זיינע טריט פירן אים. ער האַלט צוגעדעקט דעם שיין פון זיין בליק, ווי די נאַכט פאַרהילט די ליכטיקייט פון טאָג, נאָר דוניע באַווייזט זיך נישט

צו אים. ער וויל זיך דערמאָנען, ווי אַזוי האָט זי זיך נעכטן אַנטפּלעקט צו אים, ער זאָל זיך קענען אָנלענען אויף די זעאונגען, נאָר זיין רעיון וויגט זיך ווייך אין נעפל און זאַפּט איין זיינע אַנונגען. די וואָלקנס לאָזן זיך אַראָפּ שווערער, געדיכטער אויף דער בויד און פאַרשלייערן דוניעס אויסזען, ווי זיי דעקן צו די לבנה אויפן הימל. אַזוי שלייערט זיך איין דוד לייב אין זיין אומעט און פאַרנעמט נישט ווי עמעצער אַנדערש קלאָגט אויף זיין מזל. ביי אים עפענען זיך נישט קיין רייד פון מאָנונג. נאָר ער גיט זיך אונטער, און לאָזט זיך אַראָפּ אין זיין אייגענער שווערקייט נידע־ריקער פון דעם וואָגן, טיפער פון דעם וועג.

נאָר פּלוצלונג טוט אַ ציטער, ווי אַן אָטעם דוניעס מינדסטער פינ־גערל ביי דוד לייבן אויף די ברעמען. ער האָט מורא צו עפענען זיינע אויגן, ער זעט אָבער ווי זי בייגט זיך אַריבער פון הינטן אויף זיין קאָפּ. ער טוט בלויז אַ ריר די האַנט, הייבט זיך דוניע אויף העכער, טוט זיך אַ וויג און בייגט זיך אַראָפּ אין בויד אַריין.

עפנט אויף דוד לייב ברייט און ווייט זיינע אויגן, לעבן אים ציטערט די ליידיקייט מיט דער וואַרעמקייט וואָס אַ מענטש לאָזט איבער. גלעט ער דאָס היי לעבן זיך און אַנט דוניעס וועזן אין בויד, ווי מען פילט דעם שלאָף פון אַ קינד. ער וויל זיך אויסדרייען אַ קוק טון אין בויד, נאָר ער ציטערט זיך אויפצוהייבן פון אָרט.

בייגט ער זיך אָפּ אויף הינטן, און צו אים נענט צו וואַרעם, צו דער פּלייצע, דוניע, גלייך ווי ער וואָלט זיך אָנגעלענט אויף איר. די נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער בויד געדיכטער, אין דעם נעפל, און דוד לייב הייבט זיך אויף העכער אין וואָגן, גלייך ווי ער וואָלט צוזאַמען מיט דוניען געשווומען אין די וואָלקנס.

— ז —

דער טאַטע איז שוין געזונט געוואָרן און גרייט זיך אַ גאַנצן טאָג אַרויסצופאָרן מיט דער פּאָטשט. נאָר דוד לייב פאַרלויפט אים דעם וועג מיט אַן אויסרייד, מיט אַ ווערטל, שפּאַנט איין דאָס פערד און פירט אַוועק די פּאָטשט קיין דעמאַנאָווע.

אַזוי פֿאָרט ער נאַכט נאָך נאַכט און פֿאַרבאָרגט בײַטאָג אין שלאָף, וואָס ער זעט בײַנאַכט אויף דער וואָך. דער טאַטע היט זיך, ער זאָל נישט שטערן דוד לייבן דעם אָפּרו און בײַסט זיך אַליין מיט זײַן פּאַרדרוס: „וועט ער ווערט נישט קראַנק, וואָלט דער זון נישט אײַנגעשפּאַנט דעם ערשטן מאָל דאָס פֿערד״.

ער זוכט אַ וואָרט, וואָס זאָל קענען טיפֿער אַרײַנדרינגען אין דוד לייבס געמיט, נאָר בײַ אים רעדט זיך אַרויס עפּעס אַנדערש, נישט דאָס וואָס ער האָט געטראַכט: — וואָס וועט די וועלט זאָגן?

הירשל ווייסט, אַז אין זשירעווע רעדט מען — ווי אַזוי דוד לייב שפּאַנט אײַן פֿאַרנאַכט דאָס פֿערד און מען דערציילט איבער ווי אַזוי ער שלעפּט די פּאַטשט אויפֿן פּלייצע אין בויד אַרײַן. זייער קינאה רעכנט זיך איצטער אָפּ מיט אים און זיי לאַכן אָפּ פֿון זײַן גרויסער וועלט, וואָס ער האָט זיי געוואָרפֿן אין פּנים אַרײַן.

ער שטאַרקט זיך אָבער, מיט דעם שטאָלץ, וואָס ער האָט אויסגעהאַמערט פֿון זײַנע אייגענע פּירונגען; ער וויל באַווייזן דוד לייבן, אַז אים אַרט נישט וואָס די וועלט רעדט, און נישט דאָס האָט ער געמיינט צו זאָגן; ער פֿרעגט בלויז. — אויף דעם האָב איך געוואָרט? דו זאָלסט פֿון דער גרויסער וועלט, פֿון די אוניווערסיטעטן קומען אַהער אין דער אָפּגעלאָזענער שטוב און אַרײַנפֿירן דאָס פֿערד אין שטאָל?

— מיינסטו, טאַטע, אַז די גרויסע וועלט איז ברייטער, גרעסער פֿון דײַן ענגער אָפּגעלאָזענער שטוב? — פּרוּווט דוד לייב געבן צו פֿאַרשטיין דעם טאַטן און וויל צוגעבן: „אין דער פֿינצטערער בויד קען מען אַמאָל מערער זען ווי אין דער ברייטער ליכטיקער וועלט״. ער דערשרעקט זיך אָבער פֿאַר די רייד און ער האַקט אָפּ שאַרף: — פֿירן דאָס פֿערד צום ברונעם איז שענער ווי אַרײַנצוקוקן דעם מענטשן אין פּופּעק אַרײַן...

הירשל זעט ווי די וועלט האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים: פֿריִער איז דאָס געווען דער טאַטע ע״ה, וואָס האָט אים געשראָקן מיט „לייטן״, איצטער דאַרף ער זיך אַליין היטן פֿון זיי; אַמאָל האָט מען אים אָנגעטון בזיונות פֿאַרוואָס ער האָט געריטן מיט די פּאַראַבקעס אויף פֿערד און איז געפּאָרן צוזאַמען מיט זיי אויף נאַטשליעג, הײַנט קומען די חרפּות פֿון זײַן אייגן פֿערד. טוט ער אַ זיפֿץ: „זיי לאָזן מיך נישט אָפּ״, און בעט זיך:

— ווען איך ווער נישט קראַנק...

ווערט ווייכער דוד לייב:

— אַמאָל איז אַ געזונטער מענטש קראַנקער פון אַ חולה און אַ חולאת איז גאָר צום געזונט.

הירשל קען נישט באַנעמען וואָס זיין זון רעדט צו אים, ער פאַרשטייט אָבער, אַז ס'איז נישט אַזוי ווי ס'דאַרף צו זיין: „ער האָט נישט געזוכט קיין געהייבענע שידוכים פאַר די טעכטער, האָט אָפּגעלאָזן די בנים און געוואַרט ביז זיי וועלן אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע, ער האָט זיך אָבער אָנגעשפּאַרט אויף דוד לייבן, ער זאָל ווערן אַ לייט; און דאָ שטייט ער גאָר, אַזוי ווי ער, דער טאַטע, לעבן פערד מיט דער בייטש אין האַנט״. רעדט ער שטיל אויס, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט: „וואָס וועט זיין דער תכלית?״

נעמט אַרום דוד לייבן אַ שולד־געפיל, פאַרוואָס ס'שפּאַלטן זיך אָפּ זיינע רייד, ווי שפּענער שפּרינגען אָפּ פון אַ קלאָץ אונטער דער האַק, און ער האָט טענות צו זיך: „ווען ער באַהאַלט נישט פון זיי די פרייד וואָס ס'האָט געבליט ביי אים מיט דוניען, וואָלט אפשר איצטער ביים טאַטן נישט אויסגערונען די גרויסע וועלט פון די הענט״.

ער גראָבט טיפער זיין פאַרדרוס: „ער האָט ביינאַכט אין בויד דערזען דוניען; ער וויס נישט צי זי באַווייזט זיך אַמאָל צו אים אין בויד, אָדער זי קומט בלויז אין זיין דמיון. ער אָנט אָבער איר אָטעם, ווי מען פאַרנעמט אין אַ שטילער נאַכט דעם אומרו פון די שפּראָצונגען אויפן פעלד. בייטאָג רוט ער ביי זיך אין חדר ווי אין אַ שלאָף, אויף אַ ווייכן אויסגעבעטן געלעגער. נאָר ביי טאַטע־מאַמען האָט ער ארויסגעריסן דעם גרונטשטיין פון הויז און אַראָפּגעלאָזן אויף זיי דעם דאַך ווי אַ פינצטערע כמאַרע״.

זוכט דוד לייב רייד פאַר דעם טאַטן, וואָס זאָלן אים אויפהייבן פון זיין אַראָפּגעפאַלנקייט, ער זאָל פאַרשטיין אַז די גרויסע וועלט איז נישט מער ווי די הויט פון אַן אָנגעבלאָזענעם פענכער; אינעווייניק איז פוסט און ליידיק און מען קען זיך אויף דעם נישט אָנשפּאַרן — ס'גליטשט זיך אַרויס פון די הענט.

יאָגט ער זיך נישט פאַרנאַכט פאַרכאַפּן די בויד מיטן פערד, נאָר

אין בויד

בלײַבט שטיין אויפֿן הויף, אָדער זיצט אַ װײַלע בײַם טיש און פֿירט אַ שמועס מיט דעם טאַטן:

— דו פֿאַרשטייסט, טאַטע, אַז דאָ אין זשירעװע לעבן די מענטשן אין טעות. זיי מיינען אַז דאָרטן אין די מרחקים, אין די גרויסע שטעט שיט זיך די פֿרייד פֿון די אָנגעצונדענע פֿאָנאַרן װי צײַטיקע עפּל פֿאַלן פֿון אַ בוים. זיי װייסן נישט, אַז אַ קליין לעמפּעלע דאָ אין שטוב קען שײַנען בײַ מיר אין צימער, אויפֿן טיש, ליכטיקער װי די הויכע פֿאָנאַרן אין װאַרשע. אַז איך פֿאָר אַרויס בײַנאַכט מיט דער פֿאָטשט און קוק זיך אײַן אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל, זע איך די מעשׂי ידיו. אַלץ לעבט, קיין זאַך איז נישט טויט, נישט דאָס זעמדעלע און נישט דאָס בלעטעלע. טראַכט איך, אַז די װאָס זענען געשטאָרבן לעבן אפֿשר אויך לעבן אונדז, איך בין נישט איינער אַליין אויף דער װעלט און מיר איז נישט אומעטיק. אַז איך זעץ זיך אָבער אַװעק איבער די גראָבע ביכער, דוכט זיך מיר, אַז די אָנגעפּיקעװעטע שורות דערשטיקן דעם אָטעם פֿון דעם מענטשן, װי די פֿאַרדאַרטע צװײַגן טריקענען אויס דעם קליאָק פֿון די ביימער.

פֿאַרנעמט הירשל דוד לייבס רייד, װי ער װאָלט געלייענט אין די הייליקע ספֿרים װעגן דעם שׂכר פֿון די צדיקים און דעם עונש פֿון די רשעים, װאָס לעבן אין אַ פּוסטער װעלט, און ער טראַכט, אַז זײַן זון האָט זיך דערמאָנט, װאָס ער האָט אַמאָל געלערנט. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט איבערגעצויגן דעם שטריקל, איז ער געװאָרן פֿרומער און אַװעקגעװאָרפֿן דעם גויאישן נאָמען ליאָװאַ. טענהט ער זיך נישט אויס מיט דוד לייבן, ער קען אָבער נישט פֿאַרשטיין, װאָס ער זאָגט אים װעגן די ביכער, װעגן זײַן שטודירן, בעט ער זיך, װי ער װאָלט געװאָלט עפּעס אָפּראַטעװען פֿאַר זיך אַליין פֿון דעם זונס רייד:

— אָן די ביכער װעט דאָך די װעלט גאָרנישט װיסן און װאָס װעט װערן פֿון דעם מענטשן אָן ביכער? טו אַ קוק אויף דעם פּויער װאָס גייט נאָך דעם אַקער און אויף דײַנע פּראָפֿעסאָרן פֿון אוניװערסיטעט; זאָג אַליין מיט װעמען װעסטו װעלן זײַן חבֿר, מיט אַ שוסטער־יונג אָדער אַ שיינעם באַלעבאָס, אַ למדן און... איך װעל דיר זאָגן — בײַסט הירשל די באָרד, ער זאָל אויסריידן די רייד װאָס אים איז שװער צו זאָגן — און אַז דו װעסט דאַרפֿן אויסקלײַבן אַ כּלה, װעסטו נעמען אַ שניידערין, אָדער

אַזוי אַ פּראָסטע מויד, צי דו ווייסט זוכן אַ געבילדעטע פריילין פון העכערן שטאַנד, וואָס מיינסטו אומזיסט האָב איך אָפּגעשפּאָרט פון זיך און גע־שיקט דיר אין דער וועלט אַריין לערנען?...

— דעריבער האָב איך טאַקע נישט געוואָלט זיצן אין וואַרשע און עסן פון דיין פּראַצע — דוכט זיך דוד לייבן, אַז ער האָט געפונען אַ תירוץ פאַרוואָס ער איז געקומען אַהיים, נאָר זיינע רייד שניידן זיך אַרויס שאַרף, ווי ער וואָלט זיך אָפּגערעכנט מיטן טאַטן פאַר עפּעס.

פאַרענטפערט זיך הירשל: — ניין, ניין, נישט דאָס האָב איך געמיינט. אין שטוב פעלט, ח״ו, גאָרנישט; טאַקע אין אָרעמקייט, ס׳איז אָבער פאַראַן, דאַנקען גאָט, פון אַלץ צו גענוג. איך זאָג בלויז, איך האָב געוואָלט דו זאָלסט לערנען. איך האָב נישט געקענט, מען האָט נישט געלאָזן, זעסטו דאָך... — דוכט זיך אַז הירשל ווייזט אויף זיין בייטש, — זיי, די בנים, האָב איך געפּרוווט, ווילן נישט. וואָס קען איך טון. אָבער דו — ווייזט ער נישט אויף דוד לייבן, נאָר לייגט צו די האַנט צו זיך, צום האַרצן — זאָלן זיי זען, אַז די חכמה פון מיין שפּיץ בייטש איז קליגער פון זייער קאָפּ. נעמסטו און... — גייען אויס און חורן זיך איבער הירשלס רייד, אַט אַזוי ווי זיינע יינגלשע יאָרן גייען אויף און פאַרגייען אין דוד לייבס לעבן.

דוד לייב זעט, אַז דער טאַטע באַדויערט דעם אייגענעם לעבן שווע־רער ווי זיין קומען אַהיים, קומען אויף זיינע רייד אַזוי באַרעדעווודיק, ווי ער וואָלט געשעפּט מיט פולע הויפנס די ווערטער:

— איך מיין נישט צו זאָגן, אַז אַ מענטש דאַרף נישט לערנען; לערנען איז אָבער בלויז דער בגד וואָס אַ מענטש טוט אָן אויף זיך. אַטאָ האָסטו מיך געשיקט לערנען, און איך וועל נאָך לערנען, מיינסטו, אַז דו האָסט מיט דיין וועלן שיקן מיר לערנען ווינציקער אויפגעטון ווי איך מיט מיין לערנען.

„טו אַ קוק: דו ציסט דיין חיונה פון דיין פּראַצע, פון דעם פערד מיט דער בויד, ביסטו אַ קלענערער מענטש ווי איטשע דער קרעמער, וואָס לייגט אָוועק די גראָבע טויזנטער נדן פאַר זיינע טעכטער. און אַ שניידערין, וויל איך דיר זאָגן, — היט זיך דוד לייב ער זאָל נישט דער־מאָנען דוניעס נאָמען — מיט אַן איידעלער נאַטור, אַ גוט האַרץ, זי קען מיט אַ האַלב וואָרט ברענגען מערער פרייד ווי די געבילדעטע פריילינס

פון הויכן שטאַנד מיט זייער בילדונג. זי וועט דערגיין מיט איין בליק, וואָס זיי וועלן זיך נישט דערוויסן אין הונדערט יאָר אַרום.

— ווּעמען מיינסטו? — דוכט זיך הירשלען, אַז ער פאַרשטייט, וואָס דוד לייב זאָגט, נאָר ווערטער רינען אויס פון זיינע רייד.

— איך האָב טאַקע אין זינען דיר, — פירט איבער דוד לייב זיינע רייד אויפן טאַטן, — דאָס וואָס דו דערטראַכסט זיך ביינאַכט אין בויד און דערוויסט זיך ביי דער באַן אין דעמאַנאַוועּ, וועלן זיי אין הונדערט יאָר נישט אויסקווּעטשן אויפן באַנק פון דער גמרא. אַ יִידישקייט, טאָ גיי ווייס וואָס איז ביי דעם רבונו של עולם מער אָנגעלייגט — אַ גוט האַרץ וואָס שפּאָרט אָפּ דעם ביסן ברויט פאַר אַ קינד, אָדער נאָך אַ פּילפּול. וויל איך טאַקע פאָרן מיט דער פּאָטשט קיין דעמאַנאַוועּ. דו וועסט מאַכן אַ יאַזדע מיט סחורה קיין סלאָנים. וועט זיך אָנקלייבן נאָך אַ הונדערטער צום נדן פאַר די מיידלעך און דו וועסט נישט דאַרפן ברעכן דעם קאָפּ וועגן אַ שידוך. און וועגן מיר וועסטו אויך נישט דאַרפן זאָרגן.

הירשל הערט זיך איין ווי דוד לייב רעדט, און אים דוכט זיך, אַז די ווערטער גייען אויף אין אים, ווערט ער ביי זיך חשובער. ער וויל אַז איצטער זאָל עמעצער פון די מיוחסים אָפּפטרן זיינע רייד מיט אַ באַהאַל־טענעם שמייכל:

— אַז די נאָז שטעקט אין שטאָל ביי דעם פערד, — ער זאָל זיי קענען זאָגן: „מיין דוד לייב איז אויך אַ בעל־עגלה”.

הירשל קוקט אויף דעם זון: „זאָל מען אָוועקשטעלן זיין דוד לייבן מיט דער בייטש אין האַנט אַנטקעגן לייבוש דעם לידיקגייער מיט דער גאָלדענער קייט פון זייגער אויפן האַרצן. און ער פרעגט ביי איטשע דעם קרעמער: „וואָס טוט עפּעס אייער זון? ער דאַרף נישט וואַרטן מען זאָל אים ענטפערן; ער זעט דאָס ביי זיך אין שטוב: „די בנים זענען גאָר אַנ־דערע קינדער געוואָרן און די מיידלעך קוקן גאָר אַנדערש ווען מען הייבט אָן ריידן וועגן אַ שידוך”. און אַז מען זעצט זיך צום טיש עסן און נעכע הייבט אָן אויסטיילן די קינדער די חלקים פליש מיט הרחבה, טראַכט הירשל, אַז „זיי” זענען אפילו נישט ווערט, זיי זאָלן זיך וואַלגערן ביי אים אונטערן טיש. ער טראָגט די לעפל צום מויל, ווי ער וואָלט פאַרזוכט

פון דער גילדענער יויך און טרייסט זיך, אַז ס׳וועט אַריבערגיין דער זומער וועט דוד לייב ווידער אַוועקפֿאָרן לערנען.

— ח —

ס׳איז אָבער נישט באַשערט געווען, אַז דוד לייב מיט דער בייטש זאָל פֿאַרשאַפֿן דעם טאַטן הירשל דעם פּאַטשטער, נישט ווינציקער כבוד ווי ליאָוואַ מיט די אוניווערסיטעטן. איידער מען האָט אויפֿגעהערט ריידן וועגן דעם חידוש פֿון דעם זון דעם דאָקטאָר, וואָס איז געוואָרן אַ בעל־עגלה, איז אין זשירעווע פֿאַרלאָפֿן אַן אַנדער גרויסע געשעעניש.

טאַמערל איז געקומען צוריק אַהיים, צו דער אַלטער מאַמען, און נישט אַליין, נאָר מיט צוויי קינדער, אַ קליין יינגעלע און אַן עלטערע מיידעלע.

מיט יאָרן צוריק, אַז טאַמערל איז געוואָרן אַ דערוואַקסן מיידל, האָט זי געוואָלט, מען זאָל זי רופֿן נישט טאַמערל, נאָר טאַמאַראַ.

האָט מען אין זשירעווע געלאַכט: „אַנדערש שטייט נישט אַן מענדל דעם קרעטשמערס קראַסאָוויצע, ווי הייסן טאַמאַראַ; טאַמערל וועט גאָר נישט קענען אונטערטראָגן איוואַנען קיין טאָפּ בראָנפֿן״. מען האָט זיך גערייצט מיט איר: „טאַמערל, וואָס זאָגסטו; דו האָסט שוין אויסגעלערנט טאַמאַראַן מאַכן אַ ברכה אויף ציבעלע? טאַמערל, זאָג, ווען פּאַסט בעסער דער מומע ציפּקעס קלייד, וואָס די מאַמע האָט איבערגענייט פֿאַר דיר, טאַמערלען, אָדער טאַמאַראַן?״.

טאַמערל האָט געוווסט, אַז זי איז די יינגסטע אין הויז, די מעזינקע, אַ וויסקראָבקע, האָט נישט געסטאַיעט קיין בלוט און פֿלייש ביי דער מאַמען אין בויך פֿאַר איר. אַז זי איז געבוירן געוואָרן איז שוין געווען אַ פֿולע שטוב מיט קינדער. קיינער האָט זי נישט געדאַרפֿט האָבן און זי איז געקומען אויף דער וועלט אַן איבעריקע. דערפֿאַר האָט מען זי פֿאַרשריען פֿאַר אַ מיאוסע: „העכער פֿון די יאָרן און דינער פֿון אַ שפּאָן״.

„און אפשר איז זי טאַקע נישט קיין שיינע״, איז זי אַראָפּגעפֿאַלן ביי זיך און האָט זיך באַהאַלטן שעהן לאַנג פֿון מענטשן. דער טאַטע האָט גע־רופֿן „ווו ביסטו?!״ די מאַמע האָט געמאָנט: „טו עפּעס אין הויז!״, נאָר

טאַמערל האָט נישט אָפּגעענטפערט. זי איז געזעסן ערגעץ אין אַ ווינקל, האָט געקוקט אין אַ קליין שפּיגעלע, אַראָפּגעקאַמט די האָר אויפן שטערן, געקניפּט די באַקן, זיי זאָלן זיין רויטער, פולער, און האָט געטאַפּט איר לייב, ווי זי וואָלט געוואָלט אָנטאָן מערער פלייש אויף זיך.

אַז זי האָט זיך באַוויזן צווישן מענטשן, האָט זי קיינעם נישט פאַר־שוויגן זייערע רייד. זי האָט נישט געזען דעם רחמנות, וואָס האָט זיך אַמאָל באַוויזן ביי עמעצן אויפן פּנים, און זי האָט מיט אַלעמען געפירט צעלאַכעס. אַז מען האָט איר געזאָגט טאַמערל, האָט זי געוואָרט יענער זאָל איבערחזרן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל איר נאָמען, און זי האָט נישט געענטפערט. דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אויף איין פוס, אַרויס־געשטעקט דעם צונג, פאַנאַנדערגעשפּרייט די פינגער פון די הענט, צו־געשטעלט זיי צו דער נאָז און איבערגערעכנט די נעמען פון יענעמס משפּחה ביז דעם עלטער־עלטער־זיידן. דערנאָך האָט זי אויסגעשריען מיט אַ קוויטש אַ גראָב וואָרט מיט אַ קללה און איז אַנטלאָפן אין דאָרף צו די גויים. זי האָט זיך נישט געחברט מיט די יידישע קינדער און איז אַרומגעלאָפן מיט די שקצים און שיקסעס פון דאָרף. זי האָט זיך גע־שפּילט אין די שפּילערייען פון זייערע יום טובים, געזונגען זייערע גע־זאַנגען און געטראָגן אויפן האַלדז גרויסע רויטע פּאַטשערקעס, ברייטע, צעשפּרייטע ווי די שיקסעס טוען אָן די צלמים. אַז זי איז דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ קלויסטער האָט זי נישט אָפּגעקערט דעם קאָפּ ווי אַלע יידישע קינדער, נאָר, פאַרקערט, זיך אָפּגעשטעלט איינקוקן אויף די ליכטער וואָס האָבן באַלויכטן דאָס בילד פון די איקאָנעס — די געטשן.

אַז אַ יידיש האַרץ האָט אָנגעהויבן ציטערן: „ווער נאָך אַריינגיין אינעווייניק״, האָבן זיך אירע שוואַרצע אויגן איינגעשניטן טיפער אין לאַנגן אויסגעצויגענעם פּנים און זי האָט אויסגעשריען מיט נצחון: „נו, און אַז איך וועל זיך שמדן?״.

דער טאַטע האָט געשריען, געשלאָגן, געטריבן פון הויז, ער האָט אָבער גאָרנישט אויסגעפירט, און מען זאָגט, אַז צוליב איר איז ער אַוועק, פאַר דער צייט, פון דער וועלט.

די מאַמע איז געבליבן אין דער גרויסער קרעטשמע מיט אַ פולער שטוב קינדער, מיט די גויים שיכורים און ווינציק פּרנסה. האָט זי אויפ־

געהערט שרייען, שילטן טאמערלען, און זי האָט זיך איינגעשמועסט, אַז איר אַרט נישט וואָס די ווּיסקראָבקע טרעט נישט אָפּ פון די פאַרבער, וועלכע זענען געקומען פאַרבן דעם קלויסטער.

אין זשירעווע האָט מען אָבער נישט אויפגעהערט ריידן: „מען האָט זי געזען ביינאַכט", האָט די מאַמע צוגעדעקט מיט איר צער די אויגן און אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ אין די תחינות: „זאָל ער זיך דאַרטן מיִען פאַר איר".

און אַז טאמערל איז אין אָסיען נעלם געוואָרן צוזאַמען מיט די פאַרבער, וואָס זענען אַוועקגעפאָרן נאָך דער אַרבעט, האָט די מאַמע זיך געפייניקט: „פאַרט אַן אייגן קינד. געלעגן אונטערן האַרצן", און האָט זיך געטרייסט: „בעסער ווי שמד. אפשר וועט ער חתונה האָבן מיט איר". זי האָט אָבער נישט דערמאָנט איר נאָמען פאַר די איבעריקע קינדער און פאַרבאָרגן איר געדעכעניש פון מענטשן.

נאָר לייט האָבן שטילערהייט, די מאַמע זאָל נישט האָבן קיין שפיכות דמים, דערציילט מעשיות וועגן טאמערלען, און האָבן געבראַכט גרוסן פון דער וועלט. איינער האָט געזען, אַן אַנדערער האָט געהערט: „ער האָט זי אַוועקגעוואָרפן, פאַרקויפט אין אַ נפקא בית, אַוועקגעשיקט אין אַ טראַנס־פאַרט קיין אַרגענטינע" אָדער פאַרקערט: „אַן אַלטער גראַף האָט זי גענו־מען, שיט זי אָפּ מיט גאָלד און בריליאַנטן און זי שיקט געלט אַהיים צו דער מאַמען, נדן פאַר די שוועסטער און מתנות צו דער חתונה".

האָט מען אין זשירעווע גערעדט וועגן טאמערלען מיט רחמנות: „וויל זיך, נעבעך, איינקויפן אין עולם הבא", מען האָט איר אָבער נישט מוחל געווען אירע זינד.

האָט מען דערמאָנט טאמערלס נאָמען ווי אַ קללה, ווען מען האָט געוואָלט עמעצן אָנטאָן חרפות און בזיונות; זי איז געלעגן ווי אַ פּחד ביי די מאַמעס אויף די ליפּן, און געקוקט ווי אַ שטראָף ביי די טאַטעס אין די אויגן.

און אין יאָרן אַרום, אַז טאמערל איז געקומען אַהיים צו דער אַלטער מאַמען אין דער אָפּגעלאָזענער גרויסער קרעטשמע, האָט מען אין זשירעווע געוואָלט טאַקע דערגיין, צי האָט ער חתונה געהאַט מיט איר און אַוועק־געוואָרפן, אָדער ער האָט גאָר קיין חופה נישט געשטעלט מיט איר. יע־

דערער האָט געבראַכט זיינע השערות און געפרעגט מיט אַ פרומען פּנים, צי דאָס יינגל איז געמלט. מען האָט אָבער נישט דערמאָנט די מעשיות, וואָס לייט האָבן נישט פאַרגעסן וועגן טאמערלען; פאַרקערט, מען האָט נאָך געפונען אַ גוט וואָרט פון אירס וועגן — „זי איז געוואָרן עלטער, האָט זי אָנגעטאָן אויף זיך מערער לייב און איז געוואָרן שענער". מען האָט געהאַט רחמנות אויף איר, וואָס זי דאַרף זיך וואַלגערן מיט די קינדער ביי דער קראַנקער מאַמען — דער זקנה, אין דער אַלטער אָפּגעלאָזענער קרעטשמע. מען האָט זיך אָבער דערוויטערט פון איר, ווי מען ציטערט פאַר אַ כישוף, ווי מען היט זיך אויס, מען זאָל זיך נישט אָנגעמען פון אַ שווערער חולאת.

טאמערל איז געקומען אהיים צו דער אַלטער מאַמען, ווען אַלע אירע קינדער האָבן שוין חתונה געהאַט און זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט. די מאַמע איז געזעסן איינע אַליין אין דער ברייטער אָפּגעלאָזענער קרעטשמע. זי האָט זיך איינגעהערט ווי דער ווינט שפּאַרט זיך ביינאַכט אין די צעבראָכענע פענצטער פון די ליידיקע חדרים און האָט געטראַכט: „פאַר ווער דאַרף זי אַריינשטעלן די שויבן, פאַר איר איז גענוג דאָס בעט וואָס זי האָט אויסגעבעט אין אַ ווינקל פון קרעטשמע".

זי האָט פאַרנומען אין דעם שאַרך פון דער נאַכט די טריט פון אירע אַמאָליקע יאָרן און האָט געפירט מיט זיי דעם שמועס וועגן אירע קינדער וואָס זי האָט געהאָדעוועט, וועגן די בריוו און גרוסן, וואָס קומען אָן אין צייט און וואָס פאַרשפּעטיקן זיך אַמאָל. און אַז איר האָט נישט גענומען קיין שלאָף און די נאַכט האָט זיך אָפּגעלייגט שווער אויפן געלעגער, ווי דער אַראָפּגעלאָזענער דאַך שפּאַרט זיך אָן אויף די ווענט, האָט זי אָנגעהויבן זיפצן, ווי מען בעט זיך אין אַ תחינה: — האַלט זיך אַ קינד דערמאָנען און קומען אַ קוק טון וואָס טוט די מאַמע. ווי לאַנג וועל איך נאָך ציען?

און אַז טאמערל איז אָנגעקומען אין מיטן זומער אַהיים, אַריין אין שטוב מיטן אויסגעטראָטענעם וועג, ווי זי וואָלט זיך נאַרוואָס אומגעקערט פון אַ גאַנג, און איז אַרויפגעפאַלן דער מאַמען אויפן האַרצן:

— מאַמע, דאָס זענען מיינע קינדער...

האָט זיך די אַלטע מאַמע געלאָזט אַרומנעמען פון די ווייכע בייגיקע

הענט און האָט געוואָלט אַליין אויך אויפהייבן אַ האַנט, נאָר זי האָט נישט געקענט געפינען אירס קיין אבר. האָט זי זיך איבערגעגעבן אין טאמערלס אָרעמס, ווי מען לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אין אַ ווייכן קישן אין אַ דרעמל פון חלשות.

אַז ס׳איז אַוועק אַ ווײַלע און נאָך אַ ווײַלע און טאמערל האָט געוועקט און דערמאָנט דער אַלטער מאַמען:

— אָטאָ זענען מײַנע קינדער...

האָט זיך די מאַמע געשטאַרקט, אויפגעעפנט די אויגן, געקוקט אויף די קינדער און האָט נישט געוווּסט, צי זי זעט די רעיונות פון בײַנאַכט וועגן אירע קינדער אָדער זי שטייט אין טיר פון קרעטשמע און ס׳איז מקוים געוואָרן איר האָפענונג — אַ קינד האָט זיך דערמאָנט אָן איר. טאמערלס קינדער האָבן אָפּגעלאָזן דער מאַמעס קלייד, זיך אָפּגערוקט אַ טראָט און אָנגעהויבן כליפּען מיט פאַרשטיקטע טרערן; האָט זיך די אַלטע מאַמע אַרויסגעקנוילט פון טאמערלס הענט, אויסגעשריען מיט אַ ווייטן פרעמדן קול: „טאמערל מײַן טאָכטער, מײַן קינד״, און איז צוגעפאַלן צו די קינדערלעך.

און מיט דער ליבשאַפט וואָס קוועלט אַרויס פון טיפן צער און מיט דער פרייד, וואָס דער געפינס באַלייכט אַן אבידה, האָט די אַלטע מאַמע איבערגעחזרט און איבערגערעדט איינע און די זעלבע ווערטער: „טאמערל, דײַנע קינדערלעך, נחת״...

נאָר איר האָט זיך געדוכט, אַז זי זאָגט יעדע רגע עפּעס נײַעס, פרעגט און פרעגט איבער, דערציילט און דערציילט איבער, גלײַך ווי די קינדער וואָלטן ערשט געקומען, זי האָט זיי נאָר־וואָס דערזען, און זי האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצורײדן מיט זיי קיין וואָרט.

און אין איר נחת האָט די אַלטע מאַמע נישט געזען, אַז אין זשירעוועס רעדט מען שוין אַ פּאָר וואָכן וועגן טאמערלס קומען אַהיים און לייט מײַדן זי אויס מיט זייער קאַרגקייט אין רייד, מיט זייער אָנגעשטעלטער גוטס־קייט, וואָס בלאָזט אַוועק ווי אַ ווינט, זייערע בליקן. פאַרקערט, די אַלטע מאַמע איז געווען צופרידן וואָס טאמערל טרעט נישט אָפּ פון הויז און נעמט נישט צו פון אירע אויגן דעם נחת — די קינדערלעך. זי פאַר־

ברענגט מיט זיי אַ גאַנצן טאָג אויפֿן הויף, אונטערן בוים, לעבן קרעטשמע, און דערוויטערט זיך נישט פֿון דער אַלטער מאַמען.

— ט —

די קרעטשמע איז געשטאַנען אַ ביסל אָפּגערוקט פֿון זשירעווע, הינטער די הייזער און סעדער פֿון שטעטל, ביים וועג, וואָס פֿירט קיין דעמאָנאָווע.

אַז דוד לייב איז פֿאַרנאַכט אַרויסגעפֿאָרן מיט דער פֿאָטשט קיין דעמאָנאָווע, האָט ער געזען, ווי טאמערל שפּילט זיך אונטערן בוים מיט אירע קינדערלעך אויפֿן הויף פֿון דער קרעטשמע.

איר געשטאַלט האָט זיך, אין שאָטן פֿון פֿאַרנאַכט, אויסגעצויגן העכער פֿון איר וווקס, האָט ער זיך דערמאָנט: „זי איז געוואַקסן העכער פֿון אירע יאָרן, האָט זי אַמאָל אויסגעזען אַזוי דאַר, אַז ס׳איז אָבער באַשערט געווען איז זי געוואָרן אַ מאַמע". האָט ער זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיין קינאה, ער האָט אָבער נישט געקענט צונעמען די אויגן פֿון אירע קינדערלעך. דאָס יינגעלע האָט געהאַלטן דער מאַמען פֿאַרן קלייד, דאָס מיידעלע האָט עפּעס אויפֿגעהויבן פֿון גראָז און באַוויזן עס אין האַנט. דוד לייב האָט נישט געקענט זען קלאָר זייערע פּנימער, נאָר דער רחמנות פֿון זייער עלנטקייט האָט זיך געצויגן צו אים מיטן קול פֿון אַ קינד וואָס בעט זיך: „מאַ־מע"...

אַמאָל, ווען דוד לייב איז געווען אַ יינגל, האָט ער זיך ניט אַרומגעקוקט אויף טאמערלען. זי איז געווען עלטער פֿון אים מיט עטלעכע יאָר און האָט זיך געהאַלטן עלטער פֿון אירע יאָרן. אירע בליקן האָבן זיך גע־שפּאַרט אַפּריער פֿון די אויגן, ווי דער שנאָבל פֿון אַ פֿויגל שניידט דורך די לופֿט. דוד לייב האָט געלערנט אין ישיבה, און זיין לערנען איז גע־שטאַנען העכער פֿון זיינע יאָרן. די מיידלעך פֿון זשירעווע זענען אים גע־ווען אייגן און פֿרעמד ווי די אייגענע שוועסטער און זיי האָבן זיך אָפּגע־שלאָגן אין זיינע בליקן נאָענט און ווייט, ווי אַ געשטאַלט אין אַ שפּיגל.

איצטער, אַז ער האָט געזען ווי די קינדער טוליען זיך אויפֿן הויף צו דער מאַמען, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט אַריבערגעיאָגט טאַ־

מערלען אין די יאָרן — ער איז עלטער פון איר — און אים איז פון זינען נישט אַרויס פאַרוואָס מען פאַרשטויסט זי אין זשירעווע פון זיך.

ער האָט געוואָלט פרעגן ביי די שיינע באַלעבאָטים, ביי די פיינע ייִדן, צי מען מעג אַזוי פייניקן אַ ייִדישע טאָכטער מיט קליינע קינדער, און צי מען דאַרף נישט האָבן קיין רחמנות אויף אַן אַלטער מאַמען. ער האָט אַליין געוואָלט אויסריידן אַ וואָרט מיט טאַמערלען, זי זאָל זען, אַז ער האַלט נישט מיט די זשירעווער ייִדן, און ער ציילט נישט יענעמס עבירות און וועגט נישט די אייגענע מצוות.

דאָס פערד לאָזט אָבער איבער די קרעטשמע הינטער דער בויד, דער אָוונט וועבט זיך איין געדיכטער אין דער נאַכט.

און די נאַכט ציט אַראָפּ דעם הימל מיט די שטערן דוד לייבן אין די אויגן אַריין. די שטילקייט אָטעמט אַ מידע אין בויד. דוד לייב ציטערט אָפּקערן זיין בליק אויף הינטן און שרעקט זיך קוקן אין דער ווייטקייט. ער ווייסט נישט צי דוניע וועט זיך באַווייזן צו אים. פאַרמאַכט ער די אויגן און היט אירע תנועות, וואָס ער האָט נעכטן געזען, ווי מען קלייבט אַראָפּ די טראָפּנס פון טוי. אים דוכט זיך, אַז דער נעפּל שטראַלט אַרויס אירס אַ שמייכל, זוכט ער איר פּנים. ריינען אויס פון דער שטילקייט זיינע טראַכטונגען, אַז ער האָט געדאַרפט בעטן דער מאַמען צוגיין צו דער אַלטער מאַמען מיט די קינדער, זיי זאָלן זען, אַז זיי זענען נישט פאַרשטויסן פון גאָט און לייטן, און ער אַליין פאַרגעסט נישט אין טאַמערלען.

נאָר איין מאָל, אַז דוד לייב איז אַרויסגעפאָרן פאַרנאַכט מיט דער פּאָטשט האָט זיך טאַמערל אַוועקגעשטעלט לעבן דער קרעטשמע און אָפּגעוואָרט אים אויפן וועג:

— איר פאָרט קיין דעמאַנאָווע?

דוד לייב האָט פאַרהאַלטן דאָס פערד און ביי אים האָבן זיך אַ שפּאָר געטון אַ סך רייד, נאָר ער האָט נישט געוווּסט וואָס פריִער צו זאָגן, האָט ער בלויז אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— יאָ, איך פאָר... — און אַ קוק געטון אויף טאַמערלען.

ער האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען אין איר פולן געשטאַלט: אַ הויכע, נאָר נישט דאַר ווי אַמאָל. דאָס פּנים לאַנג און פאַרשאָטנט מיט

איר אייגענעם אומעט, ער וואָלט זי איצטער נישט דערקענט. האָט זיך געענדערט אין גאַנצן.

טאמערל האָט געטראָגן אַ לאַנגע גרויע קלייד, וואָס האָט זיך ווייך געקנייטשט אויף איר לייב, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַזוי בייגט זי זיך אויך, כאָטש זי איז געשטאַנען אַ גלייכע, אַן אויסגעצויגענע. זי האָט גע־קוקט דוד לייבן אין די אויגן אַריין און באַוויזן אים אַ שטיקל פּאַפּיר:

— דאָס איז אַ רעצעפּט פאַר מיין טאָכטער. זי איז נעבעך נישט קיין גע־זונטע און איז איצטער ווידער קראַנק געוואָרן.

טאמערל איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַראָפּגעלאָזן אַזוי ווייך דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט פאַרהילט איר געזיכט מיטן שאָטן פון אירע אויגן.

דוד לייב האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. האָט ער איבער־געחזרט:

— גוט, גוט... — ער האָט זיך איינגעקוקט אין טאמערלען און גע־טראַכט וואָס קען ער טון, זי זאָל זען, אַז ער דערוווּנדערט זיך נישט פון איר ווי די זשירעוווער ייִדן.

— איך דאַרף נעמען דעם רעצעפּט אין אַן אַפּטייק, אין בוטען, — האָט טאמערל גערעדט, ווי זי וואָלט געענדיקט אַ לאַנגן שמועס, — און דאָס איז דאָך נישט ווייט פון דעמאַנאָווע, בלויז אַ פּאָר וויאָרסט פון וועג.

— גוט. וועל איך ברענגען, — ציט אויס דוד לייב די האַנט, וויל נעמען דעם רעצעפּט, און איז צופרידן, וואָס ער קען עפּעס טון פאַר טאמערלען מיט די קינדער.

— דער רעצעפּט איז פון אַ גרויסן דאָקטער אין קיִעוו, דאַרף מען דערקלערן דעם אַפּטייקער, — שטייפט איין טאמערל דאָס פּאַפּירל אין האַנט און שטעלט אַוועק אַ טראָט נענטער צום וואָגן.

וויל דוד לייב זאָגן, אַז ער פאָרט נישט אַליין און די בויד איז פאַר־נומען. ער וויל זאָגן, אַז ער פאַרשטייט זיך אויף אַ רעצעפּט און צוזאָגן, אַז ער וועט אַכטונג געבן, אָפּהיטן, דערקלערן, נאָר טאמערל שלינגט איין זיינע ווערטער און ס'דוכט זיך, אַז זי רעדט מיט זיין קול: — וויל איך אונטערפאָרן מיט אייך...

ציט אויס דוד לייב די האַנט און וויל העלפן טאמערלען אַריינגיין אין וואָגן. זי ווענדט נישט אָפּ דעם אָנריר פון זיין האַנט און דאַנקט אים:

— אין קען אַליין...

דוד לייבן פאַרדריסט פאַרוואָס ער האָט אַרויפגענומען טאַמערלען אויפן וואָגן; „ער האָט זיך געדאַרפט איינשפּאַרן, געמעגט זאָגן אַ ליגן, האָט זיך געקענט אומקערן צוריק און אַרויספאָרן שפּעט ביינאַכט". ער פאַרשעמט זיך אָבער: „וואָלט דאָס דוניע געטון; זי וואָלט אַליין געגאַנגען צופוס און וואָלט געלאָזן טאַמערלען פאָרן אין בויד נאָכן רעצעפּט. ער דאַרף בלויז האַלטן די לייצעס און היטן דאָס פערד". טוט ער זיך אַריין אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעשיידט אין אַ פאַרבאָרגעניש.

טאַמערל האָט זיך נישט אָוועקגעזעצט לעבן דוד לייבן; די פרעמדקייט פון די יאָרן וואָס זי האָט נישט געזען דוד לייבן, האָט איינגעקאָרגט אירע רייד און געמאַכט ענג דאָס אָרט לעבן אים. האָט זי זיך אַריינגערוקט אין בויד, זיך איינגעגנורעט אין ווינקל און האָט געטראַכט, אַז זי וועט זיך נישט אָפּרופן, ביז וואַנען ער וועט נישט אויסריידן קיין וואָרט. זי האָט געוווּסט, אַז ווען אַ פרוי איז צוזאַמען מיט אַ מאַן, טאָר זי נישט פאַרגעסן, אַז זי איז די פרוי און ער איז דער מאַן. זי מוז געדענקען, אַז זי איז די שוואַכע, וואָס וואַרט אויף אים און ער איז דער שטאַרקער, וואָס דאַרף קומען צו איר. זי דאַרף זיך אַרומפּאַנצערן מיט אירע געדאַנקען ווי מיט דער שטעכיקער פעל פון אַ יאָזש און שוועבן אין די שלייערן, ווי אויפן ווינט, דער מאַן זאָל מיינען, אַז ער קען זי קיין מאָל נישט דערגרייכן. דעמאָלט וועט ער אַראָפּלאָזן פון זיין גאווה און אַראָפּנידערן מיט זיינע רייד נידעריקער פון דעם זוים פון איר קלייד.

דוד לייב האָט אָבער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, און די שטילע נאַכט האָט איינגעדרעמלט טאַמערלען אין אירע רעיונות.

ער איז געזעסן לעבן פערד, געטראַכט וועגן דוניעס גוטסקייט און פאַרגעסן, אַז דערמאָנט אין דעם האָט אים טאַמערל. אין בויד איז געווען שטיל, נישט קיין פּיפּס און נישט קיין ריר פון קיין מענטשן, און ביי דוד לייבן איז אַרויס פון זינען, אַז ער האָט עמיצן חוץ דוניען אַריינגענומען אין בויד.

דאָס מאָל האָט זיך דוניעס שמייכל אויסגעלייטערט פון דעם נעפּל פריִער ווי אַלע מאָל, אַ סך פריִער ווי ער האָט דערזען דעם שאָטן פון

וואַלד. איר פּנים האָט זיך נישט אָפּגעטון פון אים ביז ס׳האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג.

איבער די בערג האָט זיך די לבנה געקרייזט ברייט און ווייט אין דעם רויטן שיין, וואָס זי האָט אַרויסגעצויגן פון דער זון, און פּאָר דוד לייבס אויגן האָבן דוניעס שוואַרצע האָר אַרויסגעשטראַלט די ליכטיקייט פון טאָג. האָט ער אָנגעהויבן טרייבן דאָס פערד, נאָכיאָגן זיין אומרו, ווי מען לאָזט זיך שפּאַרן פון ווינט. אַ פערד קען אָבער דעם גאַנג פון זיין וועג בעסער ווי דער מענטש. האָט זיך הירשלס פערד נישט געלאָזט פירן פון זיין זון, דוד לייב. ער האָט זיך פאַרקירעוועט קיין דעמאַנאַווע און זיך אָפּגעשטעלט לעבן וואָקזאַל.

טאַמערל האָט זיך אַ ריר געטון אין בויד, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, געשוויגן אַ רגע, איבערגעטראַכט וואָס זי זאָל זאָגן, און האָט פּלוצלינג אויסגערעדט:

— מיר זענען געקומען אין צייט.

דוד לייב איז צעטומלט געוואָרן, געוואָלט פרעגן פון וואַנען האָט זי זיך גענומען אַהער און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט עפּעס פון זיין פּנים באַהאַלטן.

טאַמערל האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן; זי האָט געוואָלט באַווייזן דוד לייבן, אַז זי איז נישט קיין איבעריקע אין בויד און האָט אים דער־מאָנט, אַז מען דאַרף נעמען דעם רעצעפּט אין בוטען.

דעם רעצעפּט האָט מען נישט געקראָגן אין דער אַפּטייק, דער אַפּטיי־קער האָט געגעבן עפּעס אַנדערש, ענלעכעס און צוגעזאָגט אויסצושרייבן די רפואה. דוד לייב איז געווען צופרידן וואָס טאַמערל איז אַליין געפאָרן מיטן רעצעפּט, ווייל ער וואָלט אויף זיך נישט געשטעלט צו נעמען עפּעס אַנדערש.

אַז ער איז אָבער אַריין אין וואָגן און טאַמערל האָט זיך אַוועקגעזעצט פון פאָרנט, צוזאַמען מיט אים, לעבן פערד, איז זי אים געוואָרן איבעריק, פרעמד. ער האָט געציטערט פאַר די רייד, וואָס ער קען דערהערן פון איר, אָט אַזוי ווי ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די טרייסט־ווערטער אויף דוניעס טויט.

האָט ער פאַרצויגן די אויגן מיט אַ שטרענגקייט, אויסגערעדט איינ־

ציקע ווערטער, ווי ער וואָלט זיי אָפּגעברעקלט פון כעס, און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער יאָגט זיך צוזאַמען מיטן פערד אַהיים. און טאמערל האָט נישט געצויגן די רייד, זי האָט נישט פאַרפירט קיין שמועס און זיך אויס־געהיט, איר בליק זאָל זיך נישט באַגעגענען מיט דער פרעמדקייט פון דוד לייבס אויגן.

זי איז געזעסן ווי אַן איינגעבעטענע און האָט איבערגעלייגט מיט די שפּיץ־פינגער די קנייטשן פון איר קלייד, וואָס האָבן ווייך אַראָפּגעבויגן אירע פיס. זי האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי זי האָט אויסגעקנאָטן מיט דער צאַרטקייט פון אירע הענט, מיט די צעשפּרייטע פאַלדן פון דער קלייד, אירע רייד:

— איך האָב זיך שוין אָפּגעוווינט פון אַזאַ גוטסקייט.

— אַז מען פאַרשטויסט אַ מענטשן פון דער וועלט, ווערט פאַר אים יעדע קלייניקייט אַ גרויסע טובה, — טראַכט דוד לייב און ער פאַרענט־פערט זיך:

— וואָס האָב איך געטון פאַר אייך?

טאמערל ענטפערט נישט דוד לייבן; ציט אויס פאַרזיכטיק איר בלויען טוך אויף די אַקסלען, גלעט אים אויס אויפן האַרצן, ווי זי וואָלט פאַר־שפּיליעט די בלוזקע אויף די בריסט, און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

דוד לייבן דוכט זיך, אַז דער שאָטן פון אירע ברעמען פאַרציט אויף איר פנים דעם אומעט, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט אויפן הויף פון דער אַלטער אָפּגעלאָזענער קרעטשמע.

טראַכט ער: „מעג איין מענטש משפטן דעם אַנדערן? ווער ווייס, וואָס ס'איז גוט און וואָס ס'איז שלעכט, און ווער מעג דאָס מקיים פּסק זיין אויף יענעם".

טאמערל היט באַהאַלטענערהייט יעדן ריר און קער דוד לייבס און איר דוכט זיך, אַז זי דרינגט אַריין אין זיינע רעיונות טיפער ווי ער טראַכט אַליין: „ער איז נישט געקומען אַהיים גלאַט אין דער וועלט אַריין, פירן די פּאָטשט קיין דעמאַנאווע, אַזוי ווי זי איז נישט אַראָפּגעפאָרן מיט די קינ־דער צו דער מאַמען פון ווילטאָג. מסתמא געהאַט אַ ווייב, געשטאָרבן, אַוועקגעוואָרפן, אַ געליבטע, געווען נישט טריי. דעריבער טראָגט ער אַזוי שווער דעם אומער אויף זיך".

זי טוט אָבער אָן אויף זיך שאַרפער איר פרעמדקייט, ער זאָל נישט דערקענען אירע רעיונות. זי וויל בלויז באַווייזן איר אײדלקייט, ער זאָל זען, אַז זי וויל אים נישט פאַרשעמען אין זשירעווע:

— איר וועט מיר אַראָפּלאָזן אַ שטיקל וועג פאַר דער קרעטשמע און איך וועל צוגיין צופוס אַהיים.

— ניין! — שרייט אויס דוד לייב און וויל זאָגן: „איך משפט אייך נישט"... ער האַלט אײן דאָס פערד, פאַרט צו פאַמעלעך צו דער קרעטשמע, הייבט זיך אויף לאַנגזאַם פון זיין אָרט, טאָמערל זאָל זיך נישט איילן אַראָפּגיין פון וואָגן; זי זאָל זען, אַז אים אַרט נישט, וואָס די זשירעוווער ייִדן וועלן ריידן וועגן אים.

אַז ער איז אָבער געקומען אַהיים, האָט ער איבערגעלייגט די היי אין בויד, צוגעדעקט די פרישע היי מיט אַ ווייסן לײלעך און איז אַריין צו זיך אין חדר מיט וואַקלדיקע טריט, ווי ער וואָלט נישט געגאַנגען זיך לייגן שלאָפן, נאָר געדאַרפט, ערשט איצטער, באַשטימען וואָס ער זאָל טון, און אים האָט נישט גענומען קיין שלאָף.

ער האָט געטראַכט, אַז ער האָט נישט געטאָרט לאָזן ליגן טאָמערלען אין בויד, און לאָזן זי זיצן לעבן זיך, אַוודאי נישט. דוניע וואָלט דאָס אויך נישט געטון, זי וואָלט געבראַכט אַ צאַצקע די קינדער, געקומען זיי גע־וואָרע ווערן. זי וויל אָבער נישט אנען קיין פרעמדן אָטעם, ווען זי באַווייזט זיך צו אים. דעם רעצעפּט וועט ער אַליין ברענגען פון ביטען און ער וועט זי נישט מיטנעמען קיין דעמאַנאָווע. די שיינע ייִדן טאָרן אָבער אַ מוטער מיט קינדער נישט פאַרשטויסן פון זיך. ער מעג זאָגן דער מאַמען זי זאָל צוגיין אַהין און ער דאַרף פרעגן וואָס ס'מאַכט דאָס מיידעלע.

און פאַרנאַכט, אַז דוד לייב איז געפאָרן מיט דער פאַטשט קיין דע־מאַנאָווע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער קרעטשמע פרעגן, וואָס הערט זיך מיט דעם מיידעלע.

טאָמערל האָט אים באַגעגנט ביים טויער פון הויף, גלייך ווי זי וואָלט אים אָפּגעוואַרט ביים אַריינגאַנג. זי האָט געטראָגן די זעלבע גרויע קלייד פון נעכטן און האָט בלויז צוגעהעפט אַ ווייסן קאָלנערל, וואָס איז אָפּגע־שטאַנען אויפן האַלדז. זי האָט אויך אַנדערש פאַרקאַמט די האָר; זי האָט

נישט פאַרפלאָכטן די צעפּ אויפן קאָפּ, נאָר אַראָפּגעלאָזן די האָר אויף דער פּלייצע, לויז — ווייך צעקאָמט.

— וואָס מאַכט די טאָכטער? — האָט דוד לייב געפרעגט אומרויִק.

טאַמערל האָט שטיל אויסגערעדט:

— אַז איר לאָזט אָפּ, ווערט זי אַ מענטש... — און האָט אַרויפגעלייגט די האַנט דעם קינד אויפן קאָפּ:

— זי גיט נאָך אַכטונג אויף דער מאַמען.

— אַ שיין קינד, — האָט דוד לייב געטראַכט און ער האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי ער באַדויערט: — האָט זיך נישט מיט וועמען צו שפּילן.

— דאַרף אָפּקומען פאַר פרעמדע זינד, — האָבן זיך אַרויסגעשניטן ביי טאַמערלען ווערטער, גאָר אַנדערש ווי זי האָט פריִער געטראַכט צו ריידן מיט דוד לייבן. האָט זי זיך אָפּגעקערט צום הויף און אויסגעשטרעקט די האַנט צום יינגעלע, וואָס האָט זיך געצויגן צו דער מאַמען מיט שטיינער און שטעקן אין די הענט.

דוד לייבן האָט זיך געדוכט, אַז טאַמערל באַהאַלט די טרערן פון די אויגן, האָט ער ווייטער נישט געצויגן דעם שמועס און אַריינגענומען פעסט די בייטש אין האַנט:

— איך וועל נישט פאַרגעסן ברענגען דעם רעצעפּט.

— איך וויל אַליין פאָרן, — האָט זיך טאַמערל געבעטן, ווי מען זאָגט אַ לעצטן „זיי געזונט", ביים געזעגענען זיך.

אַז דוד לייב איז אַריינגעפאָרן טיפער אין דער נאַכט, האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער טראַכט וועגן טאַמערלען און פון אים טוט זיך נישט אָפּ דער אומעט, וואָס האָט זיך פאַרצויגן אויף איר פּנים, ווען זי האָט אים באַגלייט, אָן רייד, בלויז מיטן בליק אויפן וואָגן.

„גאָרנישט יענע אויגן, וואָס האָבן געשאַרפט דעם כעס מיטן נאָמען טאַמאַראַ", — האָט ער זיך דערמאָנט ווי טאַמערל האָט אַמאָל געשפּילט צעלאָכעס מיט אַלעמען.

„וואָס צרות, ליידן מאַכן פון אַ מענטשן", — האָט דוד לייב געזוכט דוניעס בליקן, זי זאָל זען, אַז ער טראַכט ווי זי, און גיט איר נאָך, אַז מען דאַרף האָבן רחמנות, איינזעעניש מיט יעדן מענטשן.

אין בויד

זיינע רעיונות ציטערן אָבער, ווי בליצן שפּאַלטן זיך אַפּ ביינאַכט פון אַ דונער, און זיי שלאָגן זיך אָפּ אויף טאַמערלען מיט דוניעס קול:

— יעדער מענטש לייכט אויף מיט זיין גוטסקייט, ווען דו דערזעסט דעם צער אין זיינע אויגן.

— זי האָט צו טיף געטראָגן יענעמס צער, האָט זי נישט געהאַט קיין כוח איבערצוטראָגן אירע אייגענע ווייען — רירט אָן דוד לייב דוניעס פינגער, וואָס זענען קאַלט געוואָרן אין זיינע הענט, אין שפּיטאָל אויפן בעט, און ער זעט ווי איר שמייכל לייכט אויף אומענקידום, ווו מען דאַרף זיך דערבאַרעמען אויף דעם עלנט און דער פאַרשטויסנקייט פון אַ מענטשן.

— י —

און אַז דוד לייב פאָרט פאַרנאַכט מיט דער פּאָטשט קיין דעמאַנאַוועו, ווענדט ער נישט אָפּ זיינע אויגן פון דער קרעטשמע.

אַמאָל שפּילן זיך די קינדער אַליין אונטערן בוים אויפן הויף, אָדער טאַמערל לויפט מיט זיי אַרום איבערן גראָז אין כאַפּעלעך. אַמאָל לערנט זיי די אַלטע באָבע וואָס מען מעג טון און וואָס זיי טאָרן נישט טון, און טאַמערל באַווייזט זיך אַליין, אָדער מיט אַ קינד אין טויער.

דוד לייב פאַרהאַלט אַ ווײַלע דאָס פערד און טאַמערל געפינט אַ וואָרט פאַר אים:

— ס׳נעמט זיך אויף אַ רעגן, זעט, איר זאָלט זיך נישט איינגעצן...

— נאַכט נאָך נאַכט זיצן איינער אַליין לעבן פערד...

— ווען שלאָפט איר?

— באַלד וועל איך פאָרן מיט אייך נאָכן רעצעפּט...

דוד לייב וויל ענטפערן, אַז ער אַליין וועט ברענגען דעם רעצעפּט, נאָר דאָס פערד ציט זיך אַוועק מיטן וועג, און די ווערטער גייען אויס אין פאַרנאַכט ווי אַ קול אָטעמט אויס דעם קלאַנג אין דער ווייטקייט.

און אַז דוד לייב האָט דערזען ווי טאַמערל האָט אָפּגעטראָטן אַ טראָט פון טויער, זיך אַוועקגעשטעלט אויפן מיטן וועג מיטן זומערדיקן מאַנטל אין האַנט, האָט ער אָפּגעשטעלט דאָס פערד און אַ קוק געטון ווי ער וואָלט זיך פאַרחידושט.

אים האָט זיך געדוכט, אַז ער פרעגט, ענטפערט, שפּאַרט זיך איין, ווערט אין כעס, גיט נישט נאָך, נאָר ער הערט נישט זיין אייגן קול.

און זיין פּנים איז פאַרגליווערט געוואָרן אין איין תּנועה, וואָס האָט זיך אויסגעשניטן אין די אויגן שאַרפער פון אַ האַרבן וואָרט.

האָט זיך טאַמערל אָנגעהויבן פאַרענטפערן: „זי קען אָן דעם רעצעפּט נישט אויסקומען, זי מוז אַליין ריידן מיטן אַפּטייקער". און אָפּגעטראָטן אַ טראָט פון וואָגן.

דוד לייב האָט דערזען אויף איר פּנים דאָס געבעט פון אירע קינדער, האָט אים אָן אומרו אַ הייב געטון פון אָרט, גלייך ווי ער וואָלט זיך איבער־געזעצט אויף זיין זיץ־פּלאַץ, און ער האָט איינגעהאַלטן דאָס פערד. טאַמערל קוקט ווי שטייף די לייצעס זענען אָנגעצויגן אין זיינע הענט און זי שטעלט זיכערער איר טראָט. זי האָט זיך אָבער נישט אַוועקגעזעצט לעבן דוד לייבן, נאָר זיך אַריינגעצויגן ווייך אין בויד, ווי זי וואָלט זיך אַראָפּגע־גליטשט פון אַ סכּנה.

דוד לייב האָט זיך טיפער אַראָפּגעזעצט אין די היי פון זיין זיץ־פּלאַץ. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט עפּעס פאַרמינערט פון זיך, נאָר ער אַמפּערט זיך נישט מיט זיך און גיט זיך אונטער, ווי די רויקייט לייגט זיך אָפּ אויף דער נאַכט.

אין בויד איז שטיל און פינצטער ווי אין גראָז אויף די פעלדער, און דוד לייב ווייס נישט צי טאַמערל שלאָפט, אָדער זי האָט זיך אַזוי טיף אַריינגעטון אין זיך, ער זאָל נישט דערהערן קיין ריר אירן.

דאָס פערד ציט דעם וועג ווי אין אַ חלום פון שלאָף און דוניע נענט פון די ווייטקייטן ווי אַ שמייכל פון אַ בליק. זי קוועלט זיך אָבער אויס ביי דוד לייבן פון די אויגן, ווי דער נעפּל זיפּט אויס דעם שיין פון די שטערן.

דער הימל פאַרציט זיך מיט געדיכטע וואָלקנס, די פינצטערניש לייגט זיך אָפּ נידעריקער אויפן פערד און ביי דוד לייבן לאָזט זיך אַראָפּ די מידקייט אויף די אויגן. ער ווייס, אַז ער שלאָפט נישט, ער דרעמלט בלויז אַ וואַכער, און פילט אין פּלייצע די וואַרעמקייט פון אַ פּוס. „זי האָט זיך אויסגעצויגן אין בויד, אויסגעטאָן דעם שוך, ס'איז קאַלט ביינאַכט, מען דאַרף צודעקן אירע פיס מיט אַ פּאָלע פון בגד". נאָר דוד לייב זיצט אַ

שווערער. זיין גוף איז אָנגעפּעלצט אויף אים ווי אַ פרעמדער קערפּער, און ער קען זיך נישט רירן פון אָרט. פאַרמאַכט ער, און עפנט די אויגן; פּרוּווט צי ער קען האַלטן די בייטש אין האַנט, און לאָזט אַרויס די ליי־צעס פון די הענט, ווי ער וואָלט זיך איינגעוויגט אין שלאָף.

דוניע נענט צו אים צו נענטער. זי וואַקסט אויס אין איר גאַנצער הויך, בייגט זיך אָן אויף אים און אָטעמט אַריין איר אָטעם אין זיין אויער. זי זאָגט עפּעס, די ווערטער גייען אויף ווייכע, ווי אַ נעפּל און וואַרעמען אים דאָס לייב ווי אַ גלעט פון אַ האַנט. ווייל ער זי אַרומנעמען און צודריקן נענטער צו זיך. ער שפּרייט אויס די הענט און ציט זיך נאָך נאָך זיינע הענט.

דאָס פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן וואָקזאַל. דוד לייב עפנט די אויגן, נאָר ער זעט נישט אַז ס׳טאָגט שוין. זיינע בליקן בלאָנדזשען אין דער גרויקייט פון פאַרטאָג און ער הערט נישט ווי ס׳ציטערט זיין גע־בעט: „דוניע...״

טאמערל רופט זיך נישט אָפּ, זי האַלט איין איר אָטעם און נורעט זיך איין טיפער אין בויד. זי זיצט אַ שטילע, אַ ווייטע, און זינקט איין אין איר שטילקייט ווי זאַמד שיט זיך אַראָפּ. נאָר אירע געדאַנקען זענען וואַך, ווי די פרייד פון אַ מענטש, וואָס האָט קיין טעות נישט געמאַכט: — געהאַט אַ ווייב, אַ געליבטע, געשטאָרבן, איבערגעלאָזן אים, ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. קען נישט איבערטראָגן דעם ווייטיק, אַזעלכע מענער האָט זי נאָך נישט געטראָפן. נאָר זי, וואָס האָט געזען דעם פּחד פון מאַן, קען אָפּשאַצן, — און זי אָטעמט איין איר זיפץ: — ווייל איז דער פרוי, וואָס קען ווערן אַ ווייב, אָדער אַפילו אַ געליבטע פון אַזאַ מאַן. — איילט זי זיך נישט אַרויסצוגייען פון וואָגן. זי זיצט אין בויד און היט פאַרזיכטיק מיט אויסרעכענונג יעדן ריר און קער דוד לייבס.

ביי דוד לייבן טומלען זיך אָבער די רעיונות: — ער איז נישט גע־שלאָפן ביינאַכט, ניין, ער איז נישט געווען וואַך. ער איז יאָ איינגעשלאָפן. ניין, דוניע האָט זיך נישט באַוויזן, נאָר ער האָט זי געזען אין חלום, און ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף טאמערלס פוס.

אין זיין אומרו קען ער זיך נישט צורירן צו דעם זאַק מיט דער פּאַטשט און וויל אַנטלויפן, זיך אַוועקיאָגן. נאָר די פיס גראָבן די ערד

אונטער די טריט און ער קען זיך נישט רירן פון אָרט. רייסט זיך ביי אים אַ קול, ער וויל אָנהייבן שרייען אויף טאמערלען, ווי מען שילט דעם ווינט, וואָס לעשט פּלוצלינג אויס דעם פייער און לאָזט איבער אַ האַלע־וועשקע.

נאָר טאמערל איז רויק; זי ווייס שוין יאָ, וואָס זי דאַרף טון. קריכט זי אַרויס פון דער בויד שטיל, ווי זי וואָלט זיך אַראָפּגעגליטשט פון ערגעץ און טרעט אָפּ אַ פּאָר טריט פון וואָגן. זי רעדט נישט אויס קיין וואָרט און קוקט ווייך און ציטעריק אין דער ווייטקייט אַריין.

איר שטילקייט שוימט אַראָפּ ביי דוד לייבן דעם אומרו פון זיינע בליקן, ער כאַפּט זיך, אַז ער האָט צו שאַרף אַרויסגעשפּאַרט זיין כעס, פאַרענטפערט ער זיך:

— איר האָט אוודאי געמיינט, אַז איך מאָן עפּעס ביי אייך...

— ניין, ניין. — רעדט אים איין טאמערל מיט דער קלוגשאַפט, וואָס אָטעמט ביי דער פרוי אין דער וואַרעמקייט פון אַ מוטער. — איר מאָנט נישט ביי מיר, און נישט ביי עמיצן אַנדערש, נאָר איר קריגט זיך מיט זיך אַליין.

טוט דוד לייב אַ ציטער: — ער האָט מיט זיינע בליקן אַנטבלויזט זיינע פאַרבאָרגענישן. — ער וויל אָנציִען אויף זיך אַ פרעמדקייט און דערווייטערן זיינע רעיונות פון טאמערלען.

נאָר טאמערל פּרוּווט נאָך עפּעס זאָגן; זי וויל מיט אירע רייד אָפּ־שיינען דעם טאָג וואָס גייט אויף אויף דער וועלט. זי וויל באַשרייבן דעם טוי, וואָס שטראַלט אָפּ זיינע טראָפּנס אויף די גראָזן, די זאַנגען וואָס צייטיקן זיך אויפן פעלד, כדי זי זאָל אויסנעמען ביי דוד לייבן. נאָר זי רעדט פון איר אייגן לעבן, וויזט זי אָן אויף די ווערבעס, וואָס שטייען לעבן טייך:

— איר זעט ווי זיי האָבן אַראָפּגעלאָזן ווייך און צעשפּרייט די צווייגן, דאָס באַהאַלטן זיי די טרערן, מען זאָל נישט זען ווי זיי וויינען אויף זייער ביטערן מזל.

— איר האָט עס אָבער דערזען; מען קען פון אייך נישט פאַרבאָרגן דעם אומעט אונטער די צווייגן, — גיט זיך אונטער דוד לייב. ער בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ און שפּאַרט זיך אָן אין וואָגן.

אין בויד

— איר ווייסט פאַרוואָס? — ווערן שטאַרקער טאַמערלס רייד, און די פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע — ווײַל איך זע אײַער פּנים און קוק מיט אײַערע אויגן.

— שוין לאַנג, לאַנג האָבן רייד נישט געוואַרעמט אים אַזוי נאָענט — ווילט זיך דוד לייבן זאָגן, נאָר זײַן קול זינקט אַראָפּ אין זײַן האַלדז, גיסט זיך איבער אין די פינגער און מיט זײַנע פינגער, זאַפּטיקע, ווייכע, גלעט ער דעם זאַק מיט דער פּאַטשט.

נעמט אָן טאַמערל דעם זאַק פון דעם אַנדערן ברעג און פּרוּווט אים אויפהייבן פון וואָגן:

— איך וועל אײַך העלפן טראָגן.

— ניין, ניין! — שטעלט זיך אײַן דוד לייב, נאָר ער אַמפּערט זיך נישט, גיט נאָך און טראָגט אַראָפּ צוזאַמען מיט טאַמערלען דעם זאַק פּאַטשט אויפן וואָקזאַל.

— אין צווייען איז גרינגער, — פּרוּווט טאַמערל באַלײַכטן מיט איר שמייכל דוד לייבס פּנים, נאָר ער האַלט אײַנגעגראָבן די אויגן אין זאַק פּאַטשט:

— און אַמאָל איז שווערער.

אַזוי איז אויך שווער דוד לייבן צו וואַרטן אויף דער באַן.

די מינוטן, די רגעס רירן זיך נישט פון אָרט און קווילן זיך אַרום אים ווי הויפנס פליגעלעך, וואָס טרעטן נישט אָפּ פון אַ מענטשן פאַרנאַכט אין פעלד. ער וויל זיך אַוועקיאָגן אַהיים און איבערלאָזן טאַמערלען צו־זאַמען מיט דער פּאַטשט אויפן וואָקזאַל.

טאַמערל פאַרהאַלט אים נישט מיט קיין רייד, זי לייגט בלויז איבער די קנייטשן פון איר קלייד, און ציט אויס ווייט דעם בליק אויף די רעלסן.

דוד לייב זעט, ווי טאַמערל העלפט אים מיט איר שווײַגן איבערקומען די צײַט, אַט אַזוי ווי זי האָט אים געהאָלפן אַראָפּנעמען דעם זאַק פּאַטשט פון וואָגן. בייגט ער זיך אײַן, רירט אָן דעם זאַק, ווי ער וואָלט אים גע־וואָלט איבערטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט.

טאַמערל לייגט צו אירע אַ האַנט, פּרוּווט אים העלפן, און שרײַט אויס:

— אָט קומט די באַן!

דוד לייב ווייס נישט ווי אַזוי צו באַדאַנקען טאַמערלען פאַר דער

פרייד, וואָס זי האָט אים אָנגעזאָגט; לאָזט ער זי אָפּגעבן די פּאַטשט פון זשירעווע און צונעמען די פּאַטשט פון דער באַן, און אַז ער זעצט זיך אַריין אין וואָגן, לאָזט ער פריי דאָס אָרט לעבן זיך, זי זאָל זיך קענען זעצן צו־זאַמען מיט אים, פון פאָרנט, לעבן פערד.

טאַמערלען דוכט זיך, אַז ביי דוד לייבן האָט זיך אָפּגעטון דער אומער פון פּנים. זיינע אויגן קוקן פריילעכער, וויל זי אים אַריינברענגען אין אַ שפּאַס און זי דערמאָנט זיך מיט אַ שמייכל:

— איך בין געפאָרן נאָך די רפואות און מיר האָבן גאָר פאַרגעסן זיך אָפּשטעלן אין אַפּטייק.

דוד לייב האָט איינגעהאַלטן דאָס פערד:

— ווען מיר זיך אומקערן צוריק, — און האָט זיך אָנגעהויבן אויס־קירעווען.

— ניין, ניין! — האָט טאַמערל אָנגעכאַפּט די לייצעס: — וועל איך פאָרן נאָך אַמאָל...

— ניין! — האָט דוד לייב שאַרף אויסגערעדט, — איר וועט נישט פאָרן, נאָר איך אַליין וועל ברענגען די רפואות, אָדער זיי וועלן בלייבן שטיין ביים דעם אַפּטייקער.

טאַמערל האָט אַ ציטער געטון און האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן:

— אַז ראָזעלען לאָזן אָפּ די ווייטיקן, וועט איר נישט דערקענען, אַז דאָס קינד איז געווען קראַנק, און זי קען אויסקומען וואָכן לאַנג, חדשים אָן די רפואות. און זי רעדט איין דוד לייבן:

— איר זייט נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, דאַרפט איר פאָרן אַהיים, אָפּרוען.

— איך בין יאָ געשלאָפן ביינאַכט, — ווייס דוד לייב, אַז ער זאָגט דעם אמת, נאָר ער רעדט אויס די ווערטער אַזוי ווי ער וואָלט געשפּילט צעלאָכעס און זאָגט בכיוון פאַרקערט.

טאַמערל פאַרשטייט, אַז דוד לייב זאָגט טאַקע דעם אמת, ער איז געשלאָפן ביינאַכט און גערעדט פון שלאָף, נאָר זיינע רייד שאַרפן זיך איצ־טער אין זיין קול, ווי ער וואָלט אָפּגעמעקט דעם טראָפּן גוטסקייט, וואָס זי האָט פריִער געזען אויף זיין פּנים. איצטער דערווייטערט ער זיך פון איר אַ פרעמדער, אָט אַזוי פרעמד ווי מענטשן האָבן זיך דעם גאַנצן לעבן

אָפּגעקערט פון איר, איידער עס האָט זיך אָנגעוואָרעמט ביי איר זייערער אַ וואָרט.

ציט זי נישט אירע רייד מיט דוד לייבן, נאָר פירט דעם שמועס מיט זיך אַליין וועגן איר גורל. זי מאָנט שאַרף, ווי מען לאָזט אַרויס אַ ביטערע קללה, פאַרוואָס איז איר מזל אַזוי פינצטער.

זי קוקט אויפן פערד, אָט אַזוי ווי דוד לייב האָלט אָנגעשטרענגט די אויגן אין דער ווייטקייט, נאָר זייערע בליקן באַגעגענען זיך נישט, ווי זייערע רעיונות מיידן זיך אויס.

טאַמערלען דוכט זיך, אַז זי ציילט די טריט פון פערד; זי וויל עפּעס אויסרעכענען, דערגיין, און לייגט איבער אַ טאָג נאָך אַ טאָג פון איר לעבן. זי שעמט זיך נישט צו דערציילן עס פאַר דער וועלט און זאָגן עס דוד לייבן. פאַרקערט, זאָל ער זען, און געבן איר צו פאַרשטיין — ער איז אַ קלוגער געלערנטער מענטש — זי אַליין קען עס מיט איר שכל נישט באַנעמען.

...ווען די גאַנצע וועלט האָט אין זשירעווע אָפּגעלאַכט פון איר, האָט ער געקוקט איר אין די אויגן און אויסגעלעקט אירס אַ וואָרט, איידער זי האָט עס אויסגערעדט. זי האָט זיך געגרויסט, איבערגענומען, וואָס אַ פּאַר־בער, אַ בחור — אַ פּאַצעט פון אַ גרויסער שטאָט זאָגט, אַז ער פירט מיט איר אַ ליבע, און זי האָט געמיינט אַז זי רעכנט זיך אָפּ מיט די מיידלעך פון זשירעווע פאַרן רייצן זיך מיט איר באָמען „טאַמאַראַ". זיי וועלן פאַרזעסן ווערן און זי האָט שוין חתונה. אַז זי איז אָבער אַנטלאָפן פון דער היים, האָט ער נישט געוואָלט שטעלן קיין חופה מיט איר. ער האָט געשריען: — זאָל זי זיך שמדן, וועט איר ביים גלח גאָרנישט פעלן, און זי האָט אַפילו נישט געהאַט ביי וועמען צו פרעגן, צי זי איז נישט פאַרגאַנגען אין טראַגן. האָט זי זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים איבער די דערפער איבער די שטעט. זיך געהאַלטן אָן זיינע פּאָלעס, ווי אָן אָפּגע־בראָכענער צווייג הענגט אויף דער קאָרע פון בוים.

זי וויל נישט פאַרגלייכן דוד לייבן מיט שימקען; איר פאָלט גאָרנישט איין אָנצומעסטן שימקעס קאָפּ מיט זיין שכל אויף דוד לייבס אַ נאָגל. נאָר איצטער. אַז זי זיצט דאָ אין וואָגן און זעט ווי דוד לייבס בליקן שפּאַרן זיך צום פערד, קיין שאָטן פון זיי זאָל נישט פאַלן אויף איר, הערט זי ווי

שימקעס יוכע ברומט מיט די קולאַקעס: איך ווייס נישט וועמענס קינדער ס׳זענען דיינע בייסטרוקעס?!

שימקע האָט געוואָלט זי זאָל נעמען געלט ביי אַנדערע מענער, וועט זי קענען אָנטאָן אַ ניי קלייד און נישט דאַרפן מאָנען ביי אים.

פאַרענטפערט זי זיך, אַז זי האָט זיך נישט נאָכגעיאָגט נאָך קיין פאַרגעניגנס; זי האָט בלויז געזוכט דעם שמייכל, וואָס וואַרעמט די פרוי לענגער ווי דער בליק פון דעם מאַנס ערשטער באַגעגעניש.

איצטער איז זי אָבער נישט ווערט מערער, ווי דוד לייב זאָל רחמנות האָבן אויף איר. הייבט זי אויף פּלוצלינג די אויגן, טוט אים אַ קוק אין פּנים אַריין: — מעג איך זיצן דאָ לעבן אים?

— וואָס? — טוט אַ ציטער דוד לייב — צי מעגט איר דאָ זיצן? פאַרקערט. איך טראַכט, צי מעג אַ מענטש אַזוי שווייגן, ווען מען רעדט צו אים.

— ניין, דאָס זענען נישט געווען מיינע רייד, — וועקט דער וויטיק אויף ביי טאַמערלען איר שטאָלץ. — אַז איך טו אַ קוק אַמאָל אויף אייך, דוכט זיך מיר, אַז איך בין אויך אַ מענטש און נאָך אַ מענטש קוקט אויך אַזוי אויף מיר. נאָר איצטער, אַז איך זיץ דאָ לעבן אייך, זע איך, אַז איך בין בלויז דער שאָטן פון דעם חלום וואָס האָט זיך באַוויזן צו אייך ביי־נאַכט אין בויד. — זי וויל דערמאָנען דוניעס נאָמען, וואָס דוד לייבס געבעט האָט איינגעשניטן אין איר זכרון, און אַריינצאַפּן אין אים איר ביטערקייט. זי זיצט אָבער אַ לײדיקע, אַן אויסגעליידיקטע ווי אַן אויס־געדראָשענער זאַנג און איר געדעכעניש איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דוד לייבס אויגן. וויל זי זיך אַרויסגליטשן פון וואָגן ווי דער וועג גייט אײַן אונטער דעם פערדס טריט, און זאָל זי דער ווינט אַוועקטראָגן ווי אַ מעקענע.

בעט זי זיך ביי דוד לייבן: — וואָס בין איך מערער ווערט?

דוד לייב האָט זיך נישט געריכט אויף אַזעלכע רייד; טאַמערל איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן אַן אַנדער מענטש. לעבן אים איז איצטער נישט געזעסן די פרוי, וואָס האָט געקנייטשט די פאַלדן פון איר קלייד ווי זי וואָלט געגלעט איר לייב, נאָר זי האָט געקוקט מיט פאַר־שאָטנטע אויגן, ווי אירע בליקן וואָלטן זיך אויסגעטאָן פון איר בלוט און

פלייש, און ער אַליין האָט געפרעגט פאַרוואָס קומט איר אַזאַ האַרבע שטראָף.

דוד לייב נישט געקענט ענטפערן זיך אַליין און האָט נישט געפונען קיין ווערטער פאַר טאמערלען, האָט ער איינגעהאַלטן דאָס פערד, דער וועג זאָל זיך ציִען לענגער, זי זאָל זען, אַז ער איילט זיך נישט אַוועקגיין פון איר און האָט איר גענומען איינריידן:

— ווער קען דאָס אָפּשאַצן דעם ווערט פון אַ מענטשן; אָט־אַ בין איך געווען אין דער וועלט און איר זייט אויך ארומגעפאָרן איבער דער וועלט. איך בין געקומען אַהיים צו טאַטע־מאַמע און איר זייט געקומען אַהיים צו דער מאַמען. ווער ווייס?...

טאמערל טוט אַ קוק שאַרף דוד לייבן אין פּנים אַריין, לאָזט אים נישט ענדיקן די רייד:

— איך ווייס, איך בין געקומען אַהיים ווייל איך האָב נישט קיין היים. ער האָט מיך געשלאָגן, אָנגעטון חרפּות. אַז ראָזעלע איז געווען קליין האָב איך געטראָגן דעם אומגליק און געשוויגן. איך האָב זיך איינגעשמועסט, אַז ס׳זענען נישטאָ קיין גוטע מענטשן אויף דער וועלט. פאַרוואָס זאָל ער זיין בעסער? אַז ראָזעלע איז געוואָרן עלטער האָב איך נישט געקענט צו־זען דעם צער פון קינד. איינמאָל, אַז ער האָט זיך איינגעגעסן אין מיין לייב, ער מוז מיך אויסטאָן אַ נאַקעטע פאַר אַלעמען פאַר די אויגן. האָט זיך ראָזעלע פאַנאַנדערגעוויינט: מאַמע איך האָב מורא... זי האָט מיר אָנגענומען פאַר דעם קלייד, אַרויסגעשלעפּט אין גאַס און זי האָט נישט געוואָלט צוריק אַריינגיין אין שטוב. האָב איך גענומען די קינדער און אַנטלאָפן צו דער מאַמען, אין דער זעלבער קרעטשמע ווו איך האָב פאַר־קירצט דעם טאַטן די יאָרן... אָבער איר!

— איך, איך... — דוכט זיך דוד לייבן, אַז אָט, אָט דערמאָנט ער דוּנִיעס נאָמען, נאָר טאמערל לאָזט אים נישט ריידן:

— אָבער איר, — גייט זי איין קלענער אין איר קליינקייט און גע־פאַלנקייט, — אייך האָט מען ליב געהאַט, מען האָט געוואַרעמט און גע־גלעט יעדן ריר און קער אייערן. איר האָט איבערגעלאָזן, פאַרלוירן דעם וואָס איר האָט ליב, וואָס איז אייך טייער, נישטאָ מער, אָבער... — ווייל

טאמערל פירן ווייטער דעם פאַרגלייך פון זיך מיט שימקען, אַנטקעגן דוד לייבן מיט זיין...

— ניין, נישט, נישטאָ מער, זי שטייט פאַר מיינע אויגן, — שפּאַרט זיך אַריין דוד לייב אין אירע רייד מיט אַ קול, וואָס טראָגט זיך פון ערגעץ וויט און פרעמד, און גייט אויס מיטן לעצטן טראָפּן פון טאמערלס האָפענונג.

— איך ווייס, איך ווייס, — לאָזט אַראָפּ טאמערל די אויגן און כליפּעט אויס, ווי אַ פאַרשטיקט געוויין:

— זי קומט אין חלום...

— ניין, נישט אין חלום, נאָר אויף דער וואָר, — ווילט זיך דוד לייבן זאָגן נאָך עפּעס, שאַרפער, נאָר ער טעמפּט אָפּ זיין קול און שעפּטשעט אויס שטיל: — איז פאַרנומען די בויד...

די ווערטער חזרן זיך איבער ביי טאמערלען, גייען אויס און גייען אויף ווי אַ קוואַל ציט זיך אַראָפּ פון אַ באַרג איבער די שטיינער. זי גייט אַליין אין אירע רייד, ווי אַראָפּגעפאַלענע בלעטער קנייטשן זיך אונטערן רעגן. זי געפינט נישט פאַר זיך קיין טרייסט און ווייס נישט וואָס צו ענטפערן דוד לייבן. נעמט זי אָן די לייצעס, האַלט איין דאָס פערד, קריכט אַרויס שווער פון וואָגן און שטעלט לאַנגזאַם די טריט, זי זאָל גיין פון הינטן פון דער בויד.

דוד לייב פאַרט פאַמעלעך, וויל אָפּקערן דעם קאָפּ אַ קוק טון אויף טאמערלען, נאָר ער רירט זיך נישט פון אָרט. ער זיצט אַ פאַרשטיינערטער און זעט אפי׳ער פון פערד, ווי טאמערל דערציט פון הינטן, איינע אַליין, די לעצטע טריט צו דער אויסגעשפּרייטער, אָפּגעלאָזענער קרעטשמע.

— אַזוי ליגט זי אויך אין בויד, — טראַכט דוד לייב און ער ווייס נישט צי זי איז וואַך אָדער שלאָפט. אים פאַרדריסט וואָס ער האָט זי געלאָזט אַראָפּגיין פון וואָגן, און נישט צוגעפירט צום הויז. ער זעט, ווי טאמערל האָט אַראָפּגעטראָגן צוזאַמען מיט אים דעם זאַק פּאָטשט פון וואָגן, זי האָט אָפּגעגעבן די פּאַקעטן, צוגענומען די בריוו, און האָט זיך דערפרייט צוזאַמען מיט אים ווען די באַן איז אָנגעקומען. איצטער קען ער נישט פאַרגעסן די ווערטער וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן פון איר אומגליקלעך לעבן, טוט ער אַ ציטער: — אַ מענטש קען נישט זיין קיין שאָטן

אַן זיין בלוט און פלייש, און טאמערל קען נישט ליגן אין בויד ווי דער שאָטן פון... — ווייל ער נישט אַרויפבערעגנגען אויפן זינען דוניעס נאָמען און הייבט אָן יאָגן דאָס פערד, ער זאָל וואָס שנעלער קומען אַהיים.

פאַרנאַכט קלייבט ער זיך אין וועג אַריין מיט געבראָכענע טריט; ס׳נעמט אים לענגער איינצושפּאַנען דאָס פערד; ער לייגט איבער דאָס היי אין בויד, האַלט אַ ווײַלע די בייטש אין האַנט און קוקט אויפן פאַרנאַכט, צי ס׳נעמט נישט אויף קיין רעגן, גלייך ווי ער וואָלט אַרויסגעפאָרן אויף דער ערשטער נסיעה. אים דוכט זיך, ער וואָלט געוועזן צופרידן, ווען דער טאַטע שלאָגט זיך אָן אַליין צו פאָרן מיט דער פאַטשט.

נאָר הירשל וויל זיך נישט אַריינמישן אין זיין זונס פירונגען. אים דוכט זיך, אַז דאָ, ביי טאַטע־מאַמע אין שטוב, האָט דוד לייב אויסגעבויט אַן אייגן וועלטעלע, ווי אַ פּאַלאַץ אויף אַ הויכן באַרג. די בייזע צינגער קענען אַהין נישט צוקומען, זיי זשומען בלויז הינטער די פענצטער ווי פליגן אַרום אַ טאָפּ האָניק. ער זעט ווי זיין דוד לייב שטייט מיט דער בייטש אין האַנט העכער פון די זשירעוווער באַלעבאַטישע בחורים — די ליידיקגייערס — און ער אַליין ווערט ביי זיך שטאָלצער מיט זיין פערד און וואָגן.

ער קוקט זיך איין ווי דוד לייב פאָרט אַרויס נאַכט נאָך נאַכט מיט דער פאַטשט און באַגלייט אים מיט דעם בטחון, אַז די נסיעות וועלן זיך סוף כל סוף אויסלאָזן צום גוטן.

זאָגט ער נישט קיין וואָרט דוד לייבן, ער דערמאָנט אים בלויז, ער זאָל צודעקן די בויד, ס׳קען נאָך זיין אַ רעגן און דערשלינגט שטיל: — ס׳איז שוין צייט צו פאָרן.

יאָגט זיך אַרויס דוד לייב פון הויף, מיידט אויס שנעל די קרעטשמע און טרייבט ווייטער דאָס פערד.

די נאַכט בייגט זיך אַראָפּ אויף די שווערע וואָלקנס, די וועלט וויקלט זיך איין אין פינצטערניש און דער וועג ווערט ענגער. דוד לייבן דוכט זיך, אַז דער וואָגן צאַמט זיך איין שמעלער און זיין זיץ־אָרט שרומפּט זיך איין. שפּרייט ער זיך אויס ברייטער אין וואָגן, ווי ער וואָלט פאַנאַנ־דערגעשפּאַרט די פינצטערקייט און דערמאָנט זיך אַליין:

— וואָס יאָגסטו זיך, דו ביסט דאָך אַרויסגעפאָרן...

ער ווייס אָבער נישט צי ער טראַכט וועגן דוניען, אָדער זי באַווייזט זיך צו אים מיט איר שמייכל אין דער נאַכט. ער האָט מורא טיפער פרעגן, און שרעקט זיך פֿאַר דעם ענטפֿער פון קלאָרן שכל.

און גראַדע דעמאָלט, ווען דוד לייב טוט זיך אַריין אין דמיון, ווי אין אַ דרעמל און די בליקן וויקן זיך אין פינצטערניש, זיינע רעיונות זעצן זיך אָפּ טיף ווי שטראָמען וואַסער ציטערן אויפן אָפּגרונט, און אים דוכט זיך, אַז ער טראַכט גאָרנישט — אָט אין יענע רגעס באַווייזט זיך צו אים דוניע. זי בייגט זיך אַריבער איבער זיין קאָפּ, וועקט אים אויף מיט איר שמייכל און ציט זיך אַריין אין בויד.

און אַז דוד לייב קערט זיך אום אין דער פרי פון דעמאַנאַווע, אים קומט אַנטקעגן דעם טאַטנס שטוב, און ער דערזעט די קרעטשמע, טשוכעט דער אויסגעליכטיקטער טאָג אים אויס פון זיין דרעמל. ער דערמאָנט זיך: — טאַמערל וואַרט אויפן רעצעפּט, וויל אַוודאי פֿאָרן מיט אים צו דעם אַפּטייקער.

ס׳וועקט זיך אויף ביי אים דער פֿאַרדרוס אויף די זשירעווער ייִדן, פֿאַרוואָס זיי׳ האָבן זי אַרומגעפּאַנצערט מיט זייער פרעמדקייט ווי אין אַ שטייג, און ער וויל דערמאָנען דער מאַמען, אַז זי האָט געדאַרפט צוגיין אַהין. טאַמערלס אומעט ציט זיך נאָך נאָך אים ביי אים אין חדר, ווי דער שאָטן פון אירע אַראָפּגעלאָזענע ברעמען. און ער פֿאַרנעמט אירס אַ וואָרט ווי אַ זיפץ פון ווייטיק.

טראַכט ער, אַז ער האָט זיך געדאַרפט אָפּשטעלן לעבן דער קרעטשמע, פֿאַרהאַלטן דאָס פערד בלויז אַ ווײַלע, זאָל זי זען, אַז ער שעמט זיך נישט מיט איר.

— ניין, ער טאָר דאָס נישט טון, — ענטפֿערט ער זיך אַליין מיט דער שאַרפֿקייט פון פרעמדע שטראָף־רייד, — ער קען נישט וויסן ווי ס׳שלאָגט זיך אָפּ אויף דוניען טאַמערלס עלנטער בליק, וואָס זעצט זיך אָפּ אויף זיין פּנים.

— י״א —

טאַמערל האָט בלויז איין מאָל געהערט ווי דוד לייב האָט אַרויסגעדערעדט „דוניע״. זי האָט נישט געוווּסט, צי דאָס איז געווען אין געוויין פון

חלום, אָדער אויף וואָר. זי האָט אָבער געזען, ווי איר פּנים טוט זיך נישט אָפּ פון אים ביינאַכט, ווען ער פאָרט מיט דער פּאָטשט.

איז איר קלאָר געוואָרן, אַז דוניע האָט אים נישט איבערגעלאָזן, זי האָט זיך נישט פאַרליבט אין אַן אַנדערן, נאָר זי איז געשטאָרבן. זי ליגט ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט אויף אַ בית עלמין און דוד לייב איז אַנטלאָפן פון דאָרטן. ער איז געקומען אַהיים און פאָרט ביינאַכט מיט דער פּאָטשט, ער זאָל קענען אין דער פינצטער זיין אַליין מיט זיין צער און טראַכטן וועגן איר.

זי האָט איבערגעחזרט דוניעס נאָמען און אויסגעפורעמט איר געשטאַלט, ווי דער זכרון וועקט אויף אַ ווייטיק. זי האָט געזען פאַר זיך אַ פרוי וואָס איז שענער פון איר, יינגער פון איר און קלוגער פון איר. איר איז פון זינען נישט אַרויס: — ווי אַזוי קען זי זיך פאַרגלייכן מיט איר? ווי אַזוי קען איר גאָר איינפאַלן צו טראַכטן, אַז דוד לייב זאָל פאַרבייטן דוניען אויף טאמערלען, וואָס האָט זיך אויסגעוואַלגערט אויף פרעמדע געלעגערס, אַן איינגעבעטענע, און איז געבליבן ליגן אַן איבעריקע, אַ פאַרגעסענע אויף דעם צוקאָפּנס פון דעם אייגענעם קולאַק, ווי אויף אַ צוגעוואָרפענעם ביין.

פאַר דער צייט אָבער, וואָס טאמערל איז אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט און אירע אויגן האָבן געציטערט אונטערן בליק פון אַ מאַנסביל, ווי די בלעטער פון אַ צווייג אונטער די טראָפּנס רעגן; פאַר דער צייט וואָס זי האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך שימקען און געהערט ווי ער האָט געשריען: — איך בין דיין מאַן? אַפילו נישט קיין ליובאָווניק! — און האָט אויך געזען ווי ער האָט זיך געבויגן אונטער איר גנאָד, ווייכער פון איר אָטעם, אָט אין די יאָרן פון איר לעבן, האָט זי געלערנט צו פאַרשטיין די נאַטור פון דעם מענטשן און אויסגעטראַכט איר אייגענעם וועג ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט אַ מאַן.

זי האָט זיך נישט פאַרמאָסטן מיטן כּוח פון מאַן, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז די פרוי וואַרט אויף זיין גבורה, און דער קלאַפּ פון אַ מאַן, דער קולאַק פון שימקען איז זיסער ווי אַ קוש פון אַ מאַמען.

זי האָט זיך נישט איבערגענומען מיט איר שכל, כאָטש זי האָט געטראַכט, אַז זי איז אַזוי קלוג ווי אַ מאַן, און אפשר קליגער פון אַ סך

מענער. זי האָט אָבער געזען, אַז דער מאַן טראָגט זיין שכל אין קאָפּ, אַ קאַלטן, אַ קלאָרן, די פרוי וואַרעמט איר קלוגשאַפט אין האַרצן אונטער די בריסט, און גלייך ווי די פרוי דערנענטערט צו דעם מאַן, צעגייט איר שכל ביי אים אין די הענט.

האָט זי געטראָגן דעם אומעט, וואָס פאַרנעפּלט אירע באַגערן, ווי אַ שאָטן אויפן פּנים, און מיט דעם ציטער, וואָס דער מאַן האָט זי געשראָקן, האָט זי געררייצט זיינע באַגערן.

און דאָ אויפן הויף פון דער צעשפּרייטער, אָפּגעלאָזענער קרעטשמע, לעבן דער אַלטער מאַמען, האָט זי דערזען איר יונגקייט, ליכטיקער ווי די ליידן פון אירע וואַנדערונגען איבער דער וועלט.

זי האָט געעפנט ברייט אירע אויגן, און ערגעץ, פון דער וויטקייט, האָט זיך אַראָפּגעבויגן אַ קול ווי אַ זון־שטראָל ציט זיך אויס אויפן שאָטן פון דעם איינגעפאַלענעם דאַך: — דיין בליק שלינגט איין דיין גאַנצן פּנים און ס׳בלייבט נאָך אַלץ איבער עפּעס אין מיינע הענט.

— אַ ניכפּע אויף דיר, אַז דו לאָזט אַראָפּ דיינע אויגן, פאַל איך צו אויף דער ערד צו דיינע פיס.

איז זי געוואָרן שטאָלצער און זיכערער ביי זיך. זי האָט זיך איבער־געטאָן עטלעכע מאָל אַ טאָג; בייטאָג האָט זי אָנגעטאָן אַ לאַנגע שוואַרצע קלייד, איינגעצויגן אויפן קערפּער ווי די הויט אויפן לייב, און פאַרנאַכט האָט זי זיך אַרומגעשלייערט מיטן ווייכן טוך און צעשפּרייטער צעלאָזענער קלייד, גלייך ווי זי וואָלט זיך איינגעוויקלט אין די שאָטנס וואָס דער אָוונט ציט אַראָפּ פון די צווייגן.

זי איז נישט אַרויסגעגאַנגען אויפן וועג אָפּוואַרטן די בויד, נאָר זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים טויער, מיט אַ טראָט אינעווייניק אין הויף, נישט ביים אַרויסגאַנג ווי זי וואָלט אַנגעקומען פון ערגעץ, און האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע.

אַז ס׳איז אָבער אַוועק איין אָוונט און נאָך אַן אָוונט, און דוד לייב האָט זי נישט געזוכט מיט זיינע בליקן אויפן הויף, ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט לעבן דער קרעטשמע, פאַרקערט, ער האָט גאָר אַ יאָג געטון דאָס פערד, ער זאָל שנעלער אַוועקפאָרן, — איז טאַמערל אַראָפּגעפאַלן

ביי זיך מיט דער זעלבער געפּאַלנקייט, וואָס האָט זי דערנידעריקט ווען זי האָט דערזען די בייזע יוכע ביי שימקען אין די פּויסטן.

ס'האָבן איר אָנגעהויבן מאַטערן אירע געדאַנקען: — דוד לייב איז אַן אַנדערער. ער איז אַנדערש ווי יענע מענער, וואָס באַווייזן דער פרוי אַ שמייכל בלויז דעמאָלט, ווען זיי זוכן ביי איר זייער פאַרגעניגן. מיט זיינע בליקן טוט ער נישט אויס די פרוי נאַקעט, נאָר ער קוקט אַריין אין איר נאַטור און שאַצט זי אָפּ נאָך איר ווערט, טאָ מיט וואָס קען זי אויסנעמען ביי אים? זי קען קוים אָנשרייבן דריי שורות פון אַ בריוו, אַ בוך וואַרפט אָן אויף איר אַן אומעט ווי אַ שטיקל טרוקן ברויט אויף אַ ליידיקן טיש ביי אַן אָרעמאַן אין הויז, און ער האָט געלערנט אין ישיבות, געגאַנגען אין אוניווערסיטעט, קען זיין אַ דאָקטער און שעמט זיך נישט צו ווערן אַ בעל־עגלה.

דוד לייב טרעט אָבער נישט אָפּ פון טאַמערלען; ער שטייט פאַר איר אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער, העכער פון שימקען, מיט פולע ליפּן, קאַרשנדיקע אויגן, מיט אַ קול וואָס ציט צו זיך צו מיט די ווערטער, נענטער ווי מיט די הענט. זעט זי אין אירע האָפענונגען ווי זי ציטערט אין זיינע אָרעמס און זי רעדט זיך איין: „ווי ווייט אַ מאַן זאָל נישט אויסמיידן די באַגערן, וואָס באַטויען די אויגן פון אַ פרוי, וועט ער אָבער נישט קענען אָפּטון פון זיך איר אומרו, וואָס שלאָגט זיך אָפּ אויף אים. אמת, זי טאָר זיך נישט פאַרגלייכן מיט דוניען און קען נישט מעסטן דוד לייבן מיט שימקען. דוניע האָט אָבער געוועקט ביי דוד לייבן דעם ציטער אָט אַזוי ווי זי האָט געפּענטעט מיט איר אָטעם שימקעס פּיס, ווען ער איז געפאַלן צו אירע טריט. דוניע איז שוין געשטאָרבן, שוין נישטאָ מער, וועט זי אָנצינען אויף זיך דוניעס שאָטן און דערנענטערן זיך צו אים מיט איר ציטער אין דעם חלום, וואָס פאַרוואָלקנט זיינע אויגן אין בויד.

האָט טאַמערל נישט געוואַרט מער ביים טויער, דוד לייב זאָל זיך אָפּשטעלן לעבן דער קרעטשמע, נאָר זי האָט אָנגעטאָן אירע קליידער, וואָס זי האָט געטראָגן פאַרנאַכט, האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך איר הכנעה, נידעריקער פון איר געפּאַלנקייט, און איז אַוועק צופוס קיין דעמאַנאַווע, דוד לייב זאָל זי אָניאָגן אויפן וועג.

זי איז אַרויס פון הויז איידער דער פאַרנאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן

אויף די פעלדער, זי זאָל אָפּגיין אַ לענגערן וועג, און דוד לייב זאָל זי אָנ־יאָגן ווייטער פון דער קרעטשמע. זי איז געגאַנגען ביים זייט פון וועג, געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, זיך געשטאַרקט מיט די רייד, וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר דוד לייבן:

— איך גיי נאָכן רעצעפּט, — און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די ווערטער ווי אויף אַ באַגלייטער.

אַז דער פאַרנאַכט האָט זיך אָבער אַראָפּגעלאָזט נידעריקער פון די בערג און די נאַכט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף איר שטילקייט, דער וועג האָט אָנגעהויבן איינזינקען ווייטער פון די טריט און אין די אויגן איז געוואָרן טונקעלער פון דער פינצטערניש, האָבן דיביימער אָנגעוואָרפן אויף טאַמערלען אַ פּחד מיט זייערע צווייגן, און זי האָט פאַרגעסן די רייד וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר דוד לייבן. זי האָט זיך געעקבערט מיטן שרעק, אַז דוד לייב איז שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן און זי איז געבליבן איינע אַליין אויפן וועג. זי האָט אים טאָקע נישט געזען, ער האָט זי אָבער נישט גע־וואָלט זען, און האָט זי אויסגעמיטן. האָבן זיך אירע טריט געוואַקלט שווער, און אַזוי שווער האָבן זיך אָפּגעזעצט אירע רעיונות: — צו וואָס זאָל זי גיין ווייטער?

די פינצטערקייט איז איר געקראָכן אַנטקעגן און איינגעשלונגען יעדן טראָט וואָס זי האָט געוואָלט אַוועקשטעלן, דער קאָפּ האָט זיך אַראָפּגע־בויגן אָפּריִער פון איר און אַראָפּגעצויגן דעם גוף אויפן מיטן וועג. זי האָט נישט געקענט גיין ווייטער און איר איז געווען שווער זיך אומצוקערן צוריק. האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן וועג, זיך אויסגעשטרעקט אין איר גאַנצער הויך, און האָט זיך איינגעשפּאַרט ווי דער שטאַם פון אַ בוים. אירע אָפּגעשוואַכטע כוחות האָבן זי אָבער געוויגט ווי אַ שאָטן פון די שפּיץ־צווייגן.

און אין דער זעלבער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך דוד לייב געצויגן אין זיין בויד קיין דעמאַנאָווע.

ער איז געזעסן אויפן געזעס ווייך, נאָכגיביק און האָט זיך אַראָפּ־געוויגט אין דער פינצטערקייט. זיינע בליקן זענען געוואָקסן הויך, העכער פון אים, און האָבן געציטערט אויפן הימל אין די פליגלען פון די אַראָפּ־געריסענע וואָלקנס. ער האָט געזוכט אין דער נאַכט דוניעס שמייכל און

אין בויד

ער האָט נישט געוווסט, צי אַ בליץ שניידט זיך דורך אין די וואָלקנס, אָדער ס'באַווייזט זיך אירער אַ בליק. ציטערט ער צו קוקן ווייטער פון זיך און האָט מורא טראַכטן מיטן שכל, אַט אַזוי ווי מען האַלט איין דעם אָטעם ער זאָל נישט אויסלעשן דעם לעצטן פונק.

נאָר אָט קנוילט זיך אויס אין נעפל אַ געשטאַלט און די אויגן שוועבן אַפריער. דוניעס שמייכל בייגט זיך אַראָפּ: — דוד לייב... — שפּרייט דוד לייב אויס זיינע הענט: — נען נענטער, דערוויטער זיך נישט...

— ניין, איך דערווייטער זיך נישט, איך קום צו דיר, — אָטעמט אויס טאַמערל איר שרעק און באַגער. זי נעמט אַרום דוד לייבס הענט אַרום זיך, גלעט זיינע האָר, בייגט אַראָפּ אירע פינגער אויף זיין האַלדז און בעט זיך: — איך קום צו דיר...

דוד לייב זעט טאַמערלען ווייט־ווייט פון זיך אויפן הויף אונטערן בוים און אַנט זי לעבן זיך, ווי דעם נעפל, ווי די פינצטערקייט. נאָר זיין אָטעם ציטערט אין דוניעס שמייכל:

— נען נענטער...

ביי טאַמערלען בעטן זיך אויס ווייך די רייד אין אירע האָפענונגען:

— דוניע האָט מיך געטראָגן איבער דער פינצטערניש פון דער נאַכט און האָט מיך אַראָפּגעלאָזן דאָ אין בויד.

דוד לייב באַנעמט נישט די רייד, נאָר איר קול קוועלט אַרויס פון זיין לייב און טונקט זיך אין זיינע שפּיץ־פינגער. זי טוליעט זיך צו אים ווייך נאָכגעביק ווי גראָז לייגט זיך אָפּ אונטער דעם שנייד־מעסער אויף דער לאָנקע. ער ציט זיך אין בויד, זיין קאָפּ בייגט זיך אַראָפּ אין ווייכע הענט, ווי אַן אָפּגעהאַקטער בוים בעט זיך אויס אין זיינע אַראָפּגעלאָזענע צעשפּרייטע צווייגן.

— —

אַז דאָס פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דעמאַנאַווע ביים וואָקזאַל איז דער פאַרטאָג נאָך געווען פאַרצויגן מיט דער גרויקייט פון דער מאָרגן־שטערן־צייט, און אַזוי פאַרנעפּלט זענען אויך געווען ביי דוד לייבן די אויגן. ער האָט נישט געוואָלט אויסלייטערן זיינע בליקן, ווי ער וואָלט געצי־טערט אַ קוק טון אויף טאַמערלס פּנים, און האָט זיך געשראָקן דערזען די ליכטיקע וועלט. ער איז געזעסן אַנגעשפּאַרט אין דער בויד, איינגע־

קאָרטשעט אין זיך אַליין און זיין קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעבויגן אויף אים שווער, שווערער פון זיין גוף. זיינע געדאַנקען זענען געקראָכן פון דער טיפעניש, פויל און צעצויגן, ווי פון אַ טיפן שלאָף, און האָבן אויסגעשניטן איינציקע ווערטער:

— ער האָט געזען דוניען און אַרומגענומען טאמערלען.

— דוניע האָט זיך באַוויזן צו אים.

— ניין, ער דאַרף זיך נישט אָפּנאַרן, — טאמערלס אָטעם איז נאָך נישט אָפּגעגאַנגען פון זיין לייב.

ער ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן זיך אַליין, און געפינט נישט קיין וואָרט פאַר טאמערלען. ער קען זיך אָבער נישט רירן פון אָרט; זיינע פיס זינקען אַראָפּ אין דער טיפעניש, זיינע הענט ליגן ערגעץ, ווייטע, פרעמדע, און ער קען מיט זיי נישט אָנרירן טאמערלען, זי זאָל זען, אַז דאָס פייניקט ער זיך אַליין, און ער וויל זי נישט בייסן מיט זיין צער.

טאמערל האָט אויפגעעפנט אירע אויגן מיט דער פרייד פון פאַרטאָג און אירע רייד האָבן אָנגעהויבן קלינגען אין אירע אויערן איידער זי האָט זיי נאָך אויסגערעדט.

אַז זי האָט אָבער דערזען ווי דוד לייב זיצט אַ פאַראומערטער, איינגעקאָרטשעט אין זיך אַליין, האָבן זיך אירע ווערטער אויסגעטריקנט און זי האָט זיך אַריינגערוקט טיפער אין בויד. אויף איר איז אָנגעפאַלן אַ שרעק מיט דעם פחד, וואָס מענער האָבן אויף איר אָנגעוואָרפן אין זייער בייזקייט.

— דאָס איז דאָך דוד לייב, — האָט זי דערפילט זיין צאַרטקייט און האָט זיך פאַרשעמט פאַר אירע געדאַנקען. האָט זי זיך איינגעקוקט אויפן זאַק פּאַטשט און געוואַרט ער זאָל אים אַראָפּנעמען פון וואָגן, ווען זי קענען זאָגן, אַז זי וויל אים העלפן.

— רירט זיך נישט צו, — האָבן זיך די רגעס געצויגן שווערער ווי די מינוטן, וואָס זי האָט אויסגעקוקט אויף דוד לייבן אין קרעטשמע אויפן הויף.

זי האָט עס אָבער נישט דערמאָנט דוד לייבן און האָט זיך געבעטן אין טיפן רחמנות; צוגעזאָגט שטיל פאַרבאָרגן אין זיך: — איך וויל נישט

פאַרנעמען דוניעס אָרט, איך קען נישט, איך טאָר נישט, איך וויל בלויז זיין איר שאָטן.

נאָר דוד לייב האָט נישט אָפּגעקערט זיין בליק צו איר און האָט זיך נישט צוגערירט צו דער פּאַטשט.

דער באַן־וועכטער האָט אָבער דערזען דעם הירשלס פערד לעבן וואָקזאַל און האָט זיך פאַרוואונדערט וואָס קיינער גייט נישט אַראָפּ פון וואָגן. איז ער צוגעגאַנגען צו דער בויד, אַריינגעקוקט אינעווייניק און האָט באַהאַלטן זיין שמייכל.

— זיך אויסגעקליבן אַ ווייבעלע אויף ביינאַכט...

אים איז קלאָר געוואָרן פאַרוואָס דוד לייב דרעמלט נאָך, האָט ער אָנגענומען דעם זאַק מיט דער פּאַטשט:

— קום איך וועל דיר העלפן אַראָפּטראָגן, יאָ פאַרמאַטערט, די באַן קומט באַלד אָן.

דוד לייב האָט זיך נאָכגעצויגן נאָך דעם ראָג פון זאַק און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער טראָגט נישט די פּאַטשט, נאָר ער האַלט זיך אַליין, זיינע אברים זאָלן זיך נישט צעפאַלן און איינזינקען דאָ, אויף דער ערד, אונטער זיינע טריט.

אַז די באַן איז אָנגעקומען מיטן טומל, געשריי און יאָגעניש, האָבן זיך אַ וויג געטון ביי דוד לייבן די רעיונות און איינציקע געדאַנקען זענען אים געקומען אויפן זינען, ווי זיי וואָלטן זיך אַליין געהיט זיי זאָלן זיך נישט צעטומלען:

— טאַמערל איז אַרויס אויפן וועג פון גרויס עלנט און אומעט, און אפשר טאַקע צו באַגעגענען אים. זי ווייס, אַז ער איז דער איינציקער מענטש אין זשירעווע, וואָס פאַרשטויסט זי נישט פון זיך מיט זיין פרעמד־קייט. און פאַרוואָס זאָל מען זי פאַרשטויסן? ער האָט זיך אָבער נישט גע־טאָרט דערנענטערן צו איר. — דערפילט ער שווערער זיין שולד. אים מאַטערן דוניעס זעאונגען און ער וויל זיך אויסקויפן פון טאַמערלען פאַר זיין פרעמדקייט, וואָס ער האָט אָנגעפאַנצערט אויף זיך פאַרטאָג אין בויד. ער קוקט זיך איין אויףביידן, גלייך ווי די נאַכט וואָלט אויסגעגאָסן אין בויד פון צוויי געשטאַלטן, איין מענטש, פאַר וועמען ער דאַרף זיך פאַר־ענטפערן.

טראָגט ער די פּאַטשט צום וואָגן און זוכט אַ וואָרט פאַר טאַמערלען, זי זאָל זען, אַז ער מאָנט ביי זיך: דעם חשבון פירט ער מיט זיך אַליין, און נישט מיט איר. ער וויל איר זאָגן, אַז אויף זיין פּנים איז נישט גע־לעגן דער בליק, וואָס האָט איר געוואָלט פאַרשעמען, נאָר זיין אייגענער פיין און צער האָט זיך נישט אָפּגעטון פון אים.

אַז טאַמערל האָט דערזען ווי דוד לייב טראָגט גרינג דעם זאַק מיט דער פּאַטשט און איילט זיך צו דער בויד, האָט ביי איר אַרויסגעשפּאַרט די פרייד, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַרשלאָסן אונטער איר איינגענורעטן פּנים.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון בויד און געעפנט ווייט און ברייט די אויגן, ווי זי וואָלט אַרויסגעשיקט איר שמייכל אַפריער פון זיך צו באַגע־גענען דוד לייבן. זי איז אָבער נישט אַראָפּ פון וואָגן; זי האָט זיך בלויז אָנגעבויגן, אָנגעכאַפּט מיט די הענט דעם זאַק, געהאָלפן אים אַוועקלייגן אין בויד, און האָט זיך אַליין אַוועקגעזעצט פון פאָרנט לעבן פערד.

זי האָט גענומען די לייצעס אין האַנט, אַ קוק געטון אויף דוד לייבן, און געוואָרט ער זאָל זיך אַוועקזעצן לעבן איר, ווי מען פאַרבעט אַ גאַסט צו זיך אין הויז אַריין.

טאַמערלס פרייד האָט אַ שפּאַר געטון דוד לייבן אין פּנים מיט אַזאַ רחבות, אַז אים איז ענג געוואָרן דאָס אָרט אין וואָגן. איז ער געבליבן שטיין אַ ווײַלע לעבן בויד, באַהאַלטן זיין בליק פון טאַמערלען, זי זאָל נישט זען דעם אומעט וואָס האָט זיך פאַרצויגן אויף זיין פּנים. ער האָט געזוכט די רייד, וואָס ער האָט געטראָגן צוזאַמען מיט דער פּאַטשט, נאָר זיי זענען אויסגעטריקנט געוואָרן, גלייך ווי טאַמערל וואָלט זיי פאַרדאַרבן מיטן אָנריר פון זאַק.

— וואָס האָט ער צו איר? — האָט ער געמאָנט ביי זיך און האָט אַרויסגעזויגן פון זיין שטילקייט — ניין, איך וועל אויסקירעווען דאָס פערד.

ער האָט צוגענומען ביי טאַמערלען די לייצעס און האָט זיך אַוועק־געזעצט לעבן איר, פון פאָרנט, אין וואָגן.

טאַמערל האָט געוואָרעמט דוד לייבס אָנריר, גלייך ווי ביי איר אויפן האַנט, וואָלט זיך אָפּגעזעצט דער גלעט פון די פינגער וואָס האָבן צוגענומען די לייצעס. זי האָט געוואָרט אויף נאָך אַ וואָרט פון דוד לייבן, נאָר ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, געקוקט אויף דעם וועג, וואָס גייט

איין אונטער די אויגן, גלייך ווי ער וואָלט געטראָטן צוזאַמען מיטן פערד און געשלעפּט דעם וואָגן.

האָט זי זיך צוגערוקט נענטער צו דוד לייבן, אָפּגעשפּיליעט די בלוזקע לעבן האַלדז און האָט אָנגעהויבן אויסגלעטן די האָר פון הינטן, אונטערן פּאַטיליצע. זי האָט אויפגעהויבן דעם צעלאָזענעם צאָפּ אויפן קאָפּ און אַראָפּגעלאָזן אים אויף דער פּלייצע, און האָט אַ שמייכל געטון:

— מען דאַרף זיך פאַרקאַמען.

— דעקט אויף איר נאַקעטקייט — האָט זיך פאַר דוד לייבן אויפגעעפנט אויפן וועג, ברייט און ווייט, די בויד, און נישט אָפּגעטראָטן פון זיינע אויגן. האָט ער פאַרצויגן זיינע רעיונות מיט אַ שמייכל: — און איך דאַרף...

טאַמערלען האָט זיך געדוכט, אַז דוד לייב דערנענטערט זיך צו איר מיט דער נאַענטקייט וואָס ציטערט נאָך אויף איר לייב, האָט זי זיך אויסגעשיילט פון די רייד וואָס זי האָט זיך פריִער אַרומגעפּאַנצערט, ווען זי האָט געטראַכט וועגן דוד לייבן, און האָט אַ געגעץ געטון:

— און איך וואָלט איצטער אָפּגעקאָכט אַ וואַרמעס, אַ פּעטן אַ געשמאַקן, מיר זאָלן ביידע צוזאַמען עסן.

דוד לייבן האָט זיך געדוכט, אַז אין די רייד הערט ער דעם ריח פון טעם וואָס רינט אַראָפּ ביי טאַמערלען פון די ליפּן, האָט ער אָפּגעקערט זיין פּנים, ער זאָל נישט זען אירע בליקן, וואָס שפּאַרן זיך צו אים אָפּענע און שינדן אַראָפּ די פאַרנעפּלטקייט וואָס ער פאַרציט אויף זיינע רעיונות.

— קיין ווונק נישט פון יענער, וואָס איז אַרויסגעשווומען אויפן וועג פון דער נאַכט, — האָט ער עפּעס געזוכט אין טאַמערלס באַנעמונג; ער האָט געוואָלט פאַרשאָטענען אירע בליקן, ווי מען וויל אַמאָל נישט קוקן מיט אָפּענע אויגן, און ער האָט אָנגעהויבן איינציקווייז פאַרשפּיליען די קנעפּלעך פון זיין רעקל. אַזוי האָט ער אויך איינציקווייז אויסגעשעפּטשעט זיינע רייד:

— אַמאָל דאַרף מען פאַרשלייערן אַפילו דאָס, וואָס ס׳דוכט זיך, אַז מען קען נישט באַהאַלטן.

טאַמערל האָט זיך פאַרחידושט, ווי זי וואָלט דערהערט פרעמדע רייד

פון אַ ווייטן מענטשן. זי איז אָבער נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך און געפונען אַ וואָרט צו ענטפערן:

— וועל איך אָנטאָן אַן אַנדער קלייד, זיך אַנדערש אָנטאָן.

זי האָט זיך איבערגעזעצט, זיך אָפּגערוקט פון דוד לייבן און האָט זיך צוגערוקט צו אים. זי האָט אָנגערירט די לייצעס, געוואָלט זיי זאָלן אַרויספאַלן פון דוד לייבס הענט, זי זאָל זיי קענען אויפהייבן און אָפּגעבן אים. נאָר דוד לייב איז געזעסן אָנגעשטרענגט מיטן בליק אויפן פערד און געהאַלטן שטייף די לייצעס אין די הענט, ווי ער וואָלט אויסגעשמידט פאַר זיך אַליין זיין באַזונדערן וועג.

טאמערל האָט אָבער נישט געקענט איינרוען, האָט זי זיך נאָך אַמאָל איבערגעזעצט און האָט אויסגעלייגט די הענט אויף זיך. זי האָט זיי געפירט פון האַרץ ביז די קני און באַוויזן דוד לייבן, ער זאָל זען ווי ס׳וועט ליגן אויף איר דאָס קלייד, וואָס זי וועט אָנטאָן ביינאַכט.

— דאָס פּאַסט זי אָן אויף זיך דוניען, — האָט דוד לייב רויק, געלאָסן געקוקט אויף טאמערלען: ער האָט געמיינט, אַז אַזוי רויק און געלאָסן וועט ער דאָ פאַרשטיינערט ווערן אין וואָגן און פון אים וועט גאָרנישט איבערבלייבן, ווי ס׳איז גאָרנישט איבערגעבליבן פון דוניעס געשטאַלט דאָ אין בויד. נאָר פּלוצלינג האָט ער אַרויסגעשריען זיין ווייטיק:

— און אויף וועמען האָב איך אויסגעביטן דוניען!

— ניין, ניין! — איז באַפאַלן אַ פּחד טאמערלען און זי האָט זיך אָנגעהויבן בעטן — איך בין נאָר אַ שאָטן, ניין, נישט קיין שאָטן, נאָר גאָרנישט...

דוד לייב האָט אָבער נישט פאַרנומען אירע רייד. ער האָט נישט געענטפערט טאמערלען, נאָר זיך אַליין האָט ער געעקבערט: — יאָ פון דוניעס שאָטן, פון איר שמייכל, האָט ער מיט די אייגענע הענט אויסגעקנאָטן די אָפּגעדעקטע אַקסלען, וואָס אַנטבלויזן די אָפענע בליקן, נאַקעטער פון איר לייב.

ער האָט געיאָגט דאָס פערד, ווי ער אַליין וואָלט געשפּרונגען אַפּרי׳ער פון דער באַשעפעניש, און שפּעטער, אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער נישט געדענקט, צי ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער קרעטשמע, אָדער טאמערל איז אַרויסגעשפּרונגען פון וואָגן אויפן מיטן וועג.

אין די אויערן האָט אים געקלונגען ווי אַ געבעט: „איך האָב מורא, לאָזט מיך אַראָפּ“. נאָר ער האָט נישט געפונען ביי זיך קיין רחמנות פאַרן קול, ווי ער האָט נישט געזוכט קיין איינזעעניש פאַר זיך אַליין. ער האָט אַראָפּגעשלאָגן אויף זיך די אייגענע רייד, ווי אַ האַק פאַלט אויף אַ שטאַם פון אַ בוים: — ער האָט נאָך אַמאָל באַגראָבן דוניען און אַליין מיט די אייגענע הענט אויסגעגראָבן איר קבר, טאָ צו וואָס זאָל ער פאָרן אין בויד מיט דער פּאַטשט און ווידער פאַרשעמען דעם קבר?

אים איז אָבער שווער געווען אַרויסגיין פון וואָגן, גלייך ווי ער וואָלט זיך געדאַרפט אָפּשיידן פון דוניעס בליק. איז ער געבליבן זיצן לעבן פערד, אַ שווערער, איבערגעלאָדן מיט זיין אייגן לייב. ער האָט איבערגעקליבן די היי אין וואָגן, געוואָרעמט די בייטש אין האַנט און געפרווט קוקן אין דער ווייטקייט אַריין, נאָר די גאַנצע וועלט האָט זיך דערנענטערט צו אים ווי אַ פינצטערניש. האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— יב —

אַז הירשל האָט געזען ווי דוד לייב איז געקומען צופאָרן פון דעמאָ־נאָווע און גייט נישט אַראָפּ פון וואָגן, איז ער אַרויסגעלאָפן צום זון, און פון צעטראָגנקייט קוים אויסגערעדט:

— וואָס איז?

דעם טאַטנס שרעק האָט אויפגעעפנט דוד לייבס רייד:

— טאַטע, שפּאַן אויס דאָס פערד.

— וואָס האָט געטראָפן? — האָט הירשל געוואָלט עפּעס מערער דער־גיין ביי דעם זון.

— גאָרנישט, גאָרנישט. — האָט דוד לייב געוואָלט באַרויקן דעם טאַטן. — איך בין אויסגעמאַטערט, איך האָב נישט קיין כוח.

האָט הירשל נישט גענומען אויסשפּאַנען דאָס פערד, נאָר געהאָלפן דוד לייבן אַריינגיין אין שטוב.

דוד לייב האָט זיך געלאָזט פירן פון טאַטן, איז געגאַנגען מיט שווערע מידע טריט און האָט זיך געבעטן:

— איך טאָר מער נישט פאָרן אין בויד, נעם צו ביי מיר די בייטש.

ער איז אַריין צו זיך אין חדר און האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין געלעגער ווי ער וואָלט איינגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

הירשל האָט נישט געפּרווט אַריינצוזען זיין זון אין רייד, נאָר זיך דערווייטערט פון אים, ווי מען טרעט אָפּ פון אַ חולה און האָט זיך איינגעקוקט אין זיין בייטש, וואָס ער האָט נאָך געהאַלטן אין האַנט: — אָט דאָס איז אים געבליבן פון דעם באַדאַכטן זיך... פריער האָט ער געטראַכט, אַז דוד לייב וועט זיך באַדאַכטן און זיך אויפהערן שפּילן מיט פערד און בויד. איצטער האָט שוין זיין זון אויפגעהערט פאָרן מיט דער פּאַטשט און ער קען אַפילו נישט זאָגן דער ווייב, אַז ער, דער טאַטע, האָט נישט געמאַכט קיין טעות... אַ מכה מוז מען זיך לאָזן אויסשטיין. פאַרקערט, ער דאַרף זי גאָר איינשטילן, זי זאָל נישט אומערן: — ער גייט דאָך אין אונטער די הענט.

הירשל אַליין זעט אויך, אַז טאָמער באַווייזט זיך דוד לייב אויף אַ רגע אין טיר פון זיין חדר, קוקט ער זיך איין ווי אַ פרעמדער, מיט מער טרויער, ווי דעם ערשטן טאָג, ווען ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון הויז. צופּט ער זיין קורץ בערדל און באַהאַלט זיין צער: — ניין, ס'געפעלט מיר נישט...

— ער ווייס, אַז ער שווייגט, רעדט נישט אויס קיין וואָרט און היט די מאַמע זאָל גאָרנישט זאָגן, נאָר זיינע געדאַנקען ברעכן זיך איבער ווי טרוקענע שפּענער טרעסטשען אויפן פייער און שלאָגן זיך אָפּ אין שטוב רעשיקער פון אַ געשריי.

גייט ער אַרויס אין דרויסן, קוקט אַרום די בויד, צי מען דאַרף נישט עפּעס פאַרריכטן אין וואָגן און וויל דערגיין פאַרוואָס האָט זיך פריער דוד לייב געיאָגט פאָרן מיט דער פּאַטשט און אָט פלוצלינג האָט ער אַרויסגעלאָזן די בייטש פון האַנט ווי אַ פאַרחלשטער.

ער קען אָבער נישט פאַרשטיין זיינע אויפפירונגען: — אָט רעדט ער צו אים ווי אַ בר דעת, קלוגער פון טאַטן, און וועגן זיין געלערנטקייט איז דאָך נישטאָ וואָס צו ריידן — ווער קען זיך פאַרגלייכן מיט אים, און אָט פלוצלינג ליידיקט ער זיך אויס ווי אַן אויסגעשאָטענער זאַק. ס'בלייבט פון אים גאָרנישט איבער און די ווערטער וואַלגערן זיך ווי צעוואָרפענע קאַרטאָפל — ער קוקט אויפן זונס פּנים, פאַרשט, וויל עפּעס דערגיין, נאָר

ער זעט נישט אַ טראָט ווייטער, ווי אין אַ פינצטערער נאַכט, ווען ער פאָרט מיט דער פאָטשט קיין דעמאַנאַווע.

און אין דער זאָרג וועגן דעם זון האָט הירשל דערזען זיין אייגענעם לעבן: — וואָס ווערטן פון זיינע רייד, וואָס קומען אויף ביי אים, ביינאַכט אויפן וועג קיין דעמאַנאַווע; ביי אים גייען זיי אויף מיט דער ליכטיקייט פון דער לבנה און גראָבן אויס די סודות פון דער נאַכט. אַז ער רעדט זיי אָבער איבער פאַר די זשירעווער ייִדן, זעט ער, ווי די ווערטער וואַלגערן זיך ביי זיי אונטער די פיס און ער ווערט אַנטשוויגן.

— זיי מיינען, אַז ער האָט דערזען די אייגענע נאַרישקייט און זיי ווילן אים באַווייזן זייער חן מיט אַ שמייכל, אַ גלייכווערטל, אים זאָל זיין גרינגער צו טראָגן זיין פאַרגרעבט לעבן פון דעם שטאָל און פערד. זיי ווייסן אָבער נישט, אַז וואָס ער וועט דערזען אין דער געטרייקייט פון זיין פערד, וואָס פירט אים אַליין אָן די לייצעס, אָן אַ בייטש, נאַכט נאָך נאַכט, קיין דעמאַנאַווע, וועלן זיי נישט געפינען ביי זייערע ווייבער און קינדער.

— זיי זיצן אָבער אין די קראָמען מיט די געשעפטן, זיי יאָגן זיך אַרום איבער די וועלדער מיט די גרויסע מסחרים און ער וואַלגערט זיך אין בויד ביי דעם עק פון פערד. טראָגט די גאווה זייערע רייד העכער פון זייערע קעפּ און זיין חכמה זינקט אײַן טיפער אין דער פינצטערער בויד.

די גאַנצע וועלט באַווייזט זיך הירשלען ווי די בויד, וואָס טונקט זיך אין דער ליכטיקייט פון די שטערן און באַהאַלטן זיך פון די גרויסהאַל־טער אין דער אייגענער פינצטערניש. טראַכט ער, אַז אים איז קלאָר גע־וואָרן פאַרוואָס דוד לייב איז געקומען אַהיים: — ער איז אַנטלאָפן פון דער אַנגעבלאָזענער גאווה, וואָס שפּאַרט זיך אַרויס פון ערשטן און צווייטן קלאַס אין באַן, אָט אַזוי ווי ער, דער טאַטע, קען נישט איבערטראָגן די פאַרריסנקייט פון די מיידן, וואָס בעטן אונטער זייער נדן מיט די טויזנ־טער. דוד לייב זוכט זיין אַנטרינונג אין דער בויד, אָט אַזוי ווי דער טאַטע וויל זיך ביינאַכט לעבן פערד, לעבן דער שטומער באַשעפעניש, באַהאַלטן פון די זאָרג וואָס דער טאָג זיפּט אַרויס אין שטוב און אין גאַס.

און אַז הירשל איז פאַרנאַכט אַרויסגעפאָרן מיט דער פאָטשט קיין דעמאַנאַווע, האָט ער זיך טיפער אַריינגעטון אין זיינע טראַכטונגען וועגן דוד לייבן, גלייך ווי ער וואָלט זיך מיט זיין זון אָפּגעשיידט פון דער וועלט.

און דאָ, אין בויד, געצויגן ווייטער זיינע רייד. ער זאָגט בלויז אַ וואָרט, ברענגט אַרויס אַן איינפאַל.

— דאָס פייגעלע וויגט זיך אויף אַ צווייגעלע און איז זיכערער ווי דער מענטש מיט זיינע טריט אויף דער ערד...

און דוד לייב דרינגט אַריין אין זיינע רייד טיפער ווי ער טראַכט אַליין.

— אַזוי וויגט זיך פּאָר די אויגן די גאַנצע וועלט דאָ אין בויד...

אַזוי דרעמלט און חלומט הירשל אין זיין בויד, און פאַרלאָזט זיך אויף זיין פערד, אַז עס וועט אַליין טרעפן דעם וועג קיין דעמאַנאָווע.

אַז דער באַן־וועכטער האָט דערזען ווי הירשלס בויד איז אָנגעקומען צום וואָקזאַל, האָט ער זיך צוגעאײַלט נאָך אַמאָל אַ קוק טון אויף איר, זען צי זי איז די נאַכט אויך געפאָרן מיט אים.

אַז ער האָט אָבער דערזען בלויז הירשלען אין בויד, האָט ער זיך פאַרוווּנדערט:

— ווו איז זי? — און דערשלונגען די רייד מיט אַנדערע ווערטער

— דו האָסט אַ טייערן בחור, אַ גוטער זון...

דעם וועכטערס רייד האָבן זיך אָפּגעזעצט ביי הירשלען אין מוח ווי אין שלאָף און האָבן אויפגעוואַכט ווי אַ חלום, וואָס מען וויל זיך דערמאָנען.

איינציקע קלאַנגען האָבן זיך געשפּאָלטן, און די ווערטער האָבן זיך געברעקלט: „זי, ווו, זון"...

ער האָט זיי געוואָלט פאַרגעסן: — מסתמא האָט זיך אים דאָס גע־דוכט, אַזוי ווי די רעיונות לאָזן אים נישט צו רו, ווען ער זיצט ביינאַכט אַליין אין בויד.

— י"ג —

אַז ער איז אָבער געקומען אַהיים, און ס'איז אַוועק איין שעה, נאָך אַ שעה און ס'האָט זיך אַוועקגעשטעלט האַלבער טאָג, האָט זיך הירשל דערמאָנט דעם באַן־וועכטערס רייד.

די ווערטער זענען געקומען אים אויפן זינען, ווען צו אים איז דער־גאַנגען וואָס לייט ריידן אונטער די אויגן און ער האָט דערזען דעם חידוש ביי די אייגענע מענטשן:

— וועמען וועט זיך דאָס לייגן אויפן שכל?

— ווער וועט עס גלויבן?

— טאמערל איז געבליבן די זעלבע טאמערל מיט די רישעות און צעלאָכעס פון דער אַמאָליקער טאַמאַראַן.

טאמערל האָט זיך אָבער געפירט אויף איר שטייגער און האָט גע־רעדט פאַר לייטן נאָך אירע אייגענע אויסרעכענונגען.

אַז דוד לייב האָט זי אין דער פרי אַראָפּגעלאָזן לעבן דער קרעטשמע, האָט זי געזען זיין צעטראָגנקייט, זי האָט עס אָבער אויסגעטייטשט אויף איר אייגענעם אופן. זי האָט געטראַכט: — מאַטערט זיך מיט חרטה, ווי אַלע מענער ווילן זיך פאַרענטפערן; ער וועט זיך אָבער ווידער אָפּשטעלן לעבן דער קרעטשמע, ווי יעדער פון זיי קערט זיך אום מיט דעם זעלבן וועג, וואָס ער גייט אַוועק פון דער פרוי פון זיין באַגער.

איז זי געוואָרן זיכערער ביי זיך און זיך געגרייט אַ גאַנצן טאָג צו דער רייזע קיין דעמאנאווע. זי האָט אָבער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זי וועט נישט אַרויסגיין אויפן וועג באַגעגענען דוד לייבן, זי וועט אַפילו נישט וואַרטן אויף אים אין טויער, נאָר זי וועט שטיין פון ווייטן אין הויף, ער זאָל זי בלויז דערזען, ווען ער וועט זיך אָפּשטעלן לעבן דער קרעטשמע.

אַז ס׳איז אָבער געקומען דער פאַרנאַכט, די בויד איז דורכגעפאָרן פאַרביי דער קרעטשמע, און טאמערל האָט אַפילו נישט דערזען קיין בליק דוד לייבס, האָבן זיך אירע אויגן אָנגעצונדן מיט כעס מיט שינאה, און זי האָט נישט געקענט אויסגראָבן קיין וואָרט וואָס זאָל זיך אַריינשניידן אין דער וועלט, אין דוד לייבן, שאַרפער פון אַ ביטערער קללה.

האָט זי אַראָפּגעריסן דעם ווייסן קאָלנערל, וואָס זי האָט צוגעהעפט ווי אָפּגעלייגטע אָפענע לאָצן צו דער בלוזקע, זי האָט צעשויבערט די האָר, וואָס זענען געווען פאַרקאַמט אין צעפּ, און האָט געריסן די גראָז מיט דער ערד, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט, נישט בלויז איינשמוצן די הענט, נאָר איינטונקען דעם גאַנצן קערפּער אין בלאָטע.

איר איז פון זינען נישט אַרויס: — זיי וואַקסן אַלע פון איין פּאַראַדע, פּרי׳ער ריידן זיי איין, לייגן אַוועק די גאַנצע וועלט צוקאָפּנס, דערנאָך בלייבסטו ליגן אין אַ גרוב און ער שפּאַצירט זיך אַוועק מיטן גלייכן וועג, אָט אַזוי ווי דוד לייב איז אַוועקגעפאָרן רויק, געלאָסן מיט דער פּאָטשט קיין דעמאנאווע און האָט אַפילו נישט אַ קוק געטון אויף איר.

PUBLIC LIBRARY
OF THE
CITY OF DENVER

אויף דוד לייבן האָט זיך אָבער טאמערלען דאָס נישט געגלויבט: ער איז פאָרט אַן אַנדערער, פאַר איר איז אויסגעוואָקסן דער הויכער ברייט־פלייציקער מאַן מיט די ווייכע שוואַרצע האָר; אמת אַ הויכער, אַ געזונטער, נאָר זי האָט קיין מאָל נישט געזען קיין שלעכטקייט, קיין רוגזה אין זיינע אויגן. פאַרקערט, זי האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס טראָגט אַזאַ שיינער מאַן אַזוי פיל טרויער אויף זיך, און דוד לייבס רייד, וואָס האָבן זי געטרייסט, האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר אים. איז טאמערל אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, זי האָט אָנגעהויבן קלאָגן אויף איר מזל, וואָס איז אַרויס אַ פינצ־טערער צוזאַמען מיט איר פון דער מאַמעס בויך. דאָס מזל קריכט נאָך נאָך איר פון קינדוויז־אויף, אָט אַזוי ווי זי שלעפּט זיך נאָך נאָך יעדערן, וואָס ציט אויס צו איר אַ בליק.

— אַזוי איז אויך געווען מיט דוד לייבן, — האָט זיך טאמערל געוואָלט אַריינטיפן אין איר ווייטיק: „ס'איז איר אייגענע שולד, זי האָט זיך באַלד צוגעלאָזן צו אים, אַ צווייגעלע וואָס בייגט זיך ווייך, לאָזט זיך אַראָפּ ביי־דעריק פון בוים און אויף דער ערד, און אַלע טרעטן אויף אים. אַזוי האָט געטראָטן אויף איר שימקע, און אַזוי האָט געקוקט אויף איר טעוועלע, ווען ער האָט איר געזאָגט, אַז ער נעמט אַ כלה, וואָס אַ מאַן האָט נאָך מיט קיין פינגער נישט אָנגערירט זי".

טאמערל האָט דערזען די גאַנצע וועלט, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו איר מיט אַ שמייכל און האָט זיך דערווייטערט פון איר מיט אַ פרעמד־קייט, האָט זי אַראָפּגעבויגן איר קאָפּ אין איר געפאַלנקייט, נידעריקער פון די פיאַטעס: — אַזוי איז געווען אַמאָל און איצטער איז אויך נישט אַנ־דערש; פריִער האָבן די קינדער געדופן זי שפּילן זיך, דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגעהויבן רייצן מיט איר: טאַמאַראַ...

— פון אָנהייב זענען די גויִים, פון דאָרף געווען גוט, גוט צו איר, נאָר באַלד האָבן די שיקסעס אָנגעהויבן שרייען „זשידאָווקאַ" און די שקצים האָבן זיך אַראָפּגעבויגן נידעריקער צו דער ערד, געשפּאַרט זייערע אויגן אונטער איר קלייד און געלאַכט: „זשידאָוועטשקאַ". איצטער באַגעגנט זי יעדערער מיט אַ פּרום פּנים, פאַרקערט, אדרבא ואדרבא, אָט אַזוי ווי דוד לייב איז געפאָרן מיט איר נאָכן רעצעפּט, און מען קערט זיך באַלד אום צו איר מיט דער פלייצע, ווי דער זעלבער דוד לייב וויל היינט אַפילו

נישט אַ קוק טון אויפֿן הויף, — האָט טאַמערל געפּירט אויפֿן געלעגער דעם רעכענונג פֿון איר לעבן און האָט נישט געקענט איינשלאָפֿן.

אַז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן און טאַמערל האָט דערזען ווי נעכטן אין דער זעלבער צייט האָט דוד לייב צוגעגרייט פֿאַר איר אַן אָרט אין וואָגן לעבן זיך, האָט זי מער נישט געקענט איינליגן אויפֿן געלעגער. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בעט און אַרויסגעלאָפֿן אַ באָרוועסע, אין איין העמד, אויפֿן הויף.

— זי וועט וואַרטן ביז ער וועט זיך אומקערן אַהיים און אָפּהיטן אים אין איין העמד ביים טויער, — האָט זי אַרומגעשפּאַנט איבער דעם נאַסן טויאיקן גראָז.

די קילקייט פֿון פֿאַרטאָג האָט געציטערט אויף איר לייב ווי אַ געבעט פֿון די אברים. טאַמערלען האָט זיך געדוכט, אַז איר קערפּער טיילט זיך אָפּ פֿון איר און קוקט מיט די אויגן פֿון אַ קינד, זי זאָל אים נעמען אויף די הענט און אויסהיטן אים פֿון די בליקן, וואָס האָבן פֿאַרשעמט איר לייב. האָט זי אַ געשריי געטון: — ניין, זי וועט נישט דערלאָזן, אַז מיט דער גוטסקייט פֿון די אויגן זאָל ער זי איינריידן און אָפּנאַרן! — און זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זי וועט נישט וואַרטן אויף דוד לייבן קיין נאַקעטע אין איין העמד, דאָ אויפֿן הויף, נאָר זי וועט קומען פֿאַרשלייערט, אָט אַזוי ווי ער האָט געזאָגט, צו אים אין שטוב אַריין.

אין די אויגן האָט זיך איר פּלוצלינג אַריינגעשפּאַרט די אַלטע אָפּ־געלאָזענע קרעטשמע. איז זי געבליבן שטיין אין מיטן הויף, האָט באַקוקט די שינדלען, וואָס פֿוילן, שוואַרצע אונטערן רעגן און געציילט די אויסגע־בראָכענע שויבן אין די פֿענצטער.

די פֿאַרטאָגיקע קעלט האָט זי פֿאַרשטיינערט ווי אַ שרעק:

— אָט אַזוי וועט זי זיך דאַרפֿן עלטערן ביזן גרויען צאָפּ, אָט דאָ ביים וועג, אין דער קרעטשמע... — און דער לעצטער טראָפּן פֿון רחמנות צו דוד לייבן האָט אויפֿגעזאָדן ביי איר אין אַ ביטערן כּעס: — ניין! זי וועט נישט אַרויסגיין אויפֿן וועג באַגעגענען אים, נאָר וועט זיך אַריינשפּאַרן ווי אַ קאָרטש אין די רעדער, די בויד זאָל זיך נישט קענען רירן פֿון אָרט. ער זאָל זוכן דוניעס אויגן אין דער פֿינצטערניש און דוניעס שמייכל זאָל איינזינקען אונטער די רעדער, וואָס האָבן פֿאַרשניטן איר פֿרייד.

טאמערל האָט זיך איצטער נישט גערעכנט בלויז מיט דוד לייבן, נאָר זי האָט אויך געפירט אַ חשבון מיט די ייִדן פון זשירעווע. זי האָט זיך אויסגעטענהט מיט די שיינע באַלעבאָטים, וואָס האַלטן איר נאָמען ווי אַ קללה אויף די ליפּן, און געוואָלט די וועלט זאָל זען, וואָס ס׳האָט אָפּגעטון דוד לייב, אָט דער שיינער גאָטספאַרכטיקער בחור, פאַר וועמען יעדע באַלעבאַטישע טאָכטער וויל אויסציילן איר נדן.

האָט זי זיך אויסגעפּוצט אין איר נייער קליידל, אָנגעטאָן דעם זיידענעם טוך אויף די אַקסלען און איז אַוועק שפּאַצירן איבער דער לאַנגער גאַס פון זשירעווע.

זי האָט אויסגעקוקט, אַז מען זאָל ביי איר פרעגן פאַרוואָס האָט זי זיך אַזוי אויסגעפּוצט אין דעם פּרײַען פרימאָרגן, און זי האָט לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן אויף די פראַגן, וואָס זי האָט געוואָלט דערהערן ביי די מענטשן:

— טאַמערל, וואָס האָסטו אין מיטן מיטוואָך אָנגעטאָן אויף זיך דעם שבת מיטן יום טוב? דו פאָרסט שוין ווידער אַוועק?

— פאַרוואָס זאָל איך אַוועקפאָרן, אַז דוד לייב איז נאָך נישט אַוועקגעפאָרן?

וווּנדערן זיך אויגן: — דוד לייב?!

— יאָ, יאָ, דוד לייב... — שטרענגט זיך אָן טאַמערל, ווי מען דערציילט עפּעס אין שרעק און זי בעט זיך מען זאָל איר גלויבן יעדעס וואָרט:

— בין נאָר־וואָס געקומען מיט אים פון דעמאַנאַווע.

— דעמאַנאַווע?! — ווערט שוין דער חידוש גרעסער.

— יאָ, יאָ, דעמאַנאַווע, — וויל זיך טאַמערל נישט אונטערגעבן, מען זאָל זי נישט אויסלאַכן — איך פאָר מיט אים אַלע נאַכט, דערפאַר פירט ער די פּאָטשט.

— נו, נו... — פילן נישט די מענטשן ווי זיי הייבן אָן ריידן צו טאַמערלען, אָט אַזוי ווי זיי האָבן זיך אַמאָל גערייצט מיט טאַמאַרען. צינדט זיך אָן ביי טאַמערלען דער צאָרן שאַרפער פון איר ווייטיק, זי וויל אָנשפּיזן די פינגער לענגער פון איר נאָז:

— יאָ, יאָ, חתונה האָבן, האָט צוגעזאָגט.

די טריט שטעכן אָבער אירע פיס, ווי די פרעמדע שאַרפע בליקן

וואָלטן געקראָכן פון דער ערד; זי קען מער נישט איינשטיין פאַר די מענטשן אין די אויגן און זי יאָגט זיך אַוועק אַהיים אין דער אַלטער קרעטשמע.

אירע ווערטער קווילן זיך אָבער אַליין און קריכן אַריין אין די רייד פון יעדן מענטשן. איינער דערמאָנט זיך וואָס דער באַן־וועכטער האָט אים געזאָגט, ווען ער איז נעכטן געווען אויפן וואָקזאַל; פריער האָט ער נישט פאַרשטאַנען די רייד, אָבער איצטער ווערט אים קלאָר דער ענין. אַן אַנדערער דערציילט, אַז ער האָט טאַקע געזען ווי טאַמערל איז געשטאַנען אויפן וועג, מסתמא געוואַרט אויף דוד לייבן. אַ דריטער, אַ פערטער גיט צו נאָך עפּעס וואָס ער האָט אַליין געזען, וואָס אַן אַנדערער האָט געזאָגט און וואָס יענער האָט דערציילט.

די ווערטער ניזשען זיך איינע אויף די אַנדערע, ציִען זיך צו הירשלען אין שטוב ווי ביטערע בשורות און לאָזן זיך אַראָפּ אויף זיין הויז ווי אַ פינצטערע כמאַרע.

— ער איז דאָך אַליין געפאָרן ביינאַכט קיין דעמאַנאַוווּ! — האָט הירשל נישט געקענט איינליגן אויפן געלעגער, ווען ער האָט זיך אָפּגערוט פון דער ביינאַכטיקער רייזע. ער האָט זיך געוואָלט אַרויסיאָגן אין גאַס מיטן אימפּעט וואָס מען רייסט שטיינער פון ברוק, ווי מען לעשט אַ פייער וואָס כאַפּט אָן די סטריכע פון דאַך.

— צו וועמען וועט ער אָבער ריידן? — האָט ער דערזען די פרומע בליקן וואָס וועלן אים געבן געריכט מיט אַ קרעכץ און באַריידן אים מיט פרייד אונטערן די אויגן.

ער האָט אָבער נישט געקענט איינרוען; האָט ער אין דעם זומערדיקן טאָג אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויערן, אַריינגענומען די באָרד אין מויל און געביסן די האָר, ווי ער וואָלט געקייט שטיינדלעך. אים איז פּלוצלינג אַרויף אויפן זינען: — און וואָס טוט דוד לייב — און ער האָט זיך דערשראָקן פאַרוואָס ער האָט פריער פאַרגעסן אין אים און האָט זיך ערשט איצטער דערמאָנט.

— מסתמא שטאַרק צעטראָגן, — האָט ער זיך אַליין אָפּגעגעבן אַ חשבון און אַרויפגערוקט דאָס היטל העכער אויפן קאָפּ. ער האָט געווישט דעם שווייס פון שטערן און האָט זיך אַיינגעקוקט אין דוד לייבס חדר. די

טיר איז געווען פאַרמאַכט און הירשל האָט מורא געהאַט אַריינגיין צו דוד לייבן, גלייך ווי ער וואָלט אים געדאַרפט באַווייזן די חרפּה וואָס זיינע שונאים — די נישט־פאַרגינער — האָבן אָנגעהאָנגען אויף אים.

האָט ער איבערגעשטעלט אַ טראָט אויף אַ טראָט און האָט זיך גע־וואָלט ערגעץ אַוועקשפּאַרן, נאָר די הויז איז אים געוואָרן ענגער און ענגער, און ער איז געבליבן שטיין אויף איין אָרט. ער האָט זיך געוואָלט צו עפּעס דערטראַכטן, וואָס זאָל אַרויסראַטעווען דוד לייבן פון דאַנען, פון די בייזע צינגער, פון די פרעמדע מיילער, ער זאָל נישט זען זייערע אויגן און נישט הערן זייערע רייד.

אים האָט נישט אָפּגעלאָזן איין געדאַנק וואָס איז ביי אים נישט אַרויס פון זינען, ווי אַ בורע שפּאַרט זיך אין אַן אויסגעשלאָגענער שויב פון פענצטער:

— זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויף מיר און לאָזן מיך נישט אָפּ. ער דאַרף זיך אָבער ראַטעווען. ער טאָר זיך נישט אונטערגעבן, — האָט ער צוגערופן זיין ווייב און אָנגעהויבן איר פאַרזאָגן האַרב און שטרענג:

— הער זיך איין, נעכע, דו וועסט זיך דאָך באַלד אָנהייבן פאַרענט־פערן, דערציילן, באַווייזן, זאָג איך דיר...

נאָר פּלוצלינג איז זיין קול אַראָפּגעזונקען אין אַ געבעט:

— ער טאָר נישט וויסן, מען טאָר פאַר אים מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנען, זאָג מיר, ווער האָט עס דערציילט דיר, וואָס האָט געזאָגט שיינע, די בעל־מיצוואַטניצע, און וואָס האָבן די מיידלעך געהערט? ווייך נישט, ווייל, אַז דיין מאַן, דער מאַנסביל, וועט זיך פאַנאַנדערווייגען, וועט זיין ערגער, זאָג מיר אָבער וואָרט אין וואָרט...

האָט זיך נעכע געשטאַרקט, ווי מען ציט אָן אויף זיך די רו:קייט, ווען מען רופט אַ רופא צו אַ חולה, און האָט דערציילט ווי די גוטע פריינט האָבן נישט געגלויבט, ווי אַזוי די פאַרשטעלטע שונאים האָבן זיך געחידושט און זי האָט דערמאָנט דעם באַן־וועכטער ווי זי וואָלט אַריינגעמישט אין די רייד אַ זייטיקע זאַך וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט ביי איר אין קאָפּ.

דער באַן־וועכטער האָט זיך אָבער אַריינגעשניטן הירשלען אין מוח שאַרפער ווי די איבעריקע רייד נעכעס, נאָר ער האָט עס פאַרבאָרגן פון דעם ווייב. ער האָט בלויז נאָך אַמאָל פאַרזאָגט איר, אַז זי זאָל זיך נישט

אין בויד

אויסריידן מיט קיינעם, און איר זאָל נישט אַרן, טאָמער דוד לייב וועט הײַנט נישט אַרויסגיין פון זיין חדר. ער אַליין האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער הויך, ווי ער וואָלט אָנגעטון אויף זיך אַ נייעם כּוח, און האָט רויק אויסגערעדט: — היינט וועל איך אַרויספאָרן מיט דער פּאָטשט פרי͏ער, איך וויל פאָרן פאַר ליכטיקן.

— טאָקע גוט, — איז נעכען געוואָרן גרינגער. — וועסטו זיך נישט דאַרפן יאָגן, און דו וועסט קענען כאַפּן אַ דרעמל אין דעמאַנאַווע איידער די באַן קומט אָן, דאָ וועסטו נישט קענען איינשלאָפן.

— דו ביסט גערעכט... — האָבן מאַן און ווייב געפלאָכטן זייערע רייד ווי זיי וואָלטן איינע די אַנדערע געטראָגן אַ טרייסט.

הירשל איז אַרויסגעפאָרן פאַר־פרי מיט דער פּאָטשט קיין דעמאַנאַווע, נישט צו כאַפּן אַ דרעמל אויפן וואָקזאַל איידער די באַן קומט אָן. ניין, אים האָט נישט גענומען קיין שלאָף בייטאָג אין שטוב און ער האָט נישט גע־קענט איינרוען ביינאַכט אין בויד. ער האָט זיך אָבער געאיילט אַוועקפאָרן פון דער היים, ווייל זיין אייגענער קול האָט געשראָקן די רייד, וואָס האָבן זיך געוואָלט לאָזן הערן צו דוד לייבן, און ער האָט זיך געיאָגט זען דעם באַן־וועכטער, די איינציקע געציילטע ווערטער, וואָס דער באַן־וועכטער האָט אין דער פרי דערשלונגען, זענען איצטער אויפגעקומען פאַר הירשלען, קלאָרע, אויסגערעכנטע, און האָבן זיך אַליין איבערגעחזרט, אָט אַזוי ווי דאָס פערד האָט אויפגעהויבן און אָפּגעזעצט זיינע טריט אויפן וועג.

האָט ער זיך נישט געקענט דערוואַרטן ביז דער באַן־וועכטער וועט אַרויסגיין פון זיין כאַטע, נאָר האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין פענצטער, ווען ס׳איז נאָך געווען פינצטער, אַ סך פרי͏ער, איידער די באַן איז אָנגעקומען.

הירשל האָט געזוכט אַ תּירוץ פאַר דעם באַן־וועכטער. אָבער איידער דער ייִד האָט געפונען אַ וואָרט, האָט דער פּויער אַ זיפץ געטון:

— אַן אומגליק?... — און האָט געוואָלט פרעגן — מיטן פערד? די פּריקאַזן פאַרלוירן?

האָט שוין הירשל מער נישט געטראַכט וועגן קיין תּירוץ, נאָר ווייטער געצויגן די רייד:

— יאָ, ס׳זענען פאַראַן אַ סך צרות אויף דער וועלט.

— דו פאָרסט שוין ווידער אַליין, אויף די עלטערע יאָרן, נאַכט נאָך

נאַכט; און דו מיינסט, אַז מיר נעמט דער שלאָף אין דער כאַלופע; וואַלגער זיך אַרום אויפן האַרטן טאַפּטשאַן ווי דו טרעטסט איבער די קאַרטשעס פון אַן אויסגעהאַקטן וואַלד.

דער פויער האָט געוואָלט נאָך עפּעס דערציילן דעם יידן וועגן דעם אומעט וואָס ליגט פאַר זיינע אויגן אַ גאַנצן טאָג אויף די רעלסן ווי אַן אָפּגעשוונדענע פעל פון אַ פּגירה.

הירשל וויל אָבער אַנדערש ציִען דעם שמועס, מישט ער זיך אַריין אין דעם באַן־וועכטערס רייד:

— דו מיינסט, מיכאלקא, אַז מיך נעמט ביינאַכט דער שלאָף, האָב איך געטראַכט, צוליב וואָס זאָל זיך מיין זון שלעפּן מיט דער בויד, וועל איך בעסער אַליין פאָרן. ער ווערט אַנטשוויגן אַ ווײַלע און טראַכט ווי אַזוי זאָל ער אַרויסציִען ביי דעם פויער די נעכטיקע רייד. אפשר האָט ער דאָס גאָרנישט געזאָגט, און ער וויל דערגיין פון וואַנען האָבן זיך גענומען צו אים די ווערטער, וואָס לאָזן אים נישט אָפּ.

ביי מיכאלקאן נעמען זיך אָבער נישט קיין רייד; ער קוקט זיך איין ווי דער פאַרטאָג שאַריעט אויפן הימל און זעט ווי די שטערן צייטיקן זיך אַזוי גרויס אין זייער ליכטיקייט, ווי די אייער ביי דער הון אין שעדעלע, כאָטש קלייב זיי אויף אין בוזעם ס׳זאָל דיר וואַרעמען אויף די עלטערע יאָרן.

טראַכט ער: — וואָס ווערט מיט די שטערן בייטאָג? — און ער וויל דערגיין, צי עס באַווייזן זיך אַלע מאָל די זעלבע שטערן אָדער דער גאָט אין הימל טוט באַשאַפן יעדע נאַכט נייע שטערן, אַט אַזוי ווי ס׳ווערן גע־בוירן אַנדערע מענטשן, ווי ס׳וואַקסן אַן נייע פּירות אויף די ביימער. מיט זיין מוח קען עס מיכאלאקא נישט באַנעמען, קראַצט ער דעם קאָפּ:

— דו ווייסט, הירשל, דער מענטש קוקט זיך איין און מיינט, אַז ער זעט אַלץ, זאָג איך דיר, אַז דער נאַר טראַכט נאַר אַזוי, אין דער אמתן, זעט ער גאָרנישט.

— האָכטו געזען? — האָט זיך הירשל אָנגעכאַפּט אַן די רייד, ער קען אָבער נישט דערמאָנען דוד לייבס נאָמען, — איך מיין פאַרטאָג, ווען די בויד קומט אַהער מיט דער פּאָטשט...

— יאָ יעדן פרימאָרגן איז דיין זון געקומען אין צייט, און האָט נאָך

געוואָרט אויף דער באַן, טאַקע אָט דאָ ווו דיין פערד שטייט, — הייבט אָן מיכאלקא לויבן דוד לייבן, — נישט אַזוי ווי מיינע זין, די ראַזבאָיניקעס. אַז זי איז געשטאָרבן, האָבן זיי אַפילו נישט געבראַכט קיין טאָפּ בראָנפן צו דער מאַמעס פּאָכאָראָנעס. זיי האָבן מיר אַרויסגעטריבן פון שטוב ווי אַ הונט, און איצטער ליגן זיי אָפּ גאַנצענע טעג אין וואָלאָסט און ממיתן זיך פאַרן שטיקל ערד. דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, הירשל, אין אַזאַ וועלט דאַרף מען זיין דאָרטן, אין דער הויך, — הייבט ער אויף די אויגן צום הימל — אָדער ליגן דאָ טיף אין גרוב — לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ, — אָט דאָ אויף דער ערד איז פאַר אונדז נישטאָ קיין אָרט.

— אַזוי ווי אין זשירעוווע, אומעטום איז די זעלבע וועלט, אומעטום זענען פאַראַן מיכאַלקאָס זין, די ראַזבאָיניקעס — צינדט זיך אָן ביי הירש־לען דער כעס און ער קען זיך נישט דערוואַרטן ביז די באַן וועט אָנקומען.

ער יאָגט זיך, פּייל פון בויגן, אַהיים און טראַכט: — ער וועט זיי נעמען פאַר די קאָלטונעס, פאַר די בערד, פאַר די קאַפּאָטעס, וועט זיי צובינדן צו די רעדער און ער וועט זיי שלעפּן קיין דעמאַנאַוועצ צו מיכאַל־קאַן, זאָלן זיי אַליין ריידן צו אים, פרעגן ביי אים.

הירשל פאַרשטייט, אַז אויב מיכאלקא האָט יאָ עפּעס געזאָגט נעכטן, האָט ער מסתמא געמיינט זיין נעכטן, זי פּלעגט דאָך טאַקע אַמאָל צופאָרן מיט אים קיין דעמאַנאַווע, ער זאָל נישט דאַרפן זיצן אַליין אַ גאַנצע נאַכט אין בויד.

— און דאָ טראַכטן זיי גאָר אויס — האָט הירשל נישט געקענט צו־נויפנעמען די רייד, וואָס מען רעדט וועגן זיין דוד לייבן, און ער האָט נישט געקענט קלאָר פאַרשטיין זייער מיין, נאָר די ווערטער האָבן זיך גע־שפּאַרט אים אין די אויגן און געטייטלט אויף מיכאַלקאָס זין, די ראַז־באָיניקעס, ער זאָל זען מיט וועמען מען פאַרגלייכט זיינע אייגענע קינדער.

— ער וועט זיי באַווייזן — האָט ער נישט אַרויסגעלאָזן די בייטש פון האַנט און האָט זיך איינגעקוקט אויף זיין אייגענעם לעבן. ער האָט געמיינט אַז ער וועט אַרויסראַטעווען כאָטש דוד לייבן פון זייערע מיילער, פאַרווילט זיך אים נעמען די זעלבע בייטש אין האַנט, און ער טוט אָן אויף זיך דעם זעלבן מזל, דעם טאַטנס.

— אָבער מיט דער זעלבער בייטש — שטייפּט זי איין הירשל אין

האַנט ווי ער וואָלט עפּעס דערשטיקט אין די פויסטן — וועט ער זיי באַווייזן...

— י״ד —

נאָר הירשל האָט שוין קיינעם גאָרנישט געדאַרפט באַווייזן, ווען ער איז געקומען אַהיים. פאַר דער צייט, וואָס ער איז געווען אָוועקגעפאָרן קיין דעמאַנאַווע, איז אַלץ קלאָר געוואָרן אין זשירעווע.

טאַמערל האָט זיך טאַקע נישט גערירט, אַז דוד לייב וועט זיך אָפּ־שטעלן פאַרנאַכט לעבן דער קרעטשמע; אַז ס׳איז אָבער אָנגעקומען דער אָוונט און זי האָט אַפילו נישט געזען די בויד דורכפאָרן, איז איר האָפע־נונג פאַרשניטן געוואָרן ווי די פאַרלאָפענע יאָרן. די שאָטנס פון דיביימער האָבן זיך אַרומגעוויקלט אַרום איר, ווי די בליקן פון די זשירעווער יידן, וואָס האָבן געטייטלט איר אין די אויגן:

— טאַמערל, די זעלבע טאַמאַראַ.

— טראַכט אויס, זאָגט ליגן.

האָט איר שוין נישט געאַרט, וואָס דוד לייב באַווייזט זיך נישט צו איר. זי האָט זיך אַליין נישט געדאַרפט אָפּנאַרן און האָט זיך נישט געטאָרט לאָזן פאַרפירן פון אַן אַנדערן. זי האָט אָבער נישט געקענט איבערטראָגן דעם ניצחון וואָס לייט האָבן באַוויזן איבער איר און איר האָט זיך געדוכט, אַז זיי קוקן איצטער אויף איר, אָט אַזוי, ווי זיי האָבן זיך אַמאָל געריצט מיט איר.

האָט זי גענומען דער אַלטער מאַמען פאַר אַן עדות, אַריינגעמישט איר טאָכטער, מען זאָל זען, אַז טאַמערל וויל קיינעם נישט אָפּנאַרן, אַז זי זאָגט נישט קיין ליגן, און זי איז אַזוי באַגלויבט ווי די כשרע טעכטער וואָס היטן דעם נדן צוקאָפּנס אונטערן קישן. „נאָר איר מזל שיינט נישט אַזוי ליכטיק״, האָט די אַלטע מאַמע געזיפצט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס טאַמערל מאָנט ביי דער וועלט. פאַרקערט, איר האָט זיך געדוכט, אַז טאַ־מערל דאַרף גאָר פאַרשווייגן, אָט אַזוי ווי זי, די מאַמע, וויל איצטער נישט דערמאָנען אירע אַמאָליקע מעשים. די אַלטע מאַמע האָט זיך אָבער נישט געקענט איינשטעלן, נישט פאַר זיך אַליין און נישט פאַר איר טאָכ־טער, האָט זי גענטפערט מיט אַ זיפץ אויף טאַמערלס רייד, און האָט

געבעטן ביי גאָט, אַז פון די קליינע קינדערס וועגן — די לעבעדיקע יתומים, זאָל זיך דער אייבערשטער מרחם זיין אויף זיי אַלעמען.

די קלוגע מענטשן פון זשירעווע האָבן זיך אָבער יאָ איינגעשטעלט, זיי האָבן גענומען איין צד, אָדער זיך אַוועקגעשטעלט אויף דעם אַנדער זייט — פאַר דעם צד שכנגד.

די וואָס האָבן נישט געגלויבט, האָבן קיין סך נישט גערעדט, בלויז געקוועטשט מיט די פּלייצעס: — ס'לייגט זיך נישט אויפן שכל, ס'קען נישט זיין... אָבער יענע וואָס האָבן געהאַט זייערע השערות, האָבן מיט דעם זעלבן קלאָרן שכל געגעבן צו פאַרשטיין טאַמערלס רייד: — אַ בחור מיט אַזאַ קאָפּ, מיט אַזוי פיל קענטעניש, אויסגעווען אַ וועלט, וועט ער פּלוצלינג אַנהייבן פאַרן בייגאַכט אין דער בויד מיט דער פאַטשט, ער זאָל ירשענען דעם טאַטנס בייטש; אַ חתונה האָבן! דערווייַלע איז נאָך דוד לייב פון זינען נישט אַראָפּ; ער וועט נעמען טאַמערלען נאָך מיט צוויי קינדער.

אַז הירשל איז געקומען צופאָרן פון דעמאַנאווע, איז אַריין אין שטוב, און האָט אַ קוק געטון אויף נעכעס פּנים, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף שוין גאָרנישט באַהאַלטן פון דוד לייבן. האָט זיך די בייטש אַרויס־געגליטשט פון זיינע הענט און איז געבליבן ליגן אויף דער ערד, ווי זיינע רייד האָבן זיך געוואָלגערט געקוילעטע אונטער זיינע טריט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל לעבן טיש און האָט געקוקט אויף דער שטוב, אַט אַזוי, ווי מיכאלקא האָט פאַרטאָג געציילט די שטערן אויפן הימל. און זיין הויז האָט זיך אויסגעשפּרייט ווייט און ברייט איבער גאַנץ זשירעווע, ווי אַן אָפענער פעלד; פרעמדע טריט טרעטן איבער זיין האָב־און־גוטס, בייזע בליקן רייצן זיך מיט אים און נעכע זיפצט, און חזרט איבער זיי־ערע רייד:

— זי האָט אַריינגעמישט די אַלטע מאַמע.

— די אַלטע מאַמע רעדט נאָך אירע רייד...

און ער, הירשל אַליין, איז אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז ער קען אַפילו נישט אַוועקשטעלן קיין טראַט אַריינצוגיין צו דוד לייבן אין חדר.

דוד לייב האָט אָבער נישט געוואַרט, דער טאַטע זאָל קומען צו אים, נאָר ער איז אַליין אַרויס פון זיין חדר.

ער איז צוגעגאַנגען מיט שווערע טריט צום טאַטן, האָט אַרויפגעלייגט די האַנט ביי אים אויפן אַקסל און האָט אַ קוק געטון דעם טאַטן אין פּנים אַריין מיט אַ בליק, וואָס האָט אויסגעטאָן נאַקעט זיין גאַנץ לעבן:

— טאַ־טע!

— וואָס איז דיר מיין זון? — האָט זיך הירשל אויפגעשטעלט פון זיין פאַרחלשטקייט און אָנגעטאָן אויף זיך אַ כּוח, ווי אַט, אַט וואָלט ער געדאַרפט ראַטעווען זיין הויזגעזינט פון גרויס סכּנה. ער איז געבליבן שטיין, האָט זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער הויך מיט דוד לייבן, און האָט איבערגעחזרט:

— איך וועל, איך וועל...

ער האָט געזוכט נאָך אַ וואָרט ביי דוד לייבן ווי מען וויל זיך אָנכאַפּן אָן עפּעס, ווען די טריט זינקען אין אַ זומפּ. ער זאָל וויסן וואָס צו זאָגן, וואָס צו ענטפערן.

נאָר דוד לייב האָט זיך געבעטן, ווי מען גלעט די שטראָף, וואָס ריי־ניקט די זינד:

— אַזוי האָט געדאַרפט זיין; ס'איז געשען, וואָס ס'האָט געמוזט טרעפן — און ער האָט געמאָנט ביי זיך: — ער האָט באַהאַלטן פון טאַטע־מאַמע דוניען, האָט די וועלט אַנטפּלעקט פאַר זיי טאַמערלען.

— מען זאָגט, אַז זי וועט קומען אַהער אין שטוב אַריין — האָבן זיך אויסגעשאַרפט הירשלס רייד און ער האָט געוואָרט, ווי מען שטעלט איין דעם לעצטן טראָט אין אַ בלאָנדזשעניש, דוד לייב זאָל עס אָפּלייקענען.

דוד לייב שניידט אָבער איין אַזוי טיף זיין ווייטיק, אַז ער זעט נישט ווי דער צער אַקערט דעם טאַטנס פּנים:

— אַז איך האָב זי גענומען אין בויד, מעג זי קומען צו מיר דאָ אין הויז אַריין.

— טאַמערל, וואָס האָט זיך אויסגעוואָלגערט אויף אַלע סמעטניקעס פון דער וועלט — האָט הירשל פאַרבאָרגן טיף אין זיך זיין ווייטיק, האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט דוד לייבן, און האָט אָנגענומען דוד לייבן פאַר דער האַנט:

— קום לאָמיר אַריינגיין צו דיר אין חדר.

דוד לייב איז נאָכגעגאַנגען דעם טאַטן, ווי ער וואָלט נישט געטראָטן

מיט זיינע טריט, און אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיך אויפן בעט, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער איז אָפּגעגאַנגען אַ לאַנגן ווייטן מהלך. הירשל האָט איבערגעוועלטיקט זיין צער, גלייך ווי ער וואָלט אין דער רגע צע־מאָלן די האָפענונגען פון זיינע מעשיות וואָס ער האָט געטון ברענגען פון דעממאנאַווע, און ער האָט נישט געמאָנט ביי דוד לייבן, האָט נישט געאו־מערט אויף זיין גורל, נאָר מיט דער גוטסקייט וואָס ער האָט געוואָרעמט פאַר זיין קינד, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבן דוד לייבן און האָט שטיל אויסגעצויגן מיטן לעצטן טראָפּן כוח:

— מיין זון, אויב דו ווילסט חתונה האָבן מיט איר, וועל, נישט איך, און נישט די מאַמע שטיין דיר אין וועג.

לענגער האָט אָבער הירשל ניט געקענט אַרומפּאַנצערן זיינע רעיונות, האָט ער אַרויסגעכליפּעט זיין ווייטיק:

— דיין פרייד וועט זיין אונדזער נחת — און מיט דעם זעלבן אָטעם, אַזוי וואָרעם און נאָענט ווי דער טאַטע האָט גערעדט, האָט דוד לייב געצויגן דעם טאַטנס רייד:

— טאַטע, איך האָב שוין חתונה געהאַט.

— מיט וועמען?! — האָבן זיך די רייד אַראָפּגעקייקלט ביי הירשלען אין האַלדז און האָבן דערשטיקט דאָס לעצטע וואָרט: — מיט טאַמערלען?

— ניין! — האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל ביי דוד לייבן אויפן פּנים ווי די בלאַסקייט פון אַ שווערן פּחד:

— נישט מיט טאַמערלען, נאָר מיט דוניען, אַזאַ ווייב ווי די מאַמע, ווי די באָבע, ווי די מוטער רחל, לאה — און ער האָט געוואָלט אויסרע־כענען נאָך פרומע גאָטספאַרכטיקע פרויען, כשרע ידישע טעכטער.

שרעקט זיך הירשל, צי זיין זון איז, ח״ו, נישט געווירט געוואָרן, בייגט ער זיך אָן צו אים, לייגט צו די האַנט צו זיין שטערן, און בעט זיך ביי אים:

— רייד נישט אַזוי מיין זון...

קוקט דוד לייב דעם טאַטן אין די אויגן אַריין, אָפן, מיט אַ ליכטיקייט, וואָס ער האָט נישט געזען, זינט פון אים האָט זיך אָפּגעטון דוניעס לעצ־טער בליק:

— ניין, טאַטע, האָב נישט מורא, איך בין אפשר פריִער געווען משוגע אָבער איצטער בין איך ביים זינען, ביי מיין קלאָרן שכל.

און דוד לייב האָט גערעדט צום טאַטן, אַט אַזוי ווי ער האָט גע־טראַכט פאַר זיך אַליין, ווי ער האָט געאומערט פאַר דוניען, און ער האָט דערציילט אים ווי אַזוי ער האָט חתונה געהאַט, פאַרוואָס ער איז געקומען אַהיים און האָט אָנגעהויבן פאָרן אין בויד מיט דער פּאַטשט.

ער האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז ער שאַרפט נישט זיין גזר, נייערט, ער בעט פאַרגעבונג ביי דוניען און זוכט רחמים ביים טאַטן:

— אַז די טיר איז אָפן און עמיצער ציט זיך אויס ביי דיר אויפן שוועל און חלשט, הייבסטו אים אויף און פרוווסט אים אָפּמינטערן...

צינדט זיך אָן ביי הירשלען דער כעס:

— דערנאָך דערשטיקט ער דיך, דערוועָרגט.

— ניין, נישט אַזוי. ניין, ניין — בעט זיך דוד לייב.

גיט אים נאָך הירשל; פאַר זיך אַליין אַרט אים נישט; ער וועט זיך אַריינגראָבן טיפער אין זיין בויד, וועט אַוועקלייגן די בייטש מיטן האַרטן קולאַק צוקאָפּנס. ער דאַרף אָבער ראַטעווען דוד לייבן:

— פאַר אַוועק, מיין זון. איך וועל גיין ריידן צו איר, בעטן דער אַל־טער מאַמען.

— דו דאַרפסט נישט טראָגן מיין בזיון — שטאַרקט זיך דוד לייב, — איך וועל אַליין גיין ריידן צו איר — און ער זאָגט צו דעם טאַטן:

— דערנאָך וועל איך אַוועקפאָרן...

אַז הירשל איז אַרויס פון חדר, איז דוד לייב געבליבן שטיין ביי זיך אין צימער אַ פּוסטער, אַ ליידיקער; אים האָט זיך געדוכט, אַז זיין גאַנצער אינגעוויד איז אויסגערונען געוואָרן און ער וויגט זיך אויפן ווינט ווי אַ נאַס אָנגעבלאָזן העמד אויף אַ צווייג. האָט ער זיך אָנגעשטרענגט, האָט אַוועקגעשטעלט אַ טראָט, איז צוגעגאַנגען צו דעם בעט און האָט זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט געוואָלט נאָך אַמאָל איבערטראַכטן די רייד, וואָס ער האָט גערעדט צום טאַטן, נאָר די ווערטער זענען געקומען איינציקע, פאַרחלשטע, ווי ס'באַוויזן זיך אויפן זאַמד די טראָפּנס וואַסער פון אַן אויסגעשעפּטן קוואַל.

ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען עפּעס, וואָס זאָל אויפמונטערן זיין זכרון, ס'זאָל זיך שאַרפער אַריינשניידן אין זיין ווייטיק, איז אים אַרויף אויפן זינען טאַמערל: „ער האָט צוגעזאָגט דעם טאַטן גיין ריידן מיט איר".

האָט ער זיך אויפגעהויבן פון בעט, אַוועקגעשטעלט אַ טראָט און האָט געפּרוּווט דערזען טאַמערלס געשטאַלט. נאָר זיינע רעיונות האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ נעפּל, די אויגן זענען פאַרבלענדט געוואָרן, און ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויפן בעט, ווי ער וואָלט זיך פאַרוויגט אין אַ דרעמל.

נאָר קיין שלאָף האָט נישט גענומען דוד לייבן. די שטילקייט פון הויז האָט אים געהאַלטן וואַך, ווי די ציטעריקע טריט, וואָס היטן אָפּ אַ חולה.

האָט ער זיך צוגעהערט וואָס ס׳קומט פאָר אין שטוב און יעדער ריר און קער איז געקומען צו אים ווי דער אָפּקלאַנג פון אַ וויטער פרעמדער וועלט. האָט ער אַליין אויסגערעכנט: — דער טאַטע איז שוין אַוועקגעפאָרן מיט דער פּאָטשט, איז אַוועקגעפאָרן פריִער ווי אַלע מאָל, ער קען נישט איינזיצן אין הויז. די מאַמע האָט זיך פאַרשפּאַרט אין דער הינטערשטער קאַמער און איר אַרט נישט וואָס די קינדער וועלן עסן. די מיידלעך באַוויזן זיך נישט אין גאַס און די ברידער האָבן מורא אַ קוק טון אויף אים. טאָ וואָס טוט ער דאָ? — שפּרינגט ער אויף פון בעט — ער טאָר דאָ מער נישט זיין! פון אים טאָר דאָ נישט בלייבן קיין געדעכעניש! ער האָט אָבער צוגעזאָגט דעם טאַטן צו ריידן מיט טאַמערלען, זי זאָל אָפּטון די חרפּה פון זיין הויזגעזינט — פון די שוועסטער, פון די ברידער, פון טאַטע־מאַמען.

און אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט, אין דער שטילקייט פון שטוב, וויט פון לייטישע בייזע רייד, וואַקסט אויס פאַר דוד לייבן טאמערל, אָט אַזוי ווי זי האָט זיך אַרויסגעבויגן פון דער נאַכט אויפן וועג קיין דעמאנאווע. ער וועט איר אַ קוק טון ווייך אין די אויגן, אָט אַזוי נאָכגעביק און טרזיעריק ווי זי האָט אים באַגעגנט, און ער וועט איר זאָגן: — טאמערל, דו גייסט נאָך אַ רעצעפּט, איך דאַרף אויך האָבן אַ רעצעפּט, אַ רפואה פאַר מיין טאַטן מיט דער מאַמען, פאַר מיין גאַנצער משפּחה, פאַר מיין בלוט און פלייש. פאַר זיך אַליין אַרט מיך נישט. איך נעם אויף זיך מיין גזר און טראָג מיין שטראָף. הער זיך צו צו מיינע ווערטער ווי איך האָב דיך אין זינען, ווי איך האָב פאַרנומען דיינע רייד.

און אַזוי שטיל ווי ס׳האָבן געטריפט דוד לייבס רייד, וואָס ער האָט אויסגעאָטעמט פאַר טאמערלען, האָט ער זיך אַרויסגעגנבעט פון הויז און האָט זיך געוואָלט פאַרנעמען צו דער קרעטשמע.

אין דרויסן איז שוין געווען נאַכט; דער אויסגעשטערנטער הימל האָט אַראָפּגעשיינט אויף דער ערד ליכטיקער ווי ביי דוד לייבן אין חדר. ער האָט קלאָר געזען דאָס אָרט, ווו ס׳איז אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען די בויד, פון שטאָל האָט זיך געשפּאַרט אין אָפּענעם טויער די ליידיקייט מיט דער שרעק פון פינצטערניש. האָט דוד לייב אַ ציטער געטון: — דער טאַטע איז שוין מסתמא אָפּגעפאָרן האַלב וועג. און טאַמערלס פּנים האָט זיך פלוצלינג אויסגעשניטן פאַר זיינע אויגן מיטן ווייטיק פון ציין, וואָס בייסן זיך איין אין נאַקעטן לייב.

— אַ ביס לאָזט אָבער איבער אַ סימן — איז באַפאַלן אַ פּחד דוד לייבן — און אַ ווייטיק דערנענטערט מיטן צער די ווייטקייטן — האָט דוד לייב געוואָלט אַריינדרינגען שאַרף אַן רחמנות אין זיינע רעיונות. און די רייד, וואָס זענען געלעגן ביי אים אויף די ליפּן אָנגעגרייט פאַר טאַ־מערלען, זענען צערונען געוואָרן דאָ אין דרויסן, אונטער דעם שיין פון די שטערן, וואָס האָבן אים מיט דוניען באַגלייט אין בויד אויפן וועג קיין דעמאַנאַוועץ.

דוד לייב איז אַרויס פון הויף, האָט איבערגעביטן אַ טראָט און האָט זיך אָפּגעשטעלט, גלייך ווי ער וואָלט געטראָטן איבער אַ וועג, ווו ער איז נאָך קיין מאָל נישט געגאַנגען.

אַרום און אַרום האָבן זיך געטונקט די פייערן אין די פענצטער פון די הייזער. ווי באַהאַלטענע בליקן, וואָס היטן פרעמדע טריט. העכער פון די פייערן האָט זיך געשפּאַרט דוד לייבן אין די אויגן אַריין טאַמערלס פּנים, ווי אַ כוואַליע הייבט זיך אויף איבערן וואַסער.

פון דער נאַכט האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין דער שטילקייט טאַמערלס רייד אין פרעמדע מיילער, ווי אַ ווידערקול רופט זיך אָפּ אין אַ וואַלד: — ס׳איז אַן אמת, ער איז טאַקע געפאָרן מיט איר אין בויד...

— ס׳איז אמת — גיט זיך אונטער דוד לייב, ער קען אָבער נישט איבערטראָגן איר באַרימעריי, איר פאַרביטערטן איינשטעלן זיך, אַט אַזוי ווי ער האָט נישט געקענט פאַרנעמען איר טעם פון דעם פעטן מאַלצייט, וואָס זי האָט געוואָלט צוגרייטן פאַר זייביידן, אַט אַזוי ווי ער האָט נישט געקענט זען אירע בליקן וואָס האָבן געעפנט איר נאַקעטקייט, נאַקעטער פון איר נאַקעטן לייב.

קוקט ער אויף דוניען און בעט זיך און פאַרענטפערט זיך: — נישט זי האָט זיך אַרויסגעצויגן פון דער נאַכט און זיך צוגעטוליעט אין בויד... — נאָר דוניע באַוויזט זיך נישט צו אים. אירע תנועות ברעקלען זיך, ווי פונקען פאַלן פון אַן אַנגעברענטן אייזן. איר שמייכל זיפּט זיך אויס ווי זון שטראַלן צעשימערן זיך אין שאָטן פון צווייגן און די בויד הענגט פאַר זיינע אויגן, ווי אַן אַלטע צעריסענע טראַנטע קאַרטשעט זיך, אונטערן ווינט, אויף אַ פלאָקן.

וויל ער ריידן צו זיך מיט דוניעס קול, נאָר האַרב, בייז; די ווערטער זאָלן זיך איינשניידן אין אים ביטערער פון איר טויט. ער בעט זיך ביי איר, זי זאָל אים זאָגן:

— די טויטע זענען נישט מוחל די לעבעדיקע, אָט אַזוי ווי די לעבע־דיקע פאַרגיבן נישט איינער דעם אַנדערן.

— ניין, ניין! איך וויל נישט קיין מחילה, נאָר האַרבע שטראָף, פּיי־ניקונג! — ברומט אַרויס דוד לייב, און אים באַפאַלט אַ פחד פון זיין אייגן קול.

הייבט ער אָן יאָגן זיינע טריט און לאָזט זיך אַוועק מיטן וועג קיין דעמאַנאַווע. אָט דאָ אויפן וועג האָט זיך דוניע באַוויזן צו אים און דאָ אויפן וועג איז זי אויסגעגאַנגען אויף זיינע הענט; אָט דאָ אויפן וועג וועט ער אויסגיין און וועט דערזען דוניען.

טרייבן די טריט דוד לייבן אַפּריער און לאָזן אים נישט זיך אומקערן צוריק. די נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ ווייך און נידעריק, אַזוי בייגט זיך אַראָפּ דער וועג אונטער די טריט, און אַזוי לאָזן זיך אַראָפּ אין גאָפּל די שטערן פון די הימלען. נאָר דוד לייב וואַקסט העכער פון זיין הויך, העכער פון די צווייגן און די ביימער אין וואַלד; ער וויל נענטער אַ קוק טון אויף דוניען. דוניעס שמייכל לייכט אויף אין דער פינצטערניש פון וואַלד, איר געשטאַלט אַנטפּלעקט זיך אין די צווייגן פון די ביימער. אירע רייד אָטע־מען מיטן ציטער פון לעבן, וואָס האָט אויפגעוואַכט אין איר לייב:

— איך וואַרט!

פרייט זיך און וויינט דוד לייב; ער טונקט זיך אין צער, און בעט זיך אין מחילה:

— איך קום, איך נען נענטער צו דיר, ווייטער פון זיך אַליין...

— —

— ט"ו —

אַז הירשל איז געקומען אין דער פרי פון דעמאַנאַווע, האָבן אין שטוב געברענט די לאָמפּן פון ביינאַכט, די בעטן זענען געשטאַנען פאַרבעטע, נאָר די שטולן און בענק זענען געווען צערוקט, ווי צעוואָרפענע בערעמניעס האָלץ און דאָס גאַנצע הויז איז געווען וואָך ווי איין בליק פון שרעק.

— ניין. נישט אָוועקגעפאָרן — האָט הירשל געוואָרט עמיצער זאָל אָפּלייקענען זיינע רייד און באַווייזן עפּעס אַנדערש, נאָר קיינער אין הויז האָט נישט אָפּגעפרעגט דעם טאַטנס ווערטער. נעכע האָט מיט אַ זיפץ דערשטיקט די רייד און מיטן מויל פון די קינדער דערציילט ווי אַזוי מען האָט דערזען, אַז דוד לייב איז נישטאָ ביי זיך אין חדר.

הירשל האָט פאַרגעסן אויסצושפּאַנען דאָס פערד; ער איז געשטאַנען אין מיטן שטוב מיט דער בייטש אין האַנט און האָט נישט געוווסט, צי ער איז געקומען צופאָרן אָדער דאַרף ערגעץ אַוועקפאָרן.

נעכע האָט זיך דערשראָקן פאַר הירשלס אויסזען מיט דעם פּחד, וואָס זי האָט אַ גאַנצע נאַכט געציטערט איבער דוד לייבן, האָט זי זיך גע־שטאַרקט, איז צוגעגאַנגען צום מאַן, האָט צוגענומען ביי אים די בייטש און האָט געזוכט אַ טרייסט־וואָרט:

— אפשר איז ער אַוועק פאַרטאָג, ער פלעגט דאָך אַוועקגיין פון שטוב, וועט קומען.

הירשל וויל נאָכריידן דעם ווייבס רייד, נאָר זיינע בליקן שפּאַרן זיך ווייט, ווייטער פון שטוב, פון דעם טאָג, וואָס פאַרציט זיך אויף דער וועלט:

— ניין, ניין, איך מוז לויפן, פאָרן, זיך יאָגן...

— וווהין ווּעסטו פאָרן? — בעט זיך נעכע ביי דעם רבינו של עולם, — מען דאַרף וואַרטן, ער וועט באַלד קומען, וואַרטן...

— —

נאָר ווי און ווינד; מען האָט ביי הירשלען לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן; איידער דער טאָג איז פאַרגאַנגען, האָט מען געבראַכט אין הויז

אין בזיד

אַריין אַ פינצטערע בשורה, אַז מען האָט דוד לייבן געפונען אַ טויטן אין וואַלד.

אַ פחד איז באַפאַלן די ייִדן פון זשירעווע און זיי האָבן מורא געהאַט צו ריידן וועגן זיין טויט. בלויז אין טיפער פאַרבאָרגעניש האָט מען געזיפצט:

— זיך אויפגעהאָנגען.

— דער לעסניק האָט זיך געצילעוועט אין אַ וואָלף און האָט געטראָפן אין דוד לייבן.

— איז אויסגעגאַנגען פון שרעק.

אין סלאָנים האָט זיך אָבער די חברה קדישא געהאַלטן פעסט ביי איר דעה, אַז ס'איז נישט קיין מת מצוה, נאָר אַ מאבד עצמו לדעת און מען קען אים נישט געבן קיין אָרט לעבן זיינע אָבות. נאָר מען מוז אים מקבר זיין לעבן פּאַרקן.

דעם בזיון המת האָט שוין הירשל דער פּאָטשטער נישט געקענט איי־בערטראָגן. „זיין קינד, זיין זון", — האָט ער אויפגעוואַכט פון זיין צעטומ־לעניש און האָט געשריען מיט אַ פאַרשטיקטן קול: — קליין איז דער אומ־גליק, ווינציק איז דער בראָך! ניין! ער וועט נישט דערלאָזן.

זיין געשריי האָט זיך געטונקט אין דעם רחמנות וואָס די ייִדן פון סלאָנים האָבן געטראָגן אַנטקעגן הירשל דעם פּאָטשטער, נאָר חברה קדישא האָט געטענהט: — „מינהג מבטל הלכה, אַ מינהג איז שטאַרקער פון דין און זיי וועלן נישט געבן קיין אָרט דעם מאבד עצמו לדעת לעבן זיינע אָבות, די פרומע גאָטספאָרכטיקע ייִדן; זיי וועלן נישט פאַרשעמען דעם הייליקן אָרט".

אין זיין צעבראָכנקייט, האָט זיך ביי הירשלען געשטאַרקט דער כוח, שטאַרקער פון זיינע געשרייען, און זיין שכל האָט אַזוי קלאָר געפירט זיינע געדאַנקען, גלייך ווי ער וואָלט אים אויסגעטאָן פון צער און פיין. האָט ער געטענהט האַרט און שאַרף: — ער וועט נישט דערלאָזן; ער וועט עפענען אַ בית־עולם אין זשירעווע און דוד לייבס וועט זיין דער ערשטער קבר.

קיינער פון די זשירעווער ייִדן האָט זיך נישט אַנטקעגן געשטעלט זיי־נע רייד און די קליינע קהילה, דער מנין ייִדן, האָט געהאָלפן הירשלען

אויסטיילן אַ שטיקל פעלד פון זיין ערד הינטערן שטעטל און דאָרטן מקבר זיין זיין זון.

די גאַנצע עדה ידן, אַלע ייִדן — קינד און קייט — האָט באַגלייט דעם מת אויפן הייליקן אָרט און יעדערער האָט געטראָגן צוזאַמען מיט זיין טרויער, אַ שבח אויפן מת.

— אַזאַ איידעלער מענטש — אַ זייד.

— נישט געקענט איבערטראָגן די חרפות און בזיונות.

— אַ בילבול אויסגעטראַכט.

— ווו איז זי?

אמת, מען האָט זיך נישט געריכט, אַז טאמערל זאָל קומען צו דער לוויה, דאָך האָט מען אָפּגעקערט דעם קאָפּ, מען האָט אויפגעהויבן די אויגן, געקוקט, געזוכט און מען האָט אויסגעוויייטיקט אַ ביטערע קללה אויף טאמערלען.

נאָר די קללות זענען נישט דערגאַנגען צו טאמערלען.

אַז זי האָט דערהערט וועגן אומגליק, איז דוד לייב אויסגעוואָקסן אין אירע אויגן, אָט אַזוי ווי די הייליקע צדיקים האָבן געלויכטן ביי איר אַלטער מאַמען, און זי אַליין איז אַראָפּגעזונקען נידעריקער אין איר שפלות.

אַז אים איז ענג געוואָרן די בויד און ער האָט נישט געפונען קיין אָרט אויף דער וועלט, האָט ער זיך אויפגעהויבן העכער פון דער וועלט. איבער די קעפּ פון אַלע מענטשן, די צדיקים, גאָטספאָרכטיקע לייט, און האָט פאַרשניטן זיינע טריט, ער זאָל מער צו איר אין דער אַלטער קרעטש־מע נישט קומען.

זי האָט עס נישט געטון, ווען שימקע האָט זי אַרויסגעטריבן צו פרעמדע מענער, פאַרקערט, זי האָט דערנאָך אָנגעטאָן די נייע קליידער. בייסט זי זיך איין אין איר געפאַלנקייט און וויל אויסשניידן אַ וואָרט, וואָס זי האָט נאָך אַפילו קיין מאָל נישט געהערט פון שימקען, דאָס וואָרט זאָל זיין ביטערער פון איר בזיון.

טאמערל פּרוווט אָבער זוכן אַ פאַרענטפערונג אין אירע אייגענע שטראָף־רייד:

— זי האָט זיך געוואָלט ראַטעווען, געפּרוווט שטעלן כאָטש אַ טראָט

אין זיין שאָטן. בלויז קוקן אויף אים. האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ שטרוי און איז אַראָפּגעזונקען נידעריקער פון שימקעס בזיונות.

און אין דעם טאָג פון דוד לייבס קבורה, האָט זיך טאמערל נישט בלויז אויסגעהיט פון די זשירעווער ייִדן, נאָר האָט זיך באַהאַלטן פון דער אַלטער מאַמען, פון אירע קינדער, און מיט דעם צער און בזיון וואָס זי האָט געטראָגן איר גאַנצן לעבן, האָט זי געקלאָגט: — זי קען זיך נישט באַווייזן פאַר די מענטשן וואָס האָבן געהערט אירע ביטערע רייד, און הירשל מיט נעכטן טאָרן אויף איר נישט קוקן, נאָר זיי דאַרפן טרעטן אויף איר און שפּייען ווי אויף אַן אַניצע. פאַר דוד לייבן האָט מען אויסגעגראָבן אַ קבר און פאַר איר איז נישטאָ קיין שפּאַן ערד אויף דער וועלט. פאַר איר האָט בלויז שימקע צוגעגרייט איין אָרט, און דאָרטן דאַרף זי אויסגיין אין איר געפאַלנקייט, נישט אַזוי ווי דוד לייב, וואָס האָט זיך פאַראייניקט מיט זיין ווייב, מיט דוניען.

און איידער מען האָט נאָך אויפגעהערט צו טרויערן אויף דוד לייבס טויט, האָט מען זיך דערוווסט אין זשירעווע, אַז טאמערל האָט איבערגעלאָזן די קינדער ביי דער מאַמען און איז אַליין נעלם געוואָרן.

הירשל האָט נאָך דוד לייבס טויט אויפגעהערט פירן די פּאָטשט קיין דעמאַנאווע. ער האָט געלאָזן די צווי זין זאָרגן וועגן חיונה. אַליין דאַרף ער גאָרנישט טון, ער האָט שוין אַלץ אָפּגעטון. אין שטוב האָט ער אָבער נישט געקענט איינזיצן.

— ער דאַרף גיין, אַ קוק טון, — האָט ער געמורמלט, — ער איז אָבער צום קבר קיינמאָל נישט צוגעגאַנגען. בלויז אַ קוק געטון פון וויטן; פאַרמאַכט די אויגן; געשטאַנען, געשטאַנען ביז דער שאָטן האָט אים צוריק אוועקגעצויגן אַהיים.

אַז עמיצער האָט אים געוואָלט טרייסטן, צעשלאָגן זיינע רעיונות, האָט מען אים געפּרוווט דערמאָנען אַמאָליקע צייטן:

— וואָס וועט איר דערציילן, ר׳ הירשל?

הירשל האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אַריינציִען אין קיין שמועס, ער האָט געעפנט די אויגן, געקוקט בלינד און האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ:

— וואָס קען איך דערציילן?... איך וואַרט.

דאָס האָט ער געמיינט צו זאָגן, אַז ער וואַרט אויפֿן אָרט לעבן דוד לייבן, מען זאָל אים דאָרטן מקבר זיין.

הירשל האָט זיך אָבער נישט דערוואַרט, ער זאָל קומען צו קבורה לעבן דוד לייבן. זיינע צוויי זין, די בנים — זענען אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע און האָבן אָנגעהויבן שרייבן אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זאָלן קומען צו זיי אין דעם נייעם לאַנד. האָט נעכע איינגערעדט הירשלען מיט דער גוטסקייט פֿון אַ ווייב, און הירשל האָט מיט דער טרייקייט פֿון אַ מאַן, מיט דער שוואַכקייט פֿון אַלטקייט, געפֿאָלגט דעם ווייב, און ער איז אַוועקגעפֿאָרן צוזאַמען מיט איר צו די קינדער קיין אַמעריקע.

אויף דעם פֿעלד פֿון זיין ערד איז געבליבן דער קבר פֿון זיין זון דוד לייב. דאָס איז געווען דער איינציקער יידישער קבר אין זשירעווע, בעוויל די יידן פֿון זשירעווע זענען לאחר מאה ועשרים שנים געקומען צו קבורה אין סלאָנים אויפֿן בית־עולם, און נישט אויפֿן פֿעלד, וואָס הירשל האָט איבערגעלאָזן. זיי האָבן אָבער אָפּגעהיט דעם קבר, אָט אַזוי ווי זיי האָבן נישט פֿאַרגעסן די מעשה נורא וועגן הירשל דעם פֿאָטער און זיין זון דוד לייב.

דער פּאַרוואַגלטער

— א —

אין דעם שטעטל ב. וואָס איז געלעגן ביים ברעג פון אַ גרויסן טייך אין דער ליטע, האָט געוווינט אַ ייִדי, אַ קרעמער, מיט זיין ווייב און קינדער. דעם ייִדן האָט מען גערופן שמואל חיים און זיין ווייב האָט געהייסן חיה לאה.

די ייִדן פון דעם שטעטל זענען געווען גרויסע סוחרים, האָבן גע־האַנדלט מיט וואַלד, און געפירט זייערע געשעפטן מיט אויסלאַנד. זיי האָבן אַוועקגעשיקט זייער געהילץ מיטן וואַסער, איבער די ימים אין די מרחקים אַריין. צוריק האָבן זיי געבראַכט אַלערליי סחורה: זיידנס און וואָל, ברי־ליאַנטן און פּערל, זאַפראַן, נעגעלעך, און האָבן פאַרקויפט עס די גראַפן און דוקסן, די זעלבע שררות, ביי וועמען זיי האָבן גענומען די וועלדער און געדונגען די פעלדער מיט די סעדער אין אַרענדע.

שמואל חיים איז געווען אַ קרעמער און געהאַנדלט מיט די פּויערים פון דאָרף. ער האָט זיי פאַרקויפט אַ פונט שמאַרעווידלע, אַ טאָפּ זאַלץ, אַ פלאַש גאַזע, אַ קוואַרט גרויפּן, אַ פערטעלע מעל און אַנדערע זאַכן פאַר זייער באַלעבאַטישקייט.

קיין חיונה האָט שמואל חיימען נישט געפעלט, נאָר זיין ווייב חיה לאהן איז נישט אַנגעשטאַנען וואָס איר מאַן זיצט אין דעם פינצטערן פאַר־רויכערטן קרעמל און האַנדלט מיט פּויערים. זי האָט נישט פאַרגונען די גבירים, די גרויסע סוחרים פון שטאָט, וואָס פאָרן אַרום איבער דער וועלט און פירן זייערע געשעפטן מיט גרויסע שררות — מיט פּריצים און מיט

גראַפֿן. האָט זי שטענדיק געהאַלטן אין דערמאָנען דעם מאַן: „טו אַ קוק ווי זיי פירן זיך, און זע ווי דו פֿינצטערסט אָפּ דיין לעבן".

אַז זי איז געגאַנגען שבת פון שול מיט איר מאַן האָט זי אים דערציילט וועגן די שיינע מתנות וואָס די אַנדערע מענער — די גרויסע סוחרים — האָבן געבראַכט זייערע ווייבער פון די ווייטע מדינות, און האָט געפרעגט ביי אים:

— ווּעסט קענען פון פונט שמאַרעווידלע אַרויפּצי׳ען אַ שנירל פערל?

און אַז זי איז געזעסן ביים טיש, ביי דער שבת־סעודה, האָט זי זיך נישט געפרייט מיט דעם הייליקן שבת, נייערט אויסגעלייגט די רייד וואָס זי האָט געטראַכט אין שול ביים דאַווענען:

— לייטישע ווייבער טוען אָן שבת אין שול די מתנות, וואָס די מענער ברענגען זיי פון דער וועלט און דיין ווייב טראָגט נאָך דאָס שטערן־טיכל, וואָס מען האָט באַשטעלט פאַר איר צו דער חתונה.

האָט חיה לאה אַזוי לאַנג גערעדט צו איר מאַן וועגן די גרויסע סוחרים פון שטאָט און די טייערע מתנות וואָס זיי ברענגען זייערע ווייבער פון די מרחקים, אַז שמואל חיימען האָט אָנגענומען אַ חשק זיך אַרויסלאָזן איבער דער וועלט.

ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין געלט צו דינגען אַ קאָטש מיט פערד, און מיט זיין פאַרמעגן האָט ער נישט געקענט אָנהייבן האַנדלען מיט וואַלד. האָט ער זיך פאַרדונגען ביי אַ גרויסן וואַלד־סוחר פאַר אַ שומר אויף זיינע פליטן, וואָס שווימען אין די מרחקים.

נאָך פסח איז שמואל חיים אַוועקגעשווומען צוזאַמען מיט די פויערים אויף דעם געהילץ קיין אויסלאַנד; די פויערים האָבן מיט די שאָסטן גע־טריבן די פליטן, און שמואל חיים איז געזעסן אויף דער לעצטער קלאָץ פון דעם לעצטן פליט. ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט צושווימען צום ברעג און אָפּנעמען זיין שכר, וועט ער זיך אַוועקלאָזן איבער די כרכי הים און אָנהייבן האַנדלען, וועט ער קענען ברענגען סחורה פאַר זיין געשעפט און מתנות פאַר זיין ווייב מיט די קינדער.

אַז דאָס געהילץ איז אַרויסגעשווומען אויף די ברייטע טיפע וואַסערן, האָט זיך ביינאַכט אויפגעהויבן אַ גרויסער שטורעם און צעריסן די פליטן. דער ווינט האָט צעטראָגן דאָס געהילץ און די כוואַליעס האָבן איינגעשלונ־

גען די פּויערים. שמואל חיים איז געבליבן איינער אַליין אויף אַ קלאָץ, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון לעצטן פּליט.

די קלאָץ האָט זיך געטראָגן, ווי אַ שיפל אָן אַ רודערער, איבער די כוואַליעס; און די כוואַליעס האָבן אַראָפּגענידערט ווי שוואַרצע וואָלקנס פון די הימלען און האָבן זיך געעפנט טיף אין אָפּגרונט. האָט זיך שמואל חיים אַרומגעגאַרטלט אַרום דער קלאָץ ווי די קאָרע וואַקסט איין אין בוים און האָט זיך מיט די לעצטע כוחות געהאַלטן אויף די כוואַליעס.

אַז דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט און די קלאָץ האָט זיך ווייך געוויגט איבערן וואַסער, האָט זיך ביי שמואל חיימען אָפּגעטון דער פּחד, וואָס האָט פאַרצויגן זיינע אויגן מיט אַ נעפּל, און ער האָט זיך דערמאָנט אויף זיין ווייב און קינדער. ער האָט אָנגעהויבן בעטן ביים אויבערשטן, ער זאָל אים מציל זיין פון די וואַסערן, נישט צוליב אים אַליין, נייערט צוליב זיין הויזגעזינד וואָס ער דאַרף מפרנס זיין און מדריך זיין.

האָט ער דערזען אַז ער שווימט אויף אַ טייך. די ברעגן זענען אָבער הויכע, שאַרפע, אויסגעהאַקט פון שטיין און פאַרוואָקסן מיט אַ שוואַרצן געדיכטן וואַלד. האָט שמואל חיים אָנגעהויבן זאָרגן: „און אַז גאָט וועט העלפן און די קלאָץ וועט צושווימען צום ברעג, איז ווי אַזוי וועט ער קענען אַרויפקריכן אויף אַזאַ הויכן ברעג?"

און וואָס נעענטער די קלאָץ שווימט צו צום ברעג, אַלץ העכער וואַקסט אויס די באַרגיקייט און שאַרפער שניידן זיך אַראָפּ די גרויסע שטיינער. קוקט שמואל חיים אויפן ברעג: „אָטאָ, אָטאָ איז ער שוין אויף דער יבשה, נאָר דער ברעג איז הויך און שאַרף, נישט מיט קיין האַנט אָנצונעמען, און נישט קיין פוס אַראָפּצושטעלן. נעמט אים אַרום אַ שרעק: אויב ער וועט זיך נישט דערטרינקען וועט ער אויסגיין פון הונגער און דאָרשט, און ער פאַלט אַריין אין אַ חלשות ווי אין אַ דרעמל.

— ב —

נאָר אין דער רגע, ווען שמואל חיים האָט שוין נישט געוווּסט אַז ער זינקט אַראָפּ טיף אין וואַסער, האָט אים אָנגענומען אַ האַנט און אים צו־געצויגן צום ברעג. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און דערזען — דער

ברעג איז נידעריק און פלאַך אויסגעצויגן גלייך מיטן וואַסער. דער וואַלד איז אַפּגערוקט פון ברעג, ס׳פּאַלט בלויז זיין שאָטן אויפן וואַסער. אין שאָטן שטייט אַ פרוי אויף אַ שטיין און האַלט אים פאַר דער האַנט.

שמואל חיים האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט פון גרויס פרייד און קוים־קוים געשעפּטשעט: „איך ווייס נישט ווי צו לויבן״...

— מען דאַרף נישט דאַנקען און מען טאָר נישט לויבן אַ מענטשן, — האָט די פרוי אויסגעקוועטשט דאָס וואַסער, וואָס האָט גערונען פון זיין נאַסן קאַפּטן, און אויסגעלייגט אירע רייד: — איך האָב געראַטעוועט אַ ייִדן, האָב איך פאַרדינט אַ מצווה און איך וויל בלויז האָבן שכר מצווה — נאָך אַ מצווה.

האָט שמואל חיים געזען, אַז דער אויבערשטער האָט אים געהאָלפן און ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַן אשה, אַ צנועה, איז זיין פרייד געוואָרן נאָך גרעסער. ער האָט זיך אָבער געחידושט וואָס דאָס קלייד איז ביי איר הויך פאַרקאַטשעט, און די פיס זענען נאַקעט ביז איבער די קני. די אַרבעל פון דער העמד זענען אויפגעהויבן ביז די אַקסלען און דאָס לייב פון אירע הענט שיינט אויף דער זון ווי אָנגעגאָסן בלוט — האָט ער אַראָפּגעלאָזן די אויגן און איז אָפּגעטראָטן אַ טראָט, ער זאָל נישט קוקן אויף איר נאַקעטקייט.

האָט זיך די אשה אָנגעהויבן פאַרענטפערן: „איך בין אַרויס צום טייך וואַשן גרעט האָב איך פאַרקאַטשעט דאָס קלייד און אויפגעהויבן די אַרבל, איך זאָל נישט איינגעצן מיינע קליידער״.

שמואל חיים האָט דערזען אַ העמד זיך טריקענען ביים ברעג טייך אויפן גראָז און די פרוי האָט אים באַוויזן דעם פריאַניק, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי זאָגט דעם אמת. ער האָט זיך אָבער פאַרחידושט פאַרוואָס זי וואַשט בלויז איין העמד און ער האָט זיך אַרומגעקוקט צי ס׳ליגט נישט נאָך גרעט לעבן טייך.

— ניין, מער קיין גרעט האָב איך נישט, — האָט די פרוי אויסגע־לייענט אין זיינע אויגן דעם חידוש — ביי מיר איז געבליבן בלויז איין העמד און איין האַנטעך.

האָט שמואל חיים אַ זיפץ געטון: נעבעך זייער אָרעם...

— איך קלאָג נישט אויף מיין אָרעמקייט — איז די פרוי נישט

אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, — אַמאָל, אַמאָל, נאָר ס׳דוכט זיך, גאָר נישט לאַנג, האָב איך געהאַט אַ מאַן מיט זיבן זין; איינער העכער פון דעם אַנדערן און דער אַנדערער קליגער פון דעם צווייטן. מיר האָבן געצויגן אונדזער חיונה פון די שוואָמען, וואָס איך מיט מיין מאַן האָבן געקליבן אין וואַלד, און פון די פעל פון די חיות, וואָס מיינע זין האָבן געפאַנגען. ס׳האָט אונדז נישט געפעלט קיין ברויט און קיין קלייד, די פאַרלאַנגען פון דער פרוי שעפּן זיך אָבער נישט אויס, אַט אַזוי ווי דאָס ליכט פון דער זון אַנט־פּלעקט נישט די סודות פון וואַלד, איז פאַר מיר נישט געווען גענוג די פרייד וואָס האָט געלויכטן אין מיין שטוב און איך האָב מיין מאַן אַרויס־געשיקט איבער דער וועלט זוכן עשירות. ער איז אַרויס אין אַ בייזער שעה — נאָך האַלבער נאַכט, אין דער רגע ווען דאָס פינצטערניש ציטערט ביי די נישט־גוטע אויף די שפּיץ־פליגל און וויגט זיך איבער פון איין משמר אין דעם אַנדערן — און ער האָט זיך ביז איצטער נישט אומגעקערט צוריק.

— זענען די זין אַוועק זוכן דעם טאַטן; זיי זענען אַרויס איינציקווייז, איינער נאָך דעם אַנדערן און קיין איינער איז נישט געקומען צוריק. זיץ איך אַליין אין שטוב, האַלט זיך אויף מיט די שוואָמען וואָס מיין מאַן האָט אויסגעטריקנט און וואַרעם זיך אין די פעל פון די חיות וואָס מיינע זין האָבן געשאָסן. איך וואַך ביינאַכט צום צווייטן משמר, אפשר וועל איך דערהערן די טריט פון מיין מאַן, ווייל ער קען קומען אַהיים נאָר דעמאָלט ווען ער וועט אַוועקשטעלן דעם ערשטן טראָט אין דער זעלבער רגע וואָס ער איז אַרויס פון שטוב. אין דער רגע זעצן זיך אָבער אַוועק די שדים און טייוואָלים, אויף די שפּיץ צווייגן, אָטעמען אַרויס זייער כישוף ווי אַ ווינט און פאַרוויגן אין שלאָף דעם מענטשנס רעיונות. שלאָפט איין מיין מאַן גלייך ווי ער שטעלט אַוועק דעם ערשטן טראָט און ער זעט נישט זיינע קינדער; און די זין קענען נישט געפינען זייער טאַטן. ליג איך ביי־נאַכט אין בעט, הער זיך איין ווי דער כישוף שוהאיעט מיט פּחד די צווייגן און ווער פאַרצערט פון בענקעניש נאָך מיין מאַן.

איז באַפאַלן שמואל חיימען אַ גרויס שרעק, אפשר איז ער אויך אַרויס אין אַזאַ בייזער רגע פון הויז, דערפאַר האָט דער שטורעם צעריסן די פּליטן און די נישט־גוטע האָבן אים טעג און נעכט געטראָגן איבערן

וואַסער ביז וואַנען ער איז צוגעשוווּמען צו דעם ברעג. האָט ער זיך פאַר־נאַנדערגעוויינט: — ווּעל איך זיך קענען אומקערן צו מיין ווייב מיט די קינדער?

האָט די פּרוי אַ זיפץ געטון מיט גרויס רחמנות אויף דעם ייִדן:

— דער וועג איז אַ ווייטער און אַ לאַנגער, ס'איז שווער צו קומען אַהער, אין וואַלד, און ס'איז נאָך שווערער אַרויסגיין פון דאַנען, פון דעם העק; ס'נעמט זיבן וואָכן מיט זיבן טעג ביז מען געפינט דעם וועג, און דערנאָך דאַרף מען גיין אַ יאָר מיט אַ טאָג ביז מען קומט צו אַ קהילה. נישט אַלע מענטשן קענען אָבער דערגיין ביז אַ שטאָט. זיי ווערן איינגעמאַטערט אין מיטן וועג, פאַלן זיי אַוועק, און שלאָפן איין מיט אַזאַ שלאָף, אַז בלויז אַ פויגל קען זיי אויפוועקן מיט זיין געזאַנג. דער פויגל באַווייזט זיך אָבער נישט אַלע מאָל; ער קומט צופליִען בלויז דעמאָלט, ווען די נאַכט פאַר־שפּעטיקט זיך און די זון באַליכט מיט אירע שטראַלן די שטערן; דערביי־בער דאַרפסטו זיך אויסרוען, איידער דו לאָזט זיך אַרויס אין אַזאַ וועג. — האָט די פּרוי גערעדט גוט און פרום צו שמואל חיימען: — קום אַריין צו מיר אין הויז, וועסטו אַראָפּוואַרפן פון זיך דיינע נאַסע קליידער און איך וועל דיר געבן אָנטאָן מיין מאַנס טרוקענע בגדים; דו וועסט ביי מיין טיש שטילן דיין הונגער און אונטער מיין דאַך וועסטו זיך אויסרוען פון דיין פאַרמאַטערטקייט.

— ג —

די שטוב איז געווען אַ ברייטע, אַן אויסגעשפּרייטע, נאָר אַ ליידיקע: ס'איז בלויז געשטאַנען אין אַ ווינקל איין בעט, אָנגעלייגט הויך מיט בעט־געוואַנט און אין מיטן שטוב — אַ דעמבענער טיש מיט צוויי בענקלעך.

„קיין סימן נישט פון דעם מאַן מיט די קינדער", האָט שמואל חיימען דורכגעשניטן אַ שרעק, נאָר ער האָט קיין סך נישט געקענט פרעגן ביי דער אשה, ווייל דער הונגער האָט אָפּגעקערט זיין בליק צום געגרייטן טיש און די פאַרמאַטערטקייט האָט אים געצויגן צום בעט.

די אשה האָט אים געגעבן עסן, אויסגעטריקנטע שוואָמען מיט קריי־טעכער, וואָס זי האָט אָנגעקליבן אין וואַלד, און האָט זיך פאַרענטפערט פאַרוואָס די מאכלים זענען אַזעלכע אָרעמע.

שמואל חיים האָט נישט געדענקט וואָס די אשה האָט צו אים גערעדט, ווייל אים איז גלייך באַפֿאַלן אַ טיפֿער שלאָף. אַז ער האָט זיך אויפֿגע־כאַפּט, האָט ער נישט געוווּסט וויפֿל טעג און נעכט ער איז געשלאָפֿן און ער האָט אויך פֿאַרלוירן דעם חשבון ווי לאַנג ער איז שוין אַוועק פֿון דער היים.

ער האָט געזען ווי ער ליגט אין בעט אַן אויסגעטאָנענער און לעבן אים זיצט די אשה בלויז אין איין העמד...

„אַזוי נאָענט לעבן אַן אשה", האָט זיך שמואל חיים דערשראָקן און פֿאַרמאַכט די אויגן, ער זאָל נישט קוקן אויף איר נאַקעטקייט.

די אשה איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן פֿון אים און געגלעט מיט אירע ווייכע הענט זיין קאָפּ.

איז שמואל חיים אין כעס געוואָרן: „דו שעמסט זיך נישט?".

— דו ביסט דאָך מיין מאַן און שלאָפֿסט אין מיין בעט, — האָט די אשה אויסגעלאַכט — גרויס איז מיין פֿרייד וואָס דו האָסט זיך אומגע־קערט פֿון דער וועלט און מיר זענען ביידע צוזאַמען אונטער איין דאַך.

— ביסטו מיין ווייב? איך האָב דאָך חיה לאהן מיט די קינדער אי־בערגעלאָזן אין דער היים! — איז שמואל חיים צעטומלט געוואָרן און האָט געוואָלט אַרויסשפּרינגען פֿון בעט נישט קיין אָנגעטאָנענער.

— ניין, מיין געטרייער, מיין ליבער, — האָט די אשה אויסגעצויגן ווייך איר האַנט ביי אים אויפֿן פּנים, — אַז דו ביסט אַוועק פֿון שטוב און זיך געלאָזן איבער דער וועלט ביסטו אויסגעשטאַנען אַ סך סכנות. איך האָב נישט געגעסן און נישט געטרונקען און געבעטן ביי גאָט דו זאָלסט ניצול ווערן פֿון די אַלע געפֿאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף דיר אין דער ווייטער וועלט. דעריבער האָט דער אויבערשטער באַצאָלט מיר מיט דער גרויסער פֿרייד, איך אַליין זאָל מיט מיינע אייגענע הענט אַרויסראַטעווען מיין מאַן פֿון וואַסער.

טראַכט שמואל חיים: חיה לאהס קול, אָבער נישט אירע הענט, נישט איר פּנים, און זיין ווייב וועט נישט מאַכן אַזעלכע תנועות. האָט ער אָנגע־הויבן שרייען: „מיין ווייב וועט נישט זיצן אַ נאַקעטע אין מיטן העלן טאָג לעבן אַ פֿרעמדן מאַן און מיין שטוב איז נישט פּוסט און ליידיק!".

— נאַרעלע, — האָט די אשה גערעדט רויק און געלאַסן, — דו

ליגסט דאָך אין דעם פּאָדערשטן חדר, איז דאָ פּוסט און ליידיק; דו האָסט שוין פאַרגעסן אַז מיר האָבן נאָך אַ שטוב מיט חדרים. איך האָב געוואַשן און געשייערט די חדרים, נישט אַריינגעשטעלט אַהין קיין פוס ס׳זאָל זיין ריין און ציכטיק ווען מיין מאַן וועט זיך אומקערן אַהיים. — זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און אַ דינער שמייכל פון פאַרשעמונג האָט זיך פאַרצויגן, אַ בלאַסער, אויף אירע באַקן: — פון גרויס פרייד האָב איך פאַרגעסן אַז ס׳איז שוין טאָג געוואָרן, האָב איך זיך נישט אָנגעטאָן; זיץ איך לעבן דיר און צייל די גרויע האָר פון דיין באָרד. דו געדענקסט ווי איך האָב דיר געזאָגט, דו זאָלסט קומען אַהיים איידער דיין באָרד וועט גרוי ווערן?

וואָרעם און נאָענט האָבן דער אשהס ווערטער געאָטעמט ביי שמואל חיימען אויף די ליפּן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי חיה לאה האָט חרטה געהאַט, וואָס זי האָט אים צוגערעדט זיך אַרויסלאָזן מיט די פּליטן אויף דער וועלט און האָט זיך געבעטן ביי אים: — קום אַהיים איידער איך וועל גרוי און אַלט ווערן. — אים האָט אַרומגענומען אַ רחמנות אויף זיין ווייב; פון גרויס צער האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן און דאָס בעט האָט זיך אָנגעהויבן וויגן, אַט אַזוי ווי די כוואַליעס האָבן זיך אויפגעהויבן אויפן וואַסער. האָט ער אויסגעצויגן די הענט, ער זאָל זיך אָנהאַלטן אָן עמעצן און זיך אָנגעהויבן בעטן: — חיה לאה, לאָז מיך נישט איבער אַליין...

האָט ער דערפילט ווי אַ האַנט גלעט אים דעם שטערן, ווישט אים אָפּ דעם שווייס און ער שטייט אין מיטן שטוב אָנגעטאָן אין נייע מלבושים. די אשה איז אויך אָנגעטאָן אין אירע קליידער און זי רעדט ווייך און שטיל: — דיין ווייב האָט דיך אָפּגעמינטערט פון חלשות.

וויל שמואל חיים שרייען הויך, נאָר זיין קול חלשט אָפּ טעמפּ און פאַרזונקען:

— דאָס איז אָבער נישט מיין שטוב...

— דאָס דוכט זיך דיר — רעכנט אויס די אשה: אַט־אַ שטייט דער טיש, דאָרטן די שלאָפבאַנק, אַט דאָ איז דאָס איוועלע מיט די גרינע קאָכל און אַנאָ זענען די שטולן מיט די בענקלעך.

קוקט זיך איין שמואל חיים אויף דעם הויז מיט מעבל; אים דוכט

זיך, ס'איז זיין שטוב און ער זעט זיינע חפצים. ער ווייס אָבער נישט וווּ איז מזרח, כאַפּט ער זיך אַז ער איז אין דער פרעמד און שרייט אויס:

— וווּ איז די מזוזה?

יאָגט זיך די אשה אַוועק ווי אַ ווינט, שפּאַרט זיך דורך ווי אַ שאָטן דורך די שפּאַרונעס, כאַפּט אַ הויפן קוילן, שמירט זי אָן אויפן ביישטידל און ווייזט אָן: „אָטאָ איז די מזוזה"... זי נעמט אים אָן פאַרן אָרעם און רעדט צו אים גוט און פרום: „ביי אונדז אין הויז זענען מזוזות אויף אַלע טירן".

שמואל חיים פילט די וואַרעמקייט פון אירע פינגער אויף זיין לייב, זיין גוף לאָזט זיך אַראָפּ שווערער אויף זיינע טריט, וויל ער זיך נישט רירן פון אָרט און שעפּטשעט שטיל:

— איך ווייס, איך ווייס, איך זע...

— קום, וועל איך דיר באַווייזן — עפנט אויף די אשה טיף די אויגן און בייגט אָן דעם קאָפּ אויף שמואל חיימס אַקסלען.

עפענען זיך חדרים, ווי זיי וואָלטן זיך אַרויסגעשפּאַרט פון אַ באַהעל־טעניש, נאָר אין חדר שלינגט איין דעם אַנדערן און דאָס הויז שפּרייט זיך אויס ווייט און ברייט, אַ ליידיקע, אַ פּוסטע.

„אַזאַ גרויסע דירה און מען זעט נישט קיין שטיקל מעבל". חידושט זיך שמואל חיים און וויל פרעגן דער אשה: „וווּ איז דיין באַלעבאַטישקייט"?

נאָר זי קוקט אויף אים אַזוי שאַרף, אַז אירע בליקן שינדן אַראָפּ פון אים זיין אָנטועכץ און שמואל חיימען דוכט זיך, ער שטייט הויל און נאַקעט: טאַפּט ער זיין לייב, נאָר די הענט רירן אָן זיינע קליידער: יאָ, ער טראָגט דעם קאַפּטן, ער גייט אין הויזן און האָט נישט פאַרלוירן די באָרד, — אָבער וווּ איז דער טלית און תפילין? — דערשרעקט ער זיך.

— מיין טייערינקער — פאַרציט די אשה איר בליק ביי אים אויפן פּנים ווי אַ שאָטן און באַרויִקט שמואל חיימען: „אין דיין גרויס פרייד, וואָס דו ביסט געקומען אַהיים צו דיין ווייב, ביסטו אַזוי צעטראָגן געוואָרן, אַז דו האָסט מסתמא פאַרגעסן דעם טלית און תפילין ביים ברעג טייך און אפשר פאַרלוירן אויפן וועג. איך אָבער, — קוקט זי מילד מיט אַ שמייכל — האָב נישט פאַרגעסן; איך האָב אָפּגעהיט דיינע מלבושים, וואָס דו האָסט איבערגעלאָזן, אויף זיי זאָל קיין שפּרינקעלע נישט פאַלן. זע, ווי ניי און

פריש זיי זענען, גלייך ווי אָנגעמאָסטן אויף דיר, — גלעט זי די לאַצן אונטער זיין באָרד.

דער אשהס פינגער פרעסטלען זיך מיט אַ קעלט ביי שמואל חיימען אונטער דער באָרד און די באָרד לייגט זיך אָפּ וואַרעם אויפן האַרצן; שפּאַרט ער אָפּ דער אשהס האַנט פון זיך:

— מען טאָר נישט אָנטון קיין בזיונות אַ באָרד.

— ביי דיר איז אַ שיינע באָרד — רעדט די אשה איין שמואל חיימען.

שמואל חיים גיט זיך נישט אונטער: — אַ באָרד שעמט זיך צו איינשטיין ביי אַ ייִדן אָן אַ טלית און תפילין, ווו איז מיין טלית און תפילין? — שפּיצט ער אָן זיינע בליקן מיט כעס.

די אשה האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט פאַרמאָסטן מיט קיין טלית און תפילין און זי האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען קיין מאַן, וואָס זאָל אָפּהיטן די הייליקייט פון זיין באָרד, האָט זי זיך דערשראָקן פאַר שמואל חיימס קול און איז געוואָרן קלענער, דאַרער, איינגעדאַרט אין דעם אייגענעם גוף.

האָט זיך אָפּגעטון איר שליטה איבער שמואל חיימען און ער האָט זיך אַ יאָג געטון פון הויז זוכן דעם טלית און תפילין.

ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז ער האָט נישט געדאַנקט דער פרוי פאַרן עסן וואָס זי האָט צוגעגרייט ביי איר טיש און פאַרן געלעגער וואָס זי האָט אויסגעבעט אין איר ווייכן בעט, און ס׳האָט זיך אָפּגעטון פון אים דער זכות פון טלית און תפילין. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעצויגן ווייך און גוט, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערבעטן מיט איר: „אַ גוטן טאָג״.

— דו גייסט אַוועק? — האָט די אשה אָנגעטאָן אין אומעט איר קול און געאָטעמט מיט זאָרג — וועסט טרעפן דעם וועג?

— איך וועל לאָזן מיינע טריט זוכן די האַנט וואָס האָט מיר אַרויסגע־ראַטעוועט פון וואַסער, אַזוי ווי זי האָט אַרויסגעצויגן משהן פון טייך, וועלן די אויגן אפשר דערזען דעם וועג. — האָט זיך שמואל חיים ניט אומגעקוקט אויף דער אישה און האָט זיך געשפּאַרט אַפּריִער פון זיך, ווי ער וואָלט געגאַנגען אַנטקעגן אַ גרויסן ווינט.

די אישה האָט אָבער אויך נישט געררוט: זי האָט אויפגעוועקט די גע־זאַנגען ביי די פייגלען, וואָס רופן די זכרים צו די נקבות און האָט אַרויס־

געצויגן פון די בלומען די ריחות, וואָס באַפּרוכפּערן זייער בלעכץ. אַליין איז זי פאַרלאָפן שמואל חיימען דעם וועג און האָט זיך געטראָגן לייכט און גרינג, ווי זי וואָלט זיך געוויגט אין דער לופטן. זי האָט פאַנאַנדערגעלאָזן אירע האָר ווייך און דין ווי אַ שפּינוועבס און אויסגעצויגן זיי ברייט און ווייט אונטער דער זון. די האָר האָבן געבלענדט שמואל חיימען די אויגן מיט די שטראַלן פון דער זון און די געזאַנגען פון די פייגלען האָבן פאַרשיכורט זיינע רעיונות מיט די ריחות פון די בלומען. האָט ער פאַרלוירן דעם וועג צום ברעג טייך און האָט זיך נאָכגעצויגן נאָך דער לויטערקייט, וואָס האָט געקוועלט פון די האָר. און שמואל חיים האָט זיך נישט אַרומגעזען ווי ער איז צוריק אַריין אין הויז.

— ד —

אין שטוב איז לעבן שמואל חיימען געשטאַנען די אשה, און האָט זיך געטוליעט צו אים: „אַזוי לאַנג געוואַרט אויף דיר".

— אַזוי לאַנג... — האָט שמואל חיים נאָכגערעדט די רייד און געזוכט מיט בליקן פון טיפן באַגער די שיין וואָס האָט געציטערט אין אירע האָר.

— און דו האָסט פאַרגעסן אויף דער גוטסקייט, וואָס איך האָב געטון מיט דיר, — האָט די אשה געמאָנט, נאָכגעגעבן און פאַרגעבן און געגלעט מיט אירע צאַרטע פינגער זיין האַלדז.

— ניין, ניין, איך האָב נישט פאַרגעסן, — האָט זיך אויפגעוועקט ביי שמואל חיימען די תאווה צו דער אישה.

— טאָ פאַרוואָס ווילסטו אַוועקגיין? — האָבן ביי דער אשה געציטערט די רייד אין אומרו.

— אַטאָ בין איך דאָ, איך בין געקומען צוריק, — האָט שמואל חיים אַרומגענומען די אשה און געקושט זי אין די ליפּן. נאָר אין דער רגע ווען אים האָט זיך געדוכט אַז אָט־אָט באַהעפט ער זיך מיט איר, האָט ער דערהערט אַ געשריי, ווי דער סקריטש פון אַ בלעך: די באָרד, די באָרד קריכט מיר אין מויל אַריין און שטעכט מיין לייב...

די תאווה האָט נישט אָפּגעלאָזן שמואל חיימען, זיין באַגער האָט איינ־

געקלאַמערט די אשה אין זיינע הענט און ער האָט זיך געבעטן ביי איר:
— וועל איך אָפּשערן די באָרד...

נאָר די אשה האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט. איר פּנים האָט זיך אויסגעצויגן לאַנג. די נאָז־לעכער האָבן געאָטעמט מיט כעס. די אויגן האָבן זיך אַריינגעזעצט טיפער אין די אויגן־לעכער, זענען געוואָרן גרעסער, האָבן געציטערט ווי פונקען אין אַ פלאַם און זיי האָבן זיך געריצט מיט דעם ייִדן.

— איך וויל אָבער אַליין, מיט די אייגענע הענט אָפּשערן דיין באָרד און אָפּשניידן די פּאות.

— שער אָפּ און שנייד אָפּ... — האָט ער זיך געבעטן.

— איך וויל אָפּשערן יעדע האָר באַזונדער, איינציקוויַיז — האָט די אשה קאַלט און רויִק גערעדט.

— קלייב אויס און צייל אויס איינציקוויַיז — האָט זיך שמואל חיים אונטערגעגעבן, און אויסגעצויגן זיין באָרד צו דער אשה.

די אשה איז אַפּגעטראָטן אַ טראָט: — דו ווייסט, אין אַ באָרד איז פאַראַן זיבן און זיבעציק מאָל זיבן און זיבעציק האָר און ס'וועט נעמען זיבן יאָר מיט אַ טאָג ביז איך וועל אָפּשערן יעדן האָר, וועסטו וואַרטן אַזוי לאַנג?

— און דו האָסט נישט געוואַרט אויף מיר? — האָט זיך שמואל חיים דערנענטערט צו דער אשה.

— קוק, ווי גלאַט און נאַקעט ס'זענען דיינע באַקן, — האָט די אשה ברייט אויסגעשפּרייט אירע הענט און פאַרצויגן איר פּנים מיט אַ שמייכל פון נצחון.

שמואל חיים זעט אָבער ווי די אשה דערווייטערט זיך פון אים. ציט ער זיך צו איר נענטער, און אים דוכט זיך, אָט־אָט רירט ער זי אָן מיט אַ פינגער, בעט ער זיך: „איך האָב אָפּגעשאָרן די באָרד...״ נאָר זיינע הענט בלייבן הענגען אין דער לופטן ליידיקע.

די אישה לאַכט אָבער מיט פולסט געלעכטער; דאָס געלעכטער טראָגט זיך אין דער לופטן און שלאָגט זיך אָפּ אויף די ווענט, ווי שטיינער פאַלן אויף שטיינער.

זי וויזט אים די באָרד, און מיט די אויסגעריסענע האָר רייצט זי זיך מיט אים. בעט זיך שמואל חיים:

— ס׳איז מיין באָרד, ווי מען האָט רחמנות אויף אַ קינד. נאָר זיין געבעט ווערט צעמאָלן אין אירע רייד.

איז דער זכות פון דער באָרד, וואָס שמואל חיים האָט געוואָלט אַרויס־ראַטעווען ביי דער אשה פון די הענט, בייגעשטאַנען אים און ער האָט זיך אויסגעניכטערט פון זיין תאווה. זיין רעיון איז געוואָרן קלאָר; ער האָט דערזען אַז די פרוי איז אַ מכשפה, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר זיין ווייב, און זי שפּאָט אָפּ פון אים.

האָט ער זיך דערמאָנט ווי זיין ווייב חיה לאה האָט אים געטריי אַרויס־באַגלייט אין וועג, און ער האָט דערזען ווי זי קוקט איצטער אויס אין דער היים אויף אים. האָט ער זיך אַרויסגעשפּאַרט פון דער מכשפהס שטוב און זיך אָנגעהייבן יאָגן אַהיים צו דעם ווייב מיט די קינדער.

שווער טרעטן אָבער די פיס אויף די טריט, וואָס גייען אויפן גע־רעכטן וועג, און גרינג שפּרינגען די נעגל פון שטן, וואָס פאַרצי׳ען זיין בעק. האָט די אישה אויסגעלייגט ברייט און גלאַט דעם וועג וואָס פירט צו איר שטוב פון כישוף, און איינגעפלאָנטערט אין דער פינצטערניש פון וואַלד די סטעזשקע, וואָס ציט זיך צו דעם ווייב מיט די קינדער.

האָט שמואל חיים אָנגעהויבן זיפצן פון אַלטקייט: „ס׳איז שווער און ביטער צו קומען אַהיים הויל און נאַקעט און זוכן, אויף די עלטערע יאָרן, חיונה פאַרן ווייב מיט די קינדער״.

ביי אים האָט זיך אויפגעוועקט אַ בענקעניש נאָך דער יונגקייט, וואָס די אישה האָט אָנגעטאָן אויף אים און ער האָט געוואָלט אויפקנוילן די באָרד, איר גרויקייט זאָל זיך אים נישט שפּאַרן אין די אויגן. ערשט דאָס פּנים איז גלאַט און ווייך; דער קאַפּטן איז ניי און פריש; דער וועג איז גלאַט און ברייט און די פיס הייבן זיך גרינג, העכער פון די טריט. האָט שמואל חיים אַרויסגעלאָזן אַ ניגון פון פרייד:

אָן אַ באָרד איז שענער
מיט אַ באָרד איז שווערער

ער האָט דערזען ווי דער אישהס האָר שטראַלן אַרויס פון ליכטיקן טאָג. עס ציִען זיך לאַנגע צעפּ און ציטערן ווי פונקען אויפן ווינט. זיי גנבענען אַראָפּ זיין בליק און טוען אים אָן ביי דער אישה אויפן נאַקעטן לייב.

לעבן אים שטייט אַ פרוי אין אַ לאַנג, שוואַרץ קלייד, פאַרשפּיליעט ביזן האַלדז, און די אַרבל זענען לאַנג ביז די פינגער. איר פּנים איז קיילעכדיק און די באַקן רויטלען זיך פון שעמען זיך. די אויגן, שוואַרצע, טיפע, זענען פאַרצויגן מיט אַ נעפּל, מיט אומעט און בענקעניש. זיי בעטן זיך שטיל און ווייך: — דו דערקענסט מיך נישט?

שמואל חיים האָט אָבער נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ פרוי, חידושט ער זיך, שרעקט זיך, און ווייס נישט וואָס צו ענטפערן.

לייגט אַרויף די פרוי איר האַנט, געטריי און איבערגעגעבן, אים אויפן אַקסל: — פון גרויס בענקעניש נאָך דיר איז מיין גוף איינגעגאַנגען, איך פריי זיך אָבער מיט דער פרייד, וואָס האָט אונדז ביידן דערפרייט צו אונדזער חופּה.

די וואַרעמקייט פון אירע פינגער האָט געגלעט שמואל חיימס לייב און אַרויסגעשפּראָצט מיט אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן. האָט ער נישט אָפּגעלייקנט אירע רייד און געאָטעמט מיט תאווה:

— מיין ווייב, מיין ווייב...

— מיין מאַן, מיין מאַן, געקומען צוריק צו זיין ווייב, — האָט די פרוי געגלעט זיינע נאַקעטע באַקן.

— מיין ווייב, מיין ווייב, איך האָב דיך אַזוי לאַנג נישט געזען. — האָט זיך שמואל חיים געצויגן נאָך דער אשה און אים האָט זיך געדוכט אַז אָט־אָט גייט ער אַריין צוזאַמען מיט איר אין שטוב, נאָר וואָס נענטער זיי האָבן זיך דערנענטערט צום הויז, אַלץ ווייטער האָט זיך דערווייטערט פון זיי די טיר.

האָט זיך שמואל חיים געחידושט: — פאַרוואָס דערווייטערסטו מיך פון דיין הויז?

— מיין שטוב האָב איך גערייניקט און צוגעקליבן פאַר דעם מאַן,

וואָס איז אָנגעטאָן ווי אַ חתן צו דער חופה, — האָט די אשה אָנגעשפּיצט אירע אויגן: — טו אַ קוק וואָס פאַר אַ קליידער דו טראָגסט!

שמואל חיים האָט פּלוצלינג דערזען, אַז ער שטייט אין זיין לאַנגן צעקנייטשטן קאַפּטן: דער בגד האָט זיך נאָך נישט אויסגעטריקנט פון דעם וואַסער, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין טייך, און ער אַליין בייגט זיך אין בידעריקער אונטער די יאָרן, וואָס האָבן זיך אַרויפגעקייקלט אויף זיין על־טער. האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן: — וועל איך איבערבייטן מיינע קליי־דער, איך וועל אָנטאָן די נייע קליידער וואָס דו האָסט צוגעגרייט פאַר מיר.

— אָטאָ זענען די קליידער פאַר דעם חתן, וואָס וועט קומען צו מיר אין דער חופה־נאַכט, — האָט די אשה אויסגעצויגן לאַנג איר האַנט צו שמואל חיימען.

— איך וועל זיך איבערטאָן — האָט שמואל חיים נאָכגעגעבן און ער האָט זיך נישט אַרומגעזען ווי ער איז שוין געשטאַנען אין אַ שוואַרצן סור־דוט מיט אַ שפּאַלט פון הינטן און פאַרשניטענע שפּיציקע פּאָלעס. גלאַנ־ציקע שטיוועלעך מיט לאַקירטע האַרטע כאָלעוועס האָבן איינגעשטייפט די קאַלאָשעס פון די הויזן און די הויזן זענען געלעגן אויסגעגאָסן אויף די פיס, צוגעקלעפּטע צום לייב.

האָט זיך שמואל חיים דערפרייט: — איצטער זע איך אויס אַזוי ייִנג ווי דו — און האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער פרוי. נאָר די אשה האָט זיך דערווייטערט פון אים ווי דער שאָטן ציט זיך אויס לענגער פון דעם מענטשן.

האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן: — נען נענטער צו דעם חתן, וואָס איז געקומען צו דיר אין זיינע חתונה־קליידער צו דער חופה־נאַכט...

— חתן אין חתונה־קליידער — האָט דורכגעשניטן די לופט אַן אָפּלאַך־געלעכטער: — מיט אַ גרויער באָרד וואָס איז ווייס געוואָרן פון אַלטקייט.

— איך האָב דאָך אָפּגעשאָרן די באָרד, — האָט שמואל חיים געוואָלט אויפהייבן זיין האַנט צו די באַקן, נאָר זיין פּלייצע האָט טיף און שווער אַראָפּגעבויגן זיינע אָרעמס.

— אָטאָ איז די באָרד! — האָט די אשה געטייטלט אים אין די אויגן מיט דער ווייסער קודלעוואַטער באָרד, וואָס האָט באַוואָקסן געדיכט זיין פּנים.

— ה —

שמואל חיים האָט געזען ווי לעבן אים שטייט אַ אשה און זיין באָרד צאַפּלט זיך ביי איר אין די הענט. איר פּנים איז לאַנג אויסגעצויגן, די נאָז שפּאַרט זיך מיט דעם שפּיץ צו די ליפּן און די גרויסע שוואַרצע אויגן זידן מיט דעם גיפט פון צעלאַכעס.

האָט זיך שמואל חיים דערשראָקן פאַר דעם בייזן פּנים און אויס־געשריען:

— ווער ביסטו? — און האָט זיך געבעטן:

— וווּ איז די, וואָס איז נישט געשלאָפן קיין נעכט און האָט געוואַרט אויף דעם מאַן ער זאָל זיך אומקערן צוריק?

— זי וואַרט אויף דיר אין דער היים — האָט דער ווינט אַראָפּגע־קייקלט די ווערטער פון דיביימער — זי זיצט אין שטוב און קוקט אויס אויף איר מאַן; זי וויינט און קלאָגט אויף אירע זינד, פאַרוואָס זי האָט אים איינגערעדט פאָרן אין די מרחקים. זי איז גרוי און אַלט געוואָרן פון וויינען און קלאָגן; זי האָט אַרויסגעשיקט די קינדער איבער דער וועלט זוכן דעם טאַטן און זיצט איינע אַליין, אַן עלנטע אין דער ברייטער, צעשפּרייטער שטוב. — שמואל חיים פאַרנעמט די רייד, נאָר פאַר אים שווינדלט די פרוי, וואָס האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון וואַסער; זי שטייט אויפן שטיין; דער שטיין זינקט איין אין וואַסער און שפּאַרט זיך אַרויס אויפן ברעג טייך; ס׳ציטערן פאַר אים אירע נאַקעטע פיס און ס׳אַנטבלויזט זיך איר לייב.

ער הערט אירע רייד:

— קום צו מיר אָנגעטאָן ווי דער חתן צו דער כלה אין דער חופּה־נאַכט.

טאַפּט ער זיין סורדוט, גלעט די גלאַטע באַקן און דערנענטערט זיך צו דער אשה:

— אָט בין איך געקומען...

נאָר ער טרעט איבער אַ ברייט אויסגעשפּרייט פעלד; פון דער ערד שפּאַרן זיך אַרויס פאַרשניטענע קאַרטשעס און איבערן קאָפּ לויערן שווערע פינצטערע וואָלקנס.

קלאָגט שמואל חיים: — דעם וואַלד האָט מען אויסגעהאַקט; דאָס געהילץ איז צעשוווּמען געוואָרן איבער אַלע וואַסערן און ס'איז נישט געקומען צו קיין ברעג.

אין דער היים זיצט דאָס ווייב; זי וואַרט נישט אויף קיין מתנות, זי קוקט נישט אויס אויף קיין סחורה, נייערט זי בעט ביי גאָט, ער זאָל איר נישט שטראָפן פאַר אירע זינד און ברענגען דעם מאַן אַהיים.

ער ברעכט זיינע טריט איבער די גראָבע קאָרטשעס, אויסגעטריקנטע צווייגן און זוכט דעם וועג אַהיים, ער זאָל דערפרייען זיין ווייב און דערזען די קינדער.

נאָר פאַר די אויגן גייט אויף אַ וואַלד, די צווייגן פלעכטן זיך שוואַרץ און געדיכט ווי די וואָלקנס; און פון די צווייגן בייגט זיך אַראָפּ די אשה, ציט אויס אַ האַנט נאָענט און וואַרעם ביז זיין אַקסל:

— נען נענטער...

וויל שמואל חיים אַרומנעמען זי:

— אָט בין איך געקומען...

נאָר אים ענטפערט זיין ווייב:

— איך זיץ ביי דער שוועל פון מיין טיר, און מיין אייגענע שטוב איז מיר פרעמד; איך בין מקנא געווען פרעמדע ווייבער זייערע מתנות, איצטער פוילט אויף מיר מיין אַלט קלייד און איך וויל נישט איבערבייטן קיין העמד.

בעט שמואל חיים מחילה ביי זיין ווייב:

— אָטאָ קום איך; אָנאָ עפנט זיך אַ וועג...

נאָר אין די צווייגן באַווייזט זיך דאָס פּנים פון דער אשה און טוט אַ ציטער מיט אַ שמייכל ווי אַ פויגל אין נעסט. פאַרלירט שמואל חיים דעם וועג און יאָגט זיך נאָך דעם שמייכל פון דער אשה.

איר בליק אַנטפלעקט זיך ווי דער שיין, וואָס דער ווינט שניידט איין אין די צווייגן, נאָר איר פּנים ווערט פאַרבאָרגן אין די בלעטער ווי די פינצטערניש הילט איין די נאַכט.

ער הערט מילד און ווייך:

— נען נענטער.

און פֿאַרנעמט דאָס געוויין:

— איך בין גרוי און אַלט...

וואָגלט ער פֿון בוים צו בוים, גאַרטלט זיך אַרום די שטאַמען, אַט אַזוי זוי ער האָט זיך איינגעגעסן אין קלאָץ אויפֿן וואַסער און ער ווייס נישט צו וועמען ער גייט: צו דער אשה מיט די פֿאַנאַנדערגעלאָזענע האָר, אָדער צו זיין ווייב אין אירע פֿאַראומערטע קליידער. זיין קול טראָגט זיך איבער וואַלד מיט שרעק און פּחד: — איך קום, איך קום...

און דער ווידערקול קלינגט אָפּ מיטן ווייבס געוויין:

— איך וואַרט, איך וואַרט, גאָט ווייס צי איך וועל זיך דערוואַרטן וויל גרויס זענען מיינע זינד...

דער ווינט רייסט פֿון די צווייגן דאָס געשריי. ער שפּאַרט אַריין דעם שרעק די בעלי־עגלות הינטערן קאַלנער און קלינגט אָפּ אין דעם שאַרף פֿון דער האַק, וואָס פֿאַלט אויפֿן שטאָם פֿון בוים.

דער פּאַלאַץ פון פּאַרשטערטער פרייד

— א —

אין זשירעוווע זענען אין גאַנצן געווען צוועלף יידישע משפחות. זיי האָבן געוווינט צוזאַמען מיט אַ פּאָר הונדערט גויים און זענען געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט דערפער פויערים.

אין דעם ישוב זענען נישט געווען קיין גבירים, ס׳זענען אָבער אויך נישט געווען קיין אביונים פאַר וועמען מען זאָל ח״ו דאַרפן צונויפמאַכן אויף שבת. די יידן זענען געווען קרעמער, סוחרים, בעל־מלאכות — שוסטער, שניידער; זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך חיונה, האָבן זיך געאַמפּערט צוליב דעם שטיקל ברויט, האָבן זיך געקריגט צוליב אַ ביסל כבוד און זענען מקנא געווען אַ שידוך פון אַ טאָכטער.

אַז זיי זענען אָבער געקומען צו מיין זיידן שבת, יום־טוב, אָדער צו אַ יאָרצייט דאַווענען מיטן מנין; אַז מען האָט זיך פאַרזעסן ווינטער ביינאַכט, אין די גרויסע פרעסט, ביי דעם זודיקן סאַמאָוואַר, האָט מען נישט געטון ריידן וועגן פּרנסה. די יידן האָבן בלויז אַ זיפץ געטון: „די צייטן ווערן ערגער, דער גוי מיינט, אַז ער איז געוואָרן קליגער...״ און זיי האָבן דערציילט מעשיות וועגן צדיקים, גוטע יידן; וועגן אַמאָליקע יידן — די גיבורים, וואָס האָבן נישט מורא געהאַט איינצושטעלן דעם לעבן פאַר דעם יידישן כבוד. מען האָט אָפּגעלאַכט פון די נייע פּריצים — די פאַצעטלעך, די פּראַנטן, וואָס טראָגן די גאווה אין די ליידיקע קעשענעס, און מען האָט דערמאָנט די אַלטע גראַפן, די דוכסן, ביי וועמען ס׳האָט געגרונען פון זייער שפע די חיונה פאַר דעם יידן.

אַז איך דערמאָן זיך איצטער אויף די ייִדן פון זשירעווע, זע איך נישט די טריט וואָס האָבן זיך געיאָגט איבער דער אויסברוקירטער גאַס נאָך פּרנסה און איך הער נישט דעם קלאַנג פון די קופּערנע מטבעות, וואָס די הענט האָבן געציילט אין קראָם, נאָר ס'אַנטפּלעקן זיך פאַר מיר די מעשׂיות, וואָס די ייִדן האָבן דערציילט ביים זיידן אין שטוב.

איך זע ווי יעקב־לייב דער שוסטער האָט זיך געריסן צום עמוד דאַווענען, איך קוק זיך איין ווי חיים־וועלוול דער שניידער האָט געהאַלטן לעבן זיך, צוזאַמען מיטן נאָדל־פאָדעם, אַ קליין ספרל און האָט צוזאַמענגע־שטעלט די צירופים, ער זאָל שבת צו מנחה קענען באַווייזן ווו ס'ווערט אָנגעוווּנקען אויף דעם קץ.

פאַר מיר וואַקסט אויס יודל דער קרעטשמער, וואָס האָט שמחת־תורה נישט געבראַכט קיין בראַנפן צום זיידן צום מנין און איז אַ גאַנצן טאָג געבליבן ניכטער. שבת־בראשית האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ קוואָרט זיבן און פופציקער, האָט זיך אָנגעשיכורט און געקלאַפּט אין האַרצן: „ביים סוף איז אומעטיק, טרויעריק, טרינקען דאַרף מען ביים אָנהייב, ווען ס'איז פריילעך... דערנאָך איז ער זיך פאַרגאַנגען אין אַ ניגון און געענדיקט אויף גויִש:

— נאָר אין ירושלים, „סלאַווני גאָראָד".

איך קען נישט פאַרגעסן נאָטע דעם סאָדאָווניק, וואָס האָט געוווינט אין סלאָנים און איז געקומען אין זשירעווע בלויז זומער, ווען ער האָט געדאַרפט היטן די סעדער, וואָס ער האָט גענומען ביים גראַף מיקולסקי. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, די באָרד אַ שיטערע, אַ שפּיציקע, און אירע האָר האָבן זיך איינציקע פאַנאַנדערגעבלאָזן ווי זיי וואָלטן זיך גע־האַלטן אויפן ווינט. דאָס פּנים איז ביי אים געווען אַ לאַנגס, די געזיכט־שטריכן האָבן זיך אויסגעטיילט האַרטע, ווי מען וואָלט זיי צוזאַמענגע־שטעלט באַזונדערע, אָפּגעטיילטע, זייער שטרענגקייט זאָל זיך מערער אָנ־זען. אַז ער האָט אָבער אָנגעהויבן ריידן, האָט זיך געדוכט, אַז דאָס קול קומט פון עמעצן אַנדערש, נישט פון דעם מענטשן ביי וועמען די באַקנ־ביינער שפּאַרן זיך אַרויס שפּיציק, און מאַכן שאַרפער זיין קול. דער ווייכער קלאַנג פון זיין קול האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ שמייכל אויף זיין פּנים. זיין וווּקס איז געוואָרן נידעריקער און אַן אַנדער מענטש איז אויסגעוואַקסן

פאַר די אויגן. מען האָט דערציילט, אַז זיין ווייב האָט זיך נישט אויפגע־פירט פיין זומער, ווען ער פלעגט אַוועקפאָרן אין די סעדער. איז ער גע־גאַנגען מיט איר צו מענטשן, געגומען זי צום רב און זי האָט געלייקנט. לויט האָבן אָבער ניט אויפגעהערט ריידן. האָט ער זי אָפּגעגט, ניט חתונה געהאַט נאָך אַמאָל און האָט נישט צוגעלאָזן צו זיך קיין שדכן. אַז ער האָט זיך דערמאָנט אויפן ווייב, „פינף יאָר אָפּגעלעבט צוזאַמען" האָט דער פּיין און חרפה אָנגעהויבן אים עקבערן מיטן ווייטיק, גלייך ווי ער וואָלט גע־ריסן די איינציקע האָר פון זיין באָרד. ער האָט זיך אָבער געטרייסט: „קיין קינדער נישט איבערגעלאָזן" און האָט זיך פאַרטראַכט: „אפשר זענען טאַקע דעריבער קיין קינדער נישט געווען"...

זומער האָט ער זיך געוואַלגערט אין די סעדער, אין אָסיען איז ער געשטאַנען מיט די אויבס אויפן מאַרק און ווינטער האָט ער נישט פאַר־קויפט די עפּל, באַרן אויפן פונט, נאָר אויסגעציילט אויפן צענדליק. ער האָט אָפּגעהיט דעם גראָשן און זיך פאַרענטפערט: „פאַר זיך אַליין דאַרף איך עס נישט". פאַר אים איז געגוג אַ שטיקל ברויט מיט אַ טעלער גע־קעכץ און אַ בגד אויף שבת. ער וויל אָבער פאַרזאָרגן זיינע אָרעמע שוועס־טער, ברידער, די קינדער זאָלן קענען לערנען תורה און נישט פאַרגעסן אויף אים — דעם פאַרדאַרטן בוים — איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר.

אַרום יעדן שבועות האָט ער זיך באַוויזן אין זשירעווע, איז געקו־מען אַ קוק טון ווי דער סאָד בליט און פלעגט אַוועקגיין; אין די „דריי וואָכן" האָט זיך נאָטע אַריינגעקליבן אין סאָד און איז אָפּגעזעסן דאָרטן ביז נאָך ראש השנה.

שבת אין דער פרי איז ער נישט אַלע מאָל געקומען צום זיידן דאַווע־נען מיטן מנין. אַז ביינאַכט איז געווען אַ שטאַרקער ווינט און ס'איז אָנגע־פאַלן אַ גרויסער אָפּאַד, האָט ער נישט געוואָלט איבערלאָזן זיין פאַרמעגן אויף דער ערד און איז נישט אַוועקגעגאַנגען פון סאָד. ער האָט אָבער אָפּ־געהיט יעדן שבת, דעם פאַרנאַכט און איז געקומען צום זיידן צו מנחה; ער איז אָפּגעזעסן ביז נאָך הבדלה און האָט דערציילט צוזאַמען מיט די אַנ־דערע יידן מעשיות וועגן אַמאָליקע צייטן.

מיר דוכט זיך, אַז נאָטע דער סאַדאָווניק האָט אַלע מאָל אָנגעהויבן זיינע מעשיות מיט איין נוסח: „אַז מען זיצט ביינאַכט איןביידל און דו זעסט

נישט קיין שפּאָן פאָרן אויג. מען טונקט זיך אין דער פינצטערניש און ס׳דוכט זיך, אַז מען טראַכט וועגן גאָרנישט. מען ווערט אויס יש און מען פאַרגעסט גאָר, אַז מען איז אַ מענטש, אַזוי ווי דיביימער ווייסן נישט, אַז זיי טראָגן אויף זיך פּירות. ס׳אַרט נישט, אַז מען וועט איינשלאָפן — זאָל מען גנבענען, די רעיונות טראָגן אָבער״... דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן קייטלען אַ מעשה נאָך אַ מעשה וועגן די חידושים און גבורות פון די בעלי־עגלות וואָס פאָרן דורך זשירעווע פון בוטען קיין סלאָנים; וועגן גראַפן, וועגן פּריצים און וועגן דעם פּאַלאַץ.

— ב —

אין זשירעווע האָט מען וועגן פּאַלאַץ דערציילט אַ סך מעשיות; מען האָט געזאָגט אַז ביינאַכט, ווען ס׳זענען נישטאָ קיין שטערן אויפן הימל און שווערע וואָלקנס פאַרציִען געדיכט די פינצטערניש, דערזעט מען פּלוצלינג ווי ס׳ווערט ליכטיק אויפן באַרג. די פענצטער שיינען אַרויס ווי די זון וואָלט זיך אָפּגעשלאָגן אין די שויבן, און דער פּאַלאַץ טורעמט זיך אין דער הויך, העכער פון די קלויסטערס, וואָס שטייען אין זשירעווע.

ס׳פאַלט אָן אַ פּחד און מען פאַרמאַכט די אויגן. ס׳ווילט זיך אָבער נאָך אַמאָל אַ קוק טון, אַרויסרופן עמעצן פון הויז, ער זאָל אויך זען, עפּנט מען די אויגן; נאָר אויפן באַרג ליגט שוין די פינצטערניש געדיכטער ווי די שווערע וואָלקנס, און דער ווינט הייבט אָן פּלוצלינג וואָיען, ווי ער וואָלט זיך געשפּאַרט אין קוימען.

מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט אַ גראַפיניע אויסגעבויט דעם פּאַלאַץ אויף דעם העכסטן באַרג לעבן איר הויף פאַר אַ ייִדן — אַ וואַלד־סוחר — וואָס זי האָט אַראָפּגעפירט פון גליכן וועג.

די גראַפיניע איז געווען אַן אַלטע פרוי, זאַט אין יאָרן, זי האָט אָבער געוווסט פון אַזעלכע קרייטיכער, וואָס זי האָט אונטערגעלייגט ביינאַכט צוקאָפּנס פון איר געלעגער און זיי האָבן זי געמאַכט יונג.

זי האָט זיך געקליידט אין בלעטער, וואָס אירע דינער און קנעכט

האָבן אַראָפּגעריסן פון די שפּיץביימער, און די שטראַלן, וואָס האָבן געציטערט אויף די בלעטער אין די צווייגן, האָבן באַלויכטן איר פּנים.

מכשפות האָבן פאַרטאָג פאַרן זון־אויפגאַנג, איידער די בינען קלייבן זייער האָניק, אויסגעזויגן דעם זאַפט פון די בלומען און האָבן באַשפּריצט מיט דעם ריח איר הויט, איר לייב זאָל ציטערן מיט באַגער און תאווה.

האָבן יונגע גראַפן און אַלטע דוקסן זיך געצויגן צו דער גראַפיניע אין גוט און געטראָגן איר אַנטקעגן זייערע וואַרעמע רייד. זיי האָבן געוואָלט טרעפן ווער וועט זיין דער באַגערטער, ווען די גראַפיניע וועט פאַרבעטן צו זיך אין זאַל, אויף די ווייכע טעפּעכער וואָס שמעקן מיט די אויסגעזויגענע ריחות פון די בלומען.

צו די אַלטע דוקסן האָט די גראַפיניע גערעדט גוט און פרום: „אַלטקייט מיידט אויס אַלטקייט, אָט אַזוי ווי אויסגעבלאָזענע קערנער באַגעגענען זיך נישט אויפן ווינט; אַ שטיין צינדט אָן אַ שטיין, נאָר אַ קויל וואַרעמט נישט אָן אַ קויל", און מיטן אומעט פון איר אַלטקייט, וואָס זי האָט פאַרבאָרגן אונטער איר כּישוף, האָט זי די אַלטע דוקסן אַרויסבאַגלייט פון איר הויף.

די יונגע גראַפן האָט זי געלאָזט קניִען צו אירע פיס, קושן די פינגער פון אירע הענט, און זי האָט נישט צוגעדעקט די נאַקעטקייט פון איר לייב, וואָס די בלעטער האָבן אויפגעעפנט. איר שמייכל האָט געקוועלט פון די ליפּן, זיך פאַרצויגן אין שאָטן פון די פאַרנעפּלטע בליקן און האָט גערייצט ביי זיי די תאווה.

אַז זי האָט דערזען ווי די גלוסטונג פאַרציט מיט אַ טוי ביים גראַף די אויגן און די אונטערטעניקייט בעט זיך אין זיין קול, ווי אַ צווייג בייגט זיך אונטער זיין שפע, האָט די גראַפיניע איינגעקרעמפּט איר לייב אין גוף, ווי אַ מושל ציט זיך אַריין אין שאָל. זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ ווייטע, אַ פרעמדע און פאַרגליווערט איר שמייכל אויף די דינע, בלאַסע ליפּן. די חרפּה איז געקראָכן דעם גראַף אויפן פּנים פון דער ניכטערקייט גלייך ווי דער גראַפיניעס שאַרפע בליקן וואָלטן אַנטפּלעקט זיינע פאַרבאָרגענע סודות פאַר פרעמדע אויגן, און ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון זאַל.

— ג —

מיט איין מאָן האָט זיך די גראַפיניע אַנדערש אויפגעפירט, פון אים האָט זי זיך נישט דערווייטערט און אירע בליקן האָבן זיך נישט געריצט מיט אים, נייערט געקוקט אויף אים מילד און ווייך מיט געבעט. דאָס איז געווען שמואל־יעקב דער וואַלד־סוחר, וואָס האָט גענומען ביי איר די וועלדער און אָפּגעקויפט די תבואה.

ער איז געווען אין די מיטעלע יאָרן, אַ הויכער, שוואַרצע אויגן, אַ קורצע קיילעכדיקע באָרד, וואָס האָט זיך געזילבערט מיט איינציקע גרויע האָר, און אָפּגעשלאָגן אַ ליכטיקן שיין אויף זיין פנים.

ער איז געקומען פון ווייטע וועגן און פלעגט פאַרברענגען אין הויף וואָכן צוליב זיינע גרויסע געשעפטן; ער איז אָבער איינגעשטאַנען ביי אַ באַלעבאָס אין זשירעווע און צו דער גראַפיניע אין הויף איז ער געגאַנגען ריידן וועגן די געשעפטן נאָך האַלבן טאָג, ווען די זון שטייט אַ לויטערע הויך אין הימל און שפרייט אויס איר ליכטיקייט איבער די גרויסע זאַלן פון פאַלאַץ.

די גראַפיניע האָט זיך איינגעקוקט אויף דעם יידן דעם וואַלד־סוחר און נישט געוווסט צי די ליכטיקייט פון העלן טאָג פאַלט אויף זיין געשטאַלט, אָדער די זון ציט אַרויס אירע שטראַלן פון זיין פנים. זי האָט געזען ווי די פרישקייט שפּראָצט אַרויס פון זיינע תנועות און זי האָט נישט געקענט פאַרגעסן, אַז זי מוז מיט כישוף אָנטאָן אויף זיך איר יונגקייט. איז זי מקנא געווען, וואָס ביי אים בליט די באָרד ווי קנאָספּן עפענען זיך אין די בלעטער, און זי האָט געוואָרט זיין בליק זאָל פאַרנעמען איר באַגער.

שמואל־יעקב האָט אָבער געטראַכט וועגן זיין ווייב און קינדער וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין דער היים, האָט ער נישט אויפגעהויבן זיין בליק אויף דער גראַפיניע און איז געווען פאַרטון אין די חשבונות, ער זאָל שנע־לער ענדיקן זיינע עסקים.

האָט די גראַפיניע געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי וויל אַ העכערן פרייז, אַז זי גיט נישט נאָך די תנאים פון קאָנטראַקט און מיט אירע קלוגע רייד אַריינגעצויגן שמואל־יעקבן אין אַ שמועס וועגן זייטיקע זאַכן. זי האָט אים

דערציילט וועגן די בלומען וואָס וואַקסן אין איר גאָרטן, וועגן די פֿייגל וואָס וועקן זיך אויף פֿאַרטאָג מיט זייער געזאַנג און האָט געטון פרעגן ווי אַזוי פּאָרן זיך בלומען און ווי אַזוי דערקענען פֿייגל דעם זכר און נקבה. זי האָט געלויבט זיין באָרד, וואָס נעמט אַרום ווי אַ קרוין זיין פּנים און גע־וואָלט דערגיין ווי עס זעט אויס זיין ווייב, צי זי איז שיין און יונג.

שמואל־יעקב האָט זיך געוועָרט, האָט נישט געלאָזט זיך אַריינגאָרן אין די רייד און האָט נישט אַרויסגעלאָזן פֿון זינען, אַז קול באישה ערווה. אַז דער בין־השמשות האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, האָט ער נישט געוואָלט בלייבן אַליין מיט אַן אישה אין דעם זאַל און האָט זיך אויפגעהויבן פֿון אָרט. ער האָט זיך פֿאַרנויגט מיט הכנעה די גראַפֿיניע זאָל זען, אַז אירע געשעפֿטן זענען ביי אים טייער. ער האָט אָבער אויך געוואָלט באַווייזן מיט זיין קלאָרן בליק, אַז אַ ייִד טאָר נישט פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייִד, ער דאַרף דאַווענען מנחה און ער וועט נישט פֿאַרפֿעלן קיין מנחה. האָט ער זיך אויס־געגלייכט אין זיין גאַנצער הויך און געוואָלט אָוועקשטעלן אַ טראָט. די גראַפֿיניע איז געזעסן אַ שטילע, ווי איינגעמויערט אין איר פֿאָטעל און האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. די שטילקייט האָט דערשטיקט שמואל־יעקבס קול און ער האָט נישט געקענט אויסריידן דאָס געזעגענונגס־וואָרט. האָט ער זיך פּלוצלינג דערשראָקן, זי קען נאָך ווערן אין כעס, וואָס ער לאָזט זי איבער אין מיטן שמועס. האָט ער זיך פֿאַרטראַכט: „אפשר טאָר ער נישט איינשטעלן די חיונה פֿון אַ ווייב מיט קינדער און דאַרף נישט אַוועקגיין. איז אים איינגעפֿאַלן: „ער וועט דאַווענען מנחה טאַקע, דאָ, אין פּאַלאַץ, נאָר אין אַ באַזונדער סאַליע".

נאָר זיין ווייב האָט אַ ציטער געטון פֿאַר זיינע אויגן, ווי אַ סכנה וואָרנט דעם בליק, האָט ער זיך געשטאַרקט:

„ניין, ער טאָר דאָס נישט טון!"

ער האָט אָפּגעקערט זיין בליק פֿון דער גראַפֿיניע, און געזאָגט שאַרף און האַרט: „אַ ייִד טאָר נישט פֿאַרפֿעלן קיין מנחה".

ער האָט געוואָלט נאָך שאַרפֿער אַריינשניידן זיינע רייד:

— מיר מוזן מאָרגן ענדיקן אונדזערע געשעפֿטן, שוין וואָכן אַז איך בין אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער היים.

זיין קול איז אָבער אַראָפּגעזונקען אין אַ געבעט און ער האָט אָנגעהויבן

שטעלן שווער זיינע טריט, גלייך ווי זיין גוף וואָלט זיך אָפּגעזעצט אויף אים אַ געליימטער.

די גראַפיניע האָט אָבער געזען ווי איר שוויגן עקבערט דעם מאַנס געמיט, אַס אַזוי ווי אַ קוואַל גראָבט זיין וועג אין שטיינער און זאַמד, איז זי נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, וואָס דער וואַלד־סוחר בייט אויס איר כבוד אויף אַ תפילה צו גאָט. זי האָט בלויז איבערגעקליבן די בלעטער, וואָס האָבן צוגעדעקט איר לייב און שטיל געזאָגט:

— מיר ווייסן ווען אַ געשעפט הייבט זיך אָן, מען קען אָבער נישט טרעפן ווען ער וועט זיך ענדיקן.

— וועל איך מאָרגן קומען פריִער — האָט שמואל־יעקב נאָכגעגעבן.

— וועלן מיר שמועסן לענגער — האָט די גראַפיניע נישט מורא געהאַט צו אַנטפּלעקן אירע רעיונות.

— ד —

אויף מאָרגן האָט שמואל־יעקב זיך געאיילט מיטן דאַווענען, ער זאָל קומען פריִער צו דער גראַפיניע דורכפירן די געשעפטן.

די גראַפיניע האָט אָבער נישט גערעדט צו אים וועגן די עסקים, נייערט געשמועסט וועגן אַנדערע זאַכן. זי האָט געזיפצט פאַרוואָס האָט איר גאָט געשטראָפן און זי האָט נישט געהאַט קיין קינדער; זי האָט דערציילט, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן יונגערהייט; ער איז געווען שיין, הויך און קלוג. ביז וואַנען שמואל־יעקב איז נישט געקומען צו איר אין הויף האָט זי נישט געטראָפן קיין מאַנסביל, וואָס זאָל אויסזען ווי איר מאַן. זי האָט אַ קוק געטון מיט געבעט און נאָכגיביקייט אויף שמואל־יעקבן:

— גלייך ווי איר מאַן וואָלט זיך באַוויזן פון יענער וועלט.

שמואל־יעקב האָט איר נישט אָפּגעענטפערט מיט קיין רייד, בלויז מיט זיין בליק. און ער האָט נישט געקענט אַרויסלאָזן פון זינען, אַז זיין ווייב האָט צו אים קיינמאָל נישט גערעדט אַזוי ווייך און נאָכגיביק ווי די גראַפיניע. ער האָט ביי זיין ווייב נישט געזען דעם באַגער, וואָס שפּראָצט ביי דער פרוי פון די ליפּן. האָט ער זיך אַריינגעטון אין דער גראַפיניעס רייד, און ער האָט פאַרגעסן אויף די געשעפטן.

אַז ס'איז געקומען דער פאַרנאַכט האָט זיך די גראַפיניע דערשראָקן דער מאַן זאָל זי נישט פאַרבייטן אויף זיינע תפילות. האָט זי אַליין אָנגעהויבן ריידן וועגן די עסקים און ברייט אויסגעלייגט די חשבונות, זיי זאָלן זיך אַריינציִען אין האַלבער נאַכט אַריין.

שמואל־יעקב האָט זיך נישט דערמאָנט, אַז ער דאַרף דאַווענען מנחה. נאָר די געשעפטן וואָס די גראַפיניע האָט אויסגעלייגט פאַר אים, האָבן אויפגעוואַכט זיין הויזגעזינד — די שטוב מיט די קינדער. ער האָט דערזען ווי זיינע קינדער וואַקסן אונטער, דאָס ווייב עלטערט זיך. זי לאָזט זיך אָפּ. איר אַרט נישט ווי זי טוט זיך אָן שבת און ער דאַרף זי דערמאָנען אָנטאָן די פּערל. האָט אים אַרומגענומען אַ רחמנות אויף זיין ווייב מיט די קינדער און ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן פאַר זיי, אַז ער האָט ח"ו נישט קיין שלעכטע רעיונות. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און שאַרף ארויסגערעדט:

— איך קען ביינאַכט נישט פירן אַזעלכע חשבונות און איך וויל אַזוי שפּעט נישט זיצן אין פּאַלאַץ — און אין זיך אַליין האָט ער נאָך ביטערער אַריינגעשניטן די רייד: — „ווען זי זאָל אַפילו ווערן אין כעס און צונעמען די געשעפטן, אַרט אים אויך נישט, וועט דער אייבערשטער צושיקן אַן אַנדער פרנסה".

די גראַפיניע איז אָבער נישט געוואָרן אין כעס. זי האָט אַ שמייכל געטון מיט דער יונגקייט פון די בלעטער וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך:

— די פרוי איז נאַרישער פון דעם מאַן; אויב אַ טעות, וועל איך אים מאַכן, און נישט איר.

— איך וועל אייך נישט אָפּנאַרן און איך וויל אַזוי שפּעט נישט בלייבן אין פּאַלאַץ — האָט זיך שמואל־יעקב נישט געוואָלט אונטערגעבן, ער האָט זיך אָבער צוריק אַוועקגעזעצט אויפן שטול.

— מיין פּאַלאַץ איז גרויס און געראַם, ווייך אויסגעבעט מיט טעפּיכער, נאָר קיין מענטשלעכע טריט טרעטן נישט, אומעט און עלנט לויערט אויף די ווייכע בעטן.

האָט זיך שמואל־יעקבן געדוכט, אַז די גראַפיניע רעדט נישט צו אים, נאָר זי לייגט אויס פאַר זיך אַליין איר שטיל געבעט. איז זיין האַרץ ווייכער געוואָרן און ער האָט געוואָלט אָפּענטפערן איר אין איר אומעט:

— צו אייך קומען גראַפן, פּריצים, גרויסע מענטשן; איר קענט מאַכן יום־טובים אין פּאַלאַץ און דערפרייען זיך, און אייערע געסט.

— די גראַפן און פּריצים יאָגן זיך אַרום פון איין אָרט אויף דעם אַנדערן — בלאָזט אַרויס דער ווינט זייערע נשמות און זייערע טריט לאָזן נישט איבער קיין סימנים דאָרטן ווו זיי טרעטן — האָט די גראַפיניע ווייטער געצויגן דעם שמועס — די פרייד פון יום־טובים וועפּט זיך אויס ווי דער שוים פון רויטן ווייַן, אָבער דאָס קול פון אייערע רייד פאַרגייט נישט; אַטאָ שווייגט איר, נאָר מיר דוכט זיך אַז איר רעדט און איך ריר אָן אייערע רייד, אַט אַזוי ווי איך באַריר אייער האַנט.

שמואל־יעקב האָט דערפילט דעם אָטעם פון דער גראַפיניעס פינגער ביי זיך אויפן לייב און ער האָט דערזען איר האַנט ביי זיך אויפן אָרעם.

ער האָט אַ ציטער געטון, נאָר ער האָט זיך קיין ריר נישט געגעבן, די פינגער, וואָס אָטעמען אויף זיין האַנט, זאָלן זיך נישט אַראָפּגליטשן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. די גראַפיניע האָט זיך דערנענטערט צו אים און זיין קאָפּ האָט זיך אָנגעלענט אויף אירע אַקסלען.

דער גראַפיניעס רייד גלעטן אין דער טונקלקייט, ווי דער טוי זעצט זיך אָפּ פון נעפּל: — די באָרד איז ווייך, ווייך ווי מיין לייב.

שמואל־יעקב בעט זיך, ווי מען וויל אַרויסראַטעווען דעם לעצטן טראָט פון אַ סכנה און ער גיט נאָך, ווי דער שפּיץ בוים בייגט זיך אַראָפּ אויף די צווייגן, וואָס צייטיקן די פּירות.

— ד —

אַז שמואל־יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג פון שלאָף האָבן זיך אויסגעוועפּט די קרייטעכער ביי דער גראַפיניע צוקאָפּנס אונטער די קישנס; אירע בלעטער האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד פאַרוועלקטע, ווי אונטער אַ בוים אין האַרבסט. ער האָט דערזען ווי לעבן אים ליגט אויפן געלעגער אַן אַלטע פרוי. פון איר פּנים שפּאַרן זיך אַרויס די באַקן־ביינער מיט דער נאָז, העכער פון די אויגן. די ליפּן זענען איינגעשניטן ווי דער שאַרף פון אַ מעסער.

איז אים באַפאַלן אַ פּחד: — ער האָט געזינדיקט מיט אַ פרעמדע אישה. ער האָט דערזען זיין ווייב אַזוי יונג ווי ער איז געשטאַנען מיט איר אונטער דער חופּה און דער שטן האָט זיך גערייצט מיט אים: — הייב אויף דיינע אויגן. קוק, זע, אויף וועמען דו האָסט זי פאַרביטן.

האָט שמואל־יעקב פאַרגעסן אויף די גרויסע געשעפטן, נייערט געטראַכט וועגן זיין ווייב און קינדער און האָט זיך אָנגעהויבן יאָגן איבערן פּאַלאַץ, ער זאָל געפינען דעם וועג צו זיך אַהיים.

דער כישוף, וואָס האָט פאַרפירט שמואל־יעקבן אויף קרומע וועגן, האָט איצטער מיטן רויך פון די קרייטיכער, וואָס די גראַפיניע האָט געריכערט, — פאַרצויגן אַלע טירן פון פּאַלאַץ און שמואל־יעקב האָט נישט געפונען קיין אַרויסגאַנג.

דער פּאַלאַץ האָט זיך אויסגעשפרייט ווייט און ברייט; איין צימער האָט זיך אַריינגעוועלבט אין דעם אַנדערן און האָט זיך געוויגט ווי שמואל־יעקב האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס. ער האָט געזען פון ווייטן די ווענט און ער האָט געטראַכט, אַז דאָרטן מוז אויך זיין אַ טיר; זיינע טריט האָבן זיך אָבער אַראָפּגעלאָזן שווערע, געפּענטעטע, און אים האָט זיך געדוכט, אַז ס'נעמט אַ טאָג מיט אַ נאַכט ביז ער דערנענטערט זיך צו אַ וואַנט. און אַז ער קומט צו אַ וואַנט און וויל אויסציִען די האַנט אַנצוטאַפּן די איינגעמויערטע ציגל, פאַרציט זיך אַ נעפּל, די אויגן ווערן פאַרגלייזט און ער טאַפּט די לופט ווי אַ בלינדער.

האָט ער אָנגעהויבן רופן זיין ווייב, זי זאָל אים ווייזן דעם וועג וויל ער האָט פאַרבלאָנדזשעט טיפער ווי אין אַ געדיכטן וואַלד. ער האָט אויסגערעכנט זיינע קינדער און געציילט די שבתים — מיטן ניגון פון זמירות — וואָס ער האָט קיין קידוש נישט געמאַכט אין דער היים.

דער ניגון האָט אָבער אויפגעוועקט די רייד וואָס האָבן געאָטעמט ביינאַכט אויף זיין געלעגער און די קלאַנגען זענען אויפגעגאַנגען אין דעם ווירויך, וואָס די גראַפיניע האָט געריכערט מיט אירע קרייטיכער, האָט זיך דאָס פּנים פון זיין ווייב פאַרהוילן פון אים, די נעמען פון זיינע קינדער האָבן זיך אָפּגעטון פון אים, ער האָט בלויז געזען די אויגן פון דער גראַ־

פּיניע וואָס האָבן זיך געטונקט אין נעפּל, ווי די פייערן צאַנקען אין פינצטערניש.

האָט ער זיך אַ וויג געטון צו די אויגן, האָט זיך טיפער פאַרגאַנגען אין זיין געזאַנג, ווי אין אַ געבעט און געזוכט דאָס פּנים פון וואַנען ס׳קוקן אַרויס די אויגן.

די גראַפיניע האָט זיך אָבער נישט באַוויזן צו אים; אין זיין אומ־באַהאָלפנקייט האָט זי אים נישט געוואָלט העלפן, פאַרקערט — זי האָט געוואָרט זיין באַגער צו דעם ווייב זאָל אַראָפּזינקען אין דעם כישוף נידע־ריקער פון זיינע טריט, און זיין האַרץ זאָל פאַרנעמען אירע רייד.

זי האָט בלויז מיטן ריח פון דעם בלומען־זאַפט וואָס האָט געשמעקט פון איר לייב געצויגן אים נאָך אירע ציטערדיקע טריט, ביז זי האָט אים געבראַכט צו די גרויסע, ליכטיקע פענצטער פון פּאַלאַץ. און דאָ האָט זי אַרויסגעוויזן איר רחמנות צו דעם מאַן, וואָס איז איינגעזונקען אין זיין בענקעניש:

— זע ווי הויך ס׳שיינט דער טאָג, און דו האַלטסט אַזוי נידעריק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

שמואל־יעקב האָט אַ קוק געטון אין די פענצטער און דערזען ווי וויט און ברייט ס׳ציִען זיך די פאַרזייטע פעלדער, ווי געדיכט ס׳שפּרייט אויס דער וואַלד זיין שאָטן — האָט ער זיך דערמאָנט אויף זיינע געשעפטן. איז פאַר אים אויסגעוואַקסן זיין ווייב מיט די קינדער:

— ער האָט נישט לאַנג געמאַכט דעם ברית ביי זיין מעזשיניק, דאָס עלטערע מיידל שטייט שוין אין שידוכים, די יינגלעך דאַרף ער שיקן אין ישיבה.

האָט ער זיך אַ ריס געטון פון פענצטער און אָנגעהויבן זוכן אַ טיר, ער זאָל געפינען דעם וועג צו זיך אַהיים, צו זיין ווייב מיט די קינדער.

דער כישוף האָט זיך אָבער געקנוילט ביי שמואל־יעקבן אונטער די פיס, זענען זיינע טריט געוואָרן ווייך אונטער די פיס און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער זינקט איין אין דער ערד. האָט ער אויסגעשפּרייט זיינע הענט און געזוכט אַן עפּעס זיך אָנצולענען. האָט ער דערזען ווי ער שטייט לעבן דער גראַפיניע און זי רעדט אים איין:

— איך האָב דיך אַרויסגעראַטעוועט פון גרויס סכנה.

— יאָ, איך בין אין גרויס סכנה — איז אָנגעפּאַלן אַ שרעק אויף שמואל־יעקבן און ער האָט געציטערט אַוועקשטעלן אַ טראָט — האָט אים די גראַפּיניע גענומען אונטער דער האַנט און צוגעפירט צוריק צום פענצ־טער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ווייכער שטול און געקוקט אין דרויסן. די ליכטיקייט האָט זיך אים געשפּאַרט אין די אויגן, נאָר דער כישוף האָט פאַרשיכורט זיין רעיון און ער האָט גאָרנישט געזען. ער האָט געהערט ווי די גראַפּיניע רעדט צו אים ווייכע גוטע רייד, ער האָט אָבער געענטפערט זיין ווייב און האָט זיך געבעטן ביי איר: — חנה־לאה, חנה־לאה...

די גראַפּיניע האָט זיך איינגעקוקט ווי דער מאַן צו וועמען איר האַרץ באַגערט איז צוזאַמען מיט איר אין פּאַלאַץ. ער איז איצטער הויך, געזונט ווי דעמאָלט ווען ער איז געקומען צו איר נעמען די וועלדער און אָפּדינ־גען די פעלדער; ער איז אַזוי שיין ווי אין יענער צייט ווען אין זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן דער טוי פון איר כישוף, וואָס זי האָט פאַרצויגן אַרום זיינע טריט. ער זוכט נישט מער די טירן פון איר פּאַלאַץ, וואָס עפענען די וועגן צו זיין ווייב מיט די קינדער. ער גייט אָבער אַרום איבערן פּאַלאַץ אַ פרעמדער. זי ווייס נישט צי ער טראַכט וועגן איר, אָדער בענקט נאָך זיין ווייב. האָט זי זיך געמאַכט קלאָר: — זי האָט מיט דעם ריח פון אירע קרייטיכער געוועקט זיין באַגער און אָפּגעפרעמדט אים פון זיין ווייב און קינדער. זי האָט זיך פאַרמאָסטן מיט זיין גלויבן, און דער מאַן האָט פאַרביטן זיינע תפילות אויף אירע רייד. אָבער וואָס האָט זי אויסגעפירט? זיינע רייד האָט דער ווינט אויסגעבלאָזן, זיינע טריט בלאָנדזשען אַרום אי־בערן פּאַלאַץ און דערנענטערן זיך נישט צו איר.

האָט זיך ביי דער גראַפּיניע אויפגעוועקט אַן אומרו און איר שטאָלץ האָט זיך געמינערט, גלייך ווי אַלע גראַפן און פירשטן מיט וועמען זי האָט זיך געדרייצט, וואָלטן זיך איצטער צונויפגעקליבן צו איר אין פּאַלאַץ און אָפּגעלאַכט פון איר: — אַז מען שעפּט דעם גליק אין די הויפנס, רינט ער אויס צווישן די פינגער.

איר רייך פאַרמעגן, וואָס איז איר געבליבן פון אירע פאָטערס און זיידעס, האָט פאַרלוירן זיין ווערט און דער פּאַלאַץ האָט זיך געקאָרטשעט אין אומעט, ווי אַ ליידיקע נעסט דאָרט־איין אויף אַ נאַקעטן בוים.

— ה —

אָט אין דער צייט איז דער גראַפיניע באַפאַלן אַ כעס אויף אַלע מכשפים, זנאַכערס און וואָרזאָגערס, וואָס אַנטפּלעקן אין זייערע סודות דעם שפּעטער פון לעבן, וואָס גלעטן אויס אויפן לייב די קאַרבן פון די יאָרן, און זי האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, זיי זאָלן זיך גלייך צונויפזאַמ־לען צו איר אין פּאַלאַץ.

זענען געקומען די מכשפים פון די געדיכטע וועלדער און די טיפע היילן; ס׳האָבן זיך באַוויזן הויכע אויסגעדאַרטע מענער, מיט לאַנגע שוואַר־צע בערד, וואָס זייען שרעק מיט די בליקן פון זייערע טיפע איינגעגראָ־בענע אויגן; ס׳האָבן זיך אַריינגעשאַרט נידעריקע דיקע ווייבער, וואָס קייען גיפט אין זייערע ווייכע רייד און פאַרבאַרגן זייער כישוף אין די האָר אונטער די רויטע פאַטשיילקעס; זיי אַלע האָבן געוואַרט אויף די רייד, וואָס די גראַפיניע וועט ריידן צו זיי.

און די גראַפיניע האָט געמאָנט ביי די מכשפים און מכשפות האַרב און שאַרף און האָט געבעטן ביי זיי ווייך און גוט:

— איר האָט געטראָגן צו מיר די קרייטיכער, איך זאָל זיי אונטער־לייגן צוקאָפּנס פון מיין געלעגער, איר האָט אָפּגעלעקט דעם טוי פון פאַר־טאָג און אָפּגעפרישט מיט אים מיין לייב, כדי די עלטער זאָל נישט פאַר־דאַרבן מיין יונגקייט, און איצטער האָט איר מיך געמאַכט צו שפּאָט און געלעכטער: דער מאַן, צו וועמען מיין האַרץ באַגערט רוט צוזאַמען מיט מיר אין מיין פּאַלאַץ; איר האָט מיט אייער כישוף פאַרשטעלט אים דעם גאַנג, ער זאָל נישט געפינען די טיר און ער זוכט שוין נישט דעם וועג, וואָס פירט צו זיין ווייב; ער ציט זיך נאָך נאָך מיר ווי אַ שאָטן, ס׳בלייבט אָבער פון אים נישט מער ווי אַ שאָטן, ווען איך דערנענטער זיך צו אים מיט מיינע רייד.

די מכשפים און מכשפות האָבן געוווּסט, אַז דער כישוף עקבערט דעם פּחד פון מענטשן, ער קען אָבער נישט אָפּטון פון דעם מענטשן דעם בייזן ווילן צו טון שלעכטס. האָבן זיי זיך דערשראָקן, אַז אין איר גרימצאָרן זאָל די גראַפיניע נישט אַרויסגעבן קיין באַפעל צו פאַרשניידן זיי פון דעם פּנים פון דער ערד, ווי זי האָקט אויס דיביימער פון וואַלד. האָבן זיי געטראַכט

פון ביינאַכט ביז פאַרטאָג, געשמעקט די ריחות פון די גראָזן, וואָס וואַקסן ביי די שטיינער אונטערן רוקן, געפאַרשט ביי די ווינטן וואָס שפאַרן די טייוואָלים אין קוימען אַריין — נאָר קיין ענטפער פאַר דער גראַפיניע האָבן זיי נישט געפונען. האָבן זיי זיך אַוועקגעצויגן צו דעם קעניג פון די מכשפים, וואָס איז שוין געווען אַלט אין יאָרן; ער האָט שוין נישט געציילט די ווינטערס, וואָס האָבן געקעלטערט זיינע טעג, און האָט נישט גערעכנט די זומערן, וואָס האָבן אויסגעטריקנט זיינע ביינער. ער האָט געוווינט אין אַ ליימען שטיבל אין דעם אַנדערן עק וואַלד, וווהין קיין מענטשלעך פוס קומט נישט. ביינאַכט איז ער נישט געשלאָפן אויפן טאַפּטשאַן נייערט זיך אויסגעצויגן אויף אַ צווייג; בייטאָג האָט ער זיך נישט באַוויזן פאַר דער זון, נייערט אַרומגעבלאָנדזשעט אין דעם שאָטן אין דער טיפעניש פון געדיכטן וואַלד. פאַר אים האָבן געציטערט אַלע זנאַכערס און וואָר־זאָגערס, צו אים זענען געווען אונטערטעניק די נישט־גוטע און זיי האָבן געוואָרט, ער זאָל זיי נאָך האַלבע־נאַכט אַרויסלאָזן צוזאַמען מיטן רויך אויפן ווינט. אַ כעס האָט געבלאָזן אין זיינע נאָז־לעכער, אַז עמיצער האָט ביינאַכט געשטערט זיין רו אויף די צווייגן און זיינע בליקן האָבן געטון זידן ווי פונקען, ווען מען איז בייטאָג געקומען אַנטקעגן אים אין וואַלד.

האָבן די מכשפים אָפּגעהיט די צייט, ווען ס'איז נישט נאַכט און נישט טאָג, ווען די זון פאַרבאַרגט איר פּנים אונטער די געדיכטע וואָלקנס, וואָס נידערן אַראָפּ צו דער ערד אַנצוטרינקען זיך אין די ימים און טייכן. זיי האָבן זיך ד'ערוואָרט אויף דער שעה ווען די נישט־גוטע קוקן אויף דער וועלט און זעען אַז ס'איז פינצטער ווי נאָך האַלבע־נאַכט, נאָר זיי האָבן נישט קיין שליטה אויף דעם מענטשן. דעמאָלט וואָיען זיי אין די זומפּן פאַר פּחד פון זייער אייגענעם כישוף און טוען אָן אין אומעט דעם קעניג פון די מכשפים.

אין אַזאַ צייט זענען די מכשפים געקומען צו זייער קעניג און האָבן געבראַכט צו אים די רייד, וואָס די גראַפיניע האָט צו זיי גערעדט.

דער קעניג איז געלעגן אין דעם ליימענעם שטיבל, אויפן טאַפּטשאַן, און די פינצטערניש האָט זיך אָפּגעזעצט אַ שטילע, אַ שווערע, ווי דער טויט לאָזט זיך אַראָפּ אין קבר. די נישט־גוטע האָבן אין די זומפּן, אין די שפּאַרונעס פון די שטיינער נישט פאַרנומען זיינע באַפעלן, איז אים באַפאַלן

די איינזאַמקייט פון אַ מענטשן, וואָס גייט אין אין זיין אַליינקייט און לאָזט נישט איבער קיין סימן פון זיין געדעכעניש. ער האָט געיאָמערט אויף זיין מזל, וואָס האָט פאַר אים נישט אָנגעגרייט קיין ווייב און נישט געגעבן אים קיין פרייד פון קינדער. האָט זיך פון אים אָפּגעטון זיין בייז־קייט און זיין האַרץ איז געוואָרן ווייכער צו די רייד, וואָס די מכשפים האָבן גערעדט צו אים. אים האָט אַרומגענומען אַ רחמנות אויף דער גראַ־פיניע און ער איז געקומען צו איר אין פּאַלאַץ.

דער פּאַלאַץ איז געווען ליכטיק באַלויכטן מיט די בליץ־לאָמפּן. די באַדינער האָבן זיך געבויגן אין זייער הכנעה און די גראַפיניע האָט גע־טראָגן איר שטאָלץ, ווי דער שפּיץ פון אַ בוים, וואָס הייבט זיך אויף אין מיטן פעלד העכער פון זיינע צווייגן.

דער קעניג פון די מכשפים האָט אָבער געזען אין איר דעם אומרו, וואָס לאָזט אים נישט בייננאַכט זיך אויסציִען אויף זיין טאָפּטשאַן און עס טרייבט אים אַוועק בייטאָג פון דער זון אין וואַלד אַריין. האָט ער געוואָלט ריידן צו דער גראַפיניע אָט אַזוי ווי ער טראַכט וועגן זיך אַליין, ווען די כמאַרעס לאָזן זיך אַראָפּ פון הימל און יאָגן די ווינטן מיט פּחד גלייך ווי זיי וואָלטן געמאָלן שטיינער צווישן די בערג, ס'איז נישט נאַכט און נישט טאָג און די נישט־גוטע פאַרנעמען נישט זיינע באַפעלן. האָט ער געלאָזט וויסן די באַדינער זיי זאָלן אַוועקגיין, קיינער זאָל נישט זיין אין פּאַלאַץ ווען ער וועט ריידן צו דער גראַפיניע, און ער האָט אָנגעהויבן אַזוי צו זאָגן מיט געבעט, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט:

— מיר מכשפים זענען פאַרשאָלטן פון גאָט, אונדזערע בליקן זאָלן בלויז לייכטן בייננאַכט אין דער פינצטערניש, און נישט זען די ליכטיקייט פון טאָג. דעריבער פאַרבלענדן מיר דעם מענטשן מיט פינצטערע שאָטנס, ער זאָל דעם וועג נישט געפינען. מיר קריכן אין דער סאָזשע פון קוימען און טראָגן זיך מיטן רויך אויפן ווינט, מיר קענען אָבער נישט געפינען קיין רו אויף דער ערד און האָבן נישט קיין אָרט אין הויז. דערפאַר האָב איך, מיין האַרץ, דערזען דעם אומרו וואָס דער שאָטן פון דיינע וועגט וואָרפט אָן אויף דיר און איך האָב פאַרנומען דיין געבעט, נאָך איידער דו האָסט באַפעלן איך זאָל קומען צו דיר אין פּאַלאַץ. האָב איך געשיקט צו דיר די מכשפים וואָס זיצן אין עק פון די דערפער, וואָס בראָדזשען אין

אַאיר בײַ די טײַכן, און איך האָב אײַנגעצאַמט די נישט־גוטע, זײַ זאָלן נישט צעמישן זײַער שכל, ווײַל מיר מכשפים פאַרפּלאָנטערן זיך אַמאָל אַזוי ווי אַלע מענטשן אין אונדזער אײגענעם כּישוף און זינקען אײַן אין אים, ווי מען שיסט אַראָפּ די שוואַרצע וואַראַנעס אין אַ זומפּ.

איך האָב באַפוילן די ווײַבער, וואָס פלעכטן אײַן דעם כּישוף אין זײַערע האָר און טראָגן אים אויפן האַרצן אונטער די בריסט, כּדי דער מאַנסביל זאָל אים נישט דערקענען בײַ זײַ אויפן פּנים; איך האָב זײַ פאַרזאָגט, זײ זאָלן ריידן צו דיר ווי נשים צו נשים, באַווײַל די קינאה פון ווײַב צו ווײַב, האַלט די נשים אַלע מאָל וואַך, און זײ דעראַנען אין מאַן מיט אײן בליק דאָס, וואָס דער מאַנסביל וועט נישט דערגײן בײַ אַ פרוי אין זײַן גאַנץ לעבן. אויב זײ, די נשים, האָבן נישט געקענט אויסלערנען דער האַרין ווי אויפצופירן זיך מיט דײַן באַגערטן, טאָ וואָס קען זאָגן אַ מאַן וואָס זעט זיבן מײַל אַפּריער פון זיך און ווײס נישט וואָס די פרוי פאַרבאַרגט אין איר בליק לעבן אים.

האָט זיך די גראַפיניע דערמאָנט אויף די רייד וואָס די ווײַבער, די וואַרזאָגערינס, האָבן איר געזאָגט. די ווערטער האָבן זיך אַלײן איבערגע־חזרט ווי טראָפּנס רעגן קלאַפּן אָפּ בײַנאַכט אויף אַ דאַך: „מען קען אָפּ־נאַרן אַ מאַן מיטן בליק, אָבער נישט מיטן לײַב; מען קען מיט כּישוף אַוועק־רײַבן דער מוטערס נאַרונג בײַ די פײגעלען אין די נעסטן, מען קען אָבער מיט דער מילך נישט אָנטרינקען די בריסט בײַ דער פרוי; מען קען אַראָפּ־לעקן פון די בינען דעם בלומען־זאַפט, וואָס זײ טראָגן אין בינשטאָק און באַשמעקן דעם לײַב, מען קען אָבער מיט דעם זאַפט נישט מאַכן בלי׳ען די פאַרטריקנטע נאַפלען".

אַ פּחד איז באַפאַלן דער גראַפיניע פון די דאָזיקע רייד. די ווערטער האָבן פּלוצלינג אָנגעניזשעט אויף איר הויך, העכער פון איר וווּקס, די יאָרן וואָס זי האָט פאַרלײקנט, נישט גערעכנט, נישט געציילט.

זי איז געוואָרן אין כּעס אויף די ווײַבער — די וואַרזאָגערינס, וואָס האָבן איר נישט געבראַכט קײן טרײסט נײַערט פאַרצוויגן פינצטערער איר אומער, און זי האָט באַפוילן די דינער צו פאַרטרײַבן זײ פון פּאַלאַץ. און מיט איר חכמה, וואָס זי האָט אָנגעזאַמלט אין אירע גאַנגען אויף די קרומע וועגן, האָט זי געוואָלט פאַרמינערן די האַרבע רייד פון די ווײַבער און

אַרויסקווועלן פון דעם קעניג פון די מכשפים אַ טרייסט. האָט זי גערעדט צו אים ווייך און נאָכגעביק:

— דער אייבערשטער האָט געקאַרגט גבורה דער פרוי, האָט ער איר געשענקט קינאה, איר בליק זאָל זיין שאַרף און געוועלטיקן איבערן כוח פון דעם מאַן. איך האָב אָבער אין די אויגן פון די פרויען נישט געזען די ווייזהייט, וואָס לייכט אויף דיין פּנים, בעוויל קינאה טוט בלויז פאַרשן און עס זעט נישט דעם אומעט וואָס פאַרציט די וועלט. דער קעניג — האָט די גראַפיניע געוואָלט גרויסן דעם מכשף — איז נישט געקומען מיט זיין כישוף, נייערט מיט זיין קלוגשאַפט, האָט ער אָפּגעמעקט דעם אומעט, וואָס די רייד פון די ווייבער האָבן פאַרצויגן אין פּאַלאַץ.

— ווי קלוג אָבער אַ מענטש זאָל נישט זיין, קען ער מיט זיין חכמה נישט אָפּמעקן די קאַרבן, וואָס די יאָרן שניידן איין אין דעם שטאַם פון בוים — האָט זיך דער קעניג פון די מכשפים נישט איבערגענומען מיט די לויב־רייד וואָס ער האָט געהערט פון דער גראַפיניע, נייערט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. און האָט אַ זיפץ געטון.

נאָר די גראַפיניע האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, האָט זי פאַרשעמט דעם שטאָלץ ביי דעם קעניג פון די מכשפים און אויפגערייצט זיין גבורה:

— פאַרוואָס שרעקט איר די וועלט מיט אייער כישוף און איר באַרימט זיך, אַז איר טראָגט דעם ווינט אויף אייערע אַקסלען. איר קענט דאָך מיט אייער חכמה נישט באַווייזן מער ווי דער שניידער מיט די חופה־קליידער וואָס ער נייט פאַר דער כלה?

אין דער ליכטיקייט פון פּאַלאַץ האָט דער קעניג פון די מכשפים דערפילט די פאַרוואָגלקייט פון זיין לעבן טיפער ווי ביי זיך אין ליימענעם שטיבל. זיין אַלטקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אויף אים שווערער ווי אויף דער גראַפיניע און ער האָט זיך נישט געאַמפּערט מיט איר. ער האָט זיך אונטערגעגעבן און האָט נישט פאַרבאָרגן די סודות פון כישוף:

— אמת, מיר טראָגן דעם ווינט אויף אונדזערע אַקסלען, מיר קענען אָבער מיט אונדזער כישוף נישט אָניאָגן אַפילו קיין מעקענע, וואָס הייבט זיך אויף אויפן ווינט; מיט דעם כעס פון אונדזערע נאָז־לעכער צעטומלען מיר די רעיונות פון אַ מענטשן, מיר קענען אָבער מיט אונדזער חכמה נישט אַריינבלאָזן קיין נייעם רעיון אין דעם מענטשן.

— און די קרייטיכער, די גראָזן? — האָט די גראַפּיניע נישט געלאָזט אויסריינען אירע האָפענונגען.

— מיט דעם טוי פון די גראָזן און דעם ריח פון די קרייטיכער האָבן מיר פאַרצויגן דיין הויט מיט יונגקייט, מיר קענען אָבער נישט איבער־גיסן דאָס בלוט, וואָס רינט אין די אָדערן.

— טאָ פאַרוואָס איז נישט אָפּגעשטאָרבן מיין באַגער צו דעם מאַן, וואָס ציט זיך נאָך מיר ווי אַ שאָטן? ער גייט אָבער אויס ווי אַ שאָטן, ווען מיין האַנט רירט זיך צו צו אים.

— דער באַגער ציטערט ביי דער האַרין אין די אויגן, בעת ווייל די אויגן וואָס פאַרפירן אַנדערע מענטשן ווערן אַליין אויך אָפּגענאַרט. ווען דער גוף קען זיך שוין מער נישט זעטיקן, רייצן נאָך די אויגן דעם הונ־גער. דעריבער האָבן נישט קיין רו די בליקן ביז דער טויט גראָבט נישט אויס די גרוב פאַר דעם מענטשן. מיין האַרין, איך האָב מיינע יאָרן און טעג אויסגעטראָטן אין די פעלדער און וועלדער, צווישן פייגל און חיות. האָב איך געזען, אַז דער מענטש האָט נישט מער קיין שכל ווי דער הונט, ווען ער שפּאַרט זיך צו דער צויג און דער לייב איז נישט שטאַרקער פון פויגל ווען ער יאָגט זיך נאָך זיין פּאָר. בעת ווייל ליבע באַהעפט זיך מיט ליבע ווי דער בעכער פון בלום עפנט זיך פאַר דעם בליעכץ פון די קנאָספּן, דעריבער... — האָט דער קעניג פון די מכשפים נישט געוואָלט דערמאָנען דער גראַפּיניע, אַז מיטן ריח פון די קרייטיכער קען זי פאַר־שיכורן דעם מאַן, אָבער נישט וועקן זיין תאווה, און ער איז איינגעזונקען געוואָרן אין זיינע אייגענע רייד.

די גראַפּיניע האָט אָבער נישט געקענט פאַרגעסן דעם כישוף, וואָס האָט איר געטראָגן אויף די פּיס גרינגער פון דער יונגקייט, האָט זי אַרויס־געדופן די פּנימער, די בליקן, די תנועות פון די גראַפן און האַרן, וואָס זי האָט גערייצט מיט איר פאַרשייטקייט, און זי האָט געעקבערט דעם קעניג פון די מכשפים מיט אירע רייד:

דער כישוף פון די קרייטיכער און גראָזן האָט קיינמאָל נישט אָפּגע־טון פון מיר מיין יונגקייט, פאַרוואָס קען דער זעלבער כישוף נישט אויפ־וועקן די ליבע ביי דעם מאַן צו וועמען מיין האַרץ גלוסט?

— ניין, מיין האַרין, ווייל כישוף נאַרט אָפּ די עלטער, ווי דער רויך

פון קוימען פאַרציט דעם ווינט. דעריבער געוועלטיקן מיר מיטן פּחד וואָס שפּאַרט זיך אַרויס פון דער פינצטערניש און נישט מיט דער לויטערקייט וואָס גייט אויף פון פרימאָרגן.

האָט זיך די גראַפיניע מער נישט פאַרמאָסטן אין איר חכמה מיט דעם קעניג פון די מכשפים. זי האָט זיך איינגעהויקערט אין אירע יאָרן, און האָט זיך געבעטן ביי דעם קעניג פון די מכשפים:

— מיט דיין כישוף האָסטו אָפּגעשניטן דעם וועג צו זיין ווייב. ער גייט אָבער אויס פון אומעט דאָ אין פּאַלאַץ; איך קוק אויף אים, און זע ביי אים אויפן פּנים די לעצטע פונקען פון מיין ליבע. ער פאַרנעמט אָבער נישט מיין צער.

— ער זעט נישט דיינע בליקן בעוויל, ער זוכט די ליבע וואָס האָט געפירט זיינע טריט אין פּאַלאַץ און בלויז יענע ליבע קען אויסלעקן דעם אומעט פון זיינע אויגן.

— ניין, איך וויל נישט עמעצער זאָל מיך פאַרבייטן — האָט זיך די גראַפיניע געבויגן און זיך איינגעבויגן ווי אַ זאַנג אונטער די פליגל פון אַ פויגל.

— ניין, נישט פאַרבייטן, נייערט אָנטרינקען מיט תאווה דיין פּאַלאַץ, דער טוי פון זיינע באַגערן זאָל אויפגיין אויף דיין פּנים און פאַרבלענדן זיינע אויגן, וועט ער דערזען דיין צער און וועט נישט זוכן דעם וועג אַהיים צו זיין ווייב.

און דער קעניג פון די מכשפים האָט געגעבן אַן עצה דער גראַפיניע אַזוי צו זאָגן:

— לאָז וויסן איבער דיינע דערפער, אַז אַלע כלות זאָלן אין דעם טאָג פון זייער התונה קומען צו דיר נאָך דיין ברכה, און די חתנים זאָלן זיך אין דער נאַכט פון דער חופּה באַווייזן אין פּאַלאַץ נאָך די מתנות, וואָס דו האָסט צוגעגרייט פאַר זיי. אַז זיי וועלן קומען צו דיר זאָלסטו אויפנעמען די חתנים באַזונדער און די כלות באַזונדער; די בחורים זאָלן דיינע קנעכט אַריינפירן אין דעם זאַל, ווו ס'ליגט דיין גאָלד און זילבער. די פּערל און בריליאַנטן זאָלן רייצן זייערע בליקן און קלעפּן די הענט צו די טייערע שטיינער. די כלות זאָלסטו לאָזן וואַרטן אין דעם חדר וואָס שמעקט מיטן ריח פון די קרייטעכער און גראָזן — וועט זיך אָפּטון פון זיי די רו, און

זיי וועלן נישט אויסקוקן אויף דיינע ברכות, נייערט לעסטערן דיין נאָמען. אמת, גרויס זענען די זינד פון די כּלות און חתנים פאַר אַזעלכע מעשים.

— קיינער וועט עס נישט לייקענען — וויל די גראַפיניע באַפעסטיקן זיינע רייד — איך באַגער די כּלות צו בענטשן מיט מיינע ברכות און זיי שילטן מיך מיט זייערע קללות. איך האָב צוגעגרייט פאַר די חתנים מתּנות און זיי צעגנבענען מיינע פּערל און בריליאַנטן, וואָס מיינע זיידעס און באָבעס האָבן געטראָגן.

— שווער דאַרף זיין זייער שטראָף — גיט געזעכט דער קעניג פון די מכשפים דער גראַפיניע — איך ווייס אָבער אַז ווייך איז דאָס האַרץ ביי דער האַרין. זי האָט רחמנות אויפן ווערעמל וואָס קריכט אונטערן גראָז און וואַכט איבער די פייגל, וואָס נעסטן אין די צווייגן. דעריבער וועט דיין שטראָף נישט זיין האַרב. די גראַפיניע דאַרף באַפעלן אירע באַדינער פאַרהאַלטן די חתנים און די כּלות זיבן טעג און זיבן נעכט אין פּאַלאַץ; זיי זאָלן אָוועקשטעלן די כּלות פון איין זייט פּאַלאַץ און די חתנים פון דעם אַנדערן זייט; די כּלות וועלן נישט קענען קוקן אויף די חתנים, און די חתנים וועלן נישט זען די כּלות. וועלן זיך די זיבן טעג מיט די זיבן נעכט ציִען ביי זיי ווי זיבן מאָל זיבן וואָכן און חדשים און נאָגן זייער בענקעניש. דיין פּאַלאַץ וועט זיך טרינקען אין זייערע באַגערן און פאַרלאַנגען און די כּלות מיט די חתנים וועלן אין זייער געזאַנג און געבעט וועקן די אומרו טיפער, ווי די קרייטעכער גראָבן דעם כּישוף. דעמאָלט וועט דער מאַן זיך אָפּשיידן פון דעם שאָטן, וואָס ליימט זיינע פיס. זיינע טריט וועלן זיך הייבן גרינגער ווי דער אומרו וואָס יאָגט דעם ווינט איבער די פעלדער. ער וועט זיך אָבער נישט אײַלן אַהיים צו זיין ווייב, נאָר די באַגערן וועלן אים טראָגן פון וואַנט צו וואַנט, ווי די בענקעניש וועט זיך שפּאַרן פון די כּלות צו די חתנים.

— און די זון וועט שיינען אין מיין פּאַלאַץ און די נאַכט וועט ליגן אויף דער ערד נידעריקער פון די פענצטער. די מכשפים וועלן טראָגן זייער כּישוף אין די טאַרבעס און וואַרטן ווי בעטלער ביי דעם טויער, מיינע באַדינער זאָלן זיי לאָזן אַ טראָט אַוועקשטעלן אין מיין פּאַלאַץ.

האָט דער גראַפיניע אַרומגענומען אַ פרייד און איר האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט מיט אירע רייד באַהערשט דעם כּישוף פון די מכשפים, אָט אַזוי

ווי זי האָט געמאַכט אונטערטעניק די גראַפֿן און דוקסן, וואָס זענען געקור־מען צו איר אין פּאַלאַץ.

— דו ווילסט, דיינע באַדינער זאָלן זיך פאַרמעסטן מיט מיינע מכשפים? דו ווילסט מיט דיין חכמה אָפּמעקן מיין כוח פון דעם פּנים פון דער ערד? — האָט אָנגעהויבן זידן דער כעס ביי דעם קעניג אין די באַז־לעכער.

— ניין, ניין, — האָט זיך די גראַפֿיניע, אין איר שרעק, געבעטן ביי דעם קעניג פון די מכשפים — איך וויל זיך נישט פאַרמעסטן מיט דעם כוח וואָס צעשטויסט זילבער אין אַש, און שמעלצט איבער קוילן אין גאָלד. איך וועל אויסהערן זיינע באַפעלן און נישט ווידערשפּעניקן די רייד פון יענע, וואָס טראָגן די מתים אויף זייערע אַקסלען.

האָט דער קעניג פון די מכשפים איינגעצאַמט זיין כעס און האָט אַ שמייכל געטון:

— די האַרין שרעקט זיך מיט דעם זעלבן פּחד, וואָס אַלע מענטשן טראָגן אין די שוואַרצאַפּלען פון זייערע אויגן. זי ווייס נישט, אַז כישוף טוט זיך אָפּ פון טויט און האָט נישט קיין שליטה אויפן מת. ער עקבערט בלויז דעם פאַרלאַנג ביים לעבן, ווען דער מענטש טונקט זיינע בליקן אין תאווה.

— וועל איך עפענען ברייט און ווייט די טירן און טויערן פאַר די מענטשן, וואָס טראָגן זיך איבער דער וועלט מיט דעם אָטעם פון דיין כישוף — האָט די גראַפֿיניע געוואָלט גרויסן דעם נאָמען פון דעם קעניג פון די מכשפים.

— ניין, נישט דורך טיר און טויער, וואָס זענען אויסגעהאַקט אין די ווענט, בעוויל די ווענט זענען איינגעגראָבן אין דער ערד טיפער פון דעם קבר; דעריבער קריכן די נישט־גוטע, די שדים דורכן קוימען און מאַכן זייער נעסט אויפן דאַך אין די שפּאַלטן פון די שינדלען.

— שדים! — האָט די גראַפֿיניע אַ ציטער געטון — זיי וואָיען ווי דער ווינט אין אַ פאַרלאָזן הויז און זיי פאַראומערן די פרייד.

— ניין, נישט קלאָגן, נייערט זיי וועלן שפּילן אויף די כלי־זמר פון פרייד, ווען זיי וועלן הערן דאָס געזאַנג פון געבעט און בענקעניש, בעוויל

זיי זענען פאַרשאָלטן פון דעם מענטשן צו פרייען זיך, ווען זיי זעען אומעט און טרויער.

האָט די גראַפיניע איינגעזען, אַז ווי קלוג זי זאָל נישט זיין, גליטשט זיך אַראָפּ איר חכמה פון צונג ווען דער קעניג פון די מכשפים רעדט אויס אַ וואָרט. האָט זי זיך מער נישט פאַרמאָסטן מיט אים אין רייד, און האָט איבערגעענטפערט דעם פּאַלאַץ אין זיינע הענט. זי האָט אָנגעזאָגט אירע באַדינער און קנעכט, זיי זאָלן זיך נישט צוהערן צו אירע רייד, נייערט אויספאָלגן די באַפעלן פון דעם מאַן, וואָס ווערט דער עלטסטער איבער איר הויז.

— ו —

האָט דער קעניג פון די מכשפים אַרויסגעשיקט דער גראַפיניעס קנעכט און באַדינער איבער די דערפער און פעלדער, זיי זאָלן לאָזן וויסן די כלות, אַז אין דעם טאָג פון זייער חתונה זאָלן זיי קומען אין פּאַלאַץ נאָך די ברכות פון דער האַריך, און די חתנים זאָלן זיך איילן צו דער גראַפיניע אין דער נאַכט פון דער חופה נאָך אירע מתנות.

אין די דערפער, אין די ליימענע כאַטעס, אונטער די נידעריקע סטרי־כעס האָבן כלות אויסגעגנייט קווייטן אויף העמדער פאַר חתנים, און חתנים האָבן געפלאָכטן שטריק פון הוידעס פאַר כלות. אין גאַס זענען געזעסן בעטלער, הינקעדיקע, בלינדע מיט די לוסטעס ברויט אין די טאָרבעס און געשפּילט אויף זייערע באַנדורעס פאַר די מחותנים. אין קלויסטער האָט דער אָפּגעריסענער דיאַקאָן אָנגעצונדן אַלע ליכטער לעבן די איקאָ־נעס און געזונגען צוזאַמען מיטן שיכורן גלח די ניגונים פון די חופּה־געזאַנגען. האָט זיך די פרייד געטראָגן העכער פון די דעכער, די ברכות האָבן געגראָבן טיפער פון די טריט, און די אויגן האָבן מיט די בליקן געטיילט רייכער פון פּאַלאַץ די מתנות. זענען כלות נישט געקומען צו דער גראַפיניע נאָך די ברכות און חתנים האָבן נישט געוואַרט אויף אירע געשאַנקען.

און אין פּאַלאַץ האָט זיך ברייטער און געדיכטער אויסגעצויגן דער שאָטן פון דעם מאַן וואָס די גראַפיניע האָט באַגערט און האָט אַנגעטאָן

אויף איר שווערער דעם אומעט. האָט די גראַפּיניע געטון ריידן צו דעם קעניג פון די מכשפים אַזוי צו זאָגן:

— איך האָב זיך אָנגעלענט אויף דיין חכמה און גבורה און איבער־געענטפערט אין דיינע הענט מיין הויז מיט מיינע דינער און דינסטן, דו זאָלסט טון מיט זיי וואָס דיין האַרץ וועט וויל־געפעלן זיין. איך האָב געטראַכט, אַז דו וועסט אָפּטאָן דעם שאָטן פון דעם מאַנס טריט, די פרייד זאָל אויפשיינען אויף זיין פנים און איך בין געשטאַנען אין מיין פענצטער און געוואַרט, די כלות און חתנים זאָלן זיך איילן צו מיין פּאַלאַץ. איך האָב געקוקט, אָט אַזוי ווי דער פאַרבלאָנדזשעטער וואַנדערער זוכט אין דער פינצטער דעם מאָרגן־שטערן, וואָס זאָל אים ווייזן דעם וועג. מיינע דינער און דינסטן זענען אָבער געקומען פון די דערפער נישט מיט דער פרייד פון זונען־אויפגאַנג, נייערט מיט דער פינצטערניש פון דער נאַכט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ פון די דעכער, און זיי האָבן אויסגעטריקנט דעם לעצטן טראָפּן פון מיין האָפענונג.

— די האַרין האָט איבערגעענטפערט אין מיינע הענט אירע דינער און דינסטן, זי פאַרלאָזט זיך אָבער נישט אויף דער קלוגשאַפט, וואָס גראָבט די קנייטשן פון מיין עלטער. דעריבער האָט די האַרין געהייסן אַרויסשיקן איבער די דערפער אירע דינער און זי האָט נישט געטרויט מיינע אונטערטאַנען. דאַרף די האַרין ריידן אירע רייד צו אירע דינער און דינסטן און נישט צו מיר. — האָט זיך דער קעניג פון די מכשפים געריצט מיט די לעצטע פונקען שטאָלץ, וואָס האָבן געצאַנקט ביי דער גראַפּיניע אין אירע בליקן.

— זאָל דער קעניג שיקן זיינע אונטערטאַנען, די שדים, די מכשפים, די נישט־גוטע — האָט זיך די גראַפּיניע געבויגן אין דער אונטערטעני־קייט פון עלטער און האָט זיך געבעטן: — זאָל אָפּגעטאָן ווערן דער אומעט פון דעם מאַן, וואָס זיינע טריט פאַרציִען אויף די ווענט פון פּאַלאַץ.

דער קעניג פון די מכשפים האָט געקוקט אויף דער אַלטקייט וואָס האָט אָפּגעזעצט די זומערן און ווינטערן ביי דער גראַפּיניע אויף די אַקסלען און האָט געזען זיין אייגענע עלטער. האָט ער אָנגעהויבן ריידן צו איר מיט רחמנות:

— אַ מענטש לאָזט איבער אַ סימן; אַז מען שטעלט אַוועק אַ פּוס

בלייבט איבער אַ טראַט; אַז מען רירט אָן אַ האַנט, ציטערט דער גלעט אין דעם בלוט. פרייד גייט אויף פון אומעט, ווי דער מענטש הייבט זיך אויף פון זיין שאָטן. פון זיי בלייבט אָבער נישט קיין געדעכעניש. זיי שפּרינגען מיט טריט, שפּיציקער פון אַ שפּאָן, און טראָגן זיך מיטן רויך לייכטער פון דעם ווינט; זייער פרייד איז אָן אומעט און קעלטערט ווי די פונקען פון פראָסט גליווערן דעם שניי — און ער האָט געוואָרנט דער גראַפיניע: „זאָל זיך די האַרין באַדאַכטן איידער זי זוכט ביי זיי פרייד, זאָל זי זיך אונטערגעבן דער אַלטקייט, וואָס דער מענטש טראָגט אַנטקעגן דעם טויט״.

דער גראַפיניעס טריט האָבן זיך אָבער נאָך געטונקט אין דעם שטויב פון די בלעטער, וואָס די וואָרזאָגערינס האָבן געטראָגן צו איר, האָט זי נישט פאַרנומען דעם קרעכץ פון אַלטקייט, וואָס מיידט נישט אויס דעם מכשף אַזוי ווי ס׳בייגט איין די פּלייצע פון דעם גאָטספּאָרכטיקן, און זי האָט נישט פאַרבאָרגן איר גאווה:

— דער קעניג האָט שוין געזען די אונטערטעניקייט וואָס די דינער און קנעכט טראָגן אין דער רייכקייט פון מיין פּאַלאַץ, זאָל ער באַווייזן ווי זיינע אונטערטאַנען פירן אויס די באַפעלן פון דעם מענטשן, וואָס מיינט, אַז די חכמה פון אַלטקייט לייכט ליכטיקער ווי די לויטערקייט פון יוגנט.

האָט זיך אויפגעוועקט ביים דעם קעניג פון די מכשפים די חרפה, וואָס מענטשן האָבן אויסגעשאָטן אין די שוואַרצע קוילן הינטער אים און ער האָט דערזען די בליקן, וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים אין זיין עלנטקייט. האָבן זיינע נאָז־לעכער אָנגעהויבן זידן מיט כעס און ער האָט אַ פייף געטון מיט דעם פחד, וואָס דער ווינט שפּאַרט אין קוימען און טראָגט איבער די פּוסטע פעלדער. זענען געקומען צו רייטן די נישט־גוטע, די שדים, אויף די שפּיץ־נעגל פון אַ קאַץ, אויף דעם שוים פון די גריוועס פון פאַרמאַטערטע פערד, זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויפן שאָטן פון די פינצטערע כמאַרעס און האָבן געוואַרט אונטערטעניק אויף די באַפעלן פון זייער קעניג.

און דער קעניג פון די מכשפים האָט אַרויסגעלאָזן זיינע אונטערטאַנען אויף די טייכן, זיי זאָלן דאָרטן אָפּוואַרטן די כלות, וואָס פאַרקוקן זיך

אויף זייער שאָטן אין וואַסער, ווען זיי קומען אַליין וואַשן זייערע העמדער צו דער חופּה־נאַכט. זיי זאָלן לויערן אין די הויפן אויף די חתנים, וואָס טרעטן אָפּ מער ווי דריי שפּאַן פון די מחותנים, אין דער אומרו פון דער חתונה־נאַכט.

האָבן די שדים אַ בלאָז געטון מיטן רויך פון זייערע נאָז־לעכער און אויסגעלאָשן די קינעלעך אין די גויִישע כאַטעס. זיי האָבן אַ פּאַטש געטון מיט די פליגל פון זייערע איינגעהויקערטע אַקסלען און צעריסן ביי די בעטלער די סטרונעס פון די באַנדורעס. איז געוואָרן חושך פינצטער אין די הייזער און טויט שטיל אין די דערפער. די כלות זענען צעטומלט גע־וואָרן ביי די טייכן און נישט געזען זייערע העמדער אין וואַסער. די חתנים האָבן זיך דערשראָקן אין זייער אָפּגעזונדערטקייט און נישט גע־פונען דעם וועג צו דער חופּה. און די מחותנים האָבן אָנגעהויבן קלאָגן אויפן מזל וואָס איז פינצטער געוואָרן צו דער חתונה פון זייערע קינדער.

די נישט־גוטע האָבן זיך אין דעם אומעט און אומער אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד מיט דער שטילקייט פון פאַרנאַכט און זיי האָבן זיך באַ־וויזן פאַר די מענטשן, ווי ס'ציט זיך אַריין אין שטוב אַ וואַנדערער פון אַ וויטן וועג. זיי האָבן אַרויסגעצויגן פאַר די כלות די העמדער פון טייך און באַוויזן די חתנים וווהין צו שטעלן אַ טראָט. האָבן די כלות געפּאָלגט די נישט־גוטע, אָט אַזוי ווי זיי אונטערטעניקן זיך ווען מען קליידט זיי אָן די חופּה־קלייד צו דער חתונה, און די חתנים האָבן געשטעלט די טריט, אָט אַזוי ווי זיי גייען צווישן די אונטערפירער צו דער חופּה.

און גלייך ווי די נאַכט האָט פאַרשלייערט דעם זון־אונטערגאַנג אין מערב, איידער דער טאָג האָט זיך פון פאַרטאָג אַרויסגעשיילט אין מזרח, איז דער פּאַלאַץ געוואָרן פול מיט חתנים און כלות.

אין דער רייכקייט פון פּאַלאַץ, אין דער ליכטיקייט פון די גרויסע ליכטער האָט זיך אָפּגעטון דער כישוף פון די כלות און די חתנים און זיי האָבן נישט געוואַרט אויף קיין ברכות. זיי האָבן נישט אויסגעקוקט אויף די מתנות, נייערט געפלוכט און געשאָלטן פאַרוואָס מען האָט אַוועקגע־רויבט ביי זיי די שעה פון זייער פרייד.

האָט די גראַפיניע באַוויזן איר לייטזעליקייט און נישט אַרויסגעגעבן קיין האַרבע שטראָף פאַר לעסטערן איר נאָמען. זי האָט בלויז באַפוילן

אירע דינער, זיי זאָלן שמידן די חתנים אין קייטן, בינדן די כלות אין שטריק און פאַרהאַלטן זיי זיבן טעג און זיבן נעכט אין פּאַלאַץ.

זענען געשטאַנען די חתנים הינטער איין וואַנט און גערופן צו די כלות, און הינטער דער אַנדערער וואַנט האָבן זיך געבעטן די כלות צו די חתנים. אונטערן דאַך האָבן די שדים, די נישט־גוטע געשפּילט זייערע כלי־זמר און האָבן זיך געפרייט אין דעם טרויער וואָס די ווענט האָבן זיך געווייקט.

האָט זיך אָפּגעטון פון פּאַלאַץ די שטילקייט וואָס שטיינער שלעפּערן איין אין די ווענט און ס'איז צעשטערט געוואָרן די רו, וואָס ציגל מויערן איין אין די זיילן. דער פּאַלאַץ האָט נישט געדרעמלט בייניאַכט און נישט געטון שווייגן בייטאָג. די כלות האָבן אויסגעגאָסן זייער געבעט אין געזאַנג, און די חתנים האָבן געלאָזט הערן זייער געשריי אין דעם ברומען פון זייערע כוחות. דער רויך פון קוימען האָט געטראָגן די ניגונים, דעם געשריי, די כלי־זמר העכער פון פּאַלאַץ, ווייט איבער די פעלדער און די טיפע וועלדער. דער ווינט האָט צונויפגעמישט די קלאַנגען מיט דעם געזאַנג פון די פייגל אין די נעסטן, מיט דעם געשריי פון די חיות אין די וועלדער און האָט געבראַכט צוריק די ניגונים אין פּאַלאַץ.

זענען וואַך געוואָרן די חושים ביי שמואל־יעקבן און פון אים האָט זיך אָפּגעטון דער שאָטן, וואָס האָט זיך לאַנג און גערדיכט געפּלאָנטערט אַרום אים. ער האָט געהערט דאָס געזאַנג וואָס האָט זיך געטראָגן פון די ווענט. געאָטעמט מיט זייער גלוסטונג און האָט געשעפּט די פרייד, וואָס האָט אַרויסגעשאָלט פון די כלי־זמר אויפן דאַך. זיינע טריט זענען געוואָרן גרינג, דער קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבן העכער פון די אַקסלען און זיינע נאָז־לעכער האָבן געשמעקט דעם ריח פון די קרייטעכער, וואָס די גראַ־פיניע האָט געדרויכערט אין פּאַלאַץ. ער האָט געשפּאַנט פון איין זאַל אין אַנדערן, נאָר ער האָט אין ערגעץ נישט געזוכט דעם וועג אַהיים צו זיין ווייב מיט די קינדער. אומעטום איז אים געקומען אַנטקעגן דאָס געזאַנג, וואָס האָט אָפּגעקלונגען פון די ווענט, פון די באַלקנס מיט דער פרייד פון זיינע באַגערן. ער האָט אָבער נישט פאַרנומען דעם געבעט פון די כלות און נישט געהערט דעם געשריי פון די חתנים. ער האָט אין דעם געזאַנג

פון די כלי־זמר בלויז געזען די געשטאַלט, וואָס זיין תאווה האָט אויפ־געוועקט.

ס׳שוועבט אַ יונגע פרוי, אין אַ ווייס העמד פון האַלדז ביז די שפּיץ־פינגער פון די פיס, מיט צעלאָזענע בלאָנדע האָר, זי לאָזט זיך אַראָפּ פון זון־אויפגאַנג אויף די שפּיץביימער פון וואַלד.

אין אַ ווינקל פון זאַל באַווייזט זיך אַ פרוי, די שוואַרצע האָר — ווייכע און לאַנגע — צעלאָזן אויף אירע אַקסלען, די אויגן פאַרצויגן מיט באַגער, ווי אַ צייטיקע פלוים מיט טוי.

שמואל־יעקב שפּרייט אויס זיינע הענט און ציט זיך נאָך דער גלוס־טונג פון זיין האַרצן פון איין פרוי צו דער אַנדערער. לעבן אים שטייט אָבער די גראַפיניע. דאָס געזאַנג פון די וועגט גייט אויס אין איר קול, די פרייד פון די כלי־זמר שאָטנט זיך אַראָפּ אויף איר פּנים און זי נאַרט אַרויס ביי שמואל־יעקבן די רייד וואָס די גראַפיניע וויל הערן פון זיין מויל.

— מיינע טריט ציִען זיך צו דיר מיט דער פרייד פון פאַרטאָג און מיינע אויגן בענקען נאָך דיר מיטן אומעט פון פאַרנאַכט.

— די טעג זענען ביי מיר נישט געווען לאַנג צו וואַרטן אויף דיר און די נעכט זענען נישט געווען שווער צו זיין וואַך און קוקן אויף דיר — האָבן זיך ביי דער גראַפיניע אַרויסגעשיילט די רייד פון איר אַלטקייט:

— דיינע טריט זענען פעסט, די אויגן וואַך, און די הענט שוועבן ווי די ריחות וואָס די קרייטעכער רויכערן איבערן פּאַלאַץ.

דער מאַן קערט זיך אָבער אָפּ פון דער גראַפיניע, זיין האַרץ נייגט זיך צו די כלות און די חתנים וואָס די מכשפים האָבן געבראַכט אין פּאַ־לאַץ, און זיינע אויגן לייכטן מיט זייער גלוסטונג.

איבערן זאַל טראָגט זיך דער טאַנץ העכער פון די פיס. שמואל־יעקב בייגט זיך צו די הענט וואָס ציִען זיך צו אים און ער שליסט זיך איין אין דעם קאַראַהאָד, וואָס רוט נישט אין פּאַלאַץ.

די גראַפיניע זעט אים שוין נישט. זיין בליק טוט בלויז אַ שיין ווי אַ שטראַל וואָס די זון פאַרלירט אויפן ווינט; יאָגט זי זיך נאָך די אויגן, וואָס ציטערן אין טאַנץ, נאָר דער טאַנץ דערווייטערט זיך ווייטער פון איר.

און די ליידיקייט שפּרייט זיך אַרום איר, ווי די נאַקעטקייט ליגט זיך אַף אונטערן שנייד־מעסער, וואָס פאַרשניידט די זאַנגען אויפן פעלד.

בלייבט די גראַפיניע שטיין איינע אַליין, אַ פרעמדע, אין דעם אייגע־נעם פּאַלאַץ און קנייטשט זיך אין דער אַלטקייט, וואָס טרויערט אויף איר פּנים. זי הערט נישט די כּלי־זמר וואָס טראָגן זיך פון דאַך, נייערט זי פאַרנעמט דעם ווינט וואָס קלאָגט אין קוימען מיטן אומעט פון מכשף:

— ווי און ווינד צו דער פרייד, וואָס ווערט פאַרשטערט ביי דעם מענטשן.

— אָך און ווי צו דעם מענטשן, וואָס באַדאַכט זיך, ווען דער פוס שטייט שוין ביי דעם ראַנד פון דעם לעצטן טראָט.

— ז —

דער פּאַלאַץ רוט נישט בייטאָג און דרעמלט נישט ביינאַכט. דאָס געזאַנג טראָגט זיך מיטן ווינט אויפן רויך פון קוימען, און די כּלי־זמר פון דאַך נידערן אַראָפּ אויף דער ערד אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

אומערט מען אין זשירעווע אויף דעם גרויסן אומגליק, וואָס די גראַפיניע האָט אַריינגענאַרט מיט אירע גרויסע געשעפטן אַ ייִדן צו זיך אין פּאַלאַץ. זי האָט פאַרשיכורט אים מיט איר כּישוף און לאָזט אים נישט אַרויס.

— ערגער ווי שמד — קלאָגן ווייבער.

— שווערער ווי פון אַ קלויסטער — זיפצן אַלטע לייט.

די גראַפיניע האָט אַרומגעפּאַנצערט דעם הויף מיט אייזערנע שטאַנ־גען, העכער פון דאַך, און אַוועקגעשטעלט לעבן די טויערן שומרים, בייזער פון הינט, וואָס וואַכן מיט ביקסן איבער דעם אַריינגאַנג. זיי פאַרנעמען נישט, נישט קיין געבעט, און זיי הערן זיך נישט צו צו קיין געוויין. קען מען נישט צוקומען צו שמואל־יעקבן און אים דערמאָנען, אַז ער איז אַ ייִד. און שמואל־יעקב קען נישט אַ קוק טון אויף אַ ייִדן, ער זאָל דערזען דעם שכר ועונש, וואָס ציטערט ביי אַ ייִדן אונטער דער באָרד און פאות. רעדט אַ וועלט.

— אַזאַ נבלה, אַ טאַטע פון דערוואַקסענע קינדער, דאַרף באַלד חתונה מאַכן אַ טאָכטער, און מען האָט רחמנות אויף זיין ווייב חנה־לאה. מען שילט שמואל־יעקבן און מען בעט אויף אים דעם טויט, בעסער אַן אלמנה איידער אַזאַ בזיון.

חנה־לאה גלייבט עס אָבער נישט, זי קוקט מיט שטאָלץ אויף דער וועלט:

— יאָ, ס'טרעפן אַזעלכע זאַכן, זי וויל גאָר פון מויל נישט אַרויס־ברענגען, אָבער נישט מיט איר שמואל־יעקבן.

זי פאַרבייסט די ליפּן, פאַרבאָרגט דעם צער אין זיך און עפנט אויף ברייט די אויגן:

— דאָס אומגליק איז גרויס — זי דאַרף זיך אָבער נישט שעמען, און האָט נישט וואָס צו באַהאַלטן פון די קינדער.

זי קען נישט פאַרנעמען די עצות פון די ייִדן מיט ישוב־הדעת און זי אַנטלויפט פון די טרייסט־ווערטער, וואָס די ווייבער וואַרעמען אויס, בעוויל זי ווייס, אַז זיי פאַרשוועכן דעם נאָמען פון איר מאַן, דעם טאַטן פון אירע קינדער. זי זוכט די טריט, וואָס שמואל־יעקב האָט געשטעלט אין שטוב און זי קוקט זיך איין אויפן אויבנאַן, ווו ער איז געזעסן ביים טיש. זי קען נישט פאַרגעסן ווי ער האָט געטראָגן די לעפל יויך צום מויל און ס'לייכט אויף פאַר איר די פרייד וואָס איר מאַן האָט געבראַכט אין הויז, ווען ער איז געקומען אַהיים פון וואַלד.

איצטער רעדט אַ וועלט — קנייטשט זיך איין דער שטאָלץ ביי איר אויפן פּנים ווי אַן אַראָפּגעפאַלן בלאַט פון בוים און זי פאַרגייט זיך אין אירע אייגענע אויסרעכענונגען ווי אין אַ געוויין:

— מען זאָגט, מענטשן פאַרלירן דעם זכרון, בלאָנדזשעט ער אַרום איבער וויסטע פעלדער און קען נעבעך נישט טרעפן דעם וועג אַהיים, אָדער... — זי וויל עס אויפן רעיון נישט אַרויפלאָזן — אַ ווילדע חיה האָט אים פאַרצוקט, די האַנט פון אַ גזלן האָט פאַרשניטן זיין לעבן.

זי פאַרשט די מעשיות וועגן די הרוגים, וואָס מען האָט געפונען אויף די פאַרוואַרפענע וועגן, אין די טיפע וועלדער, און זי וואַרט מיט שרעק אויף די סימנים, וואָס מען וועט איר ברענגען, זי זאָל דערקענען שמואל־יעקבן. זי זעט אים ביינאַכט אין חלום, און הערט ווי ער רעדט צו איר

בייטאָג, ווען זי וויל זיך נישט זעצן צום טיש עסן, נייערט זי קייט אַ שטיקל טרוקן ברויט אין קיך ביים אויוון. חזרט זי איבער זיינע רייד:

— דו ווייסט דאָך, חנה־לאה, אַז איך האָב קיינמאָל נישט אָוועקגע־שטעלט קיין טראָט אָן דיין וויסן. אַז יאָסעלע איז, נישט היינט געדאַכט, קראַנק געוואָרן אויפן האַלדז, האָב איך, אין אַ זאַווערוכע, ווען קיין אייך גוי האָט נישט געוואָלט איינשפּאַנען קיין פערד פאַר אַ מטמון געלד, זיך אַוועקגעלאָזט אין מיטן נאַכט זוכן אַ דאָקטאָר. ווערסטו גלויבן וואָס מענטשן ריידן? וועל איך איבערלאָזן די קינדער און פאַרגעסן אָן דיר?

— ניין, ניין! — עפענען זיך ברייט חנה־לאהס אויגן, ביינאַכט ווען ס׳נעמט איר נישט קיין שלאָף. זי שפּרינגט אַראָפּ פון בעט, שפּאַרט זיך אַוועק צו דער טיר, גלייך ווי זי וואָלט געדאַרפט אַריינלאָזן שמואל־יעקבן אין הויז, אָדער אַרויסראַטעווען די קינדער פון סכנה. די טיר איז אָבער איינגעשלאָסן אין די אושאַקעס, ווי אָן איינגעמויערטע וואַנט. מען הערט נישט קיין ריר און קיין שאָרך און איבער דער שטוב קריכן די שאָטנס פון דעם קליינעם איינגעצויגענעם פייער אין לאָמפּ, וואָס זי לאָזט ברענען אַ גאַנצע נאַכט.

חנה־לאה וויל פאַרטרייבן די שרעק, מאַכט זי גרעסער דאָס פלעמל. איר ווערט אָבער צו ליכטיק אין די אויגן, די ווענט שטעלן זיך אויס נאַקעטע, שליגנען אין דאָס מעבל און די ליידיקייט שפּאַרט זיך אַרויס ווייטער פון בליק, ווי אין אַ פאַרלאָזטן הויז. מאַכט זי דאָס פלעמל קלענער אין לאָמפּ און די מידקייט לאָזט אַראָפּ אירע אויגן־דעקלעך. זי טראַכט:

— איר איז פינצטער אין די אויגן, ווי דער חושך אין שטוב. אים איז אָבער ערגער: זי איז צוזאַמען מיט די קינדער, און ער איז נעבעך איינער אַליין.

זי לייגט זיך נישט צוריק שלאָפן, נייערט זי דרעמלט אויף דער האַרטער באַנק, און אין דרעמל זעט זי ווי זי ליגט אין קימפּעט מיט יאָסעלען. דאָס בעט איז אַרומגעהאַנגען מיט ווייסע ליילעכער, די באָבע רחל איז אַרויס אין קיך איבערקאָכן די ווינדעלעך. די ערשטע אַכט טעג, ביזן ברית, לאָזט נישט די באָבע די דינסט זיך צורירן צו קיין זאַך. שמואל־יעקב גנבעט זיך צו אויף די שפּיץ־פינגער צום בעט, טוט אַ קוק פון היני־טערן ליילעך מיט אַ שמייכל: — דאַנקען גאָט, אַ ייִנגל — אַ נאָמען נאָכן

טאָטן. ער באַווייזט בלויז די אויגן, נאָר זי זעט אים פון קאָפּ ביז די פיס, פאַרבאָרגט זי אירע ווייען און ענטפערט אים מיטן זעלבן שמייכל: — מיר וועלן דערלעבן פירן אים צו דער חופּה.

זי ציט זיך איצטער אויס ווי זי וואָלט געלעגן אויף אַ ווייך געלעגער און וויל זאָגן נאָך איין וואָרט, נאָר זי דערפילט די האַרטע באַנק אונטער אירע גלידער. די רייד וועפּן זיך אויס און איר איז שווער אויפצוהייבן דעם קאָפּ, אויסצוגלייכן דעם גוף. וואַכט אויף איר כעס: — און זיי באַריידן אים. זי זיצט אויף דער באַנק, און ביי איר צייטיקן זיך די ווערטער, וואָס זי וועט ענטפערן יעדערן, ווער ס'וועט קומען צו אירריידן וועגן שמואל־יעקבן.

פון פענצטער שלאָגט זיך אָפּ דער פאַרטאָג אויפן שטוב און שניידט אַרויס דאָס פלעמל פון לאָמפּ, ווי דעם בליק פון אַ פאַרלאָזטן קינד, וואָס גייט איין אין געוויין.

חנה־לאה קוקט זיך איין ווי דאָס פלעמל צאַנקט אויפן קנויט אין לאָמפּ. — אַזוי גייט אויס אַ מענטש אין זיין עלנטקייט, — און זי פירט דעם שמועס מיט דער וועלט. זי הערט זיך איין און ענטפערט; מענדל דער מלמד בלייבט שטיין ביי דער טיר ווי ער וואָלט בלויז פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז און קלייבט אָפּ אַ וואָרט, ווי מען ציט אַרויס אַ האָר פון באָרד:

— אייער יאָסעלע דאַרף באַלד ווערן בר־מצוה.

חנה־לאה ענטפערט אים שטיל און גאָטספאָרכטיק:

— גאָט וועט געבן, שמואל־יעקב וועט קומען אַהיים, וועט ער אים לערנען לייגן תפילין.

ס'באַווייזט זיך חיים־לייב דער שוסטער, וואָס פאָרט אויף די יאַרידים מיט זיינע שטיוול; ער דרייט זיך אַרום אין שטוב, ווי ער וואָלט געקומען עפּעס לייען און פאַרלירט אַ וואָרט:

— די פּויערים דערציילן, זיי האָבן אַליין געזען; זי האָט אים אָנגעטאָן אַ כישוף; ער איז דאָרטן... און מען דאַרף...

מער קען חנה־לאה נישט הערן און ווערט אין כעס:

— מיין שמואל־יעקב איז דאָרטן נישטאָ, און אייער פּוס דאַרף דאָ אין שטוב אויך נישט זיין!

און כדי לייט זאָלן נישט מיינען, אַז זי הערט זיך צו צו זייערע רייד,

און טראַכט אַז אַ שאָטן פון זייער חשד זעצט זיך ח״ו אָפּ אויף אירע רעיונות, ווײַל זי איז אַ מיטן־וואָך־טאָג אָנטאָן די שבתדיקע קליידער און גיין אין שול דאַוונען. זאָל מען זען, אַז זי באַהאַלט זיך נישט אויס און האָט זיך נישט מיט וואָס צו שעמען פאַר דער וועלט.

— אָבער ווי קען זי זיך אויספּוצן, אפשר איז זי שוין — זי וויל גאָר אויפן זינען נישט אַרויפלאָזן — אַן אלמנה, דאַרף קריעה רייסן און הייסן די קינדער קדיש זאָגן?

באַפאַלט איר אַ פּחד, אַז באַלד, באַלד וועט מען איר ברענגען אַ פינצטערע בשורה. גייט זי נישט אַרויס פון הויז און שטעלט זיך אַוועק אין ווינקל דאַוונען הויך אויפן קול, ווי אַ מאַנסביל. זי טוט אַריין איר כוונה אין יעדן וואָרט: — זי איז דאָך איצטער דער טאַטע און די מאַמע.

און אַז זי פּראַוועט אַרויס די ייִנגלעך אין חדר, רעדט זי צו זיי גוט און פרום און דערמאָנט זיי נאָך אַמאָל, ווי זי וואָלט געוואָלט באַוואַרענען, אויסהיטן, מען זאָל נישט טייטלען אויף זיי מיט די פינגער, אַז דעם שכר־לימוד האָט זי שוין באַצאָלט. ביי די ייִנגלעך אויף די פּנימער ליגט אָבער דאָס רחמנות, וואָס לייט טראָגן זיי אַנטקעגן, און די מאַמע זעט נישט קיין פרייד ביי זיי אין די אויגן, צאַפּט זי אַרויס ביי זיך דעם לעצטן טראָפּן האָפענונג און גיט זיי דאָס מיט זיך אין אַ שמייכל:

— לערנט קינדערלעך מיט חשק. אַז גאָט וועט געבן, וועט דער טאַטע קומען אַהיים אויף שבת און וועט אייך פאַרהערן.

אויפן שבת פעלט נישט חנה־לאַהן: זי מאַכט שבת אָט אַזוי ווי זי האָט זיך געגרייט אין אַמאַליקע צייטן, ווען זי האָט זיך געריכט שמואל־יעקב זאָל אָנקומען פאַר ליכט־בענטשן פון וואַלד. זי באַקט חלה, פאַררוקט טשאָלנט, אַ פעטן קוגל, גרייט צו אַ צימעס, פלעכט אויס די קיטקע פאַר שמואל־יעקבן און די קליינע חלהלעך פאַר די ייִנגלעך.

זי ציט אָבער אָפּ דאָס ליכט־בענטשן נאָך אַ ווײַלע און ציילט די רגעס ווי מען גיסט איבער טראָפּנס, — ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן. אַז זי בענטשט אָפּ ליכט, שטרענגט זי זיך אָן, פאַרבאַרגט איר אומער און טוט־אָן איר קול מיט פרייד:

— גוט שבת, קינדער, אַז גאָט וועט געבן...

אויפן טיש ליגן די חלות צוגעדעקט מיט אַ ווײַסער סערוועטקע, דער

קידוש־בעכער שטייט לעבן קאַראַפינע וויין און חנה־לאה זעצט זיך אַוועק לעבן די ליכט מיטן טייטש־חומש. זי זאָגט אָבער נישט, נייערט זי פירט אַ וויכוח מיט דעם וואָס לעבט אייביק:

— רבונו־של־עולם, דו זעסט דאָך, איך האָב אָפּגעטון פון זיך דעם אומער, איך זאָל זיך קענען פרייען מיט דער פרייד פון הייליקן שבת, טאָ פאַרוואָס פאַראומערסטו מיינע טעג און נעכט און ווייזסט נישט שמואל־יעקבן דעם וועג אַהיים?

זי טראַכט, אַז דער זכות פון שבת וואָס זי וויל, אין איר אומגליק, אָפּהיטן מיט פרייד און שמחה, וועט איר בייסטיין און שמואל־יעקב וועט קומען אַהיים פרייטיק צו נאַכט צו קידוש. נעמט זי נישט אָן די גוטסקייט פון אַ שכן, וואָס וויל אַריינקומען מאַכן קידוש, זי ציט אָפּ די סעודה און הערט זיך צו צו יעדן שאָרך, אפשר וועט זי דערהערן טריט. נאָר אַז זי דערזעט ווי דער דרעמל וויגט אַראָפּ די קעפּלעך ביי די קלענערע קינדער, הייבט זי זיך אויף פון טיש, ווי זי וואָלט אַריין אין הויז פון דאַוועגען, זאָגט נאָך אַמאָל „גוט שבת" און שטעלט זיך אַוועק מאַכן קידוש.

זי הייבט אָן הויך אויפן קול מיט שמואל־יעקבס ניגון. נאָר אַז זי ענדיקט דעם קידוש, און טראָגט צו דעם בעכער צום מויל, דוכט זיך איר, אַז דעם זופּ וואָס זי דערלאַנגט די קינדער, פאַרזוכן זיי ווי אייגעגעבעטענע, ביי אַ פרעמדן טיש.

שבת אין דער פרי הייבט זיך אָן חנה־לאה גרייטן גיין דאַוועגען פריִער ווי די אַנדערע ווייבער, ווען אין די ייִדישע הייזער שלאָפט מען נאָך. זי קלייבט אויס אירע יום־טוב־קליידער, נעמט אַרויס די פּערל און וויל זיך אָנטאָן אַט אַזוי ווי זי איז געגאַנגען מיט שמואל־יעקבן אין שול אַריין, זאָל די וועלט זען די מתנות, וואָס איר מאַן האָט איר געבראַכט; „און וועט נאָך טראָגן", וויל זי זיך פרייען מיטן שבת. איר גוף איז אָבער איינגעדאַרט, דאָס קלייד הענגט אויף איר ווי אַ געלייענע, אין שפּיגל זעט זיך נישט אויף איר פּנים דער שבת. נאָר די קנייטשן אומערן ווי די זאָרג פון וואָך. טוט זי נישט אָן די פּערל, און לאָזט אַרויס אַ טיפן זיפץ מיט די רייד, וואָס לייט ריידן איר נאָך:

— וואָס איז פון איר געוואָרן? — זי פאַרגעסט זיך אַז זי האָט גע־

נומען אויף זיך נישט צו פּאַראומערן דעם שבת און פּירט אונטער איר אייגענעם חשבון:

— ס׳איז ערשט געוואָרן צוואַנציק יאָר נאָך דער חתונה, די חתונה־קליידער זענען נאָך ניי און זי איז שוין אַלט, אַ זקנה, אַן אויסגעטריקנטער ביין. שמואל־יעקב וועט קומען, וועט ער זי נישט דערקענען, און אויף די קינדער איז נישטאָ ווער ס׳זאָל אַכטונג געבן. זי האָט געוואָלט אָנשרייבן אַ בריוו איר עלטערן בחורל אַרעלען, ער זאָל לערנען מיט מער התמדה אין דער ישיבה און זאָל זיך אויסהיטן פון אַן עבירה. אפשר וועט דער זכות פון לערנען ביישטיין. איז זי אָבער אַן אשה, קען זיך קוים אונטערשרייבן. וויס זי וואָס צו שרייבן? און מיט אַ פרעמדן מענטשן לאָזן וויסן, קען זי נישט אויפדעקן די חרפּה.

זיצט זי ביי זיך אין שטוב, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. ערגעץ ווייט־ווייט גייען יידן צוזאַמען מיט זייערע זין דאַווענען אין שול, נאָר אירע קינדער שלאָפן נאָך און זי וועקט זיי נישט. זי קוקט זיך איין ווי זי גייט מיט שמואל־יעקבן אין בית־המדרש. ער גייט אָפּ אַ טראָט אַפריִער, ער שטעלט זיך אָבער אָפּ און וואַרט אויף איר. זי זעט גאַרנישט אַז ער איז אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער, העכער פון איר. זי גלייכט זיך אויס מיט אים און אירע פּערל שיינען אַראָפּ פון זיין באָרד.

— לייט האָבן דאָס אָבער געזען און נישט פאַרגונען, אַ בייזע עין־הרע געגעבן — שפּאַרט זיך איין חנה־לאה און וויל זיך נישט באַווייזן מיט איר אומער אין דער פרייד פון שבת.

— ח —

די באָבע רחל וועט אָבער נישט גיין שבת דאַווענען אַן חנה־לאהן, אָט אַזוי ווי זי פאַרגעסט נישט אויף די זין און טעכטער, וואָס זי האָט געהאָלפן ברענגען אויף דער וועלט.

די באָבע רחל איז אַ זקנה, זי איז שוין יאָרן־לאַנג אַן אלמנה און וווינט אין דער זעלבער דירה, וואָס זי האָט זיך אַריינגעקליבן גלייך נאָך דער חתונה. דאָ, אין דער הויז האָט איר מאַן, יעקב געהאַלטן דעם חדר, געלערנט מיט די עלטערע יינגלעך אַ בלאַט גמרא. און דאָ, אין דער זעל־

בער שטוב, האָט זי געבעטן ביי גאָט אויף אַ קינד, נאָר דער אייבערשטער האָט פאַרשלאָסן איר טראַכט און זי איז נישט פאַרגאַנגען אין טראָגן. איז זי געוואָרן אַ הייב־אַם, זאָל דער אייבערשטער זען ווי זי פאַרגינט יענעם די פרייד און פרייט זיך מיט פרעמדע קינדער, וועט ער אפשר דערפרייען זי מיט אַן אייגן קינד.

דער רבונו־של־עולם האָט אָבער נישט פאַרנומען דער פרויס געבעט, און דער מאַן האָט געטראַכט, אַז אויב ס'איז נישט קיין מוז, טאָר ער נישט מאַכן שאַרפּער דעם צער, און ער האָט נישט אָפּגעגט זיין ווייב. האָט יעקב געלערנט מיט פרעמדע קינדער תורה, און נישט איבערגעלאָזן קיין אייגן קינד — אַ קדיש נאָך זיך. זיין ווייב רחל האָט אָפּגענומען פרעמדע קינ־דער ביי די מאַמעס, נאָר אירע אויגן האָבן נישט געציטערט מיט דער פרייד פון אייגן בלוט און פלייש.

אין שטאָט האָט מען אָבער נישט פאַרגעסן ווי אַזוי ר' יעקב האָט געלערנט אין חדר אַ בלאַט גמרא, מיט גוטן און מיט בייזן געהייסן נאָך אַמאָל איבערזאָגן דעם שיעור. און מען האָט געדענקט ווי אַזוי די באָבע רחל האָט אָנגעפּאַטשט אַ קינד אין גאַס דאָס בעקל, האָט אָנגעשריען, אָדער געקויפט אַ צוקערקע. האָט מען געהאַלטן טייער איר כבוד און דערמאָנט דעם נאָמען פון איר מאַן ר' יעקב ע"ה מיט יראה.

אַז די באָבע רחל איז אַרויס אין גאַס, זענען נאָך איר נאָכגעלאָפן קליינע קינדער ווי אייגן בלוט און פלייש, האָבן געצויגן פאַרן קלייד און אויסגעשטרעקט די הענטלעך:

— באָבע מיר!

— באָבע איך!

די מיידעלעך און די יינגלעך האָבן געוואָלט, אַז די באָבע זאָל זיי פירן פאַר דער האַנט און די דערוואַקסענע האָבן איר געטראָגן אַנטקעגן דאָס גוט־יאָר. זיי האָבן איבערגעחזרט, ווי אַ שמירה: — קיין עין־הרע נישט, גייט גלייך ווי אַ סטרונע — און האָבן זיך איבערגענומען: — די באָבע וואָלט נאָך איצטער געקענט גרינגער אָפּנעמען אַ קינד ווי די נייע, די יונגע, די געבילדעטע.

די באָבע האָט זיך אָנגענומען מיט דער פרייד, וואָס האָט אַרויסגע־

שיינט פון די דאָזיקע רייד, און געענטפערט מיט הכנעה אויפן כבוד, וואָס מען האָט איר אָפּגעגעבן.

אַז זי איז אָבער געקומען אַהיים און דערזען ווי די חדרים פון איר קליינער דירה צעשפּרייטן זיך ברייט און ווייט אין זייער שטילקייט און פוסטקייט, האָט די ליידיקייט איינגעשלונגען איר פרייד. די שטאָט יידן, מיט דעם כבוד און יראה, האָט זיך אָפּגעזונדערט און האָט זיך דערוויי־טערט פון דער באָבע רחל. זי איז געבליבן איינע אַליין מיט אירע איינ־ציקע ווערטער, וואָס האָבן זיך איבערגעבראָכן אין דער שטילקייט פון די פיר ווענט ווי אירע געציילטע יאָרן. זי האָט מורא געהאַט אַרויסצוריידן די רייד, נאָר זיי האָבן אַליין אָפּגעענטפערט ווי אַ ווידער־קול, וואָס דער ווינט טראָגט פון די פוסטע פעלדער און איינזאַמע וועגן:

— די יאָרן, וואָס זענען אַוועק, האָבן אויפגעשטעלט דורות ביי לייטן אין די הייזער און האָבן פאַרמערט די קינדער פון ישראל, נאָר דיין שטאָם ווערט איינגעדאַרט. דיין שטוב איז פאַר קיין איין יידן געדאַכט הויל און נאַקעט. ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל פאַרנעמען דיין קרעכץ. די פרייד, וואָס מען טראָגט דיר אַנטקעגן, פאַרציט דאָס פּנים מיט אַ פרעמדער הויט, אַ מענטשנס אויג דערזעט אָבער נישט דעם אומער, וואָס צעאַקערט די קנייטשן פון דיין עלטער.

זי האָט געוואָלט נאָך שאַרפער אַרויסשטעלן אירע טענות, זאָל די וועלט דערזען איר עלנטקייט, אויסהערן אירע רייד און משפּטן. זי האָט זיך אָבער דערשראָקן:

— ווי ווייט קען זי נאָך גיין. שוין אַריינגעצויגן ביז אַכציק; זי דאַרף זיך גאָר גרייטן... און נישט ווידערשפּעניקן קעגן דעם וואָס האָט איינ־געשטעלט דעם סדר העולם.

זי וויל אַ קוק טון אויף די תכריכים, וואָס זי האָט צוגעגרייט, נאָר איר איז שווער אַוועקשטעלן אַ טראָט. פאַרענטפערט זי זיך און האָט חרטה אויף אירע האַרבע רייד:

— וואָס ווייס אַן אָרעמע אשה, ווען דער אייבערשטער האָט גע־קאַרגט די צאָל מצוות, און גאָט ווייס, צי זי האָט זיי אָפּגעהיט, ווי ס׳איז געבאָטן פון דער תורה.

זי בעט זיך, ווי זי לייענט קריאת־שמע פאַרן שלאָף:

— איך בין נישט מקנה די קימפּעטאָרינס, נייערט זיך געפרייט מיט זייער פרייד. איך האָב זיך געמיט צו לינדערן די ווייען פון דער געוווי־נעריק, טאָ זאָל דער אייבערשטער אוועקלייגן די מי אויפן וואָגשאָל פון די מצוות אַנטקעגן מיינע עבירות; זאָל דער זכות פון דער תורה, וואָס מיין מאַן ע״ה האָט געלערנט מיט ייִדישע קינדער ביישטיין אונדז ביידן אין משפט; זאָלן די קינדער פון ישראל, וואָס איך האָב די ערשטע אויסגע־באָדן, נישט פאַרגעסן אויף מיר, ווען זיי וועלן, האַר פון דער וועלט, לויבן דיין נאָמען.

זי גיט זיך אונטער אין איר אַלטקייט: — מסתמא איז אַזוי באַשערט, איך בין מער נישט ווערט, — און זי בעט רחמנות: — זאָל זיך דער אייבערשטער דערבאַרעמען אויף אַן אָרעמער אשה, וואָס שטייט אַליין אַן איר מאַן דעם באַשיצער, ווי אַ בוים אַן דעם שאָטן פון זיינע צווייגן.

און זי האָט ווייטער געצויגן דעם משל: — אַ מענטש אַן מצוות איז געגליכן צו אַ בוים וואָס טראָגט נישט קיין פּירות; דער בוים, וואָס שפּראָצט נישט אַרויס קיין קנאָספּן, באַהאַלט זיין חרפּה מיט די בלעטער וואָס ער טוט אָן אויף זיך, נאָר דער מענטש אָן מעשים טובים, ווייס נע־בעך נישט, אַז ער גייט אַרום הויל און נאַקעט פאַר דער וועלט.

דעריבער האָט די באָבע רחל אָנגעקליידט אירע אָרעמע מעשים מיט צניעות, ס׳זאָל זיך נישט אַרויסזען די גאווה, וואָס דער עלטער שפּאַרט אַרויס ביי אַ מענטשן. זי איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, האָט גערעדט שטיל און ווייך און האָט אויסגעמיטן דעם כבוד, וואָס מען האָט איר געטראָגן אַנטקעגן. זי האָט געזוכט — וואָס קען זי נאָך אויפטון מיט אירע שוואַכע כוחות אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן, זי זאָל זיך נישט אַוועקשטעלן הויל און נאַקעט פאַרן משפּט. האָט זי געזאָרגט וועגן די אָרעמע לייט וואָס ליגן אין הקדש, האָט געוווּסט וועלכער קימפּעטאָרין ס׳פעלט אַ טעלער הינערשע יויך און ווער ס׳באַהאַלט, אַז ער האָט נישט אויף שבת.

זי האָט נישט פאַרגעסן אויף חנה־לאהן: „זי איז נעבעך איינע אַליין אין איר אומער״, און זי האָט געזען ווי חנה־לאה דעקט צו מיט שטאָלץ איר חרפּה. פאַר דער באָבע רחל זענען נישט געווען פאַרהוילן די סודות, וואָס די געוווינערינס שרייען אַרויס אין זייערע געבורטס־ווייען; די ווייבער

האָבן איר פּאַרטרויט זייערע שטילע רייד, ווען זיי זענען פאַרגאַנגען אין טראַגן. האָט די באָבע געטראַכט: „אפשר איז אַ וועלט נישט משוגע״... איר האָט זיך אָבער נישט געלייגט אויפן שכל, — אַ ייִד, אַ ייִד מיט אַ באָרד און פּאות, זאָל פאַרגעסן, אַז ער וועט זיך דאַרפן שטעלן צום יום־הדין און אָפּטון אַזאַ...

זי האָט גאָרנישט געוואָלט אַרויפּברענגען אויפן זינען, וואָס די שטאָט רעדט וועגן שמואל־יעקבן. נאָר די מעשיות און די געשיכטעס, וואָס אי־רע יאָרן האָבן אָנגעזאַמלט אין די הייזער פון די געווינערינס, האָבן איר דערמאָנט, אַז די נאַטור פון מענטשן איז צו זינדיקן. דעם מענטשן ציט צום יצר־הרע און ער אַנטלויפט פון יצר־טוב. דער יצר־טוב דערקענט זיך צו יעדערן מיט זיין גוטסקייט, מיט זיין ערלעכקייט — קוקט מען זיך אויף אים נישט אַרום. דער יצר־הרע פאַרשטעלט זיך אָבער אין אַלערליי געשטאַלטן און אַמאָל טאַקע, פאַר קיין ייִדישער טאָכטער גע־דאַכט, פאַר אַן אשה. ער גייט מיט קרומע קלוגינקע וועגן, ער זאָל קענען פאַרפירן דעם מענטשן, און דער מענטש לויפט אים נאָך.

שמואל־יעקב איז וואָכן־לאַנג געווען אין־דער־ווּעגנס. אַז מען איז פאַרנומען מיט גרויסע עסקים, פאַרגעסט מען פריִער אויף גאָט, דערנאָך אויפן ווייב מיט די קינדער.

— דעריבער לערנט אונדז די תורה, אַז געבענטשט איז דאָס פאַר־פאָלק, וואָס דאָס ווייב האַלט הייליק די שטוב און דער מאַן היט דאָס הויז, ס׳זאָל נישט פעלן קיין חיונה און די קינדער זאָלן גיין אין רעכט־פאַרטיקע וועגן. ווי איז אָבער צו דעם הויז... — ווייס נישט די באָבע רחל צי זי לייענט אַ תחינה, אָדער זאָגט אירע אייגענע רייד: — וואָס דער מאַן שלעפּט זיך אַרום איבער דער וועלט, פרעמדע הענט גרייטן צו פאַר אים דעם טיש און פרעמדע אויגן קוקן אויף זיין געלעגער, נאָר זיין אייגן ווייב קען נישט הנאה האָבן פון דער מצווה איר מאַן זאָל מאַכן קידוש אויף די חלה, וואָס זי האָט אויסגעבאַקט אויף שבת. און שמואל־יעקב איז דאָך קיינמאָל נישט געווען אין דער היים... — וויל די באָבע רחל פאַרטרייבן פון זיך די רייד, וואָס די ווייבער זענען געקומען צו איר אַראָפּריידן פון האַרצן, און זי וועט עס נישט אַרויסברענגען פון מויל פאַר חנה־לאהן.

באוויזט זי זיך נישט אין דער וואָכן צו חנה־לאהן, זי זאָל נישט דערקענען די רעיונות, וואָס דער אומעט פון די וואָכעדיקע טעג פּאַרציט ביי דער באָבען אויפן פּנים.

שבת אינדערפרי איילט זיך אָבער די באָבע רחל מיט אירע דראָבנע טריט צו חנה־לאהן אין שטוב אַריין, זי זאָל איר די ערשטע דערפרייען מיטן „גוט שבת".

— גוט שבת, באָבע — קומט איר חנה־לאה אַנטקעגן. איר קול איז פאַרשלאָפן און זי כאַפּט זיך, אַז זי איז געווען אַריינגעטון אין אַנדערע זאַכן און גאָר פאַרגעסן אויפן שבת. פאַרענטפערט זיך חנה־לאה: — אָנגעגאָסן צופיל גאַזע אין לאָמפּ, האָט דאָס פייער געברענט אַ גאַנצע נאַכט און איך האָב נישט געקענט צומאַכן מיט קיין אויג.

די באָבע רחל ווייס, אַז ביי חנה־לאהן ברענט דער לאָמפּ אַ גאַנצע נאַכט, די גאַנצע וואָך. זי דערמאָנט דאָס אָבער נישט, און רעדט צו חנה־לאהן, ווי זי האָט אַמאָל איינגערעדט אַ יונג ווייבל, אויף דער צייט, וואָס האָט מורא געהאַט פאַרן האָבן:

— אַז דער לאָמפּ ברענט, דעקט מען זיך איבער מיט דער קאָלדרע, די אויגן זאָלן נישט זען דעם פייער, שלאָפט מען איין.

— ס'איז אַזוי אויך פינצטער אין די אויגן — וויל חנה־לאה זאָגן, נאָר זי וועט עס נישט ברענגען פאַרן מויל שבת אין דער פרי פאַרן דאַווענען, דערשלינגט זי איר זיפץ — מען קען נישט באַהאַלטן פון די אויגן וואָס זיי זעען, אַפילו דעמאָלט ווען מען פאַרמאַכט זיי.

— אַז מען קוקט זיך איין אויף גוטע זאַכן, מיין קינד, שיקט דער אייבערשטער צו גוטס, און גאָט וועט געבן.

חנה־לאה ווייס, וואָס די באָבע רחל ווינטשט איר, פרעגט זי נישט איבער די רייד. זי טוט אַ קוק ווי די קינדער וועקן זיך אויף פון שלאָף: „פון די קינדערס וועגן" — און רעדט אויס פרום, ווי זי וואָלט צוזאַמען מיט דער באָבען געזאָגט אַ תחינה:

— אַז גאָט וועט געבן, וועט די באָבע מיר העלפן באַקן די חלה אויף שבת...

— און דו וועסט פירן מיט דיין שמואל־יעקבן מירעלען צו דער חופה.

ביי חנה־לאהן שטעלן זיך טרערן אין די אויגן, זי קען נישט אויס־

ריידן קיין וואָרט — הייסן די קינדער אָפּגיסן נעגל־וואַסער — זי זאָל זיך נישט פאַנאַנדערוויינען.

— שעם זיך נישט, מיין טאָכטער, דאָס זענען טרערן פון פרייד — טרייסט די באָבע רחל חנה־לאהן — אַזעלכע טרערן לייכטן פאַר דעם רבונו־של־עולם, ווען מען בענטשט ליכט, און דיין מזל ווערט באַלד אויפ־לייכטן דאָ אין שטוב, אַט אַזוי ווי דער שבת קודש שיינט איבער דער גאַנצער וועלט.

— אָבער — קוקט חנה־לאה אויף איר יאָסעלען — ער דאַרף באַלד ווערן בר־מצווה.

און די באָבע רחל זעט אויך ווי די קינדער בלוקענאַיען זיך אַרום איבערן שטוב ווי אָפּגעשלאָגענע שעפּסן פון דער סטאַדע און דער ווייסער סערוועט ליגט אויפן טיש אומעטיק, ווי ער וואָלט אויסגעשפּרייט די נאַ־קעטקייט פון וואָך. נעמען זיך אויס ביי איר די טרייסט־ווערטער. רעדט זי צו חנה־לאהן מיט די רייד פון די הייליקע ספרים:

— פאַרבאָרגן זענען גאָטס וועגן פאַר די אויגן פון דעם מענטשן; מיר קענען מיט אונדזער שכל נישט באַנעמען ווי אַזוי ער פירט די וועלט. אַ מענטש זעט ווען ער טוט אַ מצווה, ער ווייס אָבער נישט ווען ער זינ־דיקט, בעוויייל דער יצר־הרע צעטומלט דעם מענטשן, ער זאָל אים קענען אַראָפּפירן פון דרך הישר. דעריבער ווייסן מיר נישט, מיין טאָכטער, פאַר וואָסערע זינד מיר קומען אָפּ און מיר דאַרפן צונעמען באהבה די שטראָף. מיין מאַמע ע״ה, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן און זיין אַ גוטע בעטערקע פאַר אונדז אַלעמען, האָט מיר דערציילט, אַז נישט ווייט פון זייער הויף איז געזעסן אַ קרעטשמער. ער איז געווען אַן ערלעכער ייִד, אַ ירא־שמים און געהאַט פּרנסה בשפע, איז ער איינמאָל ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען אַריינ־טרייבן די בהמה אין שטאַל און איז פאַרפאַלן געוואָרן. ער האָט זיבן יאָר אומגעוואָגלט איבער דער וועלט ביז ער איז געקומען צוריק אַהיים. ווילסטו וויסן פאַרוואָס ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן פון דער היים? טאָ הער די מעשה, אַט טאַקע אַזוי ווי מיין מאַמע ע״ה, זי זאָל זיך מיִען פאַר אונדז, האָט דערציילט. ביי דעם קרעטשמער האָט געאַרבעט אַ גוּאישע דינסט. איינמאָל איז זיין ווייב, וואָס האָט אַליין געקאָכט די עסנס פאַר די אורחים, קראַנק געוואָרן, האָט די דינסט צוגעגרייט די מאכלים און זיי האָבן ביי־

די געסט אויסגענומען בעסער ווי דעם ווייבס געקעכץ. איז דער קרעטשמער צוגעשטאַנען צו דער דינסט, פאַרוואָס איז איר עסן געווען געשמאַקער ווי דעם ווייבס. האָט זיך די דינסט מודה געווען, אַז זי האָט די טעפּ אויסגעשמירט מיט חזיר.

— אוי ווי, — האָט די באָבע רחל אַ זיפץ געטון, — וואָס האָט דער קרעטשמער געטון? ער האָט נישט צעבראָכן די טעפּ מיט די געפּעס. ער איז נישט געלאָפן געבן צדקה, נישט געפאַסט קיין תעניתים. נאָר וואָס דען? דער יצר־הרע האָט אים אַרויפגעפירט אויף אַ פינצטערער מחשבה, ער זאָל טאַקע נישט לייגן קיין חזיר אין עסן, נאָר בלויז אויסשמירן די טעפּ מיט די פעטס, וועט זיין געשמאַקער דאָס געקעכץ און ס׳וועלן זיך אָפּשטעלן מערער אורחים. זיי וועלן מערער עסן און די שפּע וועט זיין גרעסער. זיינע טאַטעס און זיידעס האָבן זיך אָבער געמיט פאַר אים אויף יענער וועלט, זיינע קינדער זאָלן נישט אָפּגעמעקט ווערן פון דעם פּנים פון דער ערד. אַ קלייניקייט אַזעלכע זינד — אָנטיילן אַ וועלט מיט טרפות. האָבן זיי אויסגעפירט, ער זאָל פאַרטריבן ווערן פון דער היים, ער זאָל זיין נע־ונד ביז ס׳וועלן זיך אָפּטון פון אים די פינצטערע מחשבות, און ער וועט אויף דער וועלט אָפּקומען פאַר זיינע זינד. קענען מיר פאַרשטיין זיינע וועגן, אַמאָל איז גאָר אַ רעה לטובה וועגן.

— ווער ווייס וואָס פאַר אַ מחשבות איר שמואל־יעקב האָט געהאַט — פאַרציִען זיך מיט אומעט חנה־לאהס געדאַנקען.

— טויג דאָך נישט — מאַכט די באָבע רחל אָן אָנשטעל פון כעס — שבת אין דער פרי, מען גייט שוין דאַווענען.

איר קול ווערט ווייכער, שטילער: — דו ווייסט פאַרוואָס ער איז געקומען אַהיים אין זיבן יאָר אַרום און איז נישט געווען נע־ונד זיבן מאָל זיבן יאָר? ווייל זיין ווייב האָט זיך פאַרלאָזן אויף גאָט, נישט פאַרלוירן דעם בטחון און האָט געהאַפּט יעדן טאָג, אַז אָט־אָט קומט ער, איז ער טאַקע געקומען ערב־שבת אַהיים.

האָט חנה־לאה אָנגעמאָסטן אויף זיך דעם בטחון, אָט אַזוי ווי זי האָט אָנגעטאָן אויף זיך די שבתדיקע קליידער און איז אַוועק מיט דער באָבע רחל דאַווענען. איר איז געווען גרינג צו טראָגן דעם שטאָלץ פון שבת און פון איר איז נישט געמינערט געוואָרן דער כבוד פון שמואל־

יעקב דעם וואַלד־סוחרס ווייב. זי האָט באַגעגנט דעם „גוט שבת״ מיט אָפענע אויגן און געענטפערט „גוט יאָר״, גלייך ווי זי וואָלט געלאָזט הערן אין אירע רייד שמואל־יעקבס קול. איר האָט זיך געוואָלט עמעצער זאָל איר דערמאָנען יאָסעלעס בר־מצווה און די באָבע זאָל הערן ווי זי וועט ענטפערן: — אַז גאָט וועט געבן, וועט דער טאַטע אים לערנען לייגן תפילין.

נאָר מ׳ען האָט נישט געפרעגט ביי איר וועגן יאָסעלעס בר־מצווה און קיינער האָט נישט דערמאָנט דעם טאַטן. מ׳ען האָט איר אָפּגעטראָטן דאָס אָרט אין שול, דערלאַנגט דעם סידור, ווי מ׳ען באַגעגנט אַ חולה, וואָס איז נאָר־וואָס אַראָפּ פון בעט. האָט חנה־לאה געקוקט אין סידור, נאָר געזען דעם רחמנות ביי די ווייבער אויף די פּנימער און ס׳האָבן געביסן איר די מחשבות פאַר וואָס פאַר אַ זינד האָט דער אייבערשטער פאַרשאָלטן איר שמואל־יעקבן, ער זאָל זיין נע־ונד און נישט קענען קומען אַהיים.

און ביינאַכט, אַז חנה־לאה האָט נישט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ און האָט זיך געטוליעט צום בטחון, וואָס די באָבע רחל האָט אָנגעקליידט אויף איר, האָט זי נישט געקענט פאַרבאָרגן פון אירע אויגן די זינד, פאַר וועלכע אַ מענטש קען געשטראָפט ווערן. זי האָט געזען ווי די גראַפיניע גיסט אָן דעם רויטן וויין אין גילדענע בעכערס און טראָגט אים אַליין צו אויף אַ טאַץ פון בריליאַנטן. אין פּאַלאַץ ברענען די בליץ־לאָמפּן ליכטיקער פון די שטערן אין הימל. נאָר זיי, די טאַטעס און די זיידעס מ׳זען זיך פאַר שמואל־יעקבן אויף יענער וועלט, ווערט ער פאַרוואָרפן זיבן און זיבעציק מייל, ער זאָל זיך אַרומוואַלגערן איבער דער וועלט, און קען נישט טרעפן דעם וועג אַהיים.

— און אפשר — שעמט זי זיך אַזאַ וואָרט אַרויפברענגען אויפן זינען — וואָכן־לאַנג געווען אין־דער־וועגנס, דער יצר־הרע פאַרשטעלט זיך אויך פאַר אַ פרוי, דעריבער האָט דער אייבערשטער געקאָרגט דער אישה די מצוות, נישט געגעבן איר מער ווי דריי געבאָט — האָבן די מחשבות גע־עגבערט דעם בטחון, אָט אַזוי ווי ווערעם פאַרדאַרבן דעם שטאָם פון אַ בוים אונטער דער קאָרע. דער צער האָט אויסגעטריקנט דאָס חיות פון איר גוף און חנה־לאה איז געשטאָרבן אין דעם זעלבן טאָג ווען די באָבע האָט אויסגעהויכט איר אָטעם.

— ט —

די שיכחה טריקנט אָבער נישט אויס דעם זכרון ביזן דעק, אַזוי ווי דער בטחון לעקט נישט אויס דעם יאוש ביזן לעצטן טראָפּן. האָט זיך ביינאַכט נישט אָפּגעטון פון שמואל־יעקבן דאָס געוויין פון קליינע קינדער, וואָס וועקן אויף טאַטע־מאַמע פון שלאָף, און אין קאַראַהאָד פון טאַנץ האָט זיך נישט אויסגעלאָשן חנה־לאהס בליק, וואָס האָט אים באַגעגנט פרייטיק פאַרנאַכט, ווען ער איז געקומען אויף שבת אַהיים פון וואַלד.

ער האָט אָבער נישט געקענט דערקענען וועמענס קינדער ס'וויינען, און אין דעם בליק, וואָס האָט זיך געצאַפּלט אין דעם טאַנץ, האָט ער נישט געקענט דערזען חנה־לאהס פנים, וואָס האָט אַמאָל געקוקט אויף אים.

האָבן זיינע אויגן געבלאָנדזשעט פון איין געשטאַלט צו דעם אַנדערן, די אומרו האָט געטראָגן זיינע טריט פון איין זאַל אין דעם צווייטן שנע־לער ווי די נישט־גוטע יאָגן זיך אויף זייערע שפּיציקע נעגל און זיין קול האָט אָפּגעקלונגען אין דעם ברומען פון די חתנים מיטן ניגון פון זמירות.

האָט שמואל־יעקב פאַרטויבט חנה־לאהס קלאָג־קול מיט דער פרייד פון פּאַלאַץ און די פרייד האָט אויסגעזויגן זיין קראַפט ווי דער אומער דאָרט אויס דאָס חיות פון מענטשן. איז שמואל־יעקב געשטאָרבן פאַר דער צייט אין דער גלוסטונג פון פּאַלאַץ, אַט אַזוי ווי חנה־לאהס לעבן איז פאַרקירצט געוואָרן אין דעם אומעט פון איר שטוב.

אַז זיין נשמה איז געבראַכט געוואָרן צום בית־דין של מעלה, האָט זיך דער קטיגור נישט אָנגעגורט מיט כוח מקטרג צו זיין אויף שמואל־יעקבן, בעת ווייל ער האָט געוווסט, אַז אין דעם ספר הזכרונות איז פאַר־שריבן יעדע רגע פון דעם מענטשנס לעבן. ער האָט געזען ווי שמואל־יעקבס זינד הייבן זיך העכער פון זיין קאָפּ און זיין נשמה ציטערט פאַר דעם שטול, וואָס איז געשטאַרקט מיט אמת, און רוט אויף חסד.

דער קטיגור האָט בלויז געבעטן רחמים פאַר שמואל־יעקבס ווייב, פאַר דער אשה צנועה חנה־לאה און האָט געבראַכט פאַר דעם כסא־הכבוד דעם לאָמפּ, וואָס האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט ביי איר אין שטוב. ער האָט אַרויסגעשטעלט איר בליק, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין פענצטער אויף שמואל־יעקבן און באַוויזן זיינע טריט, וואָס האָבן זיך געיאָגט צו

דער גראַפֿיניע אין פּאַלאַץ, נישט צו ענדיקן די חשבונות, נייערט אַריינ־צוציִען די רעכענונגען שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

דער סניגור, ווייס אָבער, אַזוי ווי ס'איז נישטאָ קיין מענטש וואָס זאָל נאָר טון גוטס און קיין מאָל נישט זינדיקן, איז נישט פֿאַראַן קיין חוטא, וואָס זאָל אַמאָל נישט טון קיין גוטס. דרינגט ער אַריין אין די פֿאַרבאָרגג־סטע כוונות פֿון דעם מענטשן און שפּאַרט זיך אין די פֿינצטערע ווינקלען פֿון דעם מענטשנס לעבן. ער זוכט און נישטערט אין די ברעקלעך און שטיקלעך, וואָס וואַלגערן זיך אונטער די טישן ביי די שיכורים, — אפשר וועט ער מיט זיין בליק, מיט דער ליכטיקייט פֿון אַ בליץ, דערזען אַ זכות אויף דער זינדיקער נשמה, ער זאָל קענען זיין פֿאַר דעם כסא־הכבוד אַ מליץ־יושר פֿאַר איר.

האָט ער אָנגעהויבן טענהן פֿאַר דעם בית־דין של מעלה:

— שווער זענען שמואל־יעקבס חטאים, איך קען זיי נישט אָפּלייקע־נען, דער בית־דין זעט ווי די נשמה ציטערט אין זיינע עבירות. שמואל־יעקב איז אָבער געווען אַ ערלעכער ייִד מיט מצוות און עבירות, ווי אַלע מענטשן וואָס קענען נישט ביישטיין די נסיונות פֿון יצר־הרע, ביז די גראַפֿיניע האָט נישט געקראָגן קיין שליטה אויף אים מיט איר כישוף. מיר דאַרפֿן אָבער וויסן, אַז די אשה צנועה, חנה־לאה, האָט נישט פֿאַרגעסן דעם טעם פֿון עץ־הדעת, וואָס פֿון אים האָט די מוטער חוה געגעסן, אַזוי ווי דער זאַפֿט פֿון דער פּרי איז נישט אויסגעטריקנט געוואָרן ביי דער גראַפֿיניע אויפֿן גומען, בעתּווייל זיי ביידע קומען אַרויס פֿון דעם ביין וואָס דער אייבערשטער האָט אויסגעשניטן ביי אָדמען. — און ער האָט געוואָלט פֿרעגן — אפשר האָט חנה־לאה גורם געווען שמואל־יעקב זאָל אַראָפּגיין פֿון דעם דרך־הישר.

דער סניגור ווייס, אָבער, אַז מען טאָר נישט פֿאַרמינערן די מצוות פֿון איין מענטשן כדי צו פֿאַרמערן די מעשים־טובים פֿון אַן אַנדערן. האָט ער די דאָזיקע רייד נישט געבראַכט פֿאַר דעם בית־דין של־מעלה, נייערט ער האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דער גוטסקייט וואָס שמואל־יעקב האָט געטון זיין ווייב און קינדער און האָט דערמאָנט די פֿרייד וואָס דער חתן דערפֿרייט די כלה.

דער סניגור האָט דערזען דעם שטראַל האָפֿענונג, וואָס איז אויפֿגע־

גאַנגען אין דער זינדיקער נשמה. פאַר אים האָט אויפגעלויכטן דער בטחון וואָס שפּאַרט אונטער דעם פאָלק ישראל אין גלות. האָבן זיך געשטאַרקט זיינע רייד פאַר דעם בית־דין של־מעלה:

— שמואל־יעקב האָט טאַקע אָנגעטון זיין ווייב חרפּות און בזיונות, ער האָט זי אָבער אויך באַקליידט מיט דער קרוין פון קינדער. צו דער גראַפיניע האָט ער זיך געיאָגט מיטן כוח פון כישוף, אַהיים האָט ער זיך געאיילט מיט זיין אייגענעם באַגער, ער זאָל זיך צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינדער פרייען מיט דעם הייליקן שבת. זיין שמחה האָט געקוועלט פון חנה־לאַהס פּנים מיט שלום־בית. זאָל דער בית־דין אָוועקלייגן די מצווה פון שלום־בית, וואָס איז געגליכן צו עונג־שבת, אויפן וואָגשאָל אַנטקעגן זיינע עבירות.

דער קטיגור, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַרשטיינערט, כדי מען זאָל ביי אים נישט דערקענען קיין סימן רחמנות צו דער נשמה, וואָס צאַפּלט זיך אין שרעק פון די עבירות, האָט דערזען ווי דער בית־דין איז גענייגט צו די רייד פון דעם סניגור. האָט ער אַרויסגעשפּאַרט זיינע בליקן שאַרפער, ווי דעם כעס פון די נאָז־לעכער, און אַרויסגעברומט:

— ער האָט געבראַכט זיין ווייב פרייד, כדי ער זאָל קענען פאַרשטערן איר שמחה. ער האָט זי אָנגעטאָן מיט כבוד, כדי חרפּות און בזיונות זאָלן אויפדעקן איר נאַקעטקייט. דער קטיגור האָט געטייטלט מיט זיינע שאַרפע נעגל אויף די עבירות, וואָס וועגן אַראָפּ די מצוות נידעריקער, נידעריקער, ווי שטיינער זינקען אין אָפּגרונט.

דער בית־דין של־מעלה, וואָס משפּט יעדערן מיט רחמים און חסד, האָט אָבער נישט פאַרזען די מעשים־טובים וואָס דער סניגור האָט אויפ־געקליבן אויפן וואָגשאָל.

זיי האָבן זיך איינגעקוקט ווי די מצוות קאָרטשען זיך עלנטע, איינ־זאַמע און שעמען זיך פאַר די עבירות, וואָס זענען אָנגעהורבעט העכער פון דעם מענטשנס טעג. האָבן זיי נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ פּסק זיי זאָלן אַרויסגעבן.

שווער זענען שמואל־יעקבס עבירות און גרינג זענען זיינע מצוות: אַן עבירה עפנט אָבער דעם אָפּגרונט און וואַרפט אַן אַ פּחד אויף דער וועלט. אַ מצווה פלאַטערט אין דער לופטן און דערפרייט דעם מענטשן.

האָט דער בית־דין נישט געוואָלט לאָזן זיין נשמה אַראָפּזינקען נידע־ריקער פון מדרגה צו מדרגה, די נשמה האָט זיך אָבער נישט געקענט אויפהייבן העכער צו איר רו, בעוויל אָרעם און קליין זענען געווען אי־רע מצוות.

אַז דער סניגור האָט דערזען ווי דער בית־דין קוקט אויף די מעשים־טובים און ספקט זיך אין זיין פסק, האָט ער זיך אָנגעטאָן מיט כוח און זיך איינגעשטעלט פאַר דער אומגליקלעכער נשמה:

— מען האָט דאָך אונדז געלערנט, אַז יש קונה עולמו בשעה אחת, טאָ ווער ווייס וואָס איז אַ קליינע מצווה און וועלכע מצווה איז אַ גרויסע?

האָט דער קטיגור פאַנאַנדערגעלאָזן זיינע שוואַרצע פליגל און גע־וואָלט ברענגען די שוועל פון דער טיר, ווו חנה־לאה איז געזעסן און געהיט איר שטוב, דער בית־דין זאָל זען דעם טרויער, וואָס שמואל־יעקב האָט אָנגעטאָן אויף זיין ווייב.

דער בית־דין של־מעלה, וואָס זעט ווי דאָס פאָלק ישראל זיצט אַליין און אָפּגעזונדערט צווישן די פעלקער פון דער וועלט, האָט נישט פאַרגעסן, אַז אַזוי האָט שמואל־יעקב אין עלנטקייט אויסגעהויכט אַליין די נשמה. האָט ער נישט געלאָזן דעם קטיגור מערער מקטרג זיין אויף אַ ייִדישער נשמה, וואָס טראָגט דעם גורל פון דער גאַנצער אומה, און איז נעבעך גע־בליבן פאַרלאָזן פון ווייב און קינדער. האָט דער בית־דין אַליין געענטפערט דעם סניגור:

— דעריבער האָט דער אייבערשטער אָנגעטאָן אויף די מצוות די פליגל פון די אותיות, מען זאָל זען ווי הויך זיי פליען.

קלייבט שמואל־יעקבס נשמה די זיפצן וואָס ער האָט אַרויסגעקרעכצט, ווען ער האָט זיך אין פּלאַץ דערמאָנט אויף זיין ווייב מיט די קינדער, זי זאַמלט די טרערן וואָס ציטערן אין זיין אַלטן טלית און די נשמה וויל אָנהייבן פליען מיט זייערע פליגל. די זינד לייגן זיך אָבער אָפּ שווער אויפן וואָגשאָל און שלעפּן אַראָפּ די נשמה נידעריקער אין אָפּגרונט. אַזוי וויגט זיך אויך די דעה ביים בית־דין; זיי איז שווער שיקן די נשמה אין גיהנום, ס׳אָבער פאַר איר פאַרשלאָסן דער טויער פון גן־עדן. האָט דער בית־דין של־מעלה אַרויסגעגעבן אַ פּסק אַזוי צו זאָגן: מען זאָל שמואל־יעקבן צוריק אַראָפּשיקן אויף דער וועלט — אויפן עולם־השקר, ער זאָל

דאָרטן אָפּקומען פאַר זיינע זינד און זיין עונש זאָל זיין אַזוי שווער ווי חנה־לאהס צער:

— יעדער טאָג פון זיין לעבן זאָל זיך אָנהייבן מיט שמחה און אין כבוד, נאָר יעדער נאַכט זאָל זיין פרייד פאַרשטערט ווערן און דער כבוד זאָל פאַרשעמט ווערן.

האָט דער סניגור פאַרשטעלט מיט די ווייסע פליגל זיינע טרערן, מען זאָל נישט זען ווי ער וויינט אויפן גורל פון דעם זינדיקן מענטשן און דער קטיגור האָט אַראָפּגעלאָזן זיינע שוואַרצע פליגל, ער זאָל באַהאַלטן די פרייד פון זיין נצחון איבער דעם טראָפּן גוטסקייט וואָס שיינט אַרויס פון דער שלעכטקייט ביים מענטשן. נאָר שמואל־יעקב האָט נישט געטון טראַכטן וועגן זיין פּסק, בעווייל ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז געווען אויף יענער וועלט און דער גזר איז געווען פאַרהוילן פון אים, אַט אַזוי ווי דער עונש האָט זיך פריִער פאַרבאָרגן אין דער פרייד פון פּאַלאַץ.

— י —

די ליכטער האָבן געברענט אין פּאַלאַץ ליכטיקער פון זייערע פייערן; די פרייד איז געווען גרעסער פון דער שמחה און די כלי־זמר האָבן פאַר־שיכורט די קלאַנגען מיט די ניגונים. ביי שמואל־יעקבן האָבן זיך געהויבן די פּיס גרינגער פון זיינע יונגע יאָרן און ער האָט געטאַנצט ווי אַ חתן פאַר דער כלה. דער טאַנץ האָט זיך געוויגט איבערן פּאַלאַץ, ווי פולע זאַנגען בייגן זיך אונטערן ווינט און מען האָט געקוקט אויף דעם מאַן, וואָס איז העכער פון אַלעמען מיט זיינע אַקסלען און זיין באָרד שיינט שוואַרצער פון די אויגן. יעדערער האָט צוגעגרייט אַ שטול שענער פון אַלע שטולן פאַר דעם גאַסט, ער זאָל האָבן דעם כבוד צו זיצן לעבן אים און די גראַ־פיניע האָט זיך געטון באַוויזן פאַר שמואל־יעקבן אין אַלע אירע גע־שטאַלטן, וואָס זי האָט זיך אַמאָל פאַרשטעלט פאַר דער וועלט.

אַט פאַרנייגט זיך פאַר אים אַ פרוי פון מיטעלן וווקס; אירע ליפּן זענען דין און אַזוי דין זענען איינגעשניטן אירע אויגן אין די אויגן־לעכער. אירע בליקן לייכטן אויף און לעשן זיך אויס ווי פונקען. די ליפּן

ציִען זיך צו זיינע ליפּן, נאָר איר נאָז איז לאַנג און שפּיציק און שפּאַרט זיך אָפּ־ז׳ער פון איר פּנים צו אים אין באָרד אַריין.

שמואל־יעקב באַקליידט זי מיט זיין שמייכל און זעט ווי איר פּנים שיינט מיט זיין פרייד. בייגט ער זיך צו צו איר, זיין קאָפּ נייגט אַראָפּ אויף אירע אַקסלען און זיינע ווערטער אָטעמען אויף אירע ליפּן. נאָר ער דערהערט פּלוצלינג, ווי ס׳רייצן זיך אירע רייד מיט אים:

— ווען מיין האַרץ האָט באַגערט צו דיר,

האָט זיך דיין בליק אָפּגעקערט פון מיר —

רויטע פאַרבן ציטערן אויף אירע באַקן און דער בליק קוקט מיט גאווה:

— דו וועסט וואַרטן, וואַרטן,

און איך...

און זיך קיינמאָל נישט דערוואַרטן,

איר קערפּער וואַקסט אויס שלאַנקער און איר קלייד שימערירט מיט די פייערן פון די ליכטער. זי וויגט זיך און בייגט זיך פון טראָט אויף טראָט, דערנעענטערט זיך צו אים און דערווייטערט זיך פון אים אין דעם פּאַלאַץ.

— וואַרטן, וואַרטן, דערוואַרטן...

קוקט זיך איין שמואל־יעקב אויף דער פרוי און ציט זיך נאָך נאָך איר.

— איך וואַרט, וואַרט,

דערנעענטער זיך נעענטער, איך גענען צו דיר...

ער שטרעקט אויס די הענט, נאָר די פינגער טאַפּן די ליידיקייט. אין פּאַלאַץ לאָזט זיך אַראָפּ טונקעלער די טונקלקייט פון די ליכטער, ס׳שפּרייטן זיך אויס שאָטנס פון טריט, וואָס דערווייטערן זיך, און שמואל־יעקב זעט, קיינער איז לעבן אים נישטאָ. ער שטייט איינער אַליין אין דער ליידיקייט און די פיס זינקען טיפער פון די טריט. וויל ער זיך אָן עמעצן אָנהאַלטן, נאָר ס׳איז נישטאָ אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן.

בלאָנדז׳שען זיינע בליקן אין דער לופטן, רופן, בעטן, מאָנען:

— מען האָט אַרויסגעשיקט אַ קאָטש מיט פערד איינגעשפּאַנט נאָ־שפּיץ, אָנצוטאָן מיר דעם כבוד גרעסער, מען האָט פאַרבעטן געהויבענע

געסט צו דער שמחה, אָבער נישט צו דערפרייען מיך, נייערט פאַרשטערן די פרייד — איך זאָל איבערבלייבן איינער אַליין.

— איינער אַליין — קריכט דער ניגון אומעטיק פון די ווענט. די ווענט רוקן זיך פאַנאַנדער ווייטער, ברייטער, ווי אַ נעפּל וועפּט זיך אויס אין די וואָלקנס.

שמואל־יעקב זעט אַן אַלטע ייִדענע זיצט איינע אַליין ביי דער שוועל פון איר הויז. איר פּנים איז צעקנייטשט, די אויגן וויקן זיך אין טרערן, דער גוף איז איינגעדאַרט און דאָס אַנטוועכץ הענגט אַראָפּ פון איר ברייט און צעשפּרייט ווי איינגעבראָכענע, באַבלעטערטע צווייגן פון אַ בוים.

שמואל־יעקב דערקענט נישט זיין וויב, ער פאַרנעמט אָבער איר קלאָג:

— איינע אַליין, אָנגעטאָן אין חרפּות און בזיונות, — ער הערט ווי זי גיסט אויס אין איר צער זיין אייגענעם ווייטיק.

דערנענטערט ער זיך צו איר און רעדט מיט די רייד, וואָס ער טראַכט וועגן זיך אַליין:

— ווי איז דעם מענטשן וואָס ווערט געשטראָפט מיט אָרעמקייט; נאָר, שאַרפער פון דער נויט, איז דער צער פון אַ יורד; שווער איז דער גורל פון מענטשן, וואָס גייט אויף אין זיין יוגנט ווי דער טאָג, און בייגט זיך אַראָפּ אויף דער עלטער אין אומעט צום אָוונט. אָבער נאָך שווערער איז דאָס מזל פון דעם מענטשן וואָס לייכט אויף ווי אַ רעגנבויגן אין פאַרנאַכט און שפּרייט זיך אויס ווי אַ פינסטערע כמאַרע פון פאַרשטער־טער פרייד ביינאַכט.

חנה־לאה קוקט נישט אויף דעם מאַן, וואָס דערנענטערט זיך צו איר, נאָר אין איר אייגענעם שאָטן זעט זי ווי די אַלטקייט האָט איינגע־בויגן זיין רוקן. זיין באָרד איז אויסגעקראָכן און ביי אים איז נישט גע־בליבן קיין סימן פון פּאות. זי פאַרנעמט זיין צער, נאָר איר רחמנות איז פאַרשטיינערט. שטראָפן אירע לעפצן:

— אַן אַלטער ייִדה, און מאַכט זיך פאַר אַ יונגערמאַנטשיק, און זי פרעגט: פּאַסט עס פאַר אַ טאַטן פון דערוואַקסענע קינדער?

ציט שמואל־יעקב די גרויע האָר פון באָרד, טראָגט זיי צו צו די אויגן, קוקט זיך איין אויף זיי און גיט זיך אונטער:

— איך בין אָבער פאַרשאָלטן פון גאָט און מענטשן און איך האָב נישט קיין מנוחה אויף די עלטערע יאָרן, פאַרשטעל איך זיך אין אַלערליי געשטאַלטן ווי דוד המלך, מען זאָל מיך נישט דערקענען.

ער קוקט זיך איין אויף דער אַלטער באָבעניו, זי זאָל זיך איינשטעלן פאַר אים, נאָר זי פאַרשווינדט פון אים.

— י״א —

פאַר שמואל־יעקבס אויגן לייכט־אויף דער פּאַלאַץ, די כלי־זמר שאַלן פון די ווענט, די ליכטער שיינען פון די באַלקנס, דער טאַנץ וויגט זיך אויף די טריט, הענט ציִען זיך צו שמואל־יעקבן און אויגן פרייען זיך מיט אים, רופן אים:

— מיר האָבן געוואַרט און וואַרטן אויף דיר.

— מיר האָבן געזוכט און זוכן דיך.

— די ווינטן יאָגן זיך נאָך דיר.

— אונדזערע טריט איילן זיך צו דיר.

שמואל־יעקב האַלט אין האַנט די גרויע האָר פון זיין באָרד, ער זוכט די טיר פון דער שטוב, וואָס די באָבעניו האָט געהיט מיט אירע גוטע פרומע רייד און בעט זיך:

— מיינע פיס זענען שווער און פאַרמאַטערט, זיי איילן זיך נישט, נייערט זיי זוכן אַן אָפּרו אין שאָטן פון מיין הויז לעבן מיין ווייב מיט די קינדער. ער וויל זיך אַרויסשאַרן פון פּאַלאַץ, די ליכטער זאָלן נישט בלענדן זיינע אויגן, נאָר אַ קול ציט זיך צו אים ווייך און צאַרט:

האָסט ס׳האַרץ געפאַנגען
מיט איינעם פון דיינע בליקן
איך בין דיין
דו ביסט מיין

לעבן אים שטייט אַ יונגפרוי און די לויטערקייט פון איר פּנים גייט אויף העכער פון אים.

וויל זיך שמואל־יעקב פאַרענטפערן:

איך בין אַלט און שוואַך

די יאָרן נידערן אַראָפּ שווער מיינע אַקסלען
און די ביינער טריקענען אויס די לוסט
ווייל איך רוען אין דעם פאַרנאַכט פון מיינע טעג.

נאָר זיינע טריט טרעטן פעסטער, זיין הויך ציט זיך אויס העכער, שלאַנקער, זיין לינקע האַנט הייבט זיך אויף צו דעם פּנים פון דער יונגפרוי און די רעכטע האַנט שטרעקט זיך אויס אַרומצונעמען זי.

ער ציטערט איבער יעדן ריר זיינעם, ווי די ליבשאַפט וואַכט איבער דעם קלאַנג פון אַ וואָרט. קוקט ער זיך איין אויף דער בלויקייט, וואָס פאַרציט ביי דער יונגפרוי די אויגן מיט אַ טוי, און ווייל זיך דערמאָנען ווו ער האָט זי פריִער באַגעגנט.

זיינע רעיונות זענען נישט פאַרהוילן פון דער יונגפרוי, ענטפערט זי אים:

איך האָב דיך געזוכט צווישן די געסט
און געפונען דיך אין דעם שיין פון די ליכטער
מיין געליבטער געהערט מיר
און איך געהער אים.

זי שטרעקט אויס אירע הענט, נאָר אירע פינגער טונקען זיך אין זיין אָטעם און רירן אים נישט אָן.

פרוווט זיך שמואל־יעקב דערנענטערן צו דער יונגפרוי, נאָר זי דער־ווייטערט זיך אַזוי ווייט פון אים, נישט אויף אַ שפּאַן נענטער און נישט אויף אַ טראָט ווייטער. ער זעט זי לעבן זיך און קוקט אויף איר. ער פאַר נעמט איר קול און זיינע ווערטער ציטערן ביי איר אויף די ליפן, נאָר די רייד מיידן זיך אויס, און זייערע טריט צעשיידן זיך.

די יונגפרוי שטייט אַ טראָט פון אים, אויסגעהאַקט ווי אַן אָפּגאָט פון שטיין און בלענדט זיינע אויגן מיט דער קלאָרקייט פון איר נאַקעט־קייט. ווייל ער ריידן צו איר מיט אירע רייד:

האָסט ס'האַרץ געפאַנגען
און איך געהער דיר,

נאָר די קלאַנגען זינקען איין אין די כלי־זמר פון פאַלאַץ, און זיי וויגן זיך אַוועק מיטן טאַנץ. זיפצן זיינע אייגענע ווערטער:

אַ שפּאַן שיידט אָפּ אונדזערע טריט

די בליקן קעלטערן ווי פונקען אויפן פראָסט
און לייגן אָפּ די יאָרן שווערער פון דער עלטער,

די יונגפרוי דערוויטערט זיך אין דער פרייד פון פּאַלאַץ, אירע הענט בייגן זיך אין טאַנץ, ווי ווייסע בלומען אויפן וואַסער און איר קאָפּ בייגט זיך ווייך און נאָכגיביק צו איר באַגערטן.

בייסט שמואל־יעקב זיין ווייטיק מיט דער ביטערקייט פון אַ פאַר־לאָזענעם מענטשן:

אַזוי נאָענט געשטאַנען
און אַזוי פרעמד זיך דערוויטערט.

ער האָט דערזען, אַז זיינע מלבושים זענען אָפּגעטראָגן, זיין קאַפּטן איז אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק. ער האָט נישט קיין גאַנץ בגד, בלויז אַ שטעקן אין האַנט. האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן, ווי מען טוליעט זיך צו צו דער טיר פון אַן אייגן הויז:

— נאָך וואָס איז ער געקומען אַהער? — און ער האָט געגעבן זיך אַליין צו פאַרשטיין: — ער גייט אַרום אויף די עלטערע יאָרן איבער די הייזער, איז ער אַריין בעטן אַ נדבה.

— י״ב —

עשירות לייכט ווייטער פון די אויגן און ס׳זעט נישט די גויט אויפן פּנים; פרייד גייט אויף העכער פון קאָפּ און לאָזט זיך נישט אַראָפּ צו דעם אומעט נידעריקער פון די טריט.

האָט קיינער נישט פאַרנומען שמואל־יעקבס צער און ער האָט ביי קיינעם נישט געקענט פרעגן, ווי ווייט איז צו אַ יידישן ישוב, ער זאָל קענען אַריינגיין אין אַ קרעטשמע צושפּאַרן דעם קאָפּ. האָט ער אַרומגע־בונדן שטייפער מיט דער שטריק זיין מלבוש, די לאַטעס פון קאַפּטן זאָלן זיך נישט צעפּאַלן און האָט זיך אָוועקגעלאָזן מיטן לאַנגן וועג, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן פאַר זיינע אויגן.

ערשט אַ ייִד באַגעגנט אים:
— פון וואַנען קומט אַ ייִד?
— איך גיי אַרום איבער דער וועלט. — האָט דער צער אַראָפּגע־

בויגן נידעריק שמואל־יעקבס קאָפּ און ער האָט נישט אַ קוק געטון אויף דעם מענטשן.

— פון וואַנען איז אַ ייד? — האָט שמואל־יעקב נאָך אַ מאָל דערהערט דאָס קול ווייך און גוט מיט רחמנות. האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען: לעבן אים שטייט אַ ייד, מיט אַ שוואַרצער לאַנגער שפּיציקער באָרד, אין אַ ריפּסענעם קאַפּטן מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער און אַ ברייטן שוואַרצן קאַפּעליוש. ביי דעם יידן רוט חכמה אויפן פּנים, די שוואַרצע אויגן לאָזן זיך דערקענען צו אים און בעטן זיך אַ טובה צו טון אים. וויל שמואל־יעקב ענטפערן דעם יידן, נאָר ער קען זיך נישט דערמאָנען פון וואַנען ער קומט. אים דוכט זיך, אָט־אָט פאַרגעסט ער זיין נאָמען, חזרט ער איבער צעטומלט: „שמואל־יעקב", ער זאָל געדענקען ווי ער הייסט און וויל אָפּטרעטן פון וועג.

דעם יידנס גוטסקייט עפנט אָבער שמואל־יעקבס רייד און ער ענט־פערט אַזוי צו זאָגן:

— אַז מען בלייבט אַליין אויף די עלטערע יאָרן, מען נעכטיקט נישט ווו מען טאָגט און די טריט טרעטן נישט בייטאָג, ווו דער קאָפּ וואַרעמט דעם געלעגער ביינאַכט, וויס נישט דער מענטש פון וואַנען ער קומט און וווהין ער גייט.

דערנענטערט זיך דער ייד מיט דער שוואַרצער שפּיציקער באָרד, נענטער צו שמואל־יעקבן און טרייסט אים.

— אַ מענטש איז נישט אַליין כל־זמן די פיס דינען אים און די אויגן לייכטן אים.

— אַז ס'אָבער נישטאָ צו וועמען צו גיין און ס'איז נישט פאַראַן וועמער ס'זאָל דערזען דיין בליק — זיפצט שמואל־יעקב אַרויס — איז מען אַליין.

— דעריבער האָט דער אייבערשטער אַראָפּגעשיקט מיך אויף דער וועלט — שאָקלט דער ייד זיין לאַנגע שפּיציקע באָרד, ווי ער וואָלט דורכ־געשטאָכן די לופט, און פרייט זיך מיט זיינע אייגענע רייד.

— צו טרייסטן מענטשן אין זייער אומעט? — פרעגט שמואל־יעקב און ענטפערט אַליין: — אַ גרויסע מצווה.

— נישט יעדער איז ראוי צו אַזאַ מצווה, — זיפצט דער ייד. ער

פאַלט אָבער ביי זיך נישט אַראָפּ: — זוך איך אַנדערע מצוות, איך בין אַ שדכן, איך העלף מזווג זיין זיווגים. אַז גאָט גיט און מען טרעפט אָן דעם ריכטיקן זיווג, קומט די פרייד אין שטוב מיטן ווייב און קינדער.

ווייל זיך שמואל־יעקב דערמאָנען, ווען האָט ער זיך געפרייט מיט דער פרייד פון אַ ווייב מיט קינדער. זיינע רעיונות שווינדלען אָבער ווי די שאָטנס פון פאַנאַנדערגעצווייגטעביימער ציטערן פאַרנאַכט אין ווינט. ס׳טומלען זיך קלאַנגען פון אַ נאָמען, נאָר ער קען דעם נאָמען נישט אויס־ריידן. ס׳טוט אַ שיין די פרייד פון „גוט שבת״ וואָס גייט אויף אין אַ ייִדי־שער שטוב נאָכן ליכט־בענטשן, נאָר ער ווייס נישט צי דאָס איז זיין ווייב מיט די קינדער, אָדער ער הערט ווי פרעמדע זין און טעכטער רופן: „טאַטע״. פאַרשעמט ער זיך פאַר דעם גוטן מענטשן, ער זאָל ביי אים נישט פרעגן פון וואַנען ער שטאַמט, צי ער האָט געלערנט תורה און פאַרענטפערט זיך:

— איך בין אַלט און שוואַך, מיין כוח גייט אויס און דער זכרון טריקנט זיך אויס, ווייל איך דערציִען צו אַ ייִדיש הויז, איך זאָל שטאַרבן אונטערן דאַך ביי אַ ייִדן און נישט אויסגיין אין מיטן וועג.

— ר׳ ייִד — נעמט אָן דער גוטער מענטש שמואל־יעקבן פאַר דער באָרד — איר זעט, ביי אייך איז בלויז איין גרויע האָר.

און די באָרד בליט זיך פאַנאַנדער אין איר יונגקייט ביי דעם גוטן מענטשן אויף דער האַנט.

שמואל יעקב זעט אָבער בלויז די גרויע האָר, וואָס ער האָט אַמאָל געטראָגן אין האַנט. זיינע פינגער ציִען זיך צו דער האָר אָט אַזוי ווי זיינע בליקן זוכן דאָס הויז, וואָס די באָבעניו האָט געהיט ביי דער שוועל פון טיר.

האָט זיך דער שטן דערשראָקן, אַז די ליבשאַפט צום ווייב מיט די קינדער, וואָס איז קיינמאָל נישט אויסגעטריקנט געוואָרן ביי שמואל־יעקבן, ביי זיין לעבן, זאָל אים איצטער נישט ביישטיין אין זיין גילגול, האָט ער פאַרבלענדט זיינע אויגן מיט דער גרויקייט פון דער האָר ווי מיט אַ נעפּל.

ער האָט אָנגעטאַפּט שמואל־יעקבס שטערן, וואָס האָט נישט אָנגעטאָן קיין של־ראש ביי דער גראַפּיניע אין פּאַלאַץ, ער האָט אָנגענומען זיין

לינקן אָרעם, וואָס האָט זיך נישט אַרומגעוויקלט מיט די רצועות פון של־יד, זיין שליטה זאָל נישט געמינערט ווערן פון דער זינדיקער נשמה.

האָט זיך שמואל־יעקב דערפילט זיכערער, פעסטער, האָט זיך אויס־געגלייכט, אַ קוק געטון אויף דעם פרעמדן מענטשן ווי ער וואָלט אים ערשט דערזען און האָט געפרעגט:

— וואָס טוט אַ ייִד? פון וואַנען קומט אַ ייִד? וווהין גייט אַ ייִד?

און אַזוי שנעל און קלוג ענטפערט דער פרעמדער מענטש; ער הייבט אויף און לאָזט אַראָפּ דאָס קול, ווי ער וואָלט מיט פרייד איבערגעהאַקט די ווערטער און חזרט איבער נאָך אַמאָל:

— איך בין אַ שדכן, איך בין מזווג זיווגים, גיי איך אַרום איבער דער וועלט און זוך פאַר דער כלה אַ חתן און פאַר דעם חתן אַ כלה. איך האָב פאַר אייך אַ שידוך.

— פאַר מיר אַ שידוך? — חידושט זיך שמואל־יעקב.

— פון גרויס יחוס, מיט אַ סך נדן, עשירות און רייכקייט.

— ווער וועט זיך וועלן אומקוקן אויף מיר; איך גיי אַליין אַרום איבער דער וועלט — פאַלט ביי זיך אַראָפּ שמואל־יעקב.

— זי זיצט אויך איינע אַליין און וואַרט אויף איר באַשערטן — רעדט דער שדכן גוט און פרום — ס'איז נישט גוט צו זיין אַליין, קיינער זאָל נישט דערהערן דעם קרעכץ ביינאַכט און נישט דערזען די פרייד ביים טאָג. באַדאַכט זיך, ר' ייִד, איידער די אַלטקייט בייגט אַראָפּ נידעריקער דעם קאָפּ.

— די עלטער האָט שוין פאַרצערט מיינע יאָרן, אַט אַזוי ווי אַלטקייט האָט אָפּגעטראָגן מיינע מלבושים — גייען איין שמואל־יעקבס האָפענונגען.

— מען וועט אייך אָנטאָן אין זיידנס און סאַמעט, אויסלייגן דאָס עשירות העכער פון קאָפּ און אויסבויען אַ פּאַלאַץ ליכטיקער פון דער זון, וועט איר אויסזען ייִנגער פון אַ יונגן מאַן — רייצט דער שדכן די באַגערן ביי שמואל־יעקבן: די — די כלה וואַרט מען זאָל זי אָנקוקן. זי איז הויך ברייט־פּלייציק־געוואַקסן. די פאַרבן פון אירע באַקן גייען אויף אונטער די אויגן, ווי קנאָספּן עפענען דאָס בליִעכץ אויף די בלומען.

נאָר די כלה וואַרט נישט, שמואל־יעקב זאָל אָנהייבן ריידן צו איר, נייערט זי דערנענטערט זיך אַליין צו אים:

— איך וואַרט אויף דיר, ווי דער פרימאָרגן קוקט אויס אויף דעם זון־אויפגאַנג און גיי נאָך נאָך דיר, ווי דער שאָטן טרעט נישט אָפּ פון דיר, נייערט דיין בליק מיידט מיך אויס, ווי דיינע טריט קערן זיך אָפּ פון דער פרייד, וואָס קומט דיר אַרויס באַגעגענען.

— ניין, מיינע טריט גייען דיר אַנטקעגן, — פאַרענטפערט זיך שמואל־יעקב און זיינע הענט ציִען זיך צו דער פרוי, וואָס לייגט אויס שטיל און נאָכגיביק די רייד מיט דער פרייד פון שלום־בית, וואָס אַ געטריי ווייב שפּרייט אויס אין הויז.

און די פרוי רעדט איין שמואל־יעקבן:

— קוק נישט וואָס איך בין הויך אין מיין וווקס, און נישט קאַרג אין יאָרן. מיינע באַגערן זענען אָבער קליין און איך בין שטיל און אונ־טערטעניק. איך וועל פאָלגן וואָס דער מאַן הייסט, בעוויל איך ווייס אַז דער מאַן איז דער באַשיצער פון דער פרוי. ער נעמט אַראָפּ די חרפּה פון דער פאַרזעסענער מויד און טוט אָן אויף איר די קרוין פון אַ מאַמע, אַזוי ווי דאָס בליִעכץ באַקליידט מיט פּרוכטבאַרקייט דעם בוים.

ווערט שמואל־יעקב שטאָלצער ביי זיך:

— איך וועל זיין דיין באַשיצער און דו וועסט ווערן מיין באַגלייטערין — און ער וויל צוזאַמען מיט איר אַוועקשטעלן אַ טראָט .

— ביי דיר זענען נאָך געבליבן סימנים פון אַ ייִדן און איך בין אַ כשרע ייִדישע טאָכטער — ווערט די פרוי אין כעס — טאָ ווי אַזוי קענסטו ווערן מיין באַשיצער און איך — דיין באַגלייטערין אָן חופּה קידושין?

פאַרוואָלקנט זיך ביי שמואל־יעקבן דאָס פּנים, די פרוי זאָל אים נישט איבערלאָזן און ער זאָל נישט בלייבן איינער אַליין אויף דעם איינזאַמען וועג.

בעט ער זיך:

— איך וועל שטעלן אַ חופּה, זיי מיין באַגלייטערין און איך — דיין באַשיצער.

און איידער ער רעדט אויס די רייד, שיינען אויף אין פּאַלאַץ די ליכ־טער און די כלי־זמר שאַלן אַרויס פון די ווענט. די כלות רופן מיט זייער געזאַנג די חתנים צו דער חופּה און די חתנים רייסן זיך מיט זייער געשריי צו דער חתונה. זייער בענקעניש טונקט זיך אין פּאַלאַץ, זייערע ניגונים

רייצן דעם טאַנץ, העכער פון די טריט און אָטעמען מיט שמואל־יעקבס באַגערן.

שיינע יידן פירן דעם חתן שמואל־יעקבן צו דער כלה צו באַדעקן. דער חתן האַלט דעם שלייער אין האַנט און דער שלייער שיינט מיט דער פרייד פון די מחותנים. דער כלהס פנים לייכט פון באַדעקנס־שטול דעם חתן אין די אויגן מיט דער ליכטיקייט פון דער זון.

די פיס הייבן זיך גרינג ביי דעם חתן, נאָר ער שטעלט די טריט שווערער, לאַנגזאַמער, ער זאָל זיך קענען לענגער שפיגלען אין דער לויטערקייט פון דער כלה און טרינקען טראָפּנוויז זיין פרייד.

און אָט שטייט ער שוין לעבן זיין כלה, ער עפנט ברייט די אויגן, זיי זאָלן זיךביידע אָנקוקן איידער ער דעקט צו איר פנים. דער שלייער איז אויסגעשפּרייט ווייט און ברייט און דער חתן וויל זאָגן דער כלה אַ וואָרט, וואָס צייטיקט זיך ביי אים אויף די לעפצן.

נאָר ווי און ווינד, ער האַלט אַ רעדניע אין האַנט. דער שטול שטייט אַ ליידיקער. אין פּאַלאַץ איז פּוסט און שטיל און ס׳וואַלגערן זיך אונטער זיינע טריט צעבראָכענע חופּה־שטאַנגען.

הייבט זיך אָן שמואל־יעקב יאָגן איבערן פּאַלאַץ. ער זוכט דעם גוטן מענטשן מיט דער לאַנגער שפּיציקער באָרד, ער בעט זיך ביי דער כלה, ער פרעגט זיך נאָך אויף די מחותנים, נאָר קיינער ענטפערט אים נישט.

דער פּאַלאַץ איז ברייט און צעשפּרייט און ליידיק ווי אַ גרויסער שטאַל, פון וואַנען מען האָט די אָקסן אַוועקגעטריבן צו דער שחיטה. פון די ווינקלען טראָגן זיך שמואל־יעקבס קלאָג־רייד ווי אַ ווינט וואָיעט אין קוימען פון אַ פאַרלאָזענער הויז:

בעסער דער טרויער פון עלנטקייט
איידער דער אומער פון פאַרשטערטער פרייד
גרינגער דער גיהנום אויף יענער וועלט
איידער דער עונש פון מענטשן אויף דער וועלט.

אַזוי פירט מען נאָכט נאָך נאַכט שמואל־יעקבן צו דער חופּה; דער פּאַלאַץ גייט אויף אויפן שפּיץ באַרג מיטן כישוף פון דער גראַפיניע, לייכט אויף אין די פענצטער מיט שמואל־יעקבס פרייד, מיט דער שמחה,

וואָס אַ חתן באַגעגנט די כלה, נאָר דער חתן בלייבט שטיין אַליין אין דער פינצטער מיט דער רעדניע אין האַנט. נאָך האַלבער־נאַכט זינקט איין דער פּאַלאַץ אין דעם אומער פון דעם עלנטן פאַרלאָזענעם מענטשן, וואָס זעצט זיך אָפּ מיט שרעק און פּחד אויפן באַרג.

אין זשירעווע ווייסט מען, אַז אויפן באַרג איז נישט געבליבן קיין סימן פון פּאַלאַץ; דער שפּיץ איז פאַרוואַקסן מיט גראָז און נידעריקע קוסטעס; אַ ייִדיש ייִנגל וועט אָבער נישט אַרויפגיין אויפן שפּיץ באַרג, אַ בעל־עגלה וועט ביינאַכט אַ שמיץ טון דאָס פערד, ער זאָל שנעלער דורכפאָרן דעם וועג לעבן באַרג און גויים וועלן נישט לאָזן זייערע פּי זיך פּיטערן אויפן באַרג אַזוי ווי זיי היטן אויס אַ בהמה פון קאַניושינע.

מען קען אָבער נישט פאַרגעסן די מעשה מיטן פּאַלאַץ און עלטערע מענטשן דערציילן איבער די געשיכטע, מען זאָל אַראָפּנעמען אַ משל פון מענטשנס־לעבן.

II

ארום וואלד

פעדערן

— א —

איך בין געשטאַנען ביי מיר אין צימער און זיך איינגעקוקט אין דער ווייטקייט, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער אַנדערער זייט האָדסאָן, ווייטער פון מיין בליק.

דער טאָג איז געווען אַ כמורנער און די וואָלקנס האָבן זיך געוויקעט אין דעם נעפל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון טייך. די לופט האָט איינ־געטונקט דעם הימל מיטן וואַסער אין איין גרויקייט און די גאַנצע וועלט האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן, ווי זי וואָלט זיך געבעטן אויף אַ רעגן.

דער שטח פון מיין בליק איז געוואָרן ענג, ענגער; איך האָב בלויז געזען די גרינקייט פון די בלעטער וואָס האָט וויך פאַרצויגן די צווייגן און אויסגעטיילט די ביימער אויפן ברעג טייך ווי שפּאַלטן הימל, וואָס שניידן דורך די וואָלקנס. איך האָב זיך אָבער איינגעשפּאַרט און געוואָלט דורכבליקן די גרויקייט וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין דעם נעפל, אַט אַזוי ווי מען וויל אויפכאַפּן אַ קול וואָס אָטעמט אויס דעם לעצטן קלאַנג אין דער פינצטער. איך האָב געוואָלט זען אויף דער אַנדערער זייט די מויערן וואָס שיינען ביינאַכט, מיטן ליכט פון זייערע שויבן, צו מיר אין די פענצ־טער; איך האָב געוואָלט אויסטיילן פון די בערג די קליינע הייזער, וואָס זענען אָנגעהורבעט ביי זיי אויף די רוקנס, און שלאָגן אָפּ דעם זונען־אונטערגאַנג מיט די פאַרבן פון זייערע דעכער; איך האָב געטראַכט וועגן די מענטשן פון די הייזער וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געזען און וועל זיי נישט דערקענען, אויב איך וועל זיי אַפילו אַמאָל טרעפן, אַט אַזוי ווי

מען איז אַמאָל אין די קליינע שטעטלעך אַרויס אויפן וואָקזאַל באַגעגענען די באַן, וואָס האָט זיך איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ טאָג אָפּגעשטעלט אַ פּאָר מינוט אויף דער סטאַנציע.

די באַן רירט זיך פון אָרט; דער רעש פון די רעדער קייקלט זיך נישט, נאָר עגבערט, גראָבט מיט אַ צולהכעיס, שאָלט אַרויס מיט אַ רוגזה אַ לאַנגן פייף און שפּאַרט אין דער גרויקייט פון מיין פענצטער אויסגעפּליקטע פּעדערן.

איך טו אַ קוק: טייבעלעך, וואָס האָבן געקליבן אויפן גראָז קערנער, ברעקלעך — דאָס האָב־און־גוטס פון גאָטספּאַרכטיקע מענטשן, וואָס פּאַר־טרייבן מיט גוטסקייט זייער לאַנגווייל — אָט די פייגל האָבן זיך מסתמא דערשראָקן פּאַר די זעלבע גוטע גאָטספּאַרכטיקע מענטשן, און זיך אויפ־געהויבן אין אַ סטאַיע צו מיין פענצטער.

אין דעם כמורנעם גרויען טאָג שפּאַרן זיי זיך איינע אויף די אַנדערע, הייבן זיך אויף, לאָזן זיך אַראָפּ, קרייזן זיך אַרום מיין פענצטער, דער־ווייטערן זיך, דערנעענטערן זיך און דער ווינט טראָגט זייערע פליגלען, ווייכע, ווי פּעדערן, אין דער גרויקייט.

איך זע: לאַנגע אויסגעצויגענע ווינטער־אָוונטן; די מאַמע מיט די שוועסטער, — זיי זאָלן האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, — פליקן פּעדערן, און ליגן אַריין אין גרויסע ליימענע קרוגן דעם אויסשטייער פּאַר די טעכטער. דער טאַטע, ע"ה, גייט אַרום איבערן שטוב, טוט גאַרנישט און חזרט אי־בער: „ס'איז ערשט זיבעטע שעה און די נאַכט — אַ יאָר"... ער וויל זיך מסתמא אויך אַוועקזעצן אין ווינקל ביים טיש צוזאַמען מיט דער מאַמען און די שוועסטער, ער זאָל האָבן אַ חלק אין דעם האָב־און־גוטס, וואָס וועט באַגלייטן זיינע טעכטער, נאָר ער שעמט זיך צוצורירן צו אַזאַ ווייַ־בערשער מלאכה. גייט ער בלויז צו צום טיש, געפינט אַ זייטיק וואָרט צו זאָגן, ווי ער וואָלט זיך פּאַר עפּעס פאַרענטפערט: — אין דרויסן נעמט אַ פראָסט.

די מאַמע ענטפערט גוט און פרום:

— האָלץ איז דאַנקען גאָט אַנגעגרייט אויף אַ גאַנצן ווינטער — און זי דערמאָנט אַ קינד אין נאָך אַן אַרבעט, וואָס דאַרף אָפּגעטון ווערן. דער טאַטע טרעט אָפּ אַ טראָט, טוט אַ פּאַטש מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך

עפּעס דערמאָנט און עפּנט אַ ספר. ס׳דוכט זיך, אַז ער האָט גענומען דעם ספר אין האַנט אומגעריכט; ער האָט פריִער גאָרנישט געטראַכט וועגן לערנען, נאָר ער פאַרטיפט זיך אַזוי אין ספר, אַז ער זעט נישט ווי די בני־בית האָבן זיך שוין געלייגט שלאָפן, און די לאַנגע ווינטער־נאַכט האָט זיך אַזוי איינגעשרומפּן אין איר קורצקייט, אַז די מאַמע האָט אים געדאַרפט דערמאָנען:

— אין אויוון זענען שוין אויסגעגאַנגען די קוילן און אין שטוב איז קאַלט ווי אין אַ ליעדאַינע.

דער טאַטע האָט אָבער נאָך נישט פאַרענטפערט אַ האַרבע קשיא; זיצט ער פאַרטיפט אין ספר, אָט אַזוי ווי אין ווינקל רוט אויפן טיש די פאַרשלאָפענע מידקייט פון די הענט אויף די פעדערן.

די טייבעלעך וויקן זיך אין דער גרויקייט פון נעפּל, ווי פעדערן און איך זע די רו פון די לאַנגע ווינטער־אָוונטן, די פרייד פון מיינע שוועסטער — די כלות, די האָפענונגען פון מיינע טאַטע־מאַמע, די האַרבע סוגיות, וואָס האָבן געוואָרט ביי מיין טאַטן אַ גאַנצן זומער, ווען ער איז געווען פאַרנומען אין סאַד, אויף די ווינטער־אָוונטן, אָט אַזוי ווי מיין פעדער גאָרט נאָך די אָפּרו־וואָכן פון זומער.

נאָר פלוצלינג באַפאַלט מיך אַ פחד — די שרעק פון מיינע קינדערשע יאָרן; דער ווינט טרייבט אין דעם כמורנעם טאָג אויסגעפּליקטע פעדערן פון קישנס, פון פערענעס, פון אויפגעשפּאָלטענע ייִדישע בייכער.

ביים זיידן אין שטוב דערציילט מען די באַשרייבונגען פון די בלעטער וועגן דעם קעשעניעווער פּאָגראָם, און די באָבע, אַ גוטע בעטערן זאָל זי זיין פאַר אונדז אַלעמען, האַלט אין איין איבעררעדן מיט טרערן אין די אויגן: — מען האָט אויפגעריסן פערענעס, קישנס און די אויסגעפליקטע פעדערן האָבן זיך געטראָגן פון די פענצטער ווי אַ זאַווערוכע.

זי בעטמט די תחינה אין האַנט, נאָר זי לייענט נישט אין ספר, נייערט זי רעדט מיט אירע אייגענע רייד, כדי די קינדער זאָלן קענען עפּעס אָפּלערנען פון איר לעבן.

זי טוט אַזוי רעדן: — זיי האָבן געריסן די פערענעס, די קישנס, בעוויל דאָס פאָלק ישראל איז אין גלות געגליכן צו אַ פעדער: איז אַ ייִד פרום, היט אָפּ אַלע מצוות, איז ער שווער ווי אייזן און איינגעוואַקסן

ווי א דעמב אין דער ערד; קיין ווינט און קיין זאַווערוכע קען אים נישט רירן פון אָרט. די קינדער פון ישראל פאַרגעסן אָבער, אַז ס׳איז פאַראַן אַ טאַטע אין הימל; ער נעמט נישט אַראָפּ דעם אויג פון זיין בן־יחיד, דעם פאָלק ישראל, וואָס ער האָט אויסגעווײלט פון אַלע זיבעציק אומות פאַר זיין פאָלק. הייבט אָן דאָס ייִדעלע זינדיקן, דעמאָלט ווערט דער ייִד גע־גליכן צו אַ פעדער, גרינג ווי אַ פעדער אויפן ווינט; ווי די פעדערן פון די צעריסענע פערענעס און קישנס. און דער ייִד האָט נעבעך נישט קיין רו אויף דער וועלט און קיין תקומה אויף יענער וועלט. דער אייבערשטער שטראָפט נישט אומזיסט, קינדערלעך; אים טוט וויי דאָס האַרץ, אַז ער דאַרף אַרויסגעבן אַ גזר, אָט אַזוי ווי אַ טאַטן, ווען ער דאַרף אָפּשמייסן אַ קינד. מיינט נישט, אַז מען האָט געריסן די פעדערן פון די קישנס און פערענעס גלאַט אין דער וועלט אַריין; איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה, וואָס איז פאַרלאָפן מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק, טאַקע דאָ אין זשירעווע, מיט פעדערן.

און אָט איצטער, אַז איך האָב זיך איינגעקוקט אין פענצטער אויף די טייבעלעך וואָס האָבן זיך געוויגט אין דעם כמורנעם טאָג אויפן ווינט ווי פעדערן, און איך האָב געטראַכט וועגן די זומערן און ווינטערן פון זשירעווע, האָב איך זיך דערמאָנט די מעשה מיט די פעדערן.

— ב —

מיט אַ סך אַ סך יאָרן צוריק, נאָך איידער מיין באָבע איז אָנגעקומען פאַר אַ ווייב צו מיין זיידן, האָט אין זשירעווע געוווינט אַ ייִד אַ וואַלד־סוחר. פון זיין משפחה איז קיינער נישט געבליבן, בלויז זיין נאָמען אייזיק און די מעשה מיט די פעדערן, וואָס מען האָט נישט פאַרגעסן.

אייזיק האָט מצליח געווען אין אַלץ וואָס ער האָט געטון; האָט ער גענומען ביי אַ פּריץ אַ פּאַכט, האָבן זיך די בהמות געקעלבט אין צייט; האָט ער אָפּגעקויפט ביי אַ גראַף די תבואה איידער די זריעה איז אויפ־געגאַנגען, איז דער רעגן געגאַנגען אין צייט, די זון האָט געוואַרעמט אין שניט־צייט און די גערעטעניש איז געווען אַזוי גרויס, אַז די שייערן האָבן זיך געבויגן אונטער די גאַרבנס וואָס מען האָט אַראָפּגענומען פון די־

פעלדער; אַז ער האָט גענומען אַ וואַלד, האָט ער נישט געמאַכט קיין טעות אין זיינע אויסרעכענונגען; דער וועג איז געשטאַנען ביז ער האָט אַרויס־געפירט דאָכ געהילץ צום ברעג און די פליטן זענען אָנגעקומען אין צייט אַהין וווהין ער האָט זיי געשיקט. די הצלחה האָט אים אָבער נישט געפירט אויף די פרומע וועגן פון יידישקייט, נייערט די גאווה האָט אים געיאָגט מיטן ווינט נאָך כבוד. פאַר אים איז נישט גענוג געווען דער כבוד פון זיין עשירות. נאָר ער האָט אויך געוואָלט געאַכטעט ווערן ביי די גראַפן און דוכסן, אָט אַזוי ווי די שררות אַכטן איינע די אַנדערע, — די אַדעלע לייט פון זייער שטאַנד.

איז ער געגאַנגען קורץ־געקליידט, אַרומגעשאָרן די באָרד, נישט איבערגעלאָזן קיין סימן פון די פאות; און אַז ער האָט גערעדט מיט די פריצים האָט ער באַהאַלטן זיין יידישקייט, פאַרגעסן אין דעם אייבערשטן, דעם אייניציקן גאָט אין הימל, נאָר זיך צוגעהערט צו די מעשיות וועגן זייער גאָט און מסכים געווען מיט זייערע דעות, כדי זיי זאָלן זען, אַז ער בעמט אָן זייערע פירונגען.

זיין ווייב איז אָבער געווען אַ פרומע יידישע טאָכטער, האָט זי דער־מאָנט איר מאַן, אַז ס'איז נישט שיין פאַר אַ יידן אָפּצוקערן זיך פון יידן און זיך דערנענטערן צו די פריצים און גראַפן, מען קען ביי זיי אין די פאַלאַצן דורכלאָזן אַ מנחה און, ח"ו, פאַרזוכן זייערן אַ מאכל. זי האָט נישט פאַרבאָרגן פון אים איר צער, אַז ס'איז שוין מער ווי צען יאָר נאָך זייער חתונה, און נאָך זייער ערשטן זון, ער זאָל זיין אויף לאַנגע יאָר, איז פאַרשלאָסן געוואָרן איר טראַכט און זי האָט נישט מער קיין קינדער.

אייזיק האָט זיך אָבער נישט צוגעהערט צו די גוטע פרומע רייד פון דעם ווייב און נישט געטראַכט וועגן יידישקייט, נייערט זיך געיאָגט נאָך עשירות, זיין גאַנג אין לעבן זאָל זיין געראָטן אין די פירונגען פון די גראַפן.

ער האָט אויסגעבויט אַ גרויסע הויז הינטער זשירעווע, אַוועקגע־שטעלט דעם בנין אויף אַ באַרג, ער זאָל אויסקוקן ווי אַ פאַלאַץ; ער האָט פאַרזייט אַלערליי בלומען אַרום הויז, אַרומגעצאַמט דעם גאָרטן מיט אַ הויכן פּאַרקן און אַוועקגעשטעלט אַ היטער ביים טויער, אַ ייד פון זשי־רעווע זאָל זיין שווער צוצוקומען צו אים און אַן אַרעמאַן, אַ פוס־גייער זאָל

נישט קענען אָפּרוען אונטער זיין דאַך. ער איז אַרומגעפאָרן איבער די יאַרידן און איינגעהאַנדלט יונגע ביסטרע פערד, בולאַנער, זייער מאַסטש זאָל גלאַנצן ווי סאַמעט, און געשפּאַנט זיי נאַשפּיץ מיט זילבערנע גלעקלעך, ער זאָל אַרויספאָרן אין אַ קאַטש ווי די גראַפן און דוכסן.

דעם ווייב איז אָבער נישט איינגעגאַנגען דאָס עשירות; די רחבות פון פּאַלאַץ האָט זיך געעפנט פאַר איר ווי אַ גרוב; זי האָט געטרויערט, וואָס קיין ייִד באַווייזט זיך נישט אויפן שוועל פון איר טיר, זי קען נישט געבן קיין נדבה אַן אָרעמאַן און ביי איר קען נישט אָפּרוען קיין פאַרמאַטערטער פוסגייער. זי האָט געזאָרגט, וואָס וועט אויסוואַקסן פון איר זון אין דעם פּאַלאַץ ביי אַזאַ טאַטן און זי האָט זיך געשראָקן וואָס וועט זי ענטפערן, אַז זי וועט דאַרפן אָפּגעבן דין־וחשבון אויף יענער וועלט.

איז זי פון עגמת־נפש געשטאָרבן יונגערהייט, פאַר דער צייט.

⁂

אַז ס'איז אַריבער שלושים, האָט זיך אייזיק נישט געפירט ווי דער סדר העולם; ער האָט נישט געוואַרט ביז ס'וועט זיך ענדיקן דאָס יאָר פון אבלות, און האָט געגעבן צו פאַרשטיין דער וועלט, אַז וואָס די ערד דעקט צו מוז פאַרגעסן ווערן.

פאַר אַן אלמן, אַן עושר מיט אַזאַ רחבות פון פּאַלאַץ, בלויז מיט איין זון — אַ בן־יחיד — אַ דערוואַקסן ייִנגל, איז נישט שווער צו געפינען אַ שידוך, מען דאַרף נאָר, אַז די אשה זאָל ביי אים עולה יפה זיין.

האָבן זיך קיין זשירעווע אָנגעהויבן ציִען שדכנים, צופוס, מיט פּאַראַסאָלן אין די הענט, אין לאַנגע קאַפּאָטעס, די יאַרמעלקע אַרויסגעשטעקט פון אונטערן היטל אויפן פּאַטיליצע, מיט אַ רויטער פּאַטשיילע אין קעשענע. ס'זענען געקומען לאַנד־שדכנים אויף קאַליאַסקעס; אַליין זענען זיי געזעסן פון הינטן אויפן אויסגעבעטן געזעס מיטן גאַלקע־שטעקן אין האַנט, און דער אַנטרייבער — פון פאָרנט אויף דער הויכער קעלניע און האָט געשראָקן דאָס פערד מיט דער אויסגעצויגענער בייטש.

די לאַנד־שדכנים זענען געווען אָנגעטאָן אין דריי־פּערטלדיקע ריפּסענע סורדוטן, מיטן שפּאַלט ביזן סטאַן, אין ברייטע שוואַרצע קאַפּעלייזשן,

מיט שפּיציקע אונטערגעשאַרענע בערדלעך און די געבלימלטע פּאַטשייל־קעס האָבן זיי אַרומגעדרייט אַרום האַלדז ווי אַ טוך.

זיי האָבן גערעדט שנעל מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, גלייך ווי אין דרויסן וואָלט געוואַרט אויף זיי די קאַליאַסקע, וואָס דאַרף זיי גלייך נעמען צוריק אין שטאָט אַריין אויסצופירן אַן אַנדער שידוך.

האָט אייזיק נישט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך אין פּאַלאַץ די שדכנים אין לאַנגע קאַפּאָטעס, נאָר זיך צוגעהערט צו די רייד פון די לאַנד־שדכנים אין די דריי־פּערטלדיקע סורדוטן מיטן שפּאַלט ביזן סטאַן: — אַ גרושה, דריי יאָר נאָכן גט, זי איז נעבעך אַריינגעפאַלן, וועט זי וויסן ווי אָפּצו־שאַצן אַזאַ מאַן; אַ בתולה, וואָלט זיך אויך געשעצט גליקלעך חתונה צו האָבן מיט ר׳ אייזיקן; זי וועט אָבער האַלטן אַראָפּגעלאָזן די אויגן און פאַרריסן דעם קאָפּ. און אַן אַלמנה; איז זי געווען געטריי דעם מאַן, וועט זי אים נישט פאַרגעסן און די חתונה וועט נישט אויסטריקענען איר טרויער, טאָמער נישט, איז עס אַ פּרי וואָס איז געווען זויער פאַר דעם ערשטן מאַן און וועט זיין ביטער פאַר דעם נייעם מאַן. און אַ מאַן אַ סוחר מיט גרויסע געשעפטן, שטענדיק אין־דער־וועגנס דאַרף האָבן פרייד ביי זיך אין הויז, ווען ער קומט אַהיים.

האָט דער לאַנד־שדכן אויפגעהויבן העכער די ברייטע ברעגן פון קאַפּעליוש, פאַרזשמורקעט די אויגן, אַנטשוויגן געוואָרן אַ ווײַלע, גלייך ווי ער וואָלט אַנטפּלעקט עפּעס פון דער גרושהס נאַקעטקייט.

אייזיק דער וואַלד־סוחר, דער עושר איז אָבער געווען מיט דער צווייטער ווייב אַ גרעסערער איבערקלייבער ווי ביי דער ערשטער חתונה. דאָ איז אים נישט געפעלן געווען דער יחוס, דאָרטן האָט די מראה נישט אויסגענומען, דערהויפּט האָט ער נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט קיין ווייב פון דער אייגענער געגנט, מען זאָל אין זשירעווע וויסן פון וועמען זי שטאַמט, ווער די טאַטע־מאַמע זענען געווען און וואָס האָט דער זיידע געטון.

ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט ברענגען אַ ווייב פון דער פרעמד, פון אַ גרויסער שטאָט, וועט די פרעמדקייט דערווייטערן פון אים די יידן אין זשירעווע און ער וועט קענען איינשטעלן זיין הויז ווי אַ פּאַלאַץ ביי די גראַפן.

האָט אַ לאַנד־שדכן געמאַכט אַ זעאונג אין ערגעץ אויפֿן מיטן וועג מיט אַ גרושה פֿון די מרחקים, פֿון אַ גרויסער שטאָט, און זי האָט נושא חן געווען ביי אייזיקן אין די אויגן.

טאַקע אַן עושר מיט אַ שיינעם נאָמען ביי די גראַפֿן און פּריצים, בלויז איין זון, אַ בן־יחיד, שוין אַ דערוואַקסן יונגל, און גראַדע דעם איינ־איינציקן זון האָט זי נישט אַרויסגעלאָזן פֿון מויל. זי האָט זיך אָבער אויך נישט אויפֿגעהאַדעוועט אויף קיין סמעטניק. זי האָט ערשט אַריבערגע־שפּאַנט די דרייסיקער און איז יינגער פֿון אייזיקן. זי האָט אָפּגעגעט דעם מאַן און נישט ער האָט איר געשיקט דעם גט, ווייל איר זענען נישט געפֿעלן געוואָרן זיינע אויפֿפֿירונגען. זי איז פֿון קליינווייז אויף אויסגעוואַקסן ביי דעם טאַטן אין אַ גרויסער קראָם, געוווּסט ווי צו רעדן מיט אָפּיצירן און גענעראַלן, — מיט זייערע קונדן, — און זיי אַלע האָבן איר אָפּגעגעבן כבוד. זי וועט נישט אַרויסגיין אין גאַס אָן אַ הוט און ווייס וואָס פֿאַר אַ פּעדער אַריינצושטעלן אין דעם היטעלע. אַז זי טוט זיך אָן, פּאַסט די קלייד דער פֿאַרב פֿון פּנים און דאָס געזיכט שיינט אַרויס פֿון אונטער דעם וואָאַל, ווי די שטערן לייכטן אויפֿן קלאָרן הימל.

האָט זי זיך געוואָלט באַוואָרענען, און נישט ער, אייזיק, האָט אַרויס־געשטעלט די תנאים. און אַז זי האָט שוין אַלץ אויסגעפֿירט, האָט זי ערשט אָנגעהויבן זאָרגן וואָס וועט זיין מיט דער טאָכטער, מיט דעם אויג פֿון קאָפּ. די יאָרן לויפֿן; אָט, אָט וועט זי ווערן אַ כלה־מיידל און זי קען נאָך ח״ו בלייבן זיצן אין דעם פּאַלאַץ, אַן אַלטע מויד; ניין, זי וויל נישט, זי וועט נישט אויסבייטן אַפֿילו אַ גרויסע שטאָט מיט אָרעמקייט אויף דעם העק זשירעווע אין עשירות.

נעמט נישט אַראָפּ אייזיק די אויגן פֿון דער גרושה; ער קען זיך נישט אָנקוקן אין איר פּנים. זי פֿירט זיך אויף ווי די יונגע גרעפֿינס אין די הויפֿן און איר קול לאַסטשעט, ווי דער זומערדיקער פֿאַרטאָג, ווען די פֿייגעלעך וואַכן אויף אין די נעסטן.

אָבער וואָס נאָך קען ער איר נאָכגעבן? שפּאַרט ער די האָר פֿון דער אַרומגעשאָרענער באָרד אין מויל אַריין און קען נישט דערלאַנגען צו די ציין. ס׳ציט אים נאָך אַמאָל אַ קוק טון אויף אירע שוואַרצע אויגן, וואָס רייצן זיך מיט אים אין באַהעלטעניש אונטער דעם וואָאַל, נאָר ער זאָגט

נישט קיין וואָרט, ער זאָל נישט אַרויסווייזן זיין געפאַלנקייט. באַווייזט ער זיין גאווה און הייסט שפּאַנען זיינע יונגע בולאַנער מיט די זילבערנע גלעקלעך נאָשפּיץ.

אייזיק וואָלט מסתמא געקומען צו זיך אַהיים אין פּאַלאַץ און גע־טראַכט, אַז אפשר האָט ער זיך נישט געדאַרפט איילן אָװעקצופּאָרן, ווייל זי האָט נישט די חסרונות וואָס זיין ערשטע ווייב האָט געהאַט; די גרושה וואָלט זיך מסתמא אומגעקערט אין דער גרויסער שטאָט אַריין צו דעם טאַטן אין דער רייכער קראָם און איר וואָלט געווויס פאַרדראָסן פאַרוואָס זי האָט זיך צופיל איינגעשפּאַרט און איבערגעצויגן דאָס שטריקל. דאָס אַלץ וואָלט אַוודאי פּאַסירט ווען אויף דער וועלט וואָלטן נישט געווען קיין שדכנים, וואָס שאַרן זיך אַרום איבער די הויפן, קוקן אַריין אין די שפּאַרונעס פון די טירן און זוכן די זיווגים וואָס הקב״ה האָט מזווג געווען.

אַזוי איז אויך געשען אויף דער זעאונג פון דער גרושה מיט אייזיקן דעם עושר; דער קוטשער האָט נישט געשפּאַנט די יונגע בולאַנער פערד מיט די זילבערנע גלעקלעך נאָשפּיץ און דער משרת האָט נישט אַרויס־געטראָגן פון שטוב דער גרושהס קעסטעלעך, פּודעלעך אויסגעצירטע פּע־קעלעך אין זיידנס און סאַמעט, בעוויל דער לאַנד־שדכן, וואָס האָט צו־געגרייט די באַגעגעניש, האָט זיך טאַקע נישט געמישט אין די רייד; באַ־האַלטנערהייט האָט ער אָבער געוואַכט איבער דער זעאונג, געהיט יעדעס וואָרט וואָס איז אויסגערעדט געוואָרן און גלייך צוגעטראַכט אַן אַנדער ענטפער אויף יעדער פראַגע. און אַז ס׳איז געקומען די רגע ווען דער שלייף האָט זיך פאַנאַנדערגעבונדן, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם פאָדים אין האַנט און מיט זיין קלוגן איינפאַל און פאַרזיכטיקע רייד פאַרבונדן דעם קנופּ.

— אַ טאָכטער, אדרבא, דער רבונו של עולם אַליין האָט עס צוגעע־שיקט, דער זיווג זאָל זיין שטאַרקער, מזלדיקער. האָט דער לאַנד־שדכן פאַרשפּיליעט און אָפּגעשפּיליעט זיין דריי־פּערטלדיקן סורדוט מיטן שפּאַלט ביזן סטאַן, אונטערגעהויבן דעם ברייטן קאַפּעליוש און אַראָפּגעלאָזן אים אויפן שטערן און געזוכט מיט די הענט נאָך עפּעס צו טון:

— ביי ר׳ אייזיקן איז דאָך פאַראַן אַ זון אַ בן־יחיד, אין איינע יאָרן מיט אייער טאָכטער, ריכטיק צוגעפּאַסט פאַר איר, און זי, דאַרף איך

אייך נישט דערציילן, וואָס פאַר אַ טייער קינד זי איז. אַז מען זאָל דורכ־פאָרן אַ וועלט, וועט מען אַזאַ זיווג נישט געפינען. אַז גאָט וועט געבן און זיי וועלן אונטערוואַקסן — האָט דער לאַנד־שדכן אָנגעהויבן אַזוי לויבן דעם נייעם שידוך, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן די שבחים פון ר׳ אייזיקן, וואָס דאַרף געפעלן ווערן דער גרושה.

אמת, דאָס לייגט זיך אויפן זינען, ס׳איז אַ גלייכע זאַך, נאָר דער גרושה איז נישט אָנגעשטאַנען גלייך נאָכצוגעבן, איר שטאָלץ זאָל נישט געמינערט ווערן; זי האָט אָבער נישט געוווּסט וואָס נאָך צו פאַרלאַנגען, האָט זי אויסגערעדט, גלאַט אין דער וועלט אַריין: — „אַ תקיעת־כף!״ וועט זי וויסן, אַז איר גליק וועט נישט מאַכן חס ושלום אומגליקלעך איר אייני־ציק קינד, איר טאָכטער.

— אַוודאי — האָט די פרייד פון לאַנד־שדכן צעטומלט דעם אַלמן מיט דער גרושה און זיי האָבן נישט געוווּסט, צי זיי דאַרפן ערשט חתונה האָבן, אָדער זיי מאַכן שוין חתונה זייערע קינדער. האָבן זיי געמאַכט אַ תקיעת־כף, אַז גאָט וועט געבן, די קינדער וועלן אונטערוואַקסן, וועלן זיי ביידע פירן זיי צו דער חופה, און זיי האָבן אָפּגעשטעלט דעם טאָג פון זייער אייגענער חתונה.

— ג —

ס׳איז אָבער נישט אַריבער קיין יאָר און אייזיק האָט דערזען, אַז די מראה פון פנים איז נישט קיין שפּיגל פון דעם האַרץ און יחוס איז נישט קיין וויין וואָס גיסט זיך איבער פון איין כלי אין דער אַנדערער.

זיין ווייב זלאַטע, וואָס האָט זיך גערופן אויפן פּריצישן אופן זאַליע, אַנדערש ווי די יידישע טעכטער פון זשירעוו, האָט זיך גאַרנישט אויפ־געפירט איידל, ווי אַ גרעפין. זי האָט געמאַנט ביי אים, אַז זי איז אַריינ־געפאַלן אין אַ העק ווו מען זעט נישט קיין מענטשן פאַר די אויגן און דערמאָנט אים, אַז אין די פּריצישע הויפן, צו די גראַפן און פּריצים, פאַר־בעט מען זי נישט. זי האָט אויסגעקליבן די גרויע האָר פון זיין אַרומגע־שאָרענער באָרד און דערמאָנט אים, אַז ער האָט איר אָפּגענאַרט אין די יאָרן. אַז זי איז געוואָרן אין כעס האָט זי זיך איבערגענומען מיט איר רייכקייט פון דער היים, און זי דאַרף אים נישט דאַנקען פאַר זיין עשירות.

פֿאַר זיך אַליין האָט זי געטראַכט, ער איז טאַקע רייך, ער ווייס אָבער נישט וואָס מען דאַרף טון מיט עשירות. זי האָט אים פֿאַרגליכן מיט די אָפּיצירן און איידעלע גרויסשטאָטישע סאָלדאַטן וואָס זי האָט פֿאַרבראַכט מיט זיי אין דער היים; אַ וואָרט פֿון יענע האָט געלאַסטשעט ווי דער ריר פֿון אַן איידעלער האַנט און טאָמער האָט זיך עמעצער דערלויבט און געגעבן איר אַ קוש, האָט זי געטראַכט, ווען ער איז אַ ייִד וואָלט איר גאַנץ לעבן געווען פֿול מיט דער פֿרייד פֿון דעם קוש. אָבער ער, אייזיק, איר מאַן; אַז ער פֿאָרט אַוועק אין די הויפֿן, בענקט זי נישט נאָך אים, דער פּאַלאַץ איז אָבער פּוסט, און איר דוכט זיך, אַז די טריט פֿון דער ערשטער ווייב קריכן אַרום אין די טונקעלע ווינקלען. זיי דערמאָנען איר, אַז ס'זענען נאָך נישט אַוועק קיין ניין חדשים, ווינציקער ווי ס'נעמט אַ קינד געבוירן צו ווערן, זינט אירע פֿיס האָבן אַוועקגעשטעלט דעם לעצטן טראָט דאָ אין פּאַלאַץ.

אַז ער קומט צופֿאָרן אַהיים, ברענגט ער בלויז די גאווה פֿון די פּאַ־לאַצן, אָבער נישט די איידלקייט פֿון די גראַפֿן. פֿאַר איר שיילט זיך אויס דער פּראָסטאַק פֿון זשירעווע, וואָס ווייס נישט ווי צו רעדן צו דעם ווייב און וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּלערנען ביי אַן אָפּיציר, ווי אַזוי צוצו־קומען נאָענט צו אַ פֿרוי. ניין, זי טאָר דאָ נישט בלייבן. זי וועט דאָ אַזוי פֿאַרגרעבט ווערן, אַז זי וועט נישט וויסן ווי צו רעדן מיט אַ מענטשן.

האָט זי אָנגעהויבן איינריידן איר טאָכטער, רחעלען, וועמען זי האָט גערופֿן ראַכיל, זי זאָל פֿאָרן מיט איר אַהיים צו דעם זיידן. ראַכיל האָט זיך נישט דערפֿרייט מיט דער מאַמעס רייד; זי האָט איר גאָרנישט געזאָגט. נאָר פֿאַר זיך אַליין, אין דער טיפֿער פֿאַרבאָרגעניש, האָט זי געטראַכט אויף וועמען וועט מען איבערלאָזן יאַנקעלען, וועמען די מאַמע האָט אַ נאָמען געגעבן יאַקאָב.

אַז די מאַמע האָט איבערגערעדט איין מאָל און נאָך אַמאָל: — מיר וועלן פֿאָרן אַהיים צום זיידן, — האָט ראַכיל אַרויסגעזיפֿצט: — יאַנקעלע, — זיך פֿאַרכאַפּט — יאַקאָב וועט בלייבן איינער אַליין — און אַנטלאָפֿן צו זיך אין צימער מען זאָל נישט זען אירע טרערן.

האָט שוין די מאַמע פֿאַרשטאַנען, אַז נישט זי אַליין ווערט פֿאַרפֿאַלן

דאָ אין זשירעווע, נאָר איר טאָכטער וועט אויך דאַרפֿן אָפּפֿינצטערן דעם גאַנצן לעבן דאָ אין דעם העק. האָט זי זיך איינגעשפּאַרט, אַז זי וויל אַ גט.

אייזיק האָט אין די טעג געטראַכט וועגן זיין ערשטער ווייב מערער ווי אַלעמאָל און ער האָט נישט געקענט פֿאַרגעסן איר שטילקייט מיט איר אונטערטעניקייט. אירע רייד, אַפֿילו יענע ווערטער וואָס האָבן געמאָנט ביי אים און געשטראָפֿט אים, האָבן איצט זיך אויסגעלייגט אַרום אים ווייך און וואַרעם ווי די טרערן וואָס באַטויען ביינאַכט די קישן פֿון צוקאָפּנס. איר צער איז געוואָרן זיין פּיין ווי אַן עונש, פֿאַרוואָס ער האָט גלייך נאָך שלשים אַנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ שידוך, און ער האָט אַריינגעטענהט מיט זיך, אַז ער דאַרף איר אויסציילן די אלפים און געבן דעם גט.

די קליפּה האָט אים אָבער געצויגן צו דער אישה, בעת־ווייל זי האָט געוווסט ווי אַזוי אויפֿצווועקן ביי אים די תאווה אַפֿילו דעמאָלט ווען זי האָט געמאָנט ביי אים אַ גט. זי האָט אָנגעטאָן די קליידער גלייך ווי זי וואָלט געוווען אַ פֿרעמדע אין הויז, וואָס איז געקומען בלויז אויף אַ ווײַלע און דאַרף אָפּהיטן איר שטאַט און ווירדע. נאָר דאָס קלייד וואָס האָט זי צוגעדעקט פֿון האַלדז ביז די טריט פֿון אירע פֿיס האָט אויסגעטיילט די גלידער פֿון איר גוף און גערייצט דעם מאַנס בליק, גלייך ווי ס׳וואָלט אַנטבלויזט די נאַקעטקייט פֿון איר לייב. זי האָט גערעדט שאַרפֿע ווערטער, נאָר אין מיטן פֿון די רייד האָט זי אַראָפּגעלאָזן איר קול שטיל און ווייך, באַוויזן איר אונטערטעניקייט, ער זאָל זען, אַז זי איז אַ שוואַכע אישה וואָס ווייס אַז דער מאַן דאַרף הערשן איבער דער ווייב.

האָט אייזיק פֿאַרגעסן די טענות וואָס ער האָט געהאַט צו זיך אַליין פֿאַר זיינע טעותן און האָט ווידער דערזען פֿאַר זיך די פּרוי וועמען ער האָט אַלץ נאָכגעגעבן אויף דער ערשטער זעאונג, זי זאָל מיט אים חתונה האָבן. ער האָט אָנגעהויבן רעדן צו איר ווי אַ מאַן צו אַ ווייב, און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז זיי ביידן פֿאַרציט די פֿריייד וואָס זיי האָבן געבראַכט אַהער דעם ערשטן טאָג נאָך זייער חתונה. נאָר זי האָט פּלוצלינג אָפּגעטראָטן אַ טראָט, זיך אָוועקגעשטעלט אַ ווייטע, אַ פֿרעמדע און אויסגעשאַרפֿט בלויז איין וואָרט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אָפּרעכענען פֿאַרן בייז, וואָס דער ערשטער מאַן האָט איר געטון, פֿאַר דעם גט וואָס ער האָט איר אָפּגע־שיקט דורך אַ שליח:

— אַ גט.

— סטייטש, דער תקיעת־כּף! — האָט איזיקן נישט אָנגעשטאַנען צו בעטן זיך פֿאַר זיך אַליין. נאָר ער האָט זיך אָנגענומען פֿאַר די קינדער.

ער האָט איבערגעחזרט נאָכאַמאָל: „אַ תקיעת־כּף“, און דערמאָנט די אומגליקן וואָס קומען אַרויס ווען מען האַלט נישט קיין תקיעת־כּף.

— די קינדער זענען נאָך קיין פּערצן יאָר נישט אַלט. זיי ווייסן נאָך נישט פֿון קיין תקיעת־כּף, — האָט זאָליע שאַרף און קלאָר באַוויזן מיט איר חכמה, אַז ער וועט זי נישט אַריינגאַרן אין זיינע רייד און זי האָט אויסגעפּירט איריקע; זי האָט געקראָגן אַ גט און איז אַוועקגעפֿאָרן מיט דער טאָכטער אין דער גרויסער שטאָט צום טאַטן.

— ד —

די טאָכטער, ראַכיל, האָט אָבער נישט געקענט פֿאַרגעסן יאַקאָבן. ביי איר האָט זיך אויפֿגעוועקט אַ שנאה צו דער מאַמען און זי האָט איר נישט געענטפֿערט ווען זי האָט איר גערופֿן ראַכיל, נאָר געוואָלט הייסן ווי דער זיידע האָט גערעדט צו איר: „רחעלע מיין קינד“. זי האָט גע־טראַכט וועגן איזיקס זון און קיינמאָל נישט דערמאָנט זיין נאָמען „יאַקאָב“ נאָר שטילערהייט איבערגעחזרט „יאַנ־קע־לע“ ווי אַן אומעטיקן ניגון, וואָס טוט זיך נישט אָפּ אַפֿילו דעמאָלט ווען מען זינגט אים נישט. זי האָט נישט פֿאַרגעסן ווי אַזוי יאַנקעלע האָט זי גענומען אין וואַלד קלייבן יאַגדעס; ער האָט געריסן די יאַגדעס און געוואָרפֿן צו איר אין קריגעלע און נישט צו זיך אין קוואָרט, ביי איר זאָל זיין מערער ווי ביי אים.

אַז ער האָט זי גענומען זיך הוידען, האָט ער זיך אַרויפֿגעוויגט אַזוי הויך, אַז דאָס האַרץ האָט ביי איר אַ ציטער געטון, ווי אַ קאַלטער צוק וואָלט דורכגעקוועלט די ברוסט. זי האָט אָבער קיין געשריי נישט געטון, בלויז פֿאַרמאַכט און געעפֿנט די אויגן און אַריינגענומען די קלייד צווישן די פֿיס, איר לייב זאָל זיך נישט אָפּדעקן. יאַנקעלע האָט זיך געוואָלט איבערנעמען, האָט ער געוויגט די הוידע הויך, העכער, און געלערנט זי, אַז ווען זי לאָזט זיך אַראָפּ, זאָל זי זיך אָפּזעצן אויף די פֿיס, וועט ער זיך אויפֿהייבן נאָך העכער. זי האָט אים געפֿאָלגט, נאָכגעגעבן, גלייך ווי זי

וואָלט זיך אָנגעבויגן אויף אים און געפּלאַטערט נאָך דעם ציטער וואָס האָט אויפגעוואַכט ביי איר אין דער הויך אויף דער הוידע.

און אַז יאַנקעלע איז אַרויס מיט רחלען אין דרויסן, האָט ער זי אַוועקגעפירט ווייטער פון הויז איבער זייטיקע וועגן און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט; זיי וועלן דאַרפן נעכטיקן אַליין אין וואַלד און ס׳וועט נעמען אַ טאָג מיט אַ נאַכט ביז מען וועט זיי געפי־נען. רחלע האָט זיך אָבער נישט געשראָקן; פאַרקערט, זי איז געווען שטאָלץ וואָס זי גייט אַליין מיט יאַנקעלען איבער די פעלדער ווו קיינער זעט זיי נישט; זי האָט זיך געשפּילט מיט אירע לאַנגע בלאָנדע צעפּ און זי האָט זיך איינגעהערט ווי ער דערציילט וועגן די פערד, וואָס מען קען נישט איינצאַמען, נאָר ער האָט נישט מורא צו רייטן אויף זיי. זי האָט געוואָלט זען ווי ער רייט, נאָר זי האָט זיך געשעמט זאָגן עס. האָט זי געשוויגן, געשוויגן; נאָר אַז זי האָט דערזען ווי יאַנקעלע וואַקסט אויס שטאַרקער, גרעסער אין זיין העלדישקייט, האָט זיך איר געדוכט, אַז זי ווערט קליין און נאַריש ווי אַ קינד און זי האָט אויסגערופן:

— ניין, דו וועסט מורא האָבן!

— איך וועל מורא האָבן?! — האָט יאַנקעלע באַוויזן זיין געוואַגטקייט און אַרויפגעקראָכן אויף אַ שפּיץ בוים.

ער האָט זיך געוויגט אויף די צווייגן, רחלע זאָל זען די סכנה, און געלאַכט: „איך האָב מורא"...

יאַנקעלע האָט זיך טאַקע אפשר נישט געשראָקן, אָבער רחלע האָט געציטערט איבער אים; האָט זי אויפגעהויבן די אויגן, געוואַכט איבער יעדן ריר זיינעם און איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ווי זי אַליין וואָלט זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ צווייג זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן. פּלוצלינג האָט זי אַ גע־שריי געטון: — קריך אַראָפּ, איך האָב מורא! — און טרערן האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ביי איר אין די אויגן.

יאַנקעלע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דעם נידעריקן צווייג און אַ שפּרונג געטון אויף רחלען, גלייך ווי ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן אויף איר. זי האָט איבּ אַרומגענומען מיט די הענט און דערפילט זיין קאָפּ אויף אירע אויפגייענדיקע בריסט. האָט זי זיך פאַרשעמט, אָפּגעטראָטן אַ טראָט און אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

— איך האָב זיך נישט צעקלאַפּט, — האָט יאַנקעלע זי באַרויקט און אַנגענומען זי ביי דער האַנט:

— קום וועלן מיר אַרויפגיין אויף דעם הויכן באַרג.

רחעלע האָט נישט אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער, נאָכגעגעבן יאַנקעלען, געגאַנגען שטיל אין זיינע טריט און נישט געקענט אויסריידן קיין וואָרט; זי האָט אָבער געטראַכט, אַז זי וועט אַלעמאָל מיט אים אַזוי אַרומגיין ביז זיי וועלן חתונה האָבן.

— —

אַז רחעלע איז געקומען מיט דער מאַמען צוריק אין שטאָט אַריין צו דעם זיידן אין שטוב איז שוין געווען נאָך די יום טובים און מען האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ לערער פאַר ראַכילן, ווייל די מאַמע האָט געוואָלט, אַז איר טאָכטער זאָל זיין געלערנט, ווי די קינדער ביי די פּריצים. נאָר רחעלען איז נישט געגאַנגען דאָס לערנען אין קאָפּ, זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון דעם לערער און זיך דערוויטערט פון אירע חברטעס. אַז זי האָט געהערט פון זיי אַ וואָרט האָט זי געטראַכט, אַז יאַנקעלע וואָלט עס אַנדערש געזאָגט, שענער און קלוגער און זי האָט געזאָרגט, וואָס טוט ער איינער אַליין אין דעם גרויסן הויז. זי האָט געוואָלט וויסן, צי ער לערנט אין דער היים ביי אַ לערער, אָדער ער איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן לערנען, און זיך פאַנאַנדערגעוויינט: „ער האָט נישט מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט". זיין אומעט האָט זי אַרומגענומען ווי אַ נעפּל וואָלט געקראָכן אויף איר קאָפּ פון אונטער די טריט און דאָס גאַנצע הויז איז איר געוואָרן ענג ווי אַ פּויסט וואָס סטשימעט אין זיינע פינגער. האָט זי זיך פאַרשפּאַרט ביי זיך אין צימער, איינגעניורעט דעם קאָפּ אין קישן, נישט געוואָלט אַ קוק טון אויף דער מאַמען און נישט פאַרנומען אירע גוטע רייד.

זי האָט געטראַכט, אַז די מאַמע האָט איר שלעכטס געטון און האָט שטענדיק געטראָגן אַ כעס אויף איר, און אַז די מאַמע איז צוגעשטאַנען צו איר מיט איר גוטסקייט, האָט זי איר געוואָלט באַווייזן איר בייזקייט: „זי האָט נישט געטאָרט איבערלאָזן יאַנקעלען אַליין און געמעגט וואַרטן ביז זיי וועלן חתונה האָבן".

די רייד זענען אָבער אַריינגעזונקען געוואָרן אין איר און זי האָט

קיינמאָל נישט דערמאָנט יאַנקעלעס נאָמען פאַר דער מאַמען; זי האָט בלויז געזוכט אַ געלעגנהייט אויסצורײדן אַ וואָרט מיט דעם זיידן.

די באָבע איז שוין געשטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אָבער ערשט איצטער האָט רחעלע דערזען, אַז דעם זיידן איז אומעטיק, וואָס ער איז געבליבן איינער אַליין. איר האָט זיך געדוכט, אַז דער זיידע טראַכט שטענ־דיק וועגן דער באָבען און ווען ער שטייט אין אָוונט ביים פענצטער און קוקט זיך איין אין גאַס, זעט ער די באָבע, אָט אַזוי ווי זי קען נישט פאַר־געסן יאַנקעלען. האָט איר געצויגן צו דעם זיידן מערער ווי צו אַלעמען; זי האָט אָפּגעהיט ווען ער איז איינער אַליין געזעסן שפּעט אין אָוונט איבער אַ ספר, און געזוכט צו פאַרפירן מיט אים אַ רייד.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז די באָבע האָט קיינעם נישט געלאָזן דער־לאַנגען אַ גלאָז טיי דעם זיידן ביים לערנען און האָט עס אַליין צוגעטראָגן אויף דער שבתדיקער זילבערנער טאַץ. האָט זי געוואָלט פרעגן צי דער זיידע האָט שוין געטרונקען טיי, נאָר די ווערטער האָבן זיך אַראָפּגע־גליטשט פון איר, אַזוי ווי עס רוקט זיך אַראָפּ אַ היטל פון אַ גרעסערער מאָס איבער די אויגן, און זי איז געוואָרן אַזוי קליין אין איר וווקס, אַז זי האָט מיט איר בליק נישט געקענט דערלאַנגען דעם זיידנס באָרד. האָט זי זיך אָוועקגעזעצט לעבן זיידן, געשוויגן אַ ווײלע, ווי זי וואָלט זיך פאַר־שעמט פאַר עפּעס, און דערנאָך שטיל געפרעגט:

— זיידע, וואָס לערנסטו?

דער זיידע האָט אַרויפגערוקט די שפּאַקולן אויפן שטערן און אַ שמייכל געטון: — ווען דו וואָלסט געווען אַ יינגל, וואָלסטו שוין געווען אַ בר־מצווה־בחור; וואָלסטו אַליין געלערנט און געוווּסט וואָס איך לערן.

— און אַ מיידל? — האָט עפּעס אַ ברי געטון רחעלען, נאָר זי איז נישט געוואָרן אין כעס, נייערט זיך אונטערגעגעבן דעם זיידנס רייד.

— אַ טייער קינד, גאָרנישט געראָטן, נישט אין דעם טאַטן און נישט אין דער מאַמען — האָט זיך דער זיידע דערמאָנט דער באָבעס ווערטער, און איינגערעדט רחעלען:

— אַ מיידל האָט אַנדערע מצוות, גאָט וועט געבן דו וועסט חתונה האָבן, — איז דער זיידע פּלוצלינג איינגעשוויגן געוואָרן. „דאָס מיידל געפעלט אים עפּעס נישט, זינט זי איז געקומען צוריק נאָכן גט. אפשר

האָט זי זיך גאָרנישט געדאַרפט גטן; נאָר זי האָט דען געפרעגט ביים טאַטן?" דאָס קינד דערקענט ער אָבער נישט: „ס'גייט נישט אַרום, נאָר וויגט זיך ווי אַ יונג ביימעלע אין מיטן פעלד".

פרעגט ער ביי רחעלען: — פאַרוואָס לייגסטו זיך נישט שלאָפן, מיין קינד?

— איך וויל לערנען, זיידע, — האָט זיך רחעלע געהיט, קיין טרערן זאָלן זיך נישט שטעלן ביי איר אין די אויגן.

— די מאַמע דינגט דאָך פאַר דיר די בעסטע לערער.

— ניין, ביי זיי וויל איך נישט לערנען, איך וויל וויסן וואָס דער זיידע לערנט, — האָבן אירע ווערטער געאָטעמט אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט מיט זיין ווייבס קול. „אַזוי גוט און פרום ווי די באָבע", האָט דער זיידע אַ זיפץ געטון און אַ גלעט געטון רחעלעס לאַנגע צעפּ:

— זאָג מיר, מיין קינד, וואָס ווילסטו וויסן?

— איך וויל וויסן, — האָבן זיך ביי רחעלען געעפנט אירע פאַרבאָר־גענישן — אַלע דינים, נישט בלויז די מצוות וואָס אַ מיידל דאַרף אָפּהיטן.

— ביי יידן זענען פאַראַן אַ סך דינים, ווער קען זיי אויסרעכענען, איך אַליין ווייס זיי אַפילו נישט — האָט דער זיידע אַ שמייכל געטון און אָפּגערוקט דעם ספר; ער האָט געוואָלט אויפהערן לערנען, נאָר ער האָט נישט געוואָלט פאַרמאַכן דעם ספר.

— וואָס איז תקיעת־כף? — האָבן זיך ביי רחעלען אַרויסגעשפּאַרט די ווערטער אָן איר ווילן און זי האָט פאַרביסן די ליפּן, ווי זי וואָלט גע־וואָלט כאַפּן די רייד צוריק.

דער זיידע האָט נישט געוווּסט, אַז זיין טאָכטער האָט גענומען אַ תקיעת־כף ביי איר צווייטן מאַן, אַז זיין זון זאָל חתונה האָבן מיט איר טאָכטער, האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין רחעלען, אַז אַ תקיעת־כף איז שטאַרקער ווי אַ קאָנטראַקט; אַז מען ברעכט אַ קאָנטראַקט, משפּט זיך דער מענטש, אַז מען האַלט אָבער נישט, חס ושלום, קיין תקיעת־כף, נעמט אָפּ אַ רעכענונג דער רבונו של עולם.

רחעלע האָט פאַרגעסן, אַז זי אַנטפּלעקט אירן אַ סוד און צוגעשטאַנען צום זיידן:

— און וואָס איז, אַז עמעצער האַלט נישט קיין תקיעת־כף?

— איז זייער נישט גוט, — האָט דער זיידע אַ זיפץ געטון אויף די זינד וואָס הויערן אויף דער וועלט; און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט ער דערזען די האַרבע שטראָף וואָס קריכט נאָך נאָך דעם מענטשן, אַזוי ווי זיין שאָטן, פאַר נישט האַלטן קיין תקיעת־כף. האָט ער שאַרף אַרויסגערעדט, ווי ער וואָלט אַרויסגעגעבן אַ פּסק:

— אַ תקיעת־כף מוז מען האַלטן, ווי נישט, חס ושלום; אָט דאָ טאַקע, ביי אונדז אין שטאָט האָט אַ ייִד געגעבן אַ תקיעת־כף זיינעם אַ שותף, אַז ער וועט נעמען זיין טאָכטער פאַר אַ שנור, דערנאָך האָבן די געשעפטן אָנגעהויבן גיין שלעכט, די שותפים האָבן זיך צעקריגט און ער האָט נישט געהאַלטן דעם תקיעת־כף. זיין זון האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער, נו, נו... אָבער צוװאָס דאַרפסטו דאָס וויסן מיין קינד...

ער האָט אַ קוק געטון אויפן ספר: „איך האָב גאָרנישט געזען, אַז דער ספר איז אָפן און איך לערן נישט”, און דער דרעמל האָט אָנגעהויבן קלעפּן זיינע אויגן.

רחעלע האָט אָבער פון פרייד נישט געקענט איינשלאָפן: דער תקיעת־כף האָט זי באַוואָרנט פון אַל־דאָס־בייז און האָט זי געטרייסט אין איר אומעט, גלייך ווי ער וואָלט געוואָרן אַ שליח וואָס ברענגט צו איר אויפן געלעגער יאַנקעלעס קול און קיינער הערט נישט ווי זייביידע רעדן. איר איז קלאָר געוואָרן, אַז יאַנקעלע וועט מיט קיין אַנדערער נישט חתונה האָבן. זיין טאַטע וועט דאָך נישט איינשטעלן דאָס לעבן פון זיין איינציקן זון און ברעכן אַ תקיעת־כף. אַז יאַנקעלע וועט ווערן עלטער וועט אים דער טאַטע אַרויסשיקן אין דער גרויסער שטאָט געפינען זיין כלה און זיי וועלן חתונה האָבן. ווי נישט, וועט ער אַליין אַנטלויפן פון דער היים און קומען צו איר. און אַז די בענקשאַפט נאָך יאַנקעלען איז ביי איר געוואָרן טיפער, האָט זי מיט איר תשוקה צום לערנען אַרויסגערופן ביים זיידן מעשיות וועגן גוטע ייִדן, וועגן נסים, וואָס האָבן געראַטעוועט ייִדן אין גרויס סכנה, וועגן די פאַרלאָרענע קינדער וואָס זוכן זיך פלוצלינג אָפּ און קלאַפּן אָן ביינאַכט אין פענצטער. אָט די מעשיות האָט דער זיידע דערציילט רחעלען ביינאַכט ווען זי איז געבליבן זיצן אַליין מיט אים ביים ספר. דערנאָך, אַז זי איז אַוועק צו זיך אין צימער, איז זי לאַנג געלעגן אויף איר געלעגער, נישט

געוואַלט איינשלאָפן און געוואָרט אפשר וועט געשען אַ נס און יאַנקעלע וועט אָנקלאַפּן אין איר פענצטער.

— ה —

ס׳איז אָבער אַוועק אַ יאָר, און נאָך אַ יאָר, און יאַנקעלע איז נישט געקומען; דער זיידע איז געשטאָרבן און פון רחעלען האָט זיך אָפּגעטון די טרייסט וואָס זי האָט געפונען אין זיינע רייד וועגן לערנען. זי איז שוין געוואָרן אַ כלה־מיידל און די מאַמע האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ שידוך. האָט זיך רחעלע שוין נישט געשעמט צו דערמאָנען וועגן תקיעת־כף:

— יאַנקעלע וועט דאָך בלייבן אַן אומגליקלעכער אויף זיין גאַנץ לעבן און זי וועט קיינמאָל נישט האָבן קיין פרייד.

— די פרייד וואָס וואַרט אויף דיר אין זשירעווע — איז די מאַמע אין כעס געוואָרן און זי האָט איר אויסגעלייגט אַ צעטל:

— צוליב דיר בין איך אַנטלאָפן פון דעם העק, דערמאָנט זי גאָר אַ תקיעת־כף, וואָס ער האָט אַרויסגענאַרט ביי מיר.

רחעלע האָט אָבער געדענקט וואָס דער זיידע האָט איר דערציילט וועגן אַ תקיעת־כף. אַזוי ווי זי האָט נישט פאַרגעסן יאַנקעלען און זי האָט געהאַלטן אין איין דערמאָנען דער מאַמען: „תקיעת־כף״. און וואָס וויי־ציקער די מאַמע האָט זיך צוגעהערט צו איר, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן ביי איר דער בונד פון אַ תקיעת־כף און גרעסער די שנאה צו דער מוטער.

האָט זי זיך אַרויסגעגנבעט פון דער היים און זיך אַוועקגעלאָזן קיין זשירעווע.

***

דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, אַ ווייטער, און האָט זיך געצויגן לענגער פון זיין לענגקייט און ווייטער פון זיין ווייטקייט; די זומערדיקע טעג האָבן זיך נישט אויסגעליידיקט פון דער ליכטיקייט און די נעכט זענען נישט אַרויסגעקראָכן פון זייער פינצטערניש.

אין יענער צייט זענען קיין סך באַנען נישט געווען און מען האָט געדאַרפט פאָרן מיט פערד און וואָגן אָדער גיין צופוס. און אין די מרחקים

האָט מען נישט געוווסט, אַז ערגעץ לעבן סלאָנים, עטלעכע מייל פון ביטען, געפינט זיך אַ שטעטעלע זשירעווע. בלויז אַן אַלטער גוי האָט אין אַ דאָרף אַמאָל געהערט וועגן די גרויסע קלויסטערס וואָס מען האָט אויסגעבויט אין זשירעווע אויף דעם אָרט ווו עס האָט זיך פאַרצייטנס באַוויזן אויף אַ בוים גאָטס מוטער. האָבן אַלטע גוים דערציילט רחעלען, אַז גאָטספאָרכ־טיקע פויערים וואָס פאַרגעסן נישט אין גאָט, קומען קיין זשירעווע אויף אַ יום־טוב צו הייליקן זיך אין די קלויסטערס. זיי גייען אַרויס אין ווּעסנע, אַז מען פאַרזייט די תבואה, און קומען צוריק סוף זומער ווען מען נעמט אַראָפּ פון די פעלדער.

— דער וועג איז אַ ווייטער און אַ לאַנגער, — האָט אַן אַלטער פויער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נישט פאַר אַ מיידל צו גיין אַזאַ מהלך — האָט אַ גויע געשראָקן רחעלען.

רחעלע האָט זיך אָבער נישט געשראָקן פאַר די ווייטע וועגן וואָס האָבן זיך געצויגן קיין זשירעווע, און נישט מורא געהאַט פאַר די נעכט וואָס זענען צוגעפאַלן ביי אַ ייִדן אין קרעטשמע, צי ביי אַ גוי אין כאַטע. זי האָט גע׳ע׳ פאַר די אויגן יאַנקעלען, וואָס וועט זי געפינען אויב זי וועט פאַרבלאָנדזשען און אַרויסראַטעווען פון די שלעכטע מענטשן, וואָס וועלן אָנפאַלן אויף איר.

זי איז געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף און געזוכט די פויערים וואָס גייען קיין זשירעווע אויף אַ חגא צו הייליקן זיך אין די קלויסטערס. אַז ביי איר איז אויסגעגאַנגען דאָס געלט, האָט זי נישט געבעטן קיין נדבות, נאָר זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קרעטשמע און זיך איינגעבעטן ביי דעם קרעטשמער, ער זאָל איר נישט געבן אומזיסט דעם עסן, נייערט לאָזן פאַרדינען ביי אים איר שטיקל ברויט. זי האָט זיך פאַרדונגען צו אַ פויער אויף אַרבעט. ער זאָל איר באַצאָלן מיט ברויט און וואַסער פאַר איר מי און פראַצע און דערציילן ווער פון דאָרף גייט קיין זשירעווע צו די קלויסטערס.

זי איז אַזוי לאַנג געגאַנגען ביז זי האָט זיך דערשלאָגן אויפן וועג צו אַ כאָפּטע גוים מיט גויעס, וואָס האָבן זיך געצויגן קיין זשירעווע. זיי זענען געגאַנגען באָרוועסע, מיט טאָרבעס ברויט אויף די פלייצעס, גרוי־

סע צלמים אויפן נאַקעטן האַרצן, הויכע שטעקנס אין די הענט און מיט מתנות אין בוזעם פאַר גאָט. זיי האָבן אָנגעהויבן זייער גאַנג פאַרטאָג, זיך געצלמט פאַר אַ צלם, געקניט פאַר אַ קלויסטער און געגאַנגען ביז צום זונען אונטערגאַנג. זיי האָבן געפונען זייער רו אין פעלד אונטער אַ בוים, זיך געזעט־קט מיטן ברויט און ציבעלע פון זייערע טאָרבעס און גע־שטילט דעם דורשט מיטן קאַלטן וואַסער פון אַ קוואַל.

רחלע האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון אַ ייִדן אָ ייִדן וואָס האָט געקוקט אויף איר מיט רחמנות אָדער חשד; זי האָט זיך אָפּגעקערט פון די ייִדישע הענט, וואָס האָבן אויסגעצויגן הילף צו איר, און זי האָט זיך געטוליעט צו די פּויערים, וואָס זענען געגאַנגען קיין זשירעווע הייליקן זייער גאָט, גלייך ווי זייער גאָט וואָלט ח"ו געוואָרן איר גאָט. אין אין איר בענקעניש און אומעט האָט זי צוזאַמען מיט די פּויערים אויסגעגאָסן אין געזאַנג איר גע־בעט און ציטער, און צוזאַמען מיט זיי געקניט פאַר די קלויסטערס, געבעטן ביי גאָט, יאַנקעלע זאָל זיך נישט אָפּקערן פון איר.

אַזוי איז זי צוזאַמען מיט די פּויערים געקומען קיין זשירעווע אויפן יאַריד, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט צו הייליקן זייער גאָט אין די קלויסטערס.

אין זשירעווע האָט מען נישט דערקענט רחלען. מען האָט זיך דער־שראָקן וואָס אַ ייִדיש קינד איז געקומען מיט די גוים אין קלויסטער. האָט מען אָנגעהויבן זוכן וועגן ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען זי פון די גוייִשע הענט. רחלע האָט זיך אָבער נישט דערווייטערט פון די ייִדן און אַליין דערציילט זיי, אַז זי איז נישט געקומען ח"ו אין קלויסטער, נייערט די פּויערים האָבן איר געוויזן דעם וועג צו אייזיק דעם וואַלד־סוחר, זיין זון יאַנקעלע זאָל אויספירן דעם תקיעת־כף, וואָס זיין טאַטע האָט געגעבן איר מאַמען.

אַז יאַנקעלע האָט אַ קוק געטון אויף רחלען איז אָנגעפאַלן אויף אים אַ פּחד:

— אָט דאָס איז רחלע?!

ער האָט זי נישט דערקענט און ער האָט זי נישט געוואָלט פאַרבייטן אויף דער רהעלען וואָס האָט אים אָנגעטון פרייד מיט איר ציטער ווען ער האָט זי אויפגעהויבן הויך, הויך אויף דער הוידע. ביי אים איז געווען וואָך די גלוסטונג צו דער וואָס זיין האַרץ האָט באַגערט, צו דעם מיידל

ווען מענס לאַנגע בלאַנדע צעפּ האָבן זיך געוויגט אויף די אַקסלען און ער האָט זיך שטענדיק געוואָלט שפּילן מיט זיי. ער האָט נישט געקענט פאַר־געסן יענע מיידל וואָס האָט זיך געעלטערט צוזאַמען מיט אים אין יאָרן און איז געוואָרן שענער אין איר מיידלשקייט, אַזוי ווי זיין בחורשאַפט האָט זיך געריפּט.

אָבער די רחעלע וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט די בעטלער און קאַליקעס, אַ נאַקעטע, אַ באָרוועסע, איז געשטאַנען פאַר אים אַ ווייטע, אַ פרעמדע, אויף וועמען ער האָט בלויז געהאַט רחמנות. נאָר אַריינצונעמען זי צו זיך אין הויז האָט אים נישט געגלוסט.

אין זשירעווע זענען אָבער געווען גוטע מענטשן וואָס האָבן נישט געלאָזט פאַלן אַ יידישע טאָכטער אין דער פרעמד און זיי האָבן אַריינגע־נומען רחעלען צו זיך אין הויז. זי האָט זיך אויסגעוואַשן און אויסגעבאָדן; אָפּגעגעסן צו זאַט און אָפּגערוט. מען האָט זי אָנגעטאָן אין אַ נייער קלייד און פאַררעכט ביי אַ שוסטער אירע אַלטע שיך. איר קול איז געוואָרן שטאַלצער, אירע רייד קליגער, און די חשובע באַלעבאַטים האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר איר; זיי זענען געקומען צו אייזיקן מאָנען דעם תקיעת־כף.

יאַנקעלע האָט אַ קוק געטון אויף רחעלען ווי אויסגעפּוצט זי גייט אָנגעטאָן, אירע צעפּ בליען אין זייער בלאַנדקייט און דאָס פּנים לייכט מיטן שמייכל וואָס זי האָט אים געדאַנקט פאַר די יאַגדעס, וואָס ער האָט געוואָרפן צו איר אין קריגעלע, האָט ער אויך דערמאָנט דעם טאָטן אין תקיעת־כף מיט דער האַרבקייט און פּחד, וואָס דער טאַטע האָט אַמאָל אַליין געמאָנט ביי דער שטיף־מאַמע.

די צייט איז אָבער איצטער געווען אַנדערש ווי אַמאָל. זינט דאָס צווייטע ווייב האָט זיך געגט מיט אייזיקן, האָט זיך פון אים אָפּגעטון די הצלחה. די פּריצים האָבן געוואָרפן אַן אומחן אויף אים און נישט גע־וואָלט האַנדלען מיט אים. זיי האָבן נישט פאַרקויפט די תבואה גלייך ווי זיי האָבן פאַרזייט די זריעה, נאָר געוואַרט ביז זיי האָבן אַראָפּגענומען די גאַרבן פון די פעלדער, די וועלדער האָבן ביי זיי גענומען אַנדערע סוחרים און נישט אייזיק, און די גראַפן האָבן ביי אים צוגענומען זיין הויז, וואָס

ער האָט געהאַלטן ווי אַ פּאַלאַץ, פאַר די קאָנטראַקטן וואָס ער האָט נישט אויסגעפירט.

האָט אײַזיק אַראָפּגעלאָזן פון זײַן גאווה, זיך אַרײַנגעקליבן אין אַ הויז אין זשירעוועץ און אָנגעהויבן האַנדלען מיט די פּויערים, ווי אַלע זשירעווער ייִדן — אויפקויפן בײַ זיי די תבואה און פאַרקויפן אין סלאַנים צו די סוחרים וואָס שיקן וואַגאָנעס אין די מרחקים אַרײַן. ער האָט אָבער גע־וואָלט אָנהאַלטן דעם אַמאָליקן שטעל, האָט ער געטראַכט: „אמת, ער אַליין איז נאָך טאַקע נישט צו אַלט חתונה צו האָבן, אָבער אין זײַן מערכה וועט אים זײַן שווער צו קריגן אַ ווײַב מיט געלט". האָט ער געזוכט אַ שידוך מיט אַ גרוי־סן נדן פאַר זײַן זון יעקב; און אַזאַ שידוך האָט זיך געמאַכט; אמת, פון נישט קיין גרויסן יחוס, אָבער אָן חרפּה און בושה.

און איצטער, אַז מען האָט שוין געהאַלטן בײַם שרײַבן תנאים, איז געקומען רחעלע מאָנען דעם תקיעת־כּף.

פון אָנהייב האָט ער זיך דערשראָקן; ס'האָבן זיך נישט אָפּגעטון פון אים זײַנע אייגענע שטראָף־רייד, וואָס דער זון האָט אים דערמאָנט, גלײַך ווי ער אַליין וואָלט זיי איצטער אַרויסגעבראַכט פון זײַן מויל פאַר זײַן צווייט ווײַב, פאַרוואָס זי מאָנט בײַ אים דעם גט.

די תשוקה צו געלט און כּבוד האָט אָבער בײַ אײַזיקן איבערגע־וועלטיקט דעם פּחד פאַר דער האַרבער שטראָף. ער האָט געזען פאַר די אויגן דעם רײַכן מחותן וואָס וויל נעמען זײַן זון פאַר אַן איידעם און געטראַכט, אַז מיט דער צײַט וועט ער אים אפשר אויך אַרײַננעמען פאַר אַ שותף אין זײַנע געשעפטן. האָט ער געטענהט צו זיך אַליין, אַז זײַן זון טאָר זיך נישט מאַטערן אַ גאַנץ לעבן, ווײַל ער, דער טאַטע, איז פאַרפירט געוואָרן פון איר קליפּה און געגעבן אַ וואָרט אַן דעם קינדס וויסן; ער האָט מיט דער זעלבער האַרבקייט פון די שטראָף־רייד, וואָס האָבן דער־מאָנט דעם צווייטן ווײַב אין תקיעת־כּף, איצטער געענטפערט די באַלע־באַטים פון זשירעוועץ:

— אמת, אַ תקיעת־כּף. ווי איז אָבער דער דין, אַז די כּלה, איך וויל זאָרנישט אַרויסברענגען פאַר דעם מויל, שמדט זיך חס ושלום; ווייסט איר, אַז אַ ייִדישע טאָכטער לאָזט זיך אַוועק אַליין אין די מרחקים אין דער וועלט אַרײַן און שלעפּט זיך אַ גאַנץ זומער אַרום מיט גויִים איבער דער־

פער און פאַרוואָרפענע וועגן, ווו געגעבטיקט נישט געטאָגט, און זעט נישט קיין ייִדן פאַר די אויגן; קען עמעצער ערב זיין, אַז זי האָט אָפּגעהיט כשרות, נישט פאַרגעסן שבת און יום־טוב, און, און... — האָט ער אָנגע־שאַרפט זיינע בליקן, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אויסשרייען, נאָר ער האָט אַריינגענומען זיין אָפּגעוואָקסענע באָרד אין מויל, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און שטיל אויסגערעדט, ווי ער וואָלט געבראַכט אַ שווערע בשורה: — און טהרות משפחה...

און די חשובע באַלעבאַטים, די ערלעכע ייִדן פון זשירעווע, וואָס ווילן אין זייער גוטסקייט נישט פאַרלאָזן אַ ייִדיש קינד אין נויט, ווען אויך נישט מינערן קיין קוצו של יוד פון ייִדישקייט. זיי זענען צעטומלט געוואָרן פון אייזיקס קלאָרע טענות און נישט געוווסט וואָס צו ענט־פערן אים.

זיי האָבן נישט געוואָלט אַרויסלאָזן קיין שם רע אויף אַ ייִדיש קינד, וואָס וואַלגערט זיך נעבעך אַרום, איינע אַליין אין דער פרעמד. זיי האָבן זיך אָבער אויך נישט געקענט איינשטעלן פאַרן תקיעת־כף, וויבאַלד ס׳איז פאַראַן אַ חשש פון חשד אויף דער בתולה, און זיי האָבן אָנגעהויבן זאָרגן ווי אַזוי מען זאָל רחעלען אָפּשיקן אַהיים.

אַנדערש האָט אָבער געטראַכט יאַנקעלע; ער האָט נישט פאַרגעסן דעם טאַטנס רייד וועגן דער סכנה פון נישט האַלטן קיין תקיעת־כף, און אַז ער האָט זיך געזעגן מיט רחעלען באַהאַלטענערהייט אין די זעלבע ערטער ווו ער איז אַמאָל אַרומגעגאַנגען מיט איר איבער די פעלדער, האָט ער אַרויפגעלייגט די הענט ביי איר אויף די אַקסלען, פאַרמאַכט די אויגן און געשעפּטשעט שטיל, ווי ער וואָלט אַרויסגעאָטעמט אַ קוש:

— אַפילו אָן דעם תקיעת־כף, וויל איך חתונה האָבן מיט דיר און נישט נעמען די כלה מיטן סך נדן.

רחעלע האָט זיך אָנגעבויגן אויף יאַנקעלען, ווי אַ צווייג פון בוים לאָזט זיך אַראָפּ אונטער איר שפע, און זי האָט באַטויט אירע רייד מיט טרערן:

— אַז איך האָב זיך אַרומגעשלעפּט איבער די וועגן און נישט געהאַט וואָס צו עסן, בין איך נישט געווען הונגעריק, ווייל איך האָב נישט אַרויס־

געלאָזן פון זינען, אַז איך וועל דיך געפינען און קענען אפשר נאָכאַמאָל אַ קוק טון אויף דיר.

האָט יאַנקעלע אַרומגענומען רחלען, אַריינגענומען אירע צעפּ אין זיינע הענט און די שטילקייט פון די פעלדער האָט זיי ביידן פאַרבאָרגן פון דער גאַנצער וועלט.

די בערג האָבן זיך אויפגעהויבן הויך, פעלזן־פעסטיק. דער וואַלד האָט ווייך אויסגעצויגן זיין שאָטן, און יאַנקעלע האָט אַריינגעאָטעמט אין זיינע רייד די צייטיקייט וואָס די פעלדער האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון די זאַנגען:

— איך וועל אויך נישט זיין הונגעריק און וועל אַוועקגיין מיט דיר אַזוי ווי די ביסט אַוועק פון דער היים; מיר וועלן גיין אַזוי ווייט, ווייטער ווי די פעלדער ציִען זיך, קיינער זאָל אונדז נישט זען.

***

און אַז רחלע איז געקומען צו יעקב־לייב דעם שוסטער, האָט שיינע זיין ווייב דערקענט ביי דעם מיידל אויפן פּנים, אַז יאַנקעלע האָט זי גע־טרייסט מיט זיינע גוטע רייד און איר האָט אַרומגענומען אַ פרייד, ווי זי וואָלט געזען דעם נחת אויף אירער אַן אייגענער טאָכטער.

שיינע האָט געהאַט זעקס זין און נישט קיין טעכטער. די זין זענען געווען געראָטן אין טאַטן, זיי זענען אויסגעוואַקסן הויכע, שטאַלטנע, גע־זונטע, און זי אַליין — די מאַמע, איז געווען אַ קליינע און שטענדיק געליטן פון אַ מיחוש. איר האָט נישט אַזוי וויי־געטון דער ווייטיק ווי איר האָט געקלעמט איר עלנטקייט, וואָס זי קען קיינעם אין שטוב נישט זאָגן, אַז ס׳טוט איר וויי דער קאָפּ אָדער ס׳דרייט איר אין בויך. „מאַלע וואָס פאַר אַ ווייטיקן ס׳כאַפּט אָן אַ אישה, מען קען עס אַפילו פאַר דעם מאַן נישט אויסריידן״. האָט זי געטראַכט ביינאַכט אויפן געלעגער, ווען אַלע זענען געשלאָפן און איר האָט קיין שלאָף נישט גענומען. „ווען זי האָט אָבער אַ טאָכטער, כאָטש איין מיידל, וואָלט זי געוווסט אַז זי האָט אַן אייגן קינד; זי וואָלט עס נישט בלויז געטראָגן און געבוירן, נאָר אויך געהאָדעוועט אויף די אייגענע הענט. אויף שבת וואָלט זי איר אויסגעצוואָגן דעם קאָפּ און פאַרפלאָכטן די צעפּ; אויף יום־טוב וואָלט זי אַליין אויפגענייט פאַר איר

אַ קלייד און טאַקע אָנגעמאָסטן אויף איר מיט אייגענע הענט. און ווען איר הייבט אָן דרייען אין בויך וואָלט זי זיך נישט געשעמט זאָגן איר: „מיין טאָכטער, מאַך אַ וואָרעמען קאָמפּרעס און לייג מיר צו צום בויך״.

האָט שיינע אַליין נישט געוווּסט, צי זי קרעכצט פון אירע ווייטיקן אָדער בענקעניש נאָך אַ טאָכטער; און אַז רחעלע האָט אָנגעהויבן קומען צו שיינען אין שטוב און געלאָזט איר פאַרפלעכטן אירע צעפּ, האָט זיך שיינען געדוכט, אַז זי קאָמט די האָר פון איר טאָכטער, וואָס האָט זיך אָפּגעזוכט פון דער פרעמד און איז געקומען צוריק אַהיים. האָבן זיך פון איר אָפּ־געטון אירע אייגענע ווייטיקן און זי האָט אָנגעטאָן אויף זיך רחעלעס צער. זי האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דער ייִדישער טאָכטער, דער תקיעת־כף זאָל אָפּגעהיט ווערן וויבאַלד יאַנקעלע וויל חתונה האָבן מיט איר. זי האָט נישט געלאָזט רוען אַ שטיין אויף אַ שטיין. זי איז געגאַנגען צו די באַלעבאַטים אין זשירעווע, געשיקט שליחים צו אייזיקן און געסטראַשעט, אַז זי, אַ ייִדענע, וועט אַליין פאָרן צום רב אין סלאָנים.

יאַנקעלע פלעגט זיך אַריינגנבענען צו יעקב־לייבן אין שטוב מיט אַ תירוץ, מיט אַן אויסרייד, מיט אַ כלומרשטער שליחות פון טאַטן און געטון רעדן צו שיינען די רייד וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן רחעלען, אַז ער האָט איר שטאַרק האָלט, ער וויל נישט חתונה האָבן מיט קיין אַנ־דע־רער, זי זאָל נישט אַוועקגיין פון זשירעווע, ער וועט אַנטלויפן צוזאַמען מיט איר אין דער ווייטער וועלט אַריין.

האָט זיך שיינע דערמאָנט אין דער ליבע פון אמנונען מיט תמרן, וואָס זי האָט געליינענט אין טייטש־חומש און די יונגע קינדער וואָס זי האָט אויסגעוואָרעמט מיט איר צער, אין די תחינות, האָט זי איצטער דער־זען דאָ אין זשירעווע, ביי זיך אין הויז. האָט זי נישט געקענט רוען; זי האָט געוואָלט פאַרדינען אַ גרויסע מצווה און איז אַליין אַוועק צו אייזיקן מאָנען, אַז ער זאָל האַלטן דעם תקיעת־כף.

האָט אייזיק דערזען, אַז די וועלט שווייגט נישט; דער מחותן וועט דערהערן די האַרבע רייד וואָס די ווייבער רעדן אין זשירעווע, וועט ער זיך דערשרעקן פאַר דער עוולה וואָס הויערט ביי דער שוועל פון זיין טיר און ער וועט אָפּלאָזן דעם שידוך. האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ שם־רע אויף רחעלען, אַז די פּויערים און בעטלער, וואָס זי האָט זיך אַרומגעשלעפּט

מיט זיי וואָכן און חדשים אין דער וועגנס, האָבן אים דערציילט, אַז זי האָט געגעסן זייער עסן, געקניט אין די קלויסטערס און געשלאָפן צוזאַמען מיט זיי אונטער דיביימער, אָט אַזוי ווי זייערע ווייבער זענען נישט געווען אָפּגעשיידט פון זיי. יעדן איינעם האָט ער פאַרטרויט דעם זעלבן סוד מיט ווייטיק: „און אַז מען שלעפּט זיך אַרום מער ווי אַ יאָר, אַ מיידל איינע אַליין, איבער דערפער און וועלדער, ווער ווייס, וואָס זי האָט איבערגע־לאָזן אויפן וועג?“ געענדיקט האָט ער מיט אַ פרום פּנים: „פאַרוואָס איז זי נישט אַוועק אַהיים, נאָר געקומען אַהער?“

אַז שיינע האָט אויסגעהערט וואָס אייזיק האָט געזאָגט, האָט זי אים נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן; אַז זי איז אָבער געקומען אַהיים און אַ קוק געטון אויף רחעלען איז איר האַרץ געוואָרן ווייך צו דער טאָכטער, וואָס זי האָט געגאַרט איר גאַנץ לעבן און איר ליבע צום קינד האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַ ביטערער שנאה צו אייזיקן.

— זאָג דיין טאַטן, — האָט זי געזאָגט יאַנקעלען, — ס'איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט, אַ טאַטע אין הימל, וואָס פירט אַ רעכענונג, אַי וועט ער איינמאָנען! און ביי די באַלעבאַטים פון זשירעוווע האָט זי אַליין גע־מאָנט: „פאַרוואָס שווייגט אַן עדה יידן?“

אין דער אמתן האָט די עדה יידן נישט געשוויגן; זי האָט זיך איינ־געטיילט אין צוויי צדדים: איין צד האָט געהאַלטן מיט שיינען, אַז מען טאָר נישט פאַרשעמען אַ יידישע טאָכטער; דער אַנדערער צד האָט גע־טראַכט פאַר זיך אַליין, אַז אַ ייד וואָלט נישט געוואָלט נעמען אַזאַ מיידל פאַר אַ שנור. זייערע מחשבות זענען אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר דער וועלט און אָנגעטון חרפּות און בזיונות רחעלען. זי האָט געוואָלט קומען צו שיינען און רעדן צו איר, אָט אַזוי ווי זי האָט פאַרנומען דעם זיידנס רייד, און דערציילן איר, אַז זי איז טאַקע געגאַנגען מיט די גוים, ווייל זיי האָבן איר געוויזן דעם וועג קיין זשירעווע. זי האָט אָבער נישט פאַרזוכט קיין טרפות. זי האָט געגעסן ברויט מיט וואַסער, זי האָט זיך נישט אויסגעטאָן ביינאַכט און איז געשלאָפן אין די זאַכן.

דער שם רע וואָס אייזיק האָט אַרויסגעלאָזן וועגן רחעלען האָט זיך אָבער געצויגן אַפּריער פון איר, ווי אַ ווינט טרייבט דעם רויך אַפּריער פון פייער, און פאַרהוילן דאָס געשטאַלט פון דער יידישער טאָכטער, וואָס

האַט געטראָגן דעם אמת אין די אויגן. האָט רחעלע אויסגעמיטן די חשד־בליקן פון אַן עדה יידן, זי האָט זיך געשעמט באַווייזן פאַר שיינען און אַרומגעוואַנדערט איבער די פעלדער, אפשר וועט זי דערזען דאָרטן יאַנ־קעלען. נאָר יאַנקעלע האָט זיך נישט באַוויזן צו איר.

— ו —

רחעלע האָט אַזוי לאַנג געוואַנדערט ביז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט צו נאָטע דעם קרעטשמער אין מערימין.

נאָטע האָט נאָך נישט פאַרגעסן זיינע אַלטע רעכענונגען וואָס ער האָט געהאַט מיט אייזיקן, ווען ער איז געווען רייך און איז אַרויסגעפאָרן אין זיין קאָטש נאַשפּיץ. ער האָט געדענקט מיט וואָס פאַראַ גאווה אייזיק האָט גערעדט צו אים, ווען ער איז געקומען צום גראַף אין הויף, און זיך נישט געלאָזט דערקענען צו אַ יידן. האָט ער זיך דערפרייט וואָס רחעלע איז געקומען צו אים אין הויז און ער קען אָפּדינען מיט גוטס אַ יידישע טאָכטער וועמען אייזיק האָט געטון שלעכטס. האָט ער איר נישט געוויזן דעם וועג קיין זשירעווע און אָפּגערעדט פון גיין צוריק צו אייזיקן מאָנען דעם תקיעת־כף:

— ווען ער איז געווען רייך זענען וועלף געלאָפן אַפּריער פאַר זיין קאָטש, איצטער וועט אַפילו אַ הונט נישט אַריינשמעקן צו אים אין הויז.

ער האָט אַריינגענומען רחעלען צו זיך אין שטוב, געגעבן איר עסן און טרינקען, און געטראַכט, אַז דאָס קינד וועט אָפּרוען וועט ער זי איינ־רעדן פאָרן צוריק אַהיים, אָדער אַרויסרופן דער מאַמען, זי זאָל איר קומען צונעמען פון דאַנען. רחעלע האָט אָבער נישט געוואָלט אויפעסן קיין ביסן ברויט אומזיסט. האָט זי זיך איינגעשפּאַרט, אַז זי וועט זיך פאַרדינגען פאַר אַ דינסט אין קרעטשמע. נאָטע האָט נישט געוואָלט נעמען קיין יידישע טאָכטער פאַר אַ דינסט; ס'האָבן זיך אָבער אָנגערוקט די אָסיענדיקע טעג מיט די רעגנס און בלאָטעס. אין דער צייט קען מען נישט אַרויסשיקן אַ מיידל אין אַזאַ ווייטן וועג און מען קען נישט אַרויסרופן דער מאַמען אַהער קיין מערעמין. האָט ער זיך באַוואָרנט, אַז רחעלע זאָל שרייבן אַ בריוו

אַהיים און גענומען אויף זיך „טאַקע אַ דינסט, ער וועט זי אָבער האַלטן, ווי אַן אייגן קינד ביז פּסח און דערנאָך אָפּשיקן זי צו דער מאַמען".

רחעלען איז אָבער נישט אָנגעשטאַנען זיך איבערצובעטן מיט דער מאַמען, האָט זי איר נישט געשריבן קיין בריוו, און ביינאַכט, אַז זי איז געלעגן אויפן געלעגער און פאַרנומען די רייד וואָס דער זיידע האָט אַמאָל גערעדט צו איר אין די אָוונטן ווען ער איז געזעסן ביים טיש איבער אַן אָפענעם ספר, האָט זי זיך געבעטן ביי אים:

— בין איך שולדיק וואָס אויף דער וועלט זענען פאַראַן אַזויפיל שלעכטע מענטשן?. זי האָט דערמאָנט די עוולות וואָס אייזיק האָט געטון נאָטען ביים גראַף, גלייך ווי זי וואָלט דערציילט די נגישות וואָס מען האָט איר אָנגעטון, און אַליין געמאַכט דעם רעכענונג:

— אַז ער איז אַוועקגעפאָרן פון גראַף, האָט שוין נאָטע געוווסט, אַז דער גראַף וועט שיקן צו אים דעם עקאָנאָם מיט טענות, אַז ער האַלט נישט ריין די בהמות אין שטאַל. דער ריח פון די קאָנען פאַרשטינקט דעם הויף.

רחעלע האָט געשפּונען נאָטעס מעשיות וועגן אייזיקן, איבערגעחזרט זיינע ווערטער: „דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פוןביימעלע, יאַנקל איז נישט אַנדערש ווי דער טאַטע", און אַליין צוגעגעבן מיט כעס, מיט ביטערקייט:

— ווי נישט, וואָלט ער געקומען אַ קוק טון אויף איר.

די שנאה צו אייזיקן האָט זיך אויסגעקנאָטן אין אַ געטרייקייט צו נאָטען מיט זיין משפּחה. זי האָט געאַרבעט שווערער פון נאָטעס ווייב, אויפגעשטאַנען פריִער פון זיינע קינדער און זיך נישט געלייגט שלאָפן איידער מען האָט אויסגעלאָשן די פייערן אין קרעטשמע. און אַז נאָטע האָט גערעדט צו איר, מיט דער זאָרג פון אַ טאַטן וועגן זיין קינד:

— רחעלע, דו דאַרפסט נישט אַזוי האָרעווען, ס'איז פאַראַן אַ שיקסע וואָס קען אַריינטראָגן האָלץ אין שטוב — האָט רחעלע געביסן איר פאַרשעמטן שטאָלץ מיט איר ווייטיק און געענטפערט שטיל און רויִק: — אַ ייִדישע דינסט איז טאַקע נישט קיין שיקסע, זי עסט נישט קיין טרפות, זי דאַרף אָבער כשר פאַרדינען איר שטיקל ברויט. נאָטע האָט פאַרשטאַנען אַז זי מיינט נישט אים, נאָר דאָס ענטפערט זי אייזיקן מיט זיין זון, האָט

ער אַרויפגעלייגט די האַנט ביי איר אויפן אַקסל, אַרויסגעקוועטשט פון זיך אַ שמייכל:

— דערפאַר וועסטו זיך אויספוצן אויף פסח און פאָרן אַהיים אויף יום־טוב אין דער קאַטש, וואָס מען האָט צוגענומען ביי אייזיקן.

— ז —

אמת, אייזיק האָט פאַרלוירן זיין קאַטש מיט די יונגע בולאַנער פערד. ער האָט אָבער אויסגעפּירט ביי זיין זון. יאַנקל איז צו וויט אין די פעלדער נישט געגאַנגען זוכן רחעלען; אים האָט זיך נישט געלייגט אויפן זינען, אַז זי זאָל איינע אַליין, אָן אים, אַוועקגיין איבער די פאַרלאָזענע וועגן אין די טיפע וועלדער און וואַרטן דאָרטן אויף אים. האָט ער זיך אַרויסגע־גנבעט פון שטוב און איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט. ער האָט זיך אַוועק־געשטעלט, און זיך איינגעקוקט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ ווי אַ פאַרשפּע־טיקטער פויגל ציט אויס, אין אַסיען, זיין האַלדז אויף אַ פאַרדאַרטן צווייג. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, צי ער זוכט רחעלען, אָדער ער וואַרט דער טאַטע זאָל זיך באַווייזן מיט זיין מוסר, אַז די מאַמע וועט נישט האָבן קיין רו אויף יענער וועלט, און אים, דעם טאַטן, וועט ער מאַכן פאַר אַ בעטלער, ער זאָל אַרומגיין אויף די עלטערע יאָרן מיט אַ טאָרבע איבער די הייזער.

נאָר דער טאַטע האָט זיך נישט באַוויזן אויפן שוועל פון טיר און רחעלען האָט יאַנקל נישט דערזען אויף די פעלדער. האָט ער זיך אויס־געליידיקט פון אַלע זיינע מחשבות און איז געבליבן שטיין אין דעםברייטן צעשפּרייטן דרויסן אָן די טריט אונטער די פיס. אים האָט זיך געדוכט, אַז דער ווינט הייבט אים אויף העכער פון זיך און וועט אים באַלד אַראָפּ־וואַרפן פון דעם הויכן באַרג און צעמאָלן צווישן די שטיינער.

האָט ער זיך געוואָלט באַהאַלטן פון דער ווייטער ווייטקייט, ער האָט אָבער מורא געהאַט אַריינגיין צוריק אין שטוב. פון הויז האָט געבלאָזן מיט אַ פּחד, ווי פון אַ פאַרלאָזענעם בנין, ווו די טריט זענען פאַרוואַקסן געוואָרן מיט מאָך. האָט ער זיך אַוועקגעיאָגט צו שיינען, יעקב־לייב דעם שוסטערס ווייב. שיינע האָט נישט פאַרנומען יאַנקלס נעבעכדיק קול: „ווו איז רחעלע?" און זי האָט נישט געזען די דערשלאָגנקייט וואָס האָט אים

אַראָפּגעגנידערט טיפֿער פֿון זײַנע טריט. זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין רחעלען, וואָס ער, יאַנקל, האָט צוזאַמען מיט זײַן טאַטן פֿאַרטריבן איר קינד פֿון איר הויז. האָט זי זיך אָפּגעקערט פֿון אים, נישט אויסגערעדט קיין וואָרט און געביסן די ליפּן אויף די אייגענע זינד. זי האָט געשאָלטן דאָס בייז וואָס הויערט אויף דער וועלט און געוואָרנט דעם טאַטן און דעם זון מיט דער שטראָף וואָס קומט אויף דעם מענטשן פֿאַר זײַנע שווערע חטאים.

און אַז יאַנקל איז נישט אָפּגעטראָטן פֿון איר, האָט זי אים געוואָרפֿן אין פּנים אַזוי האַרב און שאַרף די רייד, ווי זי האָט גערעדט צו די ייִדן פֿון זשירעווע:

— ווען דו האָסט אַ האַרץ פֿון אַ ייִדן און נישט די רציחה פֿון אַ גראַף, ביי וועמען דײַן טאַטע האָט געפּרעסן און געזויפֿט ביז וואַנען מען האָט אים אַרויסגעטריבן פֿון די הויפֿן; דו ביסט נישט בעסער פֿון דײַן טאַטן, אַרויס פֿון מײַן שטוב!...

יאַנקל האָט ניט געקענט איבערטראָגן די אייגענע חרפּה. ער האָט ניט געוואָלט לאָזן פֿאַרשוועכן דעם כּבֿוד פֿון טאַטן. האָט זיך אויפֿגעוועקט בײַ אים דער כּעס, וואָס האָט איבערגעזאָדן אין זיך די ליבע צו רחעלען, און ער האָט אַרויסגעשריען די ביטערקייט פֿון שײַנעס רייד: „און איר זײַט נישט בעסער פֿון רחעלען. זי האָט נישט געגעסן בײַ די גראַפֿן, נאָר בײַ די גויִים אין די קלויסטערס!“

ער האָט געוואָלט נאָך רעדן, אַ סך רעדן, נאָר זײַן קול איז אויסגע־טריקנט געוואָרן, ווי אַן עמער וואַסער שעפּט זיך אויס און אים האָט זיך געדוכט, אַז פֿון אים אַליין, פֿון זײַן גאַנצן גוף, איז אויך גאָרנישט אי־בערגעבליבן. עמעצער אַנדערש האָט זיך אַרויסגעשאַרט פֿון שײַנעס הויז און איז געקומען אַהיים. האָט ער זיך דערנענטערט צום טאַטן, זיך אָנגע־בויגן אויף אים, ווי אַ בגד העגנגט אַראָפּ פֿון אַ הענגער: „נו, וואָס זאָגסטו! טאַטע?“ און געוואָלט אים דערציילן וואָס שײַנע האָט גערעדט וועגן אים.

אייזיק האָט זיך דערפֿריית מיטן זונס צוגעלאָזנקייט און נישט געלאָזן אים זאָגן נאָך אַ וואָרט; ער האָט אַליין ווײַטער געצויגן זײַנע רייד און געגעבן יאַנקעלען געדעכט: „אַ וועלט איז נישט משוגע, אַלע ווייסן שוין, פֿאַר קיינעם איז דאָס נישט קיין סוד...“

ער האָט צוגעטוליעט צו זיך זיין קינד, ווי ער וואָלט אים געוואָלט געבן אַ קוש: „דער מאַמעס זכות האָט אויפגעעפנט דיינע אויגן; זי האָט זיך געמיט פאַר אונדז ביידן, דו זאָלסט ח״ו נישט פאַרבלענדט ווערן״.

יאַנקל האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ קול פון טאַטן, האָבן די ווערטער געגלעט ווי אַ ווייכע האַנט וואָלט אים אַרויסגעפירט פון דער צעשפּרייטקייט פון די פעלדער, פון שיינעס בייזקייט, און ער אַליין האָט איבערגערעדט דעם טאַטנס ווערטער: „אַ שיינעם כבוד וועסטו אָנטון דיין גאָטספאַרכטיקער מאַמען, צבי הירש דעם רבס אייניקל, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן״.

אייזיק האָט געיאָגט דעם שדכן מיטן שידוך, דער מחותן זאָל קיין חרטה נישט האָבן און איר קליפּה זאָל צוריק נישט קריגן קיין שליטה אויף יאַנקעלען. „אָט אַזוי ווי״ האָט ער געוואָלט אויסמעקן פון זיין געדע־כעניש איר מאַמען — זיינע אייגענע נאַרישקייטן.

דער מחותן האָט געוווסט, אַז זיין לאה איז טאַקע אַ בת־יחידה. דאָס אויג פון קאָפּ ביי טאַטע־מאַמען. דער איבערשטער האָט איר נישט גע־קאַרגט קיין גוטסקייט, ער האָט אָבער די קלוגשאַפט אויסגעטיילט טראָפּנ־ווייז. האָט ער, דער טאַטע, זיך געשראָקן זיין טאָכטער זאָל, ח״ו, נישט פאַרזעסן ווערן אויפן דאַרף צווישן די גויים. ער האָט אַוועקגעבלאָזן מיטן ווינט אין באָרד אַריין די רייד וועגן תקיעת־כף: „מאַלע מיט וואָס קינדער שפּילן זיך קליינערהייט. און ווער ווייס צי ס׳איז גאָר געווען אַ תקיעת־כף״.

אַז ער האָט אָבער גערעדט וועגן שידוך, האָט ער קלאָר און שאַרף איינגעזעצט די ווערטער פאַרן ווייב:

— פון שיינעם יחוס, מען ווייס ביי וועמען ער האָט זיך אויסגעהאָ־דעוועט, זעסט דאָך, אַז ער וויל אַפילו זיך נישט אַרומקוקן אויף יענער. געזונט און שטאַרק קיין ע״ה. און ער דאַרף גאָרנישט זיין קלוגער פון דיין טאָכטער. וועט איר זיין גרינגער און בעסער...

האָט מען געשריבן תנאים, געשטעלט די חתונה איידער די פרעסט האָבן אָפּגעלאָזן און אייזיק איז איינגעגאַנגען דאָס יונגע פּאָרפאָלק זאָל וווינען ביי דעם מחותן.

ער האָט דערביי געהאַט זיין אויסרעכענונג: אַז דער זון וועט וווינען ביי דעם שווער, וועט ער טיפער אַריינגיין אין זיינע געשעפטן און ס׳וועט

אפשר אויך צופאַלן פאַר אים אַ חלק. דערהויפּט האָט ער אָבער אין זינען געהאַט, יאַנקל זאָל זיין ווייטער דערווייטערט פון איר, ווערט זי זיך אפשר אָפּוועקשלעפּן צוריק אַהיים; ווי לאַנג וועט נאָטע שפּילן צעלאָכעס מיט אים און האַלטן זי ביי זיך אין שטוב, וועט איר שאַטן נישט קומען אַפילו פאַר זיינע אויגן און ער וועט פאַרגעסן אין איר.

יאַנקל האָט אָבער נישט פאַרגעסן אין רחעלען און ווען זיין ווייב, לאה, האָט אים גערופן „יאַנקל" האָט ער געהערט רחעלעס קול „יאַנקעלע". אים האָט זיך געדוכט, אַז די רייד וואָס קומען אים אויפן זינען, ציטערן אין רחעלעס אַ סוד און ער דאַרף זיך היטן מען זאָל נישט דערהערן איר נאָמען. ער זאָל נישט אויסשרייען: „מען האָט דאָך געמאַכט אַ תקיעת־כף און זי האָט זיך אָפּגעוואַלגערט אַ גאַנץ יאָר אין קעלט און רעגן, ער זאָל האַלטן דעם תקיעת־כף". אים האָט זיך געדוכט, אַז דער שטן רייצט זיך מיט אים: „טו אַ קוק אויף דיין ווייב ווי זי האַלט אַראָפּגעלאָזן איר קיילעכ־דיקן אָנגעבלאָזענעם פּנים און דערמאָן זיך אויף רחעלעס גילדערנע האָר".

ער האָט אָבער פאַרבאָרגן זיינע רעיונות, גלייך ווי ער וואָלט זיי אָפּגעהיט פאַר רחעלען און האָט געציילט און געהיט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אויסגערעדט. ער האָט געענטפערט וואָס מען האָט געפרעגט ביי אים, נאָר אַליין האָט ער נישט פאַרצויגן קיין רייד, נישט מיט דעם שווער און נישט מיט דעם ווייב.

— נישט אַזוי ווי עס דאַרף צו־זיין דאָס ערשטע יאָר נאָך דער חתונה — האָט די שוויגער דערמאָנט דעם שווער, — דאָס ווייבל ליידט און שוויגט, זי גייט אָבער אײַן מיט יעדן טאָג.

האָט דער שווער געפּרוווט דערמאָנען יאַנקעלען, אַז ער איז אַ יונ־גערמאַן ערשט נאָך דער חתונה. געוואָלט אַריינצי͏ען אים אין דער אַרבעט פון מיל, ער זאָל פירן די חשבונות פון די וועלדער און צוגעגעבן אים חשק:

— דיין טאַטע איז דאָך אַ סוחר, געווען אַמאָל אַ גרויסער סוחר און נישט געצויגן קיין דראַטוועס ביים וואַרקשטאַט פון כאַליעוועס, ווייסטו דאָך...

יאַנקעלע האָט אָבער געטראַכט, אַז יעקב־לייב איז טאַקע אַ שוסטער, אָבער שיינע זיין ווייב איז געווען גערעכט — אירע רייד גייען אים פון זינען נישט אַרויס. און ס'איז פאַר אים נישט קיין כבוד, וואָס זיין טאַטע

האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד מיטן תקיעת־כף. ווען ער האָט נישט געוואָלט געבן קיין גט; ער האָט עס אָבער פאַרגעסן, ווען די שטיינער פון בריק האָבן געוויינט מיט רחעלעס טרערן. דעמאָלט האָט ער אים געשראָקן נישט מיט דעם תקיעת־כף, נאָר מיט דער מאַמען אויף יענער וועלט און פאַר־שעמט רחעלען מיט די רייד, וואָס ער האָט אריינגעטון די חשובע באַלע־באַטים פון זשירעווע.

ער האָט נישט געוואָלט אָנטון קיין חרפּות זיין טאַטן, האָט ער נישט געענטפערט דעם שווער, נאָר אָפּגעקערט זיין בליק צום פענצטער, זיך איינגעקוקט אויף דער ווייטקייט און געטראַכט, ווען ער קען אַ שפּרונג טון צו נאַטעס קרעטשמע, בלויז איין בליק טון אויף רחעלען, און זאָגן:

— רחעלע...״

זי זאָל ענטפערן: „יאַנקעלע״.

און איצטער נאָך דער חתונה, האָט זיך יאַנקל אַריינגעטון אין זיינע רעיונות, אַט אַזוי ווי ער האָט זיך יינגלוויז פאַרשפּאַרט אין אַ חדר פון דעם טאַטנס הויז ווען רחעלע איז מיט דער שטיף־מוטער אַוועקגעפאָרן אַהיים צו איר זיידן; דעמאָלט איז דער טאַטע נאָך געווען רייך, איז אַרויס־געפאָרן אין זיין קאַטש, די פערד נאַשפּיץ, מיט די זילבערנע גלעקלעך. דאָס הויז איז געווען גרויס, ווי אַ פּאַלאַץ, מיט אַ סך צימערן און חדרים. יאַנקעלע פלעגט זיך אָבער אָפּזונדערן אין אַ זייטיקן הינטערשטן צימער, צומאַכן די לאָדן פון די פענצטער און זיך אַוועקלייגן אויפן בעט. אין דער טונקלקייט פון חדר פלעגט ער זיך איינקוקן ווי די זון־שטראַלן לייכטן דורך די שפּאַרונעס פון די לאָדן. זיינע בליקן האָבן געוואָלט אָנשעפּן די שטראַלן, וואָס האָבן זיך אַריינגעשניטן אין חדר ווי גילדערנער שטויב, זיי זאָלן אים לייכטן אין דער פינצטער, ווען ער וועט האַלטן פאַרמאַכט די אויגן. ער איז געלעגן אויפן בעט, האָט צוגעמאַכט און געעפנט די אויגן, זיך געשפּילט מיט דער ליכטיקייט און פינצטערניש ווי ער וואָלט זיך נאָך עמעצן נאָכגעיאָגט — געכאַפּט און פאַרלאָרן.

„אַזוי איז אויך מיט רחעלען״, האָט ער געעפנט און פאַרמאַכט די אויגן; אַט האָט ער דערזען די שטראַלן: „זי איז דאָ״... און אַט איז דער בליק איינגעזונקען געוואָרן אין דער פינצטערניש: „זי איז שוין נישטאָ, די ווייטע וועגן האָבן זי איינגעשלונגען...״

מיט דער שפּיל פון ליכט און פינצטערניש האָט יאַנקעלע געשטילט זיין בענקעניש נאָך רחעלען און איינגערעדט זיך: „אָט־אָ איז געוואָרן נאַכט — און זי איז אַוועקגעפאָרן; ס׳קומט אָבער אויך טאָג, מען דערזעט די ביימער, וועט זיך רחעלע אויך באַווייזן...״

ס׳איז אָבער אַוועק נישט איין נאַכט און נישט איין טאָג, רחעלע האָט זיך נישט באַוויזן פון דער ווייטער שטאָט. יאַנקעלען איז נישט איינגעפאַלן אַוועקצושטעלן אַ טראָט גיין זוכן זי, אַזוי ווי אַ מענטש פּרוּווט נישט אַריינגעמען אין האַנט זיין שאָטן, וואָס אַנטלויפט אַפּריער פון אים. איז ער געלעגן אויפן בעט און געטראַכט, אַז ער וועט באַגעגענען רחעלען, וועט ער זי אַרומנעמען און קושן — שטאַרק קושן, גלייך ווי ער וואָלט מיט דעם אויסגעפירט עפּעס, וואָס ער האָט צוגעזאָגט רחעלען.

אַז דער טאַטע איז, אין יענער צייט, געקומען אַהיים פון אונטערוועגנס און געפרעגט ביי דעם מלמד: „ווי לערנט יאַנקל״, אָדער ביי דער דינסט: „ווי פירט זיך אויף זיין זון?״ האָט ער נישט געוואָרט אויף זייער ענטפער, נאָר אַליין אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— זאָג, וואָס וועט זיין פון דיר? נישט צו גאָט און נישט צו לייט.

— אָבער פאַר רחעלען! — האָט זיך יאַנקל געוואָלט אָפּרעכענען מיטן טאַטן און אויסשרייען הויך אויפן קול איר נאָמען, נאָר ער אַליין האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם וואָרט, האָט גאָרנישט געזאָגט, און איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די פעלדער, זיך איינגעקוקט אויף די פייגעלעך, געציילט וויפל ס׳שטעלן זיך אָפּ אויף די צווייגן און וויפל ס׳פליען אַוועק, געענטפערט דעם טאַטן און גערעדט צו זיך אַליין:

— איך וועל נעמען רחעלען — זי וועט זיין מיין כלה...

ס׳זענען אַוועק יאָרן, יאַנקעלע האָט חתונה געהאַט און נאָך דער חתונה האָט ער נישט געקענט איינזיצן ביים שווער אין הויז אַזוי ווי ער איז אַנטלאָפן אין דער היים פון טאַטן. אים האָט געצויגן אין פעלד, ווו די זריעה האָט געשפּאַרט די זאַנגען פון דער ערד. ער האָט זיך איינגעקוקט: „אָט־אָ איז דער וואַלד, דאָרטן הייבט זיך אויף דער באַרג; רחעלע שטייט לעבן אים, דער שיין פון אירע בלאָנדע צעפּ פאַלט צוזאַמען מיט דער זון אויף איר פּנים, נאָר ער קען זיך נישט אָנבייגן צו איר״. ער ציט אויס די

האַנט צו איר, נאָר זי דערוווייטערט זיך פון אים אַ בייזע, און דער ווינט טראָגט איר קול צו אים, ווי ס׳שניידט אַ האָגל:

— איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט דינען ביי נאָטען, ער זאָל זיך קענען אָפּרעכענען מיט דיין טאָטן, דו זאָלסט וויסן, אַז איך דין ביי יענעם, און דיר טראָגן צו דינסטן אַ לעפל.

בעט זיך ביי איר יאַנקל: „מיין מאַמע איז געווען אַ גוטע, אַ פרומע; מיין טאָטע איז אָבער אַ שלעכטער, אַ בייזער; ער האָט דער מאַמען פאַרשניטן די יאָרן און אָפּגעשניטן מיין לעבן".

ער דערציילט איר:

— מיין געלעגער איז מיר האַרט ווייל איך ווייס, אַז דו וואַלגערסט זיך אַרום אין דער פרעמד. מיין ווייב, לאה, איז מיר פרעמד, ווייל איך קוק אויף דיר, רחעלע. איך וועל זיך פאַרדינגען פאַר אַ פאַראָבאָק צו נאָטע דעם קרעטשמער ווי דער פאָטער יעקב האָט געדינט ביי לבנען, נישט אויף זיבן, פערצן יאָר, נאָר אויפן גאַנצן לעבן, אויף אייביק, איך זאָל אינדערפרי דערהערן דיין קול, יאַנקעלע, און ביינאַכט זאָל איך דיר קענען זאָגן אַ גוטע נאַכט — רחעלע.

רחעלע גיט אים אָבער נישט נאָך, מאַנט שאַרף: „יעקב האָט געוואָרט דריי מאָל זיבן יאָר אויף רחלען און דו האָסט זיך דריי מאָל זיבן טעג נישט איינגעשטעלט פאַר מיר און פאַרביטן מיך אויף לאהן".

זי ווערט אָפּגעמעקט פון זיין בליק, אַזוי ווי דער ווינט טראָגט אַוועק אַ וואָלקן פון בלויען הימל און זי הערט נישט זיין געבעט:

— דער פאָטער יעקב האָט האָלט געהאַט רחלען און האָט חתונה געהאַט מיט ביידן, מיט לאהן און רחלען. ער קען אָבער נישט האָבן קיין צוויי ווייבער, האָט ער חתונה געהאַט מיט לאהן, אַזוי ווי יעקב האָט זיך געלאָזט אַרייננאַרן פון לבנען און גענומען די מוטער לאה פאַר אַ ווייב. זיין ליבע צו רחעלען איז אָבער שטאַרקער ווי יעקבס צו דער מוטער רחל.

יאַנקל קען אָבער קיינעם נישט זאָגן די רייד. אָט אַזוי ווי אין די יינגלשע יאָרן האָט ער נישט געהאַט צו וועמען צוצוטוליען זיין עלנטקייט. שטייט ער לענגער ביים דאַווענען, איבערגעדעקט מיטן טלית, ווי ער וואָלט זיך באַהאַלטן פון דער וועלט און זאָגט די תפילות, ווי עמעצער וואָלט

אים געענטפערט אויף זיינע רייד. ער גיסט אויס זיין בענקעניש אין שיר השירים, וואָס ער היט אָפּ צו זאָגן יעדן פרייטיק בייטאָג.

„הגידה לי שאהבה נפשי״, האָט רחעלע געערדט צו אים, „זאָג מיר, דו, וואָס מיין האַרץ ליבט? ״איכה תרעה — אויף וועלכע פעלדער זוכסטו מיך אַרום?״ און יאַנקעלע האָט אַרויסגעלאָזן אַ טיפן געזאַנג. „לא תדעי לך היפה בנשים — ווייסט נישט, דו שענסטע פון אַלע פרויען, ווו איך זוך דיך; אויף די פעלדער ווו די זאַנגען צייטיקן זיך, אין שאָטן פון דעם וואַלד, אויף דעם שפּיץ פון פעלזן־באַרג״.

זיין קול האָט זיך געטראָגן איבערן הויז מיטן אומעט וואָס די פעלדער פאַרצייען פאַרנאַכט דעם טוי, מיט דער האָפענונג וואָס די פייגעלעך וועקן אויף דעם טאָג אין די נעסטן, און אָנגעזאָגט, אַז די וואָך לייטערט זיך אויס אין דעם הייליקן שבת.

לאה האָט זיך איינגעקוקט אין איר מאַן, ווי זיין פּנים לייכט אין דער לויטערקייט פון דער זון אין זיין געזאַנג. ער ווערט שענער פון טאָג צו טאָג, אָט אַזוי ווי אַ בלום בליט זיך פאַנאַנדער אין די גרינע בלעטער. איר האָט זיך געדוכט, אַז ער זינגט מיט איר קול, מיט די רייד וואָס זי וויל זיך דערנענטערן צו אים, ווען זיינע אויגן פאַרצייען זיך מיט דעם טוי פון דער אייגענער ווייכקייט. ער שטייט אָבער דעמאָלט אַ ווייטער, אַ פרעמדער און זי שעמט זיך אַפילו פאַר אים אין די אויגן זיך אויסצוטאָן ביינאַכט. נאָר איצטער, אַז זי הערט ווי ער זאָגט שיר השירים, איז איר נישט שווער זיך אָוועקצוזעצן לעבן אים, אַריינקוקן צוזאַמען מיט אים אין סידור און לאָזן הערן די רייד וואָס גייען אויף אין איר פון זיין קול. ווי אַזוי אָבער קען זי אַנטבלויזן אירע רעיונות פאַר אַלעמען אין די אויגן?...

גייט זי צו צו יאַנקעלען, שטייט אַ ווײַלע, שווייגט, און וויל זיך אָוועקציִען פון טיש, נאָר איר קול גליטשט זיך אַרויס, ווי ער וואָלט אַרויס־געטויבט פון זיין זאָגן:

— איך וואָלט געוואָלט, אַז אַלע טאָג זאָל זיין פרייטיק, ערב שבת.

יאַנקל קען נישט ענטפערן לאהן, נאָר ער הייבט אויף העכער זיין געזאַנג מיט חרטה, מיט בענקעניש און ער פעדערט זיך וואָס פריער צו באַגעגענען די מלכה שבת מיט ליבע, מיט חדווה.

דער שווער האָט אָוועקגעלייגט די חשבונות פון דער וואָך, וואָס ער

האָט געדאַרפט פאַרענדיקן ערב שבת, און זיך אַריינגעטון אין זיין איידעמס געזאַנג פון שיר השירים. ער טראַכט, „ער אַליין זאָגט דאָך אַלע וואָך שיר השירים, ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ טעם אין די הייליקע רייד ווי איצטער, אין יאַנקלס קול".

קען ער נישט איינהאַלטן זיין פרייד, גייט צו צו דעם ווייב און זאָגט איר מיט דער ליכטיקייט, וואָס רוט פרייטיק צונאַכט אין אַ ייִדישער שטוב אויפן שלום עליכם:

— דו ווייסט, חנה, אַז יאַנקל ברענגט דעם שבת אויף דער וועלט פריִער, איידער די וואָך גייט אַוועק.

חנה איז פאַרטון אין צוגרייטן דעם שבת, די דינסט האָט נאָך נישט פאַרקלעפּט דעם טשאָלנט אין אויוון און זי ווייס נאָך נישט, צי די געפילטע פיש האָבן זיך איינגעגעבן. טוט זי אַ זיפץ:

— וואָס קומט אַרויס פון דעם, אַז... — און זי פאַרבאַרגט אין זיך די רייד, — אַז ער פירט זיך נישט אויף מיט דער טאָכטער ווי אַ מאַן מיט אַ ווייב און די טאָכטער איז נאָך נישט פאַרגאַנגען אין טראָגן...

ר' חיימען דוכט זיך, אַז איצטער קען ער אַלץ אויספירן בײַ זיין איידעם: „פאַרוואָס זאָל ער אים נישט נאָכגעבן אַ גלייכע זאַך. דאָס ווייבל טרעט נישט אָפּ אַ טראָט פון אים און וועגן חיונה דאַרף ער אויך נישט זאָרגן. אויף די אייניקלעך וועט ער מיט דער באָבען אַכטונג געבן; און אים אַרט אַפילו נישט, אַז ער וועט זיך נישט מישן אין די געשעפטן; זאָל ער זיצן און לערנען, וועט ער, דער שווער, אפשר אויך עפּעס נהנה זיין פון דעם"...

פּרוּווט ער פרייטיק צו נאַכט נאָך וועטשערע פאַרפירן אַ שמועס מיט יאַנקלען: „זאָג, מיין זון, אַז דו זאָגסט פרייטיק דעם שיר השירים זעט מען, ווי די מלכה שבת קומט צו דיר פריִער ווי צו אונדז אַלעמען. איך הער אויף פירן מיינע חשבונות, ווייל מיר דוכט זיך, אַז איך בין מחלל שבת; טאָ זאָג מיר, יאַנקל, פאַרוואָס נעמסטו נישט אַ גאַנצע וואָך קיין ספר אין האַנט?"

ר' חיים וואַרט אַז דער איידעם זאָל אים עפּעס ענטפערן און ער זאָל קענען ווייטער ציִען די רייד, דערמאָנען אים, אַז ס'איז שוין אַ יאָר נאָך דער חתונה און דאָס ווייבל איז גאָרנישט ווי דער שטייגער פון דער

וועלט, זי באַהאַלט זיך אין זיך אַליין ווי אַ בלום אין די בלעטער נאָך אַ רעגן.

נאָר יאַנקל זיצט ביים טיש, קוקט זיך איין ווי די ליכט פון ליכט־בענטשן גייען אויס; די ליכטער שפּאַרן זיך איין, און ווילן זיך נישט אויס־לעשן; די פלאַמען הייבן זיך אויף, צאַפּלען זיך, ציטערן ווי דער אָטעם אויף דער קעלט. זיי זינקען אָבער איין אין די רערן פון די לייכטער און די ליכט קענען נישט אָנהייבן ווידער ברענען. ער טראַכט: אַזוי איז אַ מענטשנס לעבן מיט זיינע באַגערן; ער שפּאַרט זיך איין, אַמפּערט זיך, ער קען אָבער גאָרנישט אויספירן. גיט ער זיך אונטער און וויל איצטער אין דער שטילקייט פון שטוב עפּענען פאַר דעם שווער זיין האַרץ און זאָגן אים, אַז מען קען נישט אָנצינדן קיין ליכט וואָס גייען אויס. רחעלע טאָר נישט קומען צו אים און ער קען זיך נישט דערנענטערן צו לאהן. ער זעט אָבער ווי זיינע רייד דראַפּען זיך אויף די ווענט, ווי בלײַך וואָס מען ציט איבער אַ דאַך; די שוויגער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף מיט די טענות וואָס זי לאָזט אַלעמאָל אויס צו דער דינסט, צו דעם שווער; לאה באַהאַלט זיך אין אַלקער און מען הערט דאָ איר כליפּען. שוויגט ער מיט אַ שווייגן, וואָס איז שווערער פון זיין בענקעניש.

דער שווער ציט אָבער ביי אים מיט גוטן, אַ וואָרט:

— פאַרוואָס נעמסטו נישט אַמאָל אַ ספר אין האַנט אין דער וואָכן?

קען זיך שוין יאַנקל מער נישט אַרומפּאַנצערן מיטן שווייגן און ענטפערט:

— איך ווייס גאָרנישט אין לערנען, איך האָב ניט געלערנט אַמאָל, קען איך איצטער נישט לערנען. איך קען נאָר זאָגן שיר השירים. וואָרט איך פון פרייטיק ביז פרייטיק אויפן שיר השירים — און ער לאָזט אַרויס דעם ניגון טיפער, אומעטיקער ווי ער האָט אים געזאָגט בייטאָג.

צו דער שוויגער דערטראָגן זיך די רייד ווי אַ ווידער־קול פון די רעיונות וואָס זי טראַכט וועגן איידעם. דערוואַרט זי זיך קוים אויפן מאַן און פרעגט ביי אים שאַרף:

— נו, וואָס זאָגט ער?

— ער רעדט נישט, — גיט ער נאָך דער ווייב, אַז זי איז גערעכט.

— אָבער רעדן צו די שטיינער, צו די ביימער קען ער; די גאַנצע

וועלט ווייס שוין, אַז ער גייט אַרום איבער די פעלדער און רעדט צו זיך אַליין — לאָזט זי נישט רוען דעם מאַן.

— אָפּגטן! האָט דאָך די־אָ, ווי איז דאָרטן איר טרפּענער נאָמען, אָפּגעגט זיין טאַטן. פאַרוואָס זאָל מיין טאָכטער נישט נעמען קיין גט ביי זיין זון. און אויב נישט קיין גט — גיט זי נאָך דעם מאַן, ער זאָל נישט מיינען אַז זי, זיין ווייב, איז אַזאַ פּגע־רע און זעט נישט, אַז ער איז אַ זיידענער מענטש און איז טאַקע נישט געראָטן אין דעם טייערן טאַטן, — אויב נישט קיין גט, טאָ פאַרוואָס זאָל מען נישט זען קיין מענטשן? זי רעכנט אויס: — מיקאָלאַיקען דעם זנאַכער; ס׳איז מסתמא אַ כישוף, אַן עין הרע, נאָך דער חתונה האָבן דאָך זיבן זונען זיך געבאָדן אין זיין פּנים, אָדער, להבדיל, שאיע דעם שמיד, אַ וועלט פאַרט צו אים און ווערט גע־האָלפן. פאַרוואָס זאָל דיר נישט אָנשטיין פרעגן אַן עצה ביי אים?

— זנאַכערס! ער וועט פרעגן ביי מיקאָלאַיקען פאַרוואָס וויל זיין איידעם נישט נעמען קיין ספר אין האַנט אין דער וואָכן? — האָט ר׳ חיים געוואָלט ענטפערן שאַרף דער ווייב, אָט אַזוי ווי ער רעדט איר אויס ווען זי ווערט אין כעס אויף דער דינסט פאַר אַ צעבראָכענעם טעלער, פאַר אַ פאַרברענטן טאָפּ.

ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אין תקיעת־כף, וואָס אים גייט נישט אַרויס פון זינען ווען ער דערזעט די מאָדנע אויפפירונגען ביי זיין איידעם. ער פאַרבאָרגט אין זיך:

— ס׳איז דאָך געוועזן אַ תקיעת־כף. אפשר איז דער טאַטע טאַקע חייב און די טאָכטער דאַרף אָפּקומען. — גוט וואָס זי טראַכט נישט וועגן דעם — טוט ער אַ קוק אויפן ווייב און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ:

— אפשר ביסטו גערעכט. נאָך שבת, אַז גאָט וועט געבן, וועל איך פרעגן ביי אים, אפשר וויל ער צופאָרן מיט מיר צו שאיע דעם שמיד.

— ח —

שאַיע דער שמיד איז שוין נישט געוועזן קיין שמיד, נאָר געשמט ביי די ייִדן פאַר אַ גוטן ייִדן און ביי די גויים פאַר אַ הייליקן מענטשן. מען איז געפאָרן צו אים נאָך אַ ברכה, אַן עצה, אויסרעדן די צרות. די ייִדן

האָבן אָבער אים נאָך גערופן מיטן אַמאָליקן נאָמען שאַיע דער שמיד און די גוים — „דער הייליקער".

אין די יונגע יאָרן האָט שאַיע געאַרבעט אין קוזניע ווי זיין טאַטע און דער זיידע. ער האָט געשמידט ביי די גוים די פערד, אָנגעטאָן שינעס אויף די רעדער און אַרומגעשמידט די אַקסן. געוווינט האָט ער מיט זיין ווייב און קינדער אין אַ קליין שטיבל, אָפּגערוקט פון דאָרף, לעבן זיין קוזניע.

אַז די זין זענען אונטערגעוואַקסן האָט ער זיי אַריינגענומען אין דער קוזניע און געלערנט זיי זיין אומנות. ער האָט גערעדט צו זיי וועגן די רעיונות, וואָס ער האָט געטראַכט ווען ער האָט געבלאָזן דעם בלאָז־זאַק, ווען ער האָט געקלאַפּט מיטן האַמער דעם הייסן אייזן אויף דער קאָוואַדלע.

— איר זעט, קינדער, דאָס שטיקל אייזן, ס'איז געגליכן צו אַ מענטשן; אַז ס'איז קאַלט, איז דאָס האַרט און מען קען פון דעם גאָרנישט מאַכן; אַז מען ברענט עס אָבער אָן אויפן פייער און מען לייגט עס אַוועק אויף דער קאָוואַדלע, ווערט עס ווייך און מען קען מיטן האַמער אויסהאַמערן, מיט דער אָפּצוווּנגע אויסבייגן דעם זעלבן אייזן, אַזוי ווי מען קנעט אויס אַ טייג. אַזוי איז אויך מיט אַ ייִדן — ער איז געגליכן צו אַ שטיקל אייזן. אַז אַ ייִד פאַרגעסט, ח"ו, אין גאָט, איז ער קאַלט ווי דאָס שטיקל אייזן וואָס וואַלגערט זיך אַרום אויף דער ערד און קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום. צינדט זיך אָבער אַ ייִד אָן מיט גאָטס תורה, מיט מעשים טובים, ווערט ער ווי דאָס שטיקל אייזן וואָס ליגט אָנגעברענט אויף דער קאָוואַדלע. פון זיין לויטערקייט פליִען פונקען, ווי פון דעם אָנגעברענטן אייזן און באַלייכטן אַפילו די מענטשן וואָס בלאָנדזשען נעבעך אין דער פינצטערניש.

— און די פונקען? — האָט זיך שאַיע איינגעקוקט, ווי זיי ציטערן אין זייער אייגענער ליכטיקייט — זיי לעשן זיך נישט אויס; ניין, זיי גייען קיינמאָל נישט אויס. זיי טראָגן זיך אַרום איבער דער וועלט ווי אַ קול וואָס בעט צום רבונו של עולם, ער זאָל אים דערהערן, און צינדן אָן אַ ייִדן צו עבודת הבורא. דעריבער שטייט געשריבן בלבת אש. דער אייבער־שטער האָט זיך באַוויזן צו משהן אין פייער און ער וויל אַז אַ ייִד זאָל קומען צו אים אַ פייערדיקער, מיט ברען, ריין און לויטער ווי דער פלאַם

פון פייער. זיינע רמ״ח אברים זאָלן ציטערן ווי די פונקען אויפן אָנגעגליטן אייזן.

אַזוי האָט שאַיע דער שמיד געלערנט גוטע מידות זיינע זין ווען ער איז געשטאַנען מיט זיי אין קוזניע, ביי דער קאָוואַדלע, און אַזוי האָט ער אויך גערעדט צו אַ גוי, אַז ער האָט אים געבראַכט אַ פערד צו שמידן.

אַז אַ יונגער פערד, וואָס מען האָט ערשט געוואָלט איינצאַמען אין שפאַן, האָט זיך נישט געלאָזט אָנשמידן די פּאַדקאָוועס, האָט שאַיע געלערנט דעם גוי ווי אַזוי ער זאָל איינעמען דאָס פערד מיט גוטן און נישט ווערגן אים מיט דער צוים:

— אַ פערד איז גאָטס באַשעפעניש ווי אַ מענטש, ער וויל נישט אָנטאָן אויף זיך דעם יאָך. ער וויל בעסער ארומשפרינגען איבער די פעלדער, איידער גיין אין שפאַן מיט אַ וואָגן משא. בריקעט ער זיך, רייסט זיך פון די הענט...

ער איז אַליין צוגעגאַנגען צום פערד, צעקאָמט די גריווע, געגלעט אים דעם האַלדז, אַראָפּגעעבויגן זיין קאָפּ, געקוקט אים אין די אויגן און גערעדט צו אים שטיל און גוט ווי צום פויער:

— פערדעלע, פערדעלע, אויף דיר וועט דאָך קומען צו רייטן אליהו הנביא, אָנצוזאָגן אַז משיח קומט אויף זיין אייזעלע, דאַרפסטו זיך צוגעוווינען צו דעם יאָך פון אַ רייטער...

ער האָט געפירט די האַנט איבער דער גאַנצער פעל ביז ער האָט אָנגענומען די הינטערשטע פוס און אָנגעהויבן שמידן די פּאַדקאָווע. דאָס פערד האָט זיך נישט געווערט; האָט דער פויער געהאַלטן דעם פוס ביים פערד און געטראַכט: — וואָס פאַר אַ רייד האָט שאַיע גערעדט צו דער באַשעפעניש; ער אַליין האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען און דאָס פערד האָט זיך צוגעהערט צו דעם ייִדן ווי אַ גאָטספאַרכטיקער מענטש צו דעם גלח אין קלויסטער, — האָט ער נישט געקענט באַהאַלטן זיין חידוש:

— אַ ייִד, און זאָל אַזוי ליב האָבן אַ פערד — און האָט געוואָלט אײַבערלאָזן אַ פּאַדאַרעק — אַ מתנה, ביי שאַיען דעם שמיד, דאָס ביסל קאַרטאָפל, וואָס ער האָט געפירט אין שטאָט צו פאַרקויפן.

שאַיע האָט נישט צוגענומען די קאַרטאָפל. ער האָט בלויז גענומען

די צען גראָשן וואָס ס׳קומט אים פאַר זיין אַרבעט. דעם פויער האָט ער געלערנט:

— דו פאַרקויף די קאַרטאָפל, וועסטו האָבן פאַר דעם ווייב אויף אַ קלייד; און אַ ייִד — האָט ער זיך פאַרטראַכט — ער האַלט הייליק אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפן, וועט ער נישט טון שלעכטס קיין באַשעפעניש און אָפּהיטן אַ פערד. ער בעט נאָר ביי דעם אייבערשטן, מען זאָל אים, דעם ייִדן, אויך נישט טון קיין שלעכטס.

„הייליקע רייד״, — קראַצט דער פויער דעם קאָפּ און דערציילט אין דאָרף, — אַז דאָס פערד פאַרשטייט בעסער ווי אַ מענטש, וואָס שאַיע דער שמיד רעדט צו אים. ער האָט אָנגעטאָן די פּאָדקאָוועס אויף זיין יונגן זשערעבעץ גרינגער ווי אויף אַ קליאַטשע, וואָס האָט שוין אויסגעטראָטן די פיס.

האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען פון אַלע דערפער די פויערים מיט זייערע יונגע פערד צו שאַיען דעם שמיד, ער זאָל זיי אָנטאָן די ערשטע פּאָד־קאָוועס, און זיי זענען געקומען צוריק אַהיים מיט די חידושים פון די פערד און מעשיות וועגן זיינע הייליקע רייד.

די מעשיות האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער די דערפער ווי די וווּנדער וואָס די מדינה־גייער ברענגען פון די מרחקים און די פויערים האָבן אָנ־געהויבן רופן שאַיען דעם שמיד „דער הייליקער״. מען איז געקומען צו אים פרעגן אַן עצה אין אַן אומגליק, נאָך אַ רפואה אין חולאת און אַז די רשעות האָט זיך אויפגעוועקט ביי דעם גוי, האָט ער מורא געהאַט טאָן שלעכטס דעם קרעטשמער, דער הייליקער זאָל אים נישט שטראָפן, נאָר אויפגעוואָרפן דעם ייִדן:

— דו ביסט טאַקע אַ ייִד, אָבער נישט ווי „דער הייליקער״.

— טאָ, לאָמיר זיך פאַרלאָזן אויף שאַיען — איז דער קרעטשמער געוואָרן שטאָלץ ביי זיך און דער פויער האָט נאָכגעגעבן.

שאַיע דער שמיד האָט אויסגעהערט די טענות מיט שכל, געמשפּט מיט יושר און רחמים,ביידע צדדים זאָל נישט וויי טון און יעדער צד זאָל קענען אויספירן דעם פּסק אָן עגמת נפש.

האָבן זיך די ייִדן, די קרעטשמער, וואָס זיצן פאַרוואָרפן אין די דער־פער, אָפּגעריסן פון ייִדישקייט, געשיצט אונטער שאַיע דעם שמידס נאָמען

פון דער שיכרות, וואָס האָט אָנגעצונדן די יוכע ביים גוי, פון דער גבורה, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד מיט איר רציחה.

— איך וועל דערציילן „דעם הייליקן" — האָט אַ ייד געשראָקן דעם גוי און איז געפאָרן צו שאַיען, ווען דער פּריץ האָט געוואָלט צונעמען די אַרענדע, ווען אַן אַנדער ייד האָט געפּרוווט פאַרכאַפּן די חזקה.

שאַיע דער שמיד האָט געטרייסט מיט אַ וואָרט, געגעבן אַ קלוגע עצה און געבענטשט מיט זיינע פרומע רייד. האָט אַ גוי נישט אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אַ יידן; דער פּריץ האָט אויפגעהערט דריקן מיט דער אַרענדע און דער ייד, דער יאַבאַטניק, האָט זיך דערשראָקן און נישט אָנגערירט די חזקה.

ס'האָט נישט גענומען לאַנג און ס'איז דערגאַנגען אין שטאָט, אַז שאַיע דער שמיד היט אָפּ די יידן אין די דערפער. און די ווייבער אויף די פּריזבעס און די קאַראַבעלניקעס וואָס פאָרן אַרום איבער די דערפער האָבן דערציילט, אַז אַ גוי רירט אָן אַ יידן, דאַרט אָפּ ביי אים די האַנט. וויל אַ פּריץ אַרויסזעצן אַ קרעטשמער פון אַרענדע, ווערט ביי אים משוגע די ווייב און ער ווערט אַזוי פאַרדרייט מיט די אייגענע צרות, אַז ער פאַר־געסט אינעם יידן.

מען האָט איבערדערציילט די מעשיות אין סלאָנים אויפן מאַרק, ווען די פּויערים זענען געקומען אין שטאָט מיט זייער האָב־און־גוטס און אויס־געשטעלט זייערע וועגענער מיט די פאַריסענע האָלאָבליעס, לעבן די ווײַ־בער מיט די קאָשיקעס עופות, לעבן די געשטעלן מיט די סחורה. די יידן, אין די קורצע פוטערלעך מיט הויכע שטיוול, וואָס לייגן אויס אויפן האַנט די קערנער תבואה פון זאַק, אויף פּראָבע, וואָס שאַצן די פערד נאָך די ציין אין מויל און פּרוּוון אָפּטון אַ שטיקל דעם גוי הינטער דער פּלייצע, זיי האָבן מיט אַ געלעכטערל, וואָס שטעכט דורך דעם אייגענעם אומעט, געפרעגט ביי דעם פּויער:

— וואָס זאָגט שאַיע דער שמיד?

האָט דער פּויער אַ ציטער געטון, אַראָפּגענומען דאָס היטל, זיך אײַ־בערגעצלמט:

— דער הייליקער, ער וועט קיין ליגן נישט זאָגן.

— וועל איך דיר אויך נישט אָפּנאַרן — האָט זיך דער ייד פאַרשעמט

און איבערדערציילט די רייד אין שול ביים דאַווענען, אין בית מדרש ביים לערנען.

— ווער קען וויסן אויף וועמען עס רוט גאָטס וואָרט — האָט זיך אַ ייִד פאַרטראַכט ווען ער האָט אויסגעטאָן טלית און תפילין און האָט איבערגערעדט די רייד אין שטוב, ווען ער איז געקומען פון בית מדרש. די ווייבער האָבן עס נישט פאַרגעסן, און ווען אַ געשעפט האָט נישט מצליח געווען, ווען ס'איז שווער געווען צו טון אַ שידוך מיט אַ טאָכטער האָבן זיי איינגערעדט זייערע מענער, זיי זאָלן פאָרן צו שאַיען דעם שמיד פרעגן אַן עצה און בעטן אַ ברכה.

עס זענען אַוועק יאָרן, און לעבן שאַיעס קוזניע האָבן שוין נישט געוואָרט קיין פערד מען זאָל אָנשמידן די פאַדקאָוועס אויף זייערע פיס, נאָר צו זיין הויז האָבן זיך געצויגן ישובניקעס פון די קרעטשמעס, פויע־רים פון די דערפער, חולאים וואָס זענען נישט אויסגעהיילט געוואָרן פון דאָקטוירים און סוחרים, וואָס זענען פאַראָרעמט געוואָרן. די ייִדן האָבן נישט געביטן זיין אַמאָליקן נאָמען און גערופן אים „שאַיע דער שמיד", ביי די גוייִם האָט ער געהייסן „דער הייליקער".

— ט —

ר' חיים האָט געזען, אַז זיין ווייב איז טאָקע גערעכט: „פרייטיק ביי טאָג ביים שיר השירים ווערט ער נאָך אַ שטיקל מענטש, אָבער אַ גאַנצע וואָך פירט ער זיך אויף, נישט ווי ס'דאַרף צו זיין". איז אים פון זינען נישט אַרויס דער תקיעת־כף און ער האָט זיך טיפער אַריינגעטראַכט אין די געשיכטעס, וואָס מען דערציילט וועגן שאַיען דעם שמיד. און ווי אַ טרייסט פאַר זיך און ווי אַ האָפענונג וואָס ציטערט אין דער פאַרנעפלטער ווייטקייט, האָט ער זיך אַליין איינגערעדט: — אַ וועלט פאָרט דאָך...

האָט ער זיך ערב שבת נישט פאַרנומען מיט זיינע חשבונות און אָפּגעהיט די צייט ווען יאַנקל האָט אָפּגעזאָגט שיר השירים. ער האָט פאַרפירט מיט אים אַ רייד, אפשר וועט ער עפּעס אויספירן ביי אים אין זכות פון שבת, וואָס דער איידעם פעדערט זיך צו באַגעגענען פריִער פון אַלעמען.

אַז ר׳ חיים האָט אָבער אַרויסגערעדט די ערשטע פּאָר ווערטער:

— ס׳איז שוין דאָס פערטע יאָר נאָך דער חתונה, איך וויל גאָרנישט דו זאָלסט זאָרגן וועגן חיונה, איך קען, דאַנקען גאָט, אייך ביידן מפרנס זיין בהרחבה, אייך זאָל, ח״ו, גאָרנישט נישט פעלן, און... האָט ער געוואָלט דערמאָנען אָן אייניקל; האָט ער דערזען, אַז דאָס ליכט פון דעם שיר השירים פּאַרצים זיך ביי יאַנקלען מיט אַן אומעט אויפן פּנים, אָט אַזוי ווי די וואָלקנס דעקן צו אַ רעגנבויגן אויפן הימל, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן.

ער האָט אָבער פּאָרט צוגעזאָגט דעם ווייב און זיין אייגענעם אומרו האָט ער אויך נישט געקענט איינשטילן, האָט ער פּלוצלינג אויסגע־רעדט, ווי עפּעס וואָלט אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט:

— אפשר וואָלטן מיר צוגעפאָרן צו שאַיען דעם שמיד, אַ וועלט פּאָרט צו אים... — און געוואָלט אָפּטרעטן פון טיש, יאַנקל זאָל ערב שבת נישט אַריינפאַלן אין דער עצבות פון דער וואָכן.

נאָר פּלא פּלאים, יאַנקל האָט אַ קוק געטון אויפן שווער ווייך און נאָכגעביק:

— ס׳איז נישט קיין קרומע זאַך; אַז אַ מענטש קען נישט אויסקומען מיט זיך אַליין, דאַרף ער זיך פאַרלאָזן אויף אַן אַנדערן; ער זאָל אים שלום מאַכן מיט זיינע סתירות.

— ווער קריגט זיך מיט דיר, מיין זון, זי, די שוויגער זאָגט דאָך דיר קיין וואָרט נישט — האָט זיך ר׳ חיים געוואָלט פאַרענטפערן.

— ניין, קיינער קריגט זיך נישט מיט מיר, איך אַליין בין מיין קריי־גער, — האָט זיך יאַנקל דערשראָקן, דער קוואַל פון זיינע רעיונות זאָל זיך נישט עפענען פאַר דעם שווער. ער האָט אָבער אויך נישט געוואָלט דערווייטערן אים פון זיך מיט זיין פאַרבאָרגנקייט, האָט ער זיך אויפגע־הויבן פון טיש און נאָכגעגעבן דעם שווער:

— איך אַליין וועל פאָרן צו שאַיען דעם שמיד.

***

צו שאַיען דעם שמיד זענען געקומען ווייבער, עלטערע ייִדן, פּויערים און פּויערטעס, קראַנקע און לאָמע. ס׳האָבן זיך אָבער זעלטן באַוויזן אין

זיין קליינער שטוב יונגע לייט. ער האָט זיך אָבער נישט געחידושט, אַז ער האָט דערזען דערזען יאַנקלען, ר׳ חיים דעם מילנערס איידעם.

אין דער פרי נאָכן דאַווענען, אַז ער האָט אויפגעלייגט טלית און תפילין און זיך איינגעקוקט דורכן פענצטער ווי די טייבעלעך, וואָס האָבן געטראָגן וואַסער אין מויל צו לעשן דעם בית המקדש, קלייבן די קערנער אין דרויסן אַרום די װעגענער. ער האָט געזען, אַז זיי רייסן נישט איינע ביי די אַנדערע פון מויל און שפּאַצירן אַרום ווי מאַן און ווייב. שבת נאָכן דאַווענען פון שול, איז ביי אים אויפגעגאַנגען דער ניגון פון שיר השירים וועגן דער ליבע פון דעם פאָלק ישראל מיט גאָטס תורה.

ער האָט זיך פאַרטראַכט פאַרוואָס איז אים דער ניגון אַרויף אויפן זינען אין מיטן וואָך, איידער ער האָט אָפּגעזאָגט דעם יום תהילים.

שאַיע דער שמיד האָט ביי זיך, אין זיין קליינער שטוב, אויסגעהערט אַ סך רייד פון מענטשן, פאַרנומען זייער געבעט און אַריינגעדרונגען אין זייערע רעיונות. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מחשבות קומען נישט צו אַ מענטשן אומזיסט. אין דער מחשבה, וואַרעמט דער מענטש עבודת הבורא אָדער, ח״ו, זיינע זינד; אַ וואָרט פאַרגעסט אַ מענטש, אָבער אַ רעיון גייט נישט אַרויס פון זינען און עקבערט ווי טראָפּנס רעגן לעכערן אַ שטיין.

האָט זיך שאַיע נישט געאיילט אויפצולייגן דעם טלית און תפילין, נישט אָנגעהויבן זאָגן דעם יום תהילים, און טיפער זיך צוגעקוקט צו די טייבעלעך, וואָס האָבן אַריינגעגעבן אים אין זינען דעם שיר השירים. דער ניגון האָט זיך נישט אָפּגעטון פון אים און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די טייבעלעך האַלטן אים אונטער מיט זייער ברומען.

ער האָט געטראַכט, אַז גאָט האָט באַשאַפן פון יעדן מין אַ זכר און אַ נקבה. די טייבעלעך ווייסן נעבעך נישט פון דער ליבע צו גאָטס תורה; זיי האָבן זיך אָבער האָלט, ווייל אַנדערש וואָלטן זיי נישט געקליבן אַזוי שטיל די קערנער און זיי וואָלטן זיך געריסן ווי הינער פאַר אַ ברעקל.

אים איז נאָך עפּעס אַרויף אויפן זינען, דער מענטש מעג זיך אויך עפּעס אָפּלערנען פון די טייבעלעך, ס׳זאָל זיין מער אהבה ביי דעם מאַן צו זיין ווייב, דעמאָלט וואָלטן אפשר ווינציקער פרויען געקומען צו אים מיט זייער פיין און צער.

און שפּעטער, אַז שאַיע דער שמיד האָט דערזען ווי צו אים אין שטוב

איז אַריין אַ יונגערמאַן, הויך און געזונט, אָנגעטאָן אין גבירישע קליידער, מיטן טלית־זעקל אונטער דער האַנט. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין נצרך, וואָס איז געקומען בעטן אויף פּרנסה, אָדער אַ חולה וואָס זוכט אַ רפואה. און האָט זיך דערמאָנט אין די מחשבות וואָס ער האָט געטראַכט אין דער פרי ווען ער האָט געקוקט אויף די טייבעלעך. ער האָט זיך אַריינגעטון אין רעיון, אַז מחשבות קומען נישט אומזיסט, און גערעדט צו דעם יונגן מאַן ווי ער וואָלט אויסגעלייגט פאַר אים זיין אייגע־נעם לעבן:

— אַ, דו ביסט דאָס יאַנקל ר׳ חיים דעם מילנערס אַן איידעם, ערשט פיר יאָר נאָך דער חתונה; יאָ, איך האָב נאָך אַמאָל געהערט, אַז ער האָט זיך משדך געווען מיט דיין טאַטן ע״ה, ר׳ אייזיק פון זשירעווע.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, אַוועקגעלייגט די הענט אויפן טיש, און געקנייטשט דאָס טישטוך, ווי ער וואָלט עפּעס אויסגעבויגן פון אַן אָנ־געבערענטן אייזן.

— ווייסט איר שוין, רבי, — האָט זיך ביי יאַנקלען געעפנט דאָס האַרץ.

— ניין, מיין זון, רוף מיך נישט רבי, נאָר שאַיע — האָט ער זיך אויפגעוואַכט פון זיינע רעיונות.

— ווייסט איר דאָך, ר׳ שאַיע... — האָט יאַנקל נאָכאַמאָל אָנגעהויבן מיט ציטער די זעלבע רייד, — מיין טאַטע, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן, האָט געגעבן אַ תקיעת־כף זיין צוויט ווייב, ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט איר, אַז איך וועל נעמען איר טאָכטער פאַר אַ ווייב. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין יינגל. איך געדענק אָבער, אַז ווען די שטיף־מאַמע האָט אָנגעהויבן מאַנען ביים טאַטן, ע״ה, אַ גט, האָט ער אָנגעוואָרפן אין הויז אַזאַ פּחד מיטן תקיעת־כף, אַז אויף מיר פאַלט איצטער אַן אַ שרעק, ווען איך דערמאָן זיך אין יענע רייד. אַז דאָס מיידל איז געקומען אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דעם גט מאַנען דעם תקיעת־כף און מיין האַרץ האָט געגלוסט צו איר, האָט דער טאַטע נישט געוואָלט האַלטן דעם צוזאָג און איינגערעדט מיר, אַז זי איז נישט קיין כשרע יידישע טאָכטער.

— יאָ, איך האָב עס געהערט — האָט שאַיע דער שמיד אַ זיפץ געטון, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פינגער אין

טיש — אַז דו וועסט זיין גוט און פרום, אָפּהיטן זיין יאָרצייט, אָפּזאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, מיט האַרץ און נישט האָבן קיין תרעומות צום טאַטן, וועט זיך דער איבערשטער מרחם זיין אויף אים און מאַכן גרינגער זיין עונש, אָבער זי:... אַ תקיעת־כף:... נישט קיין קלייניקייט:... מבייש זיין אַ יידישע טאָכטער — האָט שאַיע דער שמיד אַרויסגעקלאָגט זיינע רייד און זיך ווידער פאַרטראַכט:

— זי אַליין מוז דיר מוחל זיין, דאָ קען זיך אַפילו דער רבונו של עולם נישט אַריינמישן.

— איך וויל גאָרנישט, אַז זי זאָל מיר מוחל זיין — האָט יאַנקל געפייניקט זיך מיט זיינע רייד — איך קען אָבער נישט אָפּטון די גלוסטונג צו איר. אַז איך קען נישט רעדן צו איר, גיי איך אַרויס אין פעלד, רעד צו די ביימער, צו די זאַנגען; און אַז איך זעץ זיך זאָגן שיר השירים, זינג איך דעם געזאַנג צו רחעלען. מיין ווייב ווייס נעבעך נישט פון דעם. זעצט זי זיך אַוועק לעבן מיר שטיל ווי אַ טויב, קוקט אין די אויגן, בעט זיך און מיין האַרץ גייט אויס פון רחמנות, נאָר איך זע רחעלען און נישט לאהן מיין ווייב — גייט איין יאַנקל אין זיינע רייד.

— זי זעט ווי די טויבן קלייבן די קערנער — האָט שאַיע דער שמיד אַ קוק געטון אויף יאַנקלען, — איך ווייס אַז דיין שווער איז, קיין עין הרע נישט, אַ גביר. איר האָט, דאַנקען גאָט, פון כל טוב, אָבער מזונות אַליין איז ווינציק. ס'דאַרף אויך זיין אהבה. דעמאָלט קריגט די מצווה אַ תיקון און דער מענטש ווערט געלייטערט פון זיינע מחשבות רעות.

— דעם ניגון זינג איך אָבער צו יענער און נישט צו מיין ווייב, — האָט זיך יאַנקל געבעטן ביי ר' שאַיען, — אַז זי גייט צו מיר צו ביים שיר השירים, דוכט זיך מיר, אַז ס'האָט זיך דערנענטערט אַן אשת איש. יענעמס ווייב. און איך טאָר לעבן איר נישט זיצן; מיין הפצי האָט מען פאַרטריבן פון מיר.

— אַ ניגון קען מען נישט אָפּנאַרן, ווייל גאָט האָט געגעבן די תורה צוזאַמען מיטן ניגון און משה רבנו האָט געלערנט די יידן מיט וואָס פאַראַ ניגון זיי זאָלן זאָגן יעדעס וואָרט פון דער תורה, כדי זיי זאָלן קענען דערגיין אירע סודות. אַז די מלאכים האָבן דערהערט ווי דער בורא עולם האָט אַרויסגעשאָלט „כי טוב" האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן זינגען שירה; זייער

געזאַנג טראָגט זיך אַרום איבער דער גאַנצער וועלט ווי דאָס ליכט שיינט אַרויס פון דער זון. אַ קלאַנג פון ניגון שטראַלט אַרויס די סודות פון מעשה בראשית; טאָ הער זיך איין, מיין זון: מה דאָך אַ ניגון אַנטפּלעקט די סודות פון דער תורה, טאָ ווי אַזוי קען זיך דער מענטש אויסבאַהאַלטן פון זיין ניגון?

— ניין, ניין, — האָט זיך יאַנקל אָנגעהויבן פאַרענטפערן, — איך וויל מיין ווייב נישט אָפּנאַרן, נאַר, נאַר... — האָט ער אויסגעצלאָזן די רייד מיטן ניגון פון שיר השירים.

— דעריבער איז אים היינט אַריין דער ניגון פון שיר השירים נאָכן דאַווענען, — האָט זיך שאַיע דער שמיד פאַרטראַכט און אַרויסגעזיפצט.

— אהבה...

יאַנקל האָט אויפגעעפנט ברייט די אויגן, געוואַרט אויף נאָך אַ וואָרט, ווי ער גאַרט צו זען רחעלען.

האָט שאַיע דער שמיד אָנגעהויבן מסביר זיין יאַנקעלען, אַז אַזוי ווי ער לערנט מידות זיינע זין:

— די תורה זאָגט, אַז גאָט האָט באַשאַפן אָדם און חוהן. זענען זיי אַרומגעגאַנגען נאַקעט און אַליין זיך נישט געשעמט. ער האָט צו איר נישט געהאַט די גלוסטונג פון אַ מאַן צו אַן אישה און זי איז נעבעך אַרומגע־גאַנגען מיטן נחש. אַז זי האָט אים געגעבן עסן די פרוכט פון עץ הדעת זענען זיי געוואָרן מאַן און ווייב ווי אַלע מענטשן נאָך דער תורה. דערי־בער וועל איך דיר געבן אַ באַר פון מיין בוים אין סאָד וואָס איז ערשט צייטיק געוואָרן און קיינער האָט זיך צו איר נישט צוגערירט. דו וועסט עס נעמען אַהיים און באַהאַלטן אין קאַמאָד ווו כ׳ליגט דער סערוויעט וואָס מען פאַרשפרייט שבת אויפן טיש, דאָס טישטוכל. וואָס מען דעקט צו די חלה, און פרייטיק ביינאַכט, אַז דו וועסט אָפּזאָגן שיר השירים, זאָלסטו נע־מען די באַר, צעשניידן אויף צוויי גלייכע העלפט, די שוואַרצע יאָדרעס זאָלן נישט אַרויספאַלן און איר ביידע זאָלט צוזאַמען אויפעסן אייערע חלקים. וועט גאָט געבן און איר וועט ביידע געהאָלפן ווערן.

שאַיע דער שמיד האָט פאַרהאַלטן יאַנקלען איבער שבת און פרייטיק ביינאַכט געזאָגט צוזאַמען מיט אים שיר השירים. יאַנקל האָט זיך פאַרטיפט

אין דעם ניגון, אַזוי ווי ער האָט אַלעמאָל באַגעגנט די מלכה שבת, און אַרויסגעשאָלט מיט פרייד און אומעט זיין געזאַנג.

— ניין, נישט אַזוי זאָגט מען שיר השירים, — האָט ר׳ שאַיע אָנגעגבומען אים פאַר דער האַנט, — דאָס געזאַנג פון שיר השירים איז אַ לויב צו דעם רבונו של עולם פאַר דעם בונד וואָס ער האָט געשלאָסן פון זיין תורה מיט דעם פאָלק ישראל און מען דאַרף נאָר האָבן אין זינען דעם, וואָס לעבט אייביק, דעם מלך מלכי המלכים. נו, זאָג אַליין, אַז דו ווּעסט אַריינגיין צו אַ קעניג אין פאַלאַץ אָפּגעבן אים כבוד, ווּעסטו זיך אָפּשטעלן אין פירהויז רעדן מיט זיין דינער און פאַרגעסן אין מלך?

יאַנקל האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, ווי ער וואָלט זיך פאַרשעמט, און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— ניין, מיין זון, מען דאַרף נישט באַהאַלטן קיין מחשבות, אַזוי ווי מען טאָר נישט אַנטלויפן פון יצר הרע, נאָר פאַרקערט, זאָגן צו אים: אדרבא קום אַהער, איך האָב אָבער נישט קיין מורא פאַר דיר, ווייל מיין פאָרכט איז פאַר גאָט, דעם בורא עולם, וואָס איז שטאַרקער פון אונדזביידן און געוועלטיקט איבער דער גאַנצער וועלט. אַז דער מענטש רעדט אַזוי צו זיינע מחשבות, לייטערט אים די נגינה; ער טוט דעמאָלט זינגען: אַ שבח צו גאָט ברוך הוא און ער טוט נישט באַהאַלטן זיינע רעיונות. אָט אַזוי... — האָט ר׳ שאַיע אָנגעהויבן זאָגן שיר השירים.

ער האָט נישט אויפגעהויבן דעם קול, נאָר אַרויסגעזונגען וואָרט נאָך וואָרט מיט אַזאַ ניגון, אַז יעדער אות האָט באַזונדער אַרויסגעשטראַלט פון דעם ספר.

יאַנקל האָט זיך אַריינגעטון אין דעם ניגון, געזאָגט פסוק נאָך פסוק און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער רעדט נאָך שאַיעס רייד, וואָס מען דאַרף ענטפערן דעם יצר הרע: „לאה איז זיין ווייב, אָט אַזוי ווי יעקב האָט גענומען די מוטער לאה פאַר אַ ווייב“...

— י —

אַז יאַנקל איז געקומען אַהיים אַנהייב וואָך, האָט ער באַהאַלטן די באַר אין קאָמאָד צוזאַמען מיט די שבתדיקע חפצים און אויף אַלע רייד וואָס דער שווער האָט געפרעגט ציטעריק, האָט ער געענטפערט מיט פרייד:

— גאָט וועט העלפֿן, מען דאַרף האָבן בטחון...

פּרייטיק בייטאָג, אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט זאָגן שיר השירים האָט זיין קול אַרויסגעזונגען מיט דער פֿרייד פֿון שבת, אַנדערש ווי אַלע מאָל. דער שטילער ניגון האָט זיך געטונקט, ווי דער טוי אונטער דעם פֿרימאָרגן און לאהן האָט זיך געדוכט, אַז דאָס געזאַנג רעדט איבער צו איר יאַנקלס רייד, וואָס זי וויל הערן פֿון אים. האָט זי געוואָלט ענטפֿערן אים מיט די אייגענע גוטע ווערטער, איז זי צוגעגאַנגען צו אים מיט גרינגע טריט, זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, אַנגעבויגן דעם קאָפּ און אַריינגעקוקט אין ספֿר. זי האָט אַליין נישט באַמערקט ווי זי האָלט אונטער דעם מאַנס געזאַנג, גלייך ווי זיין קול וואָלט אַרויסגעוואַקסן פֿון איר ניגון; און אַז ער האָט געענדיקט זאָגן, האָט זי זיך אויפֿגעהויבן פֿון טיש:

— איצטער וועל איך דיר דערלאַנגען אַ גלאָז טיי.

זי האָט עס געזאָגט אַזוי שטיל און ווייך, ווי זי וואָלט אים געוואָלט אַנטרינקען מיט די זיסע טראָפּנס פֿון שיר השירים, וואָס זי האָט נאָך געטעמט אויפֿן צונג.

יאַנקל האָט אַ קוק געטון אויף לאהן:

— דו האָסט זיך געפּעדערט און שוין אָנגעטאָן די יום־טובדיקע קלייד לכבוד שבת; ניין, דו דאַרפֿסט נישט דערלאַנגען קיין טיי. — ער האָט אָבער אַזוי אויסגערעדט „ניין", גלייך ווי ער וואָלט עפּעס צוגעגעבן און נישט אָפּגעזאָגט:

— ניין, איך וועל דיר בעסער געבן אַ מתנה וואָס ר' שאַיע האָט געשיקט פֿאַר אונדז ביידן.

לאה האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און די זון־שטראַלן האָבן אַראָפּגעשיינט אויף איר שבתדיק קלייד דעם חן, וואָס האָט זיך צעבליט אויף אירע באַקן.

יאַנקל האָט זי נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזוי שיין, האָט ער געזשאַלעוועט צונעמען דעם בליק פֿון זיין ווייב און זיך אַוועקגעאיילט (ער זאָל שנעלער קומען צוריק) נאָך דער באַר, וואָס ער האָט באַהאַלטן אין קאָמאָד.

נאָר אָך און וויי! וויי און ווינד! אין קאָמאָד ליגט דער שבתדיקער סערוויעט, דאָס קידוש־טישטוכל, די שבתדיקע ריינע האַנטוכער, אויפֿן קאָמאָד שטייען צוגעגרייט די זילבערנע לייכטער, נאָר די באַר איז נישטאָ.

וואַרף די וועש אַהין, וואַרף די האַנטוכער אַהער; שפּאַר די אויגן אין איין ווינקל, זוך אין דעם אַנדערן ווינקל — די באַר איז אַלץ נישטאָ און נישטאָ. יאַנקל איז געבליבן שטיין אַן איינגעגראָבענער אין זיינע טריט, ווי זיין פולער גוף וואָלט זיך אָפּגעזעצט מיט זיין גאַנצער שווערקייט אויף זיינע שפּיץ־פינגער און אַ פרעמדער האָט אויסגעשריען פאַר אים, ווי אַ ווינט רייסט שטיינער צווישן בערג:

— ווו איז די באַר?!

באַלד האָט זיך דערהערט אַ געוויין, און די דינסט איז צוגעלאָפן צו יאַנקלען:

— באַלעבאָס, זייט מיר מוחל, שלאָגט מיך, הרגעט מיך!

— איך, איך! האָב אויפגעגעסן. ניין, ניין, נישט. האָב בלויז פאַרזוכט, געווען צעפוילט, אַרויסגעוואָרפן אין גאַס!

זענען דער שווער, די ווייב און די דינסט אַרויסגעלאָפן אין דרויסן זוכן די באַר. נאָר פייגעלעך, טייבעלעך האָבן פריִער פאַר זיי געפונען די פרי, צעפּיקט די באַר און ס'זענען בלויז געבליבן ליגן אין זאַמד דורכ־געלעכערטע, דורכגעפּיקטע שטיקלעך, ברעקלעך.

יאַנקל האָט נישט גערעדט, נישט געקלאָגט אויף דער באַר, בלויז איבערגעחזרט איין וואָרט: „די דינסט...״ און די דינסט האָט זיך מיט טרערן אין די אויגן פאַרענטפערט פאַר יעדערן אין הויז: „זי איז געגאַנגען צו־גרייטן די וועש אויף שבת, האָט זי געפונען די באַר. זי האָט אַרויסגענומען די באַר, די וועש זאָל נישט איבערגעפירט ווערן. זי האָט גאָרנישט גע־טראַכט אויפצועסן די באַר, נאָר אַז זי האָט דערזען אַז ס'איז שוין אָנגע־פוילט, האָט זי איינגעביסן די ציין און אַרויסגעוואָרפן.

זי האָט געקוקט אויפן יונגן באַלעבאָס און נישט געקענט איבערטראָגן זיין צער, האָט זי געוואָלט זאָגן: „אויפגעגעסן אין גאַנצן, אַרויסגעגנבעט, באַהאַלטן, איר שטראָף זאָל זיין גרעסער, זי זאָל שווערער דאַרפן אָפּקומען פאַר אירע זינד״.

נאָר יאַנקל האָט זי נישט געוואָלט באַשטראָפן און נישט געלאָזט קיינעם אין שטוב זאָגן איר אַ האַרב וואָרט. פאַרקערט, ער האָט איר איצ־טער אַרויסגעוויזן מערער גוטסקייט ווי פריִער און פאַרענטפערט זי פאַר אַלעמען אין הויז: — וואָס איז זי שולדיק?

זיך אַליין האָט ער אָבער געפּײניקט: — ער האָט געלאָזן רחלען דינען ביי נאָטען דעם קרעטשמער, האָט אַ דינסט אַרויסגעוואָרפן די באַר פּאַר די טײבעלעך, כדי רחלעס ליבע זאָל נישט איבערגעענטפערט ווערן צו עמעצן אַנדערש.

— די טײבעלעך — האָט יאַנקל נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון די פייגל, — זיי האַלטן ערלעך זייער ליבע איז צו זיי אָנגעקומען די באַר.
און ער האָט אויפגעהערט זאָגן שיר השירים מיט געזאַנג, כדי דער ניגון זאָל נישט אַנטפּלעקן זיינע סודות, וואָס בייסן אים בײטאָג און עקבערן ביינאַכט אָט אַזוי ווי שנאָבלען פּיקן די צעביסענע באַר.

שווער און שוויגער האָבן געזען, אַז דער אומגליק מיט דער באַר האָט אָנגעטאָן יאַנקלען אין אַ מרא שחורה ערגער ווי אַן אבילות. ער רעדט ווינציקער ווי פריִער, און טוט זיך אַפילו נישט אָן מיט דער פרייד פון שיר השירים ערב שבת.

האָט ר׳ חיים נישט געקענט צוזען דעם צער פון זיין טאָכטער מיטן איידעם און איז אַליין אַוועקגעפאָרן צו שאַיען דעם שמיד.

— ר׳ שאַיע, — האָט ער זיך געבעטן ביים גוטן ייִדן, — די קינדער גייען איין מיט יעדן טאָג, ווו זאָל איך נעמען נאָך אַ באַר און וואָס איז דאָס געוועזן פאַר אַ באַר? אפשר? אפשר? — האָט זיך אים געוואָלט זאָגן — דער תקיעת־כף — נאָר ער האָט עס נישט געקענט אַרויסברענגען פון מויל און ער איז איינגעזונקען אין טיפן אומער, — אפשר האָט ר׳ שאַיע מיט דער באַר אָפּגעגעבן דעם תקיעת־כף, נאָר יענע דערלאָזט נישט, האָט די דינסט אויפגעגעסן די פרי?

שאַיע דער שמיד האָט נישט געקענט צוזען ר׳ חיימס צער האָט ער זיך אַרומגעפּאַנצערט מיט די מידות טובות וואָס ער האָט געלערנט זיינע קינדער, און אָנגעטאָן אויף זיך דעם קאַלטן בליק פון אַ שומר, ער זאָל, ח״ו, נישט אַרויסגעבן דעם פּקדון וואָס יאַנקל האָט ביי אים באַהאַלטן. ער האָט אויסגעציילט די רייד:

— איין באַר איז נישט גלייך צו אַן אַנדער באַר, אַזוי ווי איין מענטש איז אַנדערש פון דעם אַנדער מענטש; אַז מען רייסט אַראָפּ אַ באַר פון בוים, וועט נאָך אַ באַר אָנוואַקסן אויף איר אָרט, אָבער אַן אַנדערע, נישט די זעלבע. טאָ ווו זאָל איך נעמען נאָך אַזאַ באַר?

ר׳ חיים איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן פון שאַיען דעם שמיד:
— ער רעדט נישט אויס קיין וואָרט צו קיין מענטשן, זעט נישט זיין ווייב, קוקט נאָר אויף טייבעלעך; אַז איר וועט אַ קוק טון אויף דעם ווייבל, וועט איר זען ווי גרויס דער אומגליק איז. — פאַרוואָס דאַרף זי אָפּקומען פאַר יענעמס זינד, פאַר מיינע עבירות, פאַר דעם טאַטנס זינד?
האָט זיך שאַיע דער שמיד דערשראָקן, אַז אַט־אַט וועט זיך ביי ר׳ חיימען אַראָפּגליטשן פון צונג „דער תקיעת־כף״ און ער וועט, ח״ו, מער נישט קענען פאַרבאָרגן די רייד וואָס יאַנקל האָט אים אָנגעטרויט, האָט ער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ:
— טאָ זאָל קומען צו מיר דאָס ווייבל, אייער טאָכטער.
— צוזאַמען מיטן איידעם? — האָט אַ לייכט געטון אַ האָפענונג ביי ר׳ חיימען.
— ניין, זי אַליין, — האָט שאַיע דער שמיד געעפנט ברייט די אויגן, אויפגעהויבן דאָס קול און נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט, — זי אַליין, אָן אים, אָן דעם איידעם.

— י״א —

און אַז לאה איז געקומען צו שאַיען דעם שמיד און ער האָט איר געזאָגט זי זאָל אים נישט רופן רבי, נייערט שאַיע, האָט זי אָנגעהויבן רעדן צו אים: „טאַטע־פאַטער״.
זי האָט נישט געבעטן ביי אים קיין באַר, נישט געפרעגט ביי אים פאַרוואָס ער האָט געגעבן איר מאַן די באַר און נישט געבראַכט קיין טענות צו איר מאַן. נאָר זי האָט איבערגערעדט אירע רעיונות, וואָס זי האָט געטראַכט ביינאַכט און נישט פאַרגעסן ביטאָג:
— ער איז מיר געטריי, איך הער פון אים קיינמאָל נישט קיין שלעכט וואָרט. ער קאַרגט אָבער די רייד און שענקט מיר איינציקע אויסגעציילטע ווערטער ווי אַן אויסגעבעטענע נדבה. ער גיט מיר נאָך וואָס איך בעט ביי אים, ער וועט זיך אָבער נישט דערמאָנען, אַז ס׳זענען פאַראַן זאַכן וואָס אַ ווייב קען אַפילו דעם מאַן נישט זאָגן און ער דאַרף עס אַליין דערזען, דערהערן. טאָמער רעד איך אויס אַמאָל אַ וואָרט צו אים, דוכט זיך מיר, אַז אַ ווינט שפּאַרט זיך פון קוימען און טרייבט אַוועק מיינע רייד אין די

פינצטערע וועלדער און איך פארשעם זיך גלייך ווי א פרעמדער מאנסביל וואלט זיך ארומגעדרייט אין שטוב. איך דארף זיך באהאלטן פון מיין מאן, און מוז פארבארגן מיין צער פון דער מאמען, זי זאל ביי מיר נישט פרעגן און נישט זאגן, אז קיין קינדער זענען נישטא, און אפשר קענען נישט זיין... — האט לאה ארפגעלאזן די אויגן, ווי זי וואלט זיך פאר־בארגן אין זיך אליין, מען זאל נישט זען איר פנים.

— דו דארפסט זיך נישט שעמען, מיין טאכטער, — האט שאיע דער שמיד געוואלט טרייסטן לאהן, — וואס ביסטו נעבעך שולדיק, מיין קינד? איינער אין א משפחה זינדיקט און די גאנצע הויז ווערט געשטראפט — און ער האט עס געגעבן צו פארשטיין מיט א משל:

— ס'ווערט נגזר אויף איינעם, אז ער זאל געניזוקט ווערן אויף זיינער א נסיעה. פארט ער אזוי מיט זיין פערד און וואגן און זעט ווי אן ארעמאן שלעפט זיך צופוס אויפן וועג. נעמט ער אים ארויף אויפן וואגן. דערנאך פאלן אן גזלנים, אדער ס'טרעפט אן אומגליק, די פערד צעטראגן זיך און דער וואגן קערט זיך איבער. ווערן ביידע געניזוקט, דער אומשולדיקער פוס־גייער און דער וואס איז געפארן מיטן פערד און וואגן — האט זיך שאיע פארטיפט אין זיינע רעיונות:

— זי וויל אים נישט מוחל זיין פאר די חרפות בזיונות, האט זי אים איבערגעלאזן פאר דער ווייב, זי האט אבער אוועקגערויבט פון אים די אהבה. פון גרויס צער איז זי שוין מסתמא געשטארבן, רופט זי אים אויף יענער וועלט צום בית־דין של מעלה. זיין צייט איז אבער נאך נישט גע־קומען, האט זי אריינגעגעבן א רעיון דער דינסט, אויפצוועסן די באר, ער זאל נישט פארגעסן, אז זי איז געווען א דינסט.

ער האט אויפגעהויבן דעם קאפ און א זיפץ געטון:

— קיין באר האב איך נישט פאר דיר. איך קען דיר נאר געבן א ברכה. אפשר וועט זיך דער איבערשטער מרחם זיין אויף דיין געבעט און מיין ברכה וועט מקוים ווערן. דו פאר אהיים און אז מען וועט קוילענען די גענדז וואס מען פארזעצט אויף פסח, זאלסט דו אליין פליקן די פעדערן א גאנץ ווינטער. דו זאלסט נישט צולאזן די דינסט צו די פעדערן, ווייל זי קען נאך, ח"ו, ווידער נכשל ווערן. דו זאלסט נישט טראגן קיין כעס אויף דער דינסט. ווייל זי וויל דיר קיין שלעכטס נישט טון, דו זאלסט זיך אבער

נישט שאַפֿן מיט איר, ווייל דו קענסט נאָך, ח״ו, געניזוקט ווערן דורך איר. זיי וויסן, מיין טאָכטער, אַז ווען מען גייט אַפֿילו טון אַ מצווה, פֿאַרשטעלט זיך דער שטן אין אַלערליי געשטאַלטן, און טרעט נישט אָפּ פֿון מענטשן. גראַדע דעמאָלט ווען דער מענטש וויל נישט זינדיקן. דעריבער דאַרף מען מקיים זיין אַ מצווה מיט גרויס כוונה, כדי מען זאָל נישט נכשל ווערן פֿון שטן. גאָט וועט העלפֿן און דו וועסט אָנפּליקן אַ סך פֿעדערן פֿאַרן ווינטער. אַרום פּסח זאָל יאַנקל דיין מאַן אַליין אַרויפֿלייגן די פֿעדערן אויפֿן וואָגן און אַוועקפֿירן אין אַ שטאָט, אין אַ ווייטער שטאָט, ווייט פֿון דער היים, דאָרטן ווו מען קען אים נישט און צעטיילן די פֿעדערן פֿאַר די אָרעמע כלות, וואָס האָבן נעבעך נישט אויף קיין אויסשטייער. די כלות וואָס ווערן פֿאַרשעמט אין זייער אָרעמקייט וועלן בענטשן די הענט וואָס האָבן געפּליקט די פֿעדערן פֿאַר זייער צוקאָפּנס. וועט גאָט העלפֿן, דיין געבעט וועט אָנגענומען ווערן און מיין ברכה וועט מקוים ווערן.

לאה איז געקומען אַהיים מיט פֿרייד און שרעק; זי האָט זיך געפֿרייט וואָס דער גוטער ייִד, דער גרויסער צדיק האָט פֿאַרנומען אירע רייד און איבערגעענטפֿערט די ברכה אין אירע הענט, זי אַליין זאָל מיט איר מי און אַרבעט פֿאַרדינען ביי דעם אייבערשטן, ער זאָל זיך צוהערן צו איר געבעט; זי האָט זיך אָבער אויך געשראָקן וואָס זי, לאה, אָרעם אין מצוות, קאַרג אין מעשים טובים, און איז אַזוי געשטראָפֿט, אַז איר מאַן, יאַנקל געגענט נישט צו איר, נייערט ער קערט זיך אָפּ פֿון איר; זי די שוואַכע פֿרוי, זאָל ווערט זיין מיט אירע מעשים טובים ביי דעם רבונו של עולם, ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף איר מיטן מאַן, איז זי אַרומגעגאַנגען איבערן הויז שטיל פֿאַרזאָרגט, ווי אין אַ תענית, קאַרגער פֿון דעם מאַן אין רייד און זיך אויסגעהיט פֿון זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף דער דינסט.

זי האָט זיך איינגעקוקט ווי דער טאַטע קלייבט אויס די בעסטע גענדז, ווייסע, איינע אין איינע, ווי פּוך, און מען פֿאַרזעצט זיי אין די שטייגן מיט אַזאַ פֿרייד ווי מען שעפּט אָן די מצה־וואַסער פֿון ברונעם.

זי האָט געוואַרט אויף דער צייט ווען זי וועט דאַרפֿן אָנהייבן פּליקן די פֿעדערן ווי די מאַמע גרייט זיך צו ליכט־בענטשן, און איבערגעחזרט איין געבעט: — טאַטע אין הימל, דערבאַרעם זיך אויף מיר, נישט צוליב מיר, נייערט צוליב מיין מאַן, וואָס איז געטריי צו זיין ווייב...

יאַנקל האָט נישט געוווּסט צי ער מעג זיך צורירן צו די פעדערן. אָדער ער דאַרף וואַרטן ביז לאה וועט אָנפילן די פולע טעפּ, קרוגן, דע־מאָלט וועט ער אַריינשיטן די פעדערן אין זעק און אַליין אָוועקפירן אין אַ ווייטער שטאָט פאַר די אָרעמע כלות — אַן אויסשטייער.

ער האָט זיך איינגעקוקט ווי לאה דערשלאָפט נישט קיין נעכט, זשאַ־לעוועט יעדע מינוט בייטאָג, זי זאָל אָנפליקן מערער פעדערן, און ער האָט זי אָפּגעהיט, ווי מען גיט אַכטונג אויף אַ קראַנקן, וואָס הייבט געגעזן צו ווערן.

ער האָט געטראַכט אין וואָס פאַראַ שטאָט זאָל ער פאָרן; ער וועט זיך אָוועקלאָזן ווייט, אַזוי ווייט ווי די פּאָר פערד קענען דערגיין און ער וועט זיך לאָזן פירן פון זיי, אָט אַזוי ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער בעל־עגלה פאַרלאָזט זיך אויף זיינע פערד אין אַ סכנה. ער וועט זיך אָוועקשטעלן אויפן מאַרק, זיך איינקוקן אין די מענטשן, קיינעם גאָרנישט זאָגן און וואַרטן ביז עמעצער וועט צוגיין צו זיין וואָגן און פרעגן וואָס פירט אַ ייִד אין די זעק.

— ער קען נאָך דאָרטן טרעפן רחעלען, — האָט ער אַ ציטער געטון, — אָט אַזוי ווי יעקב האָט דערזען רחלען מיט די שעפסן ביים ברונעם. זי וועט נישט וויסן ווער ער איז. ער וועט זיין אָנגעטאָן אין דעם גרויסן פּלאַשטש, איינגעטונקען אין פעדערן, דאָס היטל אַראָפּגעלאָזן איבער די אויגן. נאָר ער וועט זי גלייך דערקענען. ער וועט זיך אָבער מאַכן פרעמד צו איר און נישט אויסרעדן קיין וואָרט. בלויז זיך איינקוקן אויף איר, און אפשר זאָל ער יאָ זאָגן:

— רחעלע, זיי מוחל, דו זעסט דאָך...

יאַנקל האָט זיך איינגעקוקט ווי די פעדערן מערן זיך אין די קרוגן און די טעפּ — ריינער ווייסער פּוך וואַקסט אין די קישנס און די פערענעס. און ער האָט געטראַכט וועגן דער גרויסער ווייטער שטאָט, וווהין זיינע פערד וועלן אָנציִען. ביי אים זענען נישט אַרויס פון זינען די מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט וועגן פערד, וואָס האָבן אויסגעהיט דעם מענטשן פון וועלף, פון חיות רעות, אָדער זיך איינגעשפּאַרט, זיך אָוועק־געשטעלט דיבאָם. נישט געפאָלגט די בייטש און נישט געגאַנגען וווהין די לייצעס האָבן געקירעוועט, נאָר אַרויסגעפירט דעם בעל־עגלה אויפן

ריכטיקן וועג, אים האָט אויך געמאַטערט דער רעיון, וואָס זאָל ער טון טאָמער ער וועט באַגעגענען רחעלען. זאָל ער איר זאָגן אַ וואָרט, אָדער דאָס מויל נישט עפענען, ווי אַ שטומער, און בלויז אָנווייזן מיט דער בייטש אויף די זעק פעדערן.

די רעיונות האָבן אים נישט אָפּגעלאָזן, אָט אַזוי ווי די ווייטקייט פון די שטעט האָבן אַריינגענאָרט זיינע בליקן, ווייט, ווייטער פון דער הײם.

האָט יאַנקל אַ קוק געטון אויף לאהן ווי זי זיצט אַ פאַרמאַטערטע, אַ נישט דערשלאָפענע און פליקט די פעדערן ווייך און פאָרזיכטיק, ווי זי וואָלט פאַנאַנדערגעקאָמט די הערעלעך ביי אַ קליין קינד, האָט ער איינגעשלאָסן די ליפן: „ניין, ער וועט קיין וואָרט נישט זאָגן רחעלען און וועט זיך נישט דערקענען צו איר״. אַז ער האָט אָבער געזען ווי דער ווייסער פוך גייט אויף אין די קרוגן און אין די טעפּ, ווי דער שניי וואַקסט אין וואַלד אויף די צווייגן פון דיביימער, האָט ער גערעדט שטיל צו רחעלען ווי ער וואָלט פאַרטרויט אַ סוד צו אַ פרעמדער פרוי.

— זייט אַזוי גוט, נעמט צו די פעדערן און גיט אַוועק די אָרעמע כלות, זיי זאָלן אין דעם טאָג פון דער חופּה, ווען דער אייבערשטער פאַרנעמט זייער געבעט ווי דאָס געוויין פון אַ קינד, מוחל זיין די מענטשן וואָס פאַרשעמען אַ כלה.

און וואָס טיפער די רעיונות האָבן געעקבערט זיינע געדאַנקען אַלץ נענטער האָבן זיך געצויגן זיינע בליקן צו דעם טיש אין ווינקל וווּ לאה האָט געפליקט די פעדערן. ער איז צוגעגאַנגען און אָפּגעטראָטן פון טיש אָט אַזוי ווי ס׳האָבן נישט גערוט די פינגער, וואָס האָבן געפליקט די פעדערן.

— לאה, דער טאָפּ איז שוין פול...

— לאה, אפשר וועסטו זיך צולייגן אָפּרוען. דו שלאָפסט נישט קיין נעכט...

ער האָט אָבער געזשאַלעוועט די צייט נישט ווינציקער ווי לאה און אויסגעקוקט אויף דעם טאָג וואָס די פערד וועלן אים פירן אין דער ווייטער שטאָט, אַזוי ווי זיין ווייב האָט געגאַרט צו זען פון אירע פעדערן די ווייכע קישנס און וואַרעמע פערענעס פאַר די כלות.

אין הויז האָט מען אויך געוואַרט אויפן טאָג, ווען יאַנקל וועט זיך

אַרויסלאָזן אויף דער וועלט מיט די פֿעדערן, שאַיע דעם שמידס ברכה זאָל מקוים ווערן.

זיי האָבן געזען, אַז יאַנקל זיצט איצטער אין שטוב און בראָזשעט נישט אַרום אין שניי. ער טרעט נישט אָפּ פון לאהן און קוקט אויף איר, ווען זי פּליקט די פּעדערן, מערער ווי נאָך דער חתונה, ווען זי האָט אָנ־געטאָן די נייע קליידער מיט די חתונה מתנות.

האָט זיך געשטאַרקט זייער בטחון, אַז די מצווה וועט אים אויסהיטן פון אַלע סכנות, ער וועט זיך אומקערן אַהיים אָן זיין אומער און אַז גאָט וועט געבן וועט מען ביז איבער־אַ־יאָר פּסח פּראַווען אַ ברית ביי דעם איינִיקל.

— י״ב —

גלייך נאָך פּסח האָט מען אויסגעפּראַוועט יאַנקלען אין וועג. מען איז אויפגעשטאַנען פּאַרטאָג, ווען אַלע שלאָפן נאָך, אַ בייז אויג זאָל נישט שאַטן. מען האָט איינגעשפּאַנט די צוויי בעסטע פערד, וואָס האָבן אַ גאַנץ ווינטער גערוט אין שטאַל און דער שווער מיט דער שוויגער מיט לאהן און יאַנקלען האָבן אַרויסגענומען די פּעדערן וואָס זענען געווען פּאַר־שלאָסן אין שפּייכלער אויף זיבן שלעסער, קיינער זאָל זיך צו זיי נישט צורירן. און זיי האָבן אַליין געטראָגן די זעק אויפן וואָגן.

די דינסט האָט אָבער אויך נישט געקענט שלאָפן; דער יונגער באַלע־באָס פאַרט אַוועק אין אַזאַ ווייטן וועג און מען לאָזט איר אַפילו נישט אויסוואַשן אַ העמד פאַר אים. איז זי אַראָפּ פון בעט, זיך אַוועקגעשטעלט הינטערן טיר זען ווי מען באַגלייט אים אַרויס. זי טוט אַ קוק, אין טומ־לעניש האָבן די באַלעבאַטים נישט געזען ווי ס׳איז געבליבן ליגן אַ זאַק פּעדערן אויף דער ערד.

האָט זי אַ שפּרונג געטון אַ באָרוועסע, געכאַפּט דעם זאַק פּעדערן און צוגעטראָגן יאַנקלען:

— נאַט אייך, באַלעבאָס, איר האָט פאַרגעסן...

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, באַדאַנקען דעם באַלעבאָס וואָס ער האָט פאַרגעסן די עוולה מיט דער באָר, נאָר אירע ווערטער האָבן זיך

פאַרפלאָנטערט אין איר גוטסקייט און זי האָט גאַרנישט געקענט זאָגן. איז זי אַריינגעלאָפן צוריק אין שטוב.

— זיך צוגערירט — איז אָנגעפאַלן אויף לאהן אַ פחד. זי האָט געקוקט מיט שטאַרע אויגן אויפן מאַן און נישט געוווּסט, צי זי רעדט עפּעס צו יאַנקלען, אָדער זי האָט פאַרסטשימעט די ליפּן און בייסט זיך אין אין די ווערטער ווי אין דעם אייגן לייב.

***

יאַנקל האָט אַ צי געטון די לייצעס און געלאָזט די פערד גיין אַליין מיטן וועג אין דער ווייטער וועלט אַריין.

ער איז געפאָרן אַ טאָג מיט אַ נאַכט און ערשט אויף מאָרגן אין דער פרי האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ קרעטשמע אָפּצודאַוונען און אָנפיטערן די פערד.

נאָך זיין אייגענער מידקייט און אויסגעמאַטערטקייט פון די פערד, האָט ער געזען, אַז ער איז אָפּגעפאָרן אַ ווייטן מהלך, אַוודאי אַ הונדערט וויאָרסט. נאָר ער האָט ביי קיינעם נישט געפרעגט ווּהין ער איז אָנגעקומען.

אַז ער איז אָבער אַריין אין הויז, זיך אויסגעטשוכעט פון זיין נישט-דערשלאָפנקייט, האָט ער דערזען, אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי נאָטען אין קרעטשמע, נאָר ער האָט זיך נישט געלאָזט דערקענען צו אים און זיך אַוועקגעשטעלט דאַוונען.

אים איז שווער געווען צו זאָגן אַ וואָרט אויף אויסווייניק, האָט ער געעפנט דעם סידור און געהיט אות נאָך אות. נאָר די ווערטער זענען געשפּרונגען איבער די שורות און זיינע רעיונות האָבן מבלבל געווען דעם דאַוונען. ביי אים איז רחעלע נישט אַרויס פון זינען:

— דאָ, ביי נאָטען אין שטוב האָט זי געדינט, דאָ האָט זי געטראָגן די באַרעמניעס האָלץ, געוואַשן די גרעט. — און ער האָט געזוכט מיט די בליקן וווּ זי האָט געשטעלט אַ טראָט און ווו זי האָט צוגערירט אַ האַנט.

דאָס דאַוונען האָט ביי אים גענומען לענגער ווי אַלע מאָל, נאָר אַז ער האָט אויסגעטאָן דעם טלית האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נישט געפרעגט ביי דעם באַלעבאָס ווו איז מזרח און ער האָט נישט גע-

דענקט צי ער איז געשטאַנען שמונה עשרה. ער האָט געוואָלט באַהאַלטן זיין צעטראָגנקייט, האָט ער אויסגעמיטן אַן איבעריק וואָרט און געוואָלט וואָס גיכער אָפּציִען פון קרעטשמע.

אין דער פרי זענען קיין פרעמדע מענטשן נישט געווען אין קרעטש־מע, האָט זיך דער באַלעבאָס נישט געאיילט אַרויסלאָזן דעם אורח וואָס איז געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט פון אַ ווייטן וועג. ער האָט געפּרוווט זיך אַריינלאָזן מיט אים אין אַ רייד:

— וווּהין פאָרט אַ ייד?

— איך פיר פעדערן.

— אַ באַקאַנט קול, — האָט זיך נאָטע בעסער צוגעקוקט צו דעם יונגן מאַן און דערקענט יאַנקלען, אייזיקס זון, — טאַקע פאַרעלטערט גע־וואָרן, אָנגעוואַקסן אַ באָרד, אָבער יאַנקעלע.

האָט ער אַ זיפץ געטון: — נעבעך אַזוי פאַראָרעמט געוואָרן, אַז ער דאַרף האַנדלען מיט פעדערן. — און זיך נישט געלאָזט דערקענען צו אים כדי נישט צו פאַרשעמען ר׳ חיים דעם גבירס איידעם מיט זיין אָרעמקייט, און ער האָט נישט געפרעגט: — פון וואַנען איז אַ ייד?

ער האָט אָבער געזען פאַרהאַלטן דעם אורח אַ ביסל לענגער, געבעטן זיצן, ער זאָל זיך וואַשן און זיך פאַנאַנדערגערעדט וועגן דער ביטערער פּרנסה פון אַ קרעטשמע, כדי יאַנקל, חיים דעם גבירס איידעם, זאָל נישט זיין געפאַלן ביי זיך, וואָס זיין שווער איז פאַראָרעמט געוואָרן:

— דער אייבערשטער האָט אויסגעוויילט זיין פאָלק ישראל, מען זאָל זיך מאַטערן אויף דער וועלט; מען דאַרף אַליין האָרעווען אויפן שטיקל ברויט, מיטן ווייב, מיט די קינדער...

— און אַ דינסט!... — האָט יאַנקל אויפגעוואַכט פון זיין פאַרמע־טערטקייט.

— איך האָב אַמאָל געהאַלטן אַ דינסט, ניין, נישט קיין דינסט, אַן אייגן קינד — אַ יידישע טאָכטער, — און אים האָט פאַרדראָסן וואָס ער האָט אפשר אַרויפגעפירט אויפן רעיון דעם תקיעת־כף, האָט ער אַ זיפץ געטון: — גאָט ווייס ווו זי איז איצטער...

— רחעלע — אָט, אָט, נאָך אַ האָר פאַלט אַראָפּ איר נאָמען ביי יאַנקלען פון די ליפּן, ווי אַ צייטיקער עפּל רייסט זיך אָפּ פון בוים.

האָט ער זיך אַרויסגעיאָגט פון הויז.

— דעם טלית און תפילין! — האָט נאָכגעגעבן דער קרעטשמער נאָכגע־רופן יאַנקלען, נאָר ער האָט נישט געהערט און זיך געשפּאַרט אין גאַס.

***

ווי און ווינד! אַזוי האָט אויך דער ווינט אין דרויסן געיאָגט און געשפּאַרט די פעדערן פון די זעק.

דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פרילינג, ווען די פּאַסטוכער האָבן אַרויסגעטריבן די טשערעדע אין פעלד און פאַרריסן די קעפּ אַנט־קעגן דעם ווינט וואָס האָט געבלאָזן אויף זיי מיטן זון־אויפגאַנג. די קי האָבן דערשמעקט די פרישע פּאַשע, וואָס איז אויפגעגאַנגען אויף די פעלדער, האָבן זיי זיך אויסגעטשוכעט פון די ווינטערדיקע שטאַלן און זיך געשפּאַרט איינע אויף די אַנדערע, פאַרלאָפן דעם וועג און זיך אומ־געקערט צוריק.

דער בוהאַי איז געגאַנגען אַפריִער מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, געשטעלט שווער די טריט, ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיך די גאַנצע סטאַדע, און די בהמות האָבן געדרייט מיט די עקן, געשמיסן זיך אַליין איבער דער פעל, אַנגעשפּאַרט דעם אייגענעם קאָפּ אויף אַ פרעמדן האַלדז, אונטערגעטאַנצט אויף די פיס, זיך אָפּגעשלאָגן פון דער טשערעדע און געקומען צוריק.

אַזוי אומרויִק זענען אויך נאָכגעגאַנגען נאָך דער טשערעדע די יונגע שקצים — די פּאַסטוכער מיט די נייע קאַשיקעס, וואָס זיי האָבן ערשט אָנגעהויבן פלעכטן. זיי האָבן געקנאַקט די לופט מיט זייערע לאַנגע בייטשן און זיך גערייצט איינער מיט די אַנדערע מיט די נייע שאַרפע מעסערלעך, וואָס זיי האָבן נאָרוואָס געקויפט אויפן יאַריד אויסצושניצן שטעקעלעך, מאַכן פייפעלעך און אָפּשניידן ריטער פון די ווערבעס.

אַז זיי האָבן דערזען דעם וואָגן מיט די זעק, האָט אַ שייגעץ אַריינ־געשטאָכן דעם שאַרף פון מעסערל אין אַ זאַק. אים האָט נאָכגעטון אַ צווייטער, אַ דריטער. אַלע האָבן געשטאָכן די זעק און דער ווינט האָט אָנגעהויבן טראָגן די פעדערן פון וואָגן.

— פעדערן פון גענדז, וואָס זענען אַ גאַנץ זומער געשוווּמען ביי זיי

אין טײַך און זיך געפּיטערט אויף די לאָנקעס ווי די בלומען גייען אויף אין די גראָזן. און דער זשיד האָט זיי צוזעגנומען און געקוילעט, — האָט דער ווינט געטראָגן די פּעדערן, געצונדן די יוכע ביי די שקצים און זיי האָבן מיט די נייע מעסערלעך געשטאָכן און געשניטן די זעק פּעדערן אויפן וואָגן.

און די פּעדערן האָבן זיך געטראָגן אויפן ווינט פון אַלע עקן וועלט, פאַרפינצטערט דעם שיין פון דער זון, צוגעדעקט די פערד און זיך אָנגע־קליידט אויף יאַנקלען ווי די גרויקייט אויף אַ זקן. ער איז געשטאַנען און זיך איינגעקוקט מיט דער שרעק פון דער דינסט, וואָס האָט אַרויסגע־וואָרפן די באַר פון קאַמאַד, מיט דעם פּחד פון דעם ווייב, וואָס האָט דער־זען ווי די דינסט האָט אויפגעהויבן דעם זאַק פון דער ערד און ער האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. ער האָט זיך געוויקט אין זיין צער, אַזוי ווי רחעלע האָט זיך געבויגן אונטער איר חרפה, טאַקע דאָ, ביי נאָטען אין קרעטשמע. פאַר זיינע אויגן זענען געפאַלן פון די פּעדערן די אותיות פון תקיעת־כף, איינציקע, צעבראָכענע און רחעלע האָט זיי צונויפגעקליבן אין איין וואָרט, אָט אַזוי ווי זי האָט אַמאָל געקליבן צוזאַמען מיט אים די יאַגדעס אין וואַלד, און געשפּאַרט אים אין פּנים מיט דער פינצטערניש, וואָס האָט צוגעדעקט דעם פרימאַרגן:

— אַז דו האַלסט נישט דעם תקיעת־כף, טראָגט דער ווינט מיין אויס־שטייער — די פּעדערן...

*****

און אַז איך בין געשטאַנען ביי מיר אין צימער און זיך איינגעקוקט אין פענצטער אין די טייבעלעך וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן אין דעם כמורנעם טאָג ווי פּעדערן אויפן ווינט, איז מיר נישט אַרויס פון זינען יאַנקעלע מיט רחעלען, צוזאַמען מיט די יידן פון זשירעוויע.

„פּעדערן“, האָב איך נישט געקענט איינרופן „אויפגעריסענע פּערע־נעס, אויפגעשניטענע יידישע בייכער פון דעם קעשעניעווער פּאָגראָם, וואָס מיין באָבע, ע״ה, האָט באַווײנט און באַקלאָגט.

פּעדערן — דער אויסשטייער פאַר מיינע שוועסטער, וואָס די מאַמע

פעדערן

ע״ה האָט צוגעגרייט ווינטער נאָך ווינטער צו דער חתונה פון אירע טעכטער.

פעדערן — די ברכה פון שאַיע דעם שמיד, וואָס לאה האָט אָפּגעהיט און געגלעט אַ גאַנצן ווינטער מיט דער צנועות פון אַ ייִדישער טאָכטער.

פעדערן — דער פעדער וואָס מען לייגט צו אַ טויטן צום נאָז און קוקט מיטן פחד פון יאַנקלס אויגן.

פעדערן — האָב איך געזען דעם גורל פון מענטשן, מיין גורל, און דעם גורל פון מיין פאָלק וואָס דאַרף אָפּקומען אין גלות, ווי אַ מענטש פאַר זיינע זינד.

אברהמל דער ליידיקגייער

— א —

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך פאַרבראַכט מיין זומער־וואַקאַציע אין אַ קליינעם האָטעל אין קאָנטריוויל. אין דעם האָטעל זענען נישט געוועזן קיין סך געסט; בלויז עטלעכע צענדליק מיטליעריקע און עלטערע מענטשן. כמעט אַלע געסט זענען געווען צוזאַמען מיט זייערע ווייבער, און אויף זייער אָפּרו האָבן זיי זיך אויפגעפירט ווי ביי זיך אין דער היים אין שטאָט.

זיי האָבן נישט פאַרגעסן זייערע קינדער, האָבן זיך איבערגענומען מיט אַן אייניקל, דערמאָנט זייערע געשעפטן, גערעדט וועגן די נייס פון דער וועלט און האָבן געענדיקט דעם שמועס וועגן אַ חלאת, אָדער באַדויערט דעם טויט פון אַ באַקאַנטן צי אַ פריינט.

אַז די רייד וועגן זיך אַליין האָבן זיך אויסגענומען, האָבן זיי פאַרטריבן די לאַנגווייליקייט פון דעם לאַנגן זומערדיקן טאָג מיט די מעשיות וואָס זיי האָבן דערציילט וועגן מר. און מרס. דאָרמאַן מיט זייערע קינדער — די באַלעבאַטים פון האָטעל.

מר. דאָרמאַן איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר פופציק, פון מיטעלן וווקס, זיין קורץ בערדל האָט זיך טיף געגרויט אין די שוואַרצע האָר. זיין אָנטועכץ איז אַראָפּגעהאַנגען אויף אים ווי ער וואָלט געטראָגן פרעמדע געליענע קליידער און זיינע שפּאַקולן זענען געזעסן ביי אים אויפן שפּיץ נאָז. ער האָט זיך אַלע מאָל געאיילט און שטענדיק געטראָגן אין

האַנט עפּעס פֿון דער באַלעבאַטישקייט: אַ שטעקן, אַ האַמער, אַן עקבער, אַן אָפּצווענגע...

ער האָט קיין סך נישט גערעדט, בלויז שטיל אַרויסגעזיפּט געציילטע ווערטער, און האָט כמעט אַלע מאָל אָפּגעהאַקט אין מיטן מיט אַ זיפֿץ: „אַ פֿאַרגעסן..."‚ אָדער ער האָט פּלוצלינג אַ קוק געטון אויף זיינע בני בית און דערמאָנט זיי עפּעס מיט אַ געבעט, גלייך ער וואָלט זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר עמעצן, און האָט זיך אַוועקגעאיילט מיט דראָבנע טריט. אַז ער האָט אָבער גערעדט מיט זיין עלטערער טאָכטער, האָט ער זיך נישט געאיילט; ער איז געשטאַנען אַ רויקער אויף זיין אָרט מיט ליידיקע הענט און האָט שטיל און געלאַסן געקייטלט אַ וואָרט צו אַ וואָרט.

געזען האָב איך מר. דערמאַנען ריידן מיט זיין עלטערער טאָכטער, סעלמע, פֿאַרנאַכט, נאָך דעם אָוונט־מאָלצייט, ווען די געסט זענען געזעסן אויף דער ווערענדע, אָדער האָבן אַרומגעשפּאַצירט אַרום דעם האָטעל. זיי זענען ביידע געשטאַנען אָן אַ זייט אין הויף; געפֿירט דעם שמועס האָט אָבער דער טאַטע. די טאָכטער, האָט בלויז געענטפֿערט מיט אַ וואָרט, אַראָפּגעלאָזן די אויגן און האָט געקנייטשט מיט די פֿינגער די ברעגן פֿון דער בלוזקע.

די געסט האָבן געהערט נישט מער ווי דעם מורמל פֿון די רייד. זיי האָבן נישט געוווּסט וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך. נאָר די קלאַנגען, וואָס זענען אויסגעגאַנגען אין פֿאַרנאַכט, האָבן זיך אָפּגעזעצט לעבן זיי ווי די סודות, וואָס די בערג פֿאַרבאָרגן אין זייער שטילקייט, און האָבן געעקבערט ביי די מענטשן די נייגעריקייט.

די געסט האָבן פֿאַרשטאַנען אַז ס'איז אַן איבעררייד מיט דער טאָכ־טער און זיי האָבן זיך נישט אַריינגעמישט אין די שמועסן. זיי האָבן בלויז געוואָלט וויסן ווער איז דער אברהמל, וואָס סעלמע דערמאָנט אַזוי אָפֿט. זיי האָבן זיך געוווּנדערט — אַן אַמעריקאַנער מיידל, וואָס ברענגט נישט אַרויס קיין יידיש וואָרט אויף די ליפּן, רעדט אויס זיין נאָמען אַזוי ריין־יידישלעך. האָט זיך איין גאַסט איינגעשטעלט און געפֿרעגט ביי מרס. דער־מאַן, אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַריין, ווי ער וואָלט דערמאָנט אַ זייטיקע זאַך:

— ווער איז אברהמל? ער איז אייער אַ שכן?

— אברהמל — האָט מרס. דאַרמאַן איבערגעחזרט און איז, אַנטשוויגן געוואָרן; בעת־מעשה האָט זי אָבער אַזוי אַ קוק געטון אויף דעם גאַסט, ער זאָל פאַרשטיין אַז מיט איר שוויגן דערציילט זי מערער ווי מיט רייד. דערנאָך האָט זי זיך אָפּגערופן הויך אויפן קול, ווי זי וואָלט זיך פּלוצלינג עפּעס דערמאָנט:

— אברהמל דער לײדיקגייער? ווער קען אים נישט דאָ אין געגנט, שלעפּט זיך אַרום אָן אַ היטל איבער די וועגן.

מער האָט מרס דאַרמאַן נישט דערמאָנט אברהמלס נאָמען. זי האָט גענומען עפּעס פאַרריכטן אין דעם גרויסן צימער, וואָס האָט געגאָלטן פאַר אַ לאָבי און זי האָט געוואָלט, אַז מען זאָל פאַרשטיין, אַז איר פּאַסט נישט צו ריידן וועגן אַזאַ מענטשן.

מרס דאַרמאַן האָט זיך אויפגעפירט אַנדערש ווי איר מאַן. זי איז געווען פאַרנומען אין קיך, האָט צוגעגרייט דאָס עסן פאַר די געסט. אין האָטעל האָט מען זי אַ גאַנצן טאָג כמעט נישט געזען. פאַרנאַכט האָט זי זיך באַוויזן אויף דער ווערענדע אַ רויקע, אַ געלאַסענע, גלייך ווי זי וואָלט אַרויסגעקומען צוזאַמען מיט די געסט פון עס־צימער. זי איז געווען אָנגעטאָן, אַט אַזוי ווי די געסט האָבן זיך אויסגעקליידט צום „סאַפּער".

זי איז געווען אַ הויכע, האָט געטראָגן אַ לאַנג קלייד פון בלויען אָדער טונקעלן קאַרשן־קאָליר, מיט אַ שטיקל צירונג אויפן האַלדז און איז זעלטן אַרויסגעגאַנגען אויף דער ווערענדע אָן איר וויכער שאַל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט אָדער אַרויפגעלייגט אויף די אַקסלען. זי האָט גערעדט מיט די געסט שטיל, רויק, און האָט נישט דערמאָנט איר אַרבעט אין קיך, זי האָט געפירט מיט זיי דעם שמועס וועגן דער שיינקייט פון דער נאַטור אין דער געגנט:

— דאָ איז אַ בוים — אַ בוים; דער וואַלד איז אַ וואַלד; נישט ווי די אויסגעדאַרטע, נישט־דערוואַקסענע ביימעלעך אין די „מאַונטיינס"...

אַז זי האָט אָבער דערזען ווי איר מאַן דערווייטערט זיך פון האָטעל און הייבט אָן ריידן אין אַ ווינקל פון הויף מיט סעלמען, האָט זיך איר פּנים פאַרצויגן ווי אַ פאַרמעט און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

זי האָט אָבער נישט געקענט איינרוען, האָט זי זיך פּלוצלינג אַ ריס געטון פון דער שטול און באַלד האָט מען דערהערט איר קול איבערן הויף:

— דו העלפסט איר!

— באַהאַלט פון דער מאַמען, פיר מיט איר סודות!

— דו מיינסט, זי איז נאָר דיין טאָכטער! וועסט זען! וועסט זען!

זי האָט נישט געוואָלט הערן וואָס דער מאַן דער ענטפערט איר, זי איז אַוועקגעגאַנגען פון אים מיט דער טאָכטער אַ מידע, אַ פאַרמאַטערטע, גלייך ווי זי וואָלט פלוצלינג אָנגעטאָן אויף זיך דעם יאָך פון איר שווערן טאָג אַרבעט.

מר. דאָרמאַן איז איר נאָכגעגאַנגען און האָט זיך געבעטן ביי איר:

— וואָס ווילסטו? זי זאָגט דאָך, אַז זי פאַרלאָזט זיך אויף אברהמלען; טאַקע אַ ליידיקגייער; ער וועט דאָך אָבער נישט הייסן...

מרס דאָרמאַן האָט זיך נישט אומגעקוקט, נישט געענטפערט און איז אַריין אין האָטעל דורך דער הינטערשטער טיר.

מר. דאָרמאַן איז געבליבן שטיין אין דרויסן; ער האָט אויסגעטאָן און אָנגעטאָן זיינע שפּאַקולן. ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער וויל זיך ערגעץ באַהאַלטן, נאָר די פייערן פון האָטעל האָבן ליכטיק געשיינט און אַרויס־געשטעלט אָפן זיין פּנים פאַר די געסט, וואָס זענען געזעסן אויף דער וועראַנדע. האָט ער אָנגעהויבן ריידן וועגן אברהמלען גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרשטעלן הינטער זיין געשטאַלט. ער האָט געגעבן צו פאַר־שטיין: „מען זאָגט, ער איז אַ ליידיקגייער; אַזאַ מענטשן זעט מען גאָרנישט היינטיקע צייטן, אפשר אַמאָל אין דער היים, אַ ליידיקגייער! נעמט ער עפּעס צו ביי יענעם?"

— איז ער פרום? — האָט אַ גאַסט געפרעגט.

— יאָ פרום, נישט פרום; און מיר זענען פרום? — האָט מר. דאָרמאַן איבערגעהאַקט די רייד און איז אַוועקגעגאַנגען.

די געסט האָבן אָבער ווייטער געשמועסט וועגן אברהמל דער ליידיק־גייער, וועגן מר. און מרס. דאָרמאַן מיט זייער טאָכטער. ס'האָט נישט גע־בומען לאַנג און זיי האָבן אויסגעפונען, אַז צו אַ שכן, אַ פאַרמער, איז אָנ־געקומען אַן אַרבעטער — אַ יונגער בלאָנדער בחור, אַ שיינער, אַ הויכער, און סעלמע האָט זיך פאַרליבט אין אים פון דעם ערשטן קוק. ס'העלפן נישט דעם טאַטנס רייד: „וואָס איז דאָס איילעניש, נאָך קיין 19 יאָר נישט געוואָרן". ס'קומט גאָרנישט אַרויס פון דער מאַמעס וואָרענען;

„דו וועסט זען, דו וועסט זען! ווער ווייס, ווער ווייס צי ער איז גאָר אַ ייִד?"

סעלמע הערט זיך נישט צו צו דער מאַמעס טענות, זי וויל אָבער נישט אָנטון קיין עגמת־נפש דעם טאַטן, בייגט זי זיך אונטער זיינע שטילע רייד, און חזרט איבער:

— איך ווייס, איך ווייס...

און אַז דער טאַטע הייבט אָן פאַרענטפערן דער מאַמען:

— דו מיינסט, זי איז אומגערעכט? — ער שטייט צו שטאַרקער צו סעלמען מיט גוטן, מיט אַ זיפץ, לאָזט זי אַראָפּ די אויגן און גיט אים נאָך, — זי וועט זיך פאַרלאָזן אויף אברהמלען. זי ווייס, אַז ער איז טאַקע אַן עלטערער מענטש, ער רעדט אָבער אַנדערש ווי דער טאַטע און די מאַמע: אַז ער זאָגט עפּעס צו סעלמען, דוכט זיך איר, אַז ער עקבערט אויס אירע געדאַנקען וואָס זי טראַכט, און לייגט זיי אַוועק פאַר אירע אויגן ווי זיינע אייגענע מתנות. איר פּנים גייט אויף פון זיינע רייד ווייט און דערווייטערט, ווי אַ געשטאַלט אין אַ פאַרבאַרגענעם שפּיגל. איר אַרט נישט וואָס אברהמל זעט ווי זי לאָזט אַראָפּ די אויגן ווען ער ווינקט אָן מיט אַ בליק אויף דעם בחור וואָס איז אָנגעקומען אַרבעטן צום שכן — דעם פאַרמער. זי וועט גיכער ריידן מיט אברהמלען דעם אַלטן ייִדן, איידער מיט אַ יונגן בחור פון די געסט, וואָס נעמט נישט אַראָפּ די בליקן פון איר.

אמת, סעלמע פאַרגעסט נישט, אַז ווען ס'קומט דער ווינטער און די פּוסטקייט פון די ליידיקע צימערן אין האָטעל שיידט אָפּ די שטוב פון דער גאַנצער וועלט, דעמאָלט הייבט זי אָן בענקען נאָך דעם טומל פון די געסט און וויל נישט פאָרן מיט סעמען און פּיטן און זייער גאַנצער כאַליאַסטרע צו אַ טאַנץ אין ווילעדזש.

אַז די יונגע בחורים מיט די מיידלעך — די זין און טעכטער פון די שכנים — שטעלן זיך אָפּ מיט זייערע שליטעלעך לעבן מר. דאַרמאַנס האָטעל און הייבן אָן רופן מיט געשריי און געלעכטער:

— סע! קום!

— ס'איז פאַראַן אָרט פאַר דיר!

— ביי דעם פערד אין אויער!

— ס'פעלט צו אַ פּאָר!

דוכט זיך סעלמען, אַז זיי מאַכן חוזק פֿון איר, וואָס זי קען נישט איבערטראָגן ווען אַ בחור דריקט זי צו צו זיך ביים טאַנצן.

זי ווערט אין כעס אויף דער מאַמען, וואָס וועט באַלד פֿרעגן ביי איר שטיל און נאָכגעביק: „פֿאַרוואָס פֿאַרסטו טאַקע נישט?" און זי גנבעט זיך אַוועק אין אַ ליידיק צימער אויפֿן צווייטן גאָרן. זי שטעלט זיך אַוועק אין פֿענצטער און ענטפֿערט נישט אויפֿן געשריי מיטן געלעכטער. זי שטייט דאָרטן שעהן נאָכאַנאַנד אויף דעם זעלביקן אָרט און קוקט זיך איין ווי דער שניי ליגט אויסגעצויגן, אַ ווייסער, אַ קלאָרער, ברייט און ווייט אָן אַן עק און אָן אַ סוף.

די בחורים מיט די מיידלעך זענען שוין לאַנג אַוועקגעפֿאָרן אין ווילעדזש. דער קלאַנג פֿון די גלעקלעך, וואָס די פֿערד האָבן געלאָזט קלינגען אַפּריער פֿון זיך מיט גאווה, איז שוין אויסגעגאַנגען אין דעם אומעט, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט. דער אָפּקלאַנג צאַנקט נאָך אין סעלמעס בענקעניש ווי אַ פֿייערל, וואָס לעשט זיך אויס און צינדט זיך אָן ערגעץ ווייט, ווייט אין אַ פֿאַרבאָרגענעם טורעם.

ס'קומט אויף פֿאַר סעלמעס אויגן די קרעטשמע („דהי אינן") — אַ ברייטע, אַ צעשפּרייטע — מיט די בחורים און מיידלעך, זיי בייגן זיך, נעמען זיך אַרום און טאַנצן אין דעם טונקעלן שיין פֿון די קאָלירטע עלעקטרישע לעמפּלעך. סעלמע האָט חרטה פֿאַרוואָס זי איז נישט געפֿאָרן אין ווילעדזש, נאָר זי פֿאַרשעמט זיך פֿאַר אירע באַגערן, ציט זי אויס איר בליק ווייט פֿון פֿענצטער און קוקט זיך איין ווי די שטערן פֿון הימל קרישלען דעם פֿראָסט אין דער ווייסקייט פֿון שניי.

זי וואָלט זיך אַוועקגעלאָזן צוזאַמען מיט איר בליק ווייט-ווייט פֿון הויז, אין די בערג און זיך באַוויזן צוריק אַ פֿאַרשנייטע מיט צעלאָזענע האָר, קיינער זאָל זי נישט דערקענען. זי וועט קומען אַהיים אַ פֿרעמדע, ווי אַ גאַסט; זי וועט יאָ זיין און נישט זיין אין הויז. די מאַמע וועט ריידן צו איר און נישט וויסן צו וועמען זי רעדט, נאָר אַז ס'וועט קומען זומער אַ בחור, וואָס וועט איר געפֿעלן ווערן, וועט זי זיך לאָזן דערקענען צו דער מאַמען און זאָגן איר, אָטאָ איז דיין טאָכטער — מיט איר חתן.

זומער קומען אָבער עלטערע מענטשן צו דאָרמאַנען אין האָטעל. טאָ־

מער באַוויַזט זיך אַ יונגער בחור, בליִען זיך פֿאַנאַנדער זיינע בליקן אין אַלערליי פֿאַרבן, ווי דאָס ליכט פֿון די לאָמפּן ציטערט ביינאַכט אין די נעצן, וואָס די פֿליגעלעך פֿאַרציִען אַרום פֿייער.

זיינע אויגן באַגלייטן סעלמען, ווי איר שאָטן, נאָר זי שפּאַרט זיך איין, ווערט אין כעס און מיידט אויס דעם בחור, אָט אַזוי ווי זי זאָגט זיך אָפּ צו פֿאָרן מיט די שכנים אין ווילעדזש. אַז זי דערוויַיטערט זיך פֿון אים, טוט זי אַ קוק אויפֿן בחור באַהאַלטענערהייט און טראַכט, אַז ער איז נישט קיין מיאוסער. זי וואָלט געוועזן צופֿרידן מיט אים אויסריידן אַ וואָרט, אַפֿילו אַרויסגיין שפּאַצירן, נאָר זי וויל נישט, ער זאָל אַזוי שאַרף קוקן אויף איר און אַלע מאָל אָנהייבן מיט די זעלביקע רייד, אַז זי איז היינט שענער ווי נעכטן.

סעלמע ווייס, זי איז אַ שיינע און געפֿעלט מענטשן, נאָר דאָ אין האָטעל איז זי אַן איבעריקע, אָט אַזוי ווי אברהמל קען נישט געפֿינען קיין אָרט אויף דער וועלט. אַז זי הערט ווי אברהמל רעדט צו איר, טראַכט סעלמע — ווען ער וואָלט געווען יינגער, פֿאַרליבט זי זיך אין אים אַזוי ווי אין סערזשן. דערפֿאַר האָט זי נישט מורא זיך צו פֿאַרלאָזן אויף אברהמלען. זי איז זיכער, ער וועט קיין ליגן נישט זאָגן, ער וועט נישט אָפּלייקענען, אַז מען קען דערקענען אַ מענטשן, ווען מען האָט אים ליב.

רעדט סעלמע רויִק צום טאַטן, זי וועט וואַרטן ביז אברהמל וועט קומען. נאָר אברהמל באַוויַזט זיך נישט אין האָטעל, און די אומרו טוט זיך נישט אָפּ ביי טאַטע־מאַמע: „טאָמער קומט זי נישט צו אים — שטייט ער הינטער די קוסטעס און וואַרט אויף איר".

באַדויערן די געסט צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע: „אַזאַ אומגליק"... און טראַכטן: ווער ווייס צי ער איז טאַקע אַ ייִד; היינטיקע צייטן; אַז קיין ייִדיש קענען זיי ביידע נישט ריידן".

— פֿונדעסטוועגן וויל זי זיך פֿאַרלאָזן אויף אברהמלען, אויף אַ פּשוטן ייִדן, פּרוּווט עמעצער געפֿינען אַ זכות אויף סעלמעס ייִדישקייט, און אַלע געסט ווילן דערגיין ווער איז דער אברהמל, וואָס צו אים הערט זיך סעלמע צו מערער ווי צו טאַטע־מאַמע. שטייען זיי צו צו מר. דאַרמאַן, ער זאָל זיי זאָגן וואָס פֿאַר אַ ייִד איז דער אברהמל.

מר. דאַרמאַן וואָלט געוואָלט דערציילן די געסט, אַז אברהמלס אין

ווארט איז ביי אים היילעקער ווי די רייד פון צען גוטע יידן. ער וויל אבער נישט מאכן שארפער דעם ווייבס צארן, רופט ער זיך אפ שטיל, ווי ער וואלט אפגעגנבעט ביי איר די רייד:

— אז ער וועט קומען, וועט איר זען.

שטייען די געסט צו:

— טאקע א ליידיקגייער? טוט גארנישט?

— א ליידיקגייער? — חזרט איבער מר. דארמאן — מאלע וואס מען גיט א מענטשן א צונאמען — און ער הייבט אן שמייכלען:

— אטא האלט מען מיך פאר אן עושר; נו, ביי איך א גביר?

ער וויל נאך עפעס צוגעבן: „מיין ווייב האלט זיך פאר א חכמה, איז זי א קלוגע"? נאר ער באהאלט די ווערטער אין דעם אומעט פון זיין בליק, וואס ליגט פארבארגן הינטער זיינע שפאקולן און ער גייט אוועק טיף, טיף אין דעם לאנגן הויף פון זיין האטעל, ווו ער פארקעט זיך מיט זיין ארבעט.

— ב —

מר. דארמאן ווייס, אז ער איז נישט קיין גרויסער אויפטוער; האלט ער עפעס אין האנט פארגעסט ער ווו ער האט עס אוועקגעלייגט; טוט ער עפעס, הייבט אים אן רופן אן אנדער ארבעט, און ער קען ביידע זאכן נישט ענדיקן. זיינע געדאנקען לאזן אים נישט רוען. ער וועט זיך פלוצלינג, אין מיטן דער ארבעט, פארטראכטן וועגן א נארישקייט: אז מען וואלט די ביימער ארום האטעל פארזייט פרייער, מער אפגערוקט איינעם פון אנדערן, וואלטן זיי העכער אויסגעוואקסן. אדער אים וועט ארויפגיין אויפן זינען: אפשר האט ער טאקע געדארפט בלייבן זיצן אין שאפ, וואלט דאס ווייב נישט געווען די פירערקע, ער וואלט נישט געדארפט מורא האבן פאר סעלמען און נישט געזארגט וואס וועט זיין מיט די יינגלעך.

די רעיונות קריכן טיפער: זי האט טאקע נישט געדארפט חתונה האבן מיט אים; ווען ער וואלט נישט צוגעשטאנען צו איר ווי א נאר, וואלט זי אים איצטער נישט אויפגעווארפן: „ביי דיר, ס'הענגט אלץ אויף דיר" און נישט דערמאנט אים, אז ביי איר בולירן די טעפ אין קיך, יעדע זאך שטייט אויפן ארט, און ער ווייס נישט ווו א טשוועקל ליגט. אפשר איז זי

טאַקע גערעכט. פאַלט ער ביי זיך אַראָפּ, נאָר אַז ער דערזעט ווי זיין ווייב צאַצקעט אויס און גלעט אויס די חלקים אויף די טעלער, כדי זיי זאָלן אויסזען גרעסער און שענער, רעדט ער אויס מיט כעס: — מען קען אַ וועלט נישט אָפּנאַרן! — און שטעלט זיך אַוועק וואַשן די געפעס אין וואַשטאָפּ.

דעם מאַנס ווערטער עסן זיך איין אין מרס דאַרמאַנס געדעכעניש, ווי דער שאַרף פון קיך־מעסער, וואָס שניידט זיך איין אין אַ פינגער, — פאַרבייסט זי די ליפּן און דורך די פאַרשטשעמעטע ציין זיפצט זי אַרויס: איך זשאַלעווע?!

זי טוט זיך אָן אַ כוח, טיילט ווייטער אויס דאָס עסן — גרעסערע, קלענערע חלקים, זי קען אָבער נישט איינרוען, שרייט זי אויס:

— דו וועסט אַוועקגיין?! די דינסט קען נישט צעוואַשן דאָס געשיר?!

מר. דאַרמאַן טרעט אָפּ פון וואַשטאָפּ. ס׳דוכט זיך, ער וועט שטיל און רויִק אַרויסגיין פון קיך. ער דערנענטערט זיך אָבער צום ווייב, שטעלט זיך אַוועק לעבן איר, נעמט אַראָפּ די שפּאַקולן פון דער נאָז, טוט איר אַ קוק גלייך אין פּנים אַריין און ציילט אויס:

— דיר שטייט נישט אָן, דו ווילסט זיין די חכמה, די קלוגע... — און ער גייט אַרויס אין דרויסן.

— ער דאַרף געבן עסן אַ טיש מיט מענטשן?! — באַגלייט אים אַרויס מרס דאַרמאַן מיט איר שאַרפן בליק, גלייך ווי זי וואָלט אַרויסגעריסן די טריט פון אונטער זיינע פיס און זי חזרט איבער: „אַז אָך און ווײ צו דער חכמה...״

מרס. דאַרמאַן האָט זיך שטענדיק פאַרענטפערט פאַר זיך אַליין, אַז זי זשאַלעוועט נישט די געסט דאָס עסן. זי האָט בלויז געפירט די קיך מיט אַ טאַלק, געקויפט פלייש מיט אַ רעכענונג, האָט אַוועקגעשטעלט די פלעשער מילך אויפן טיש מיט אַ חשבון. זי האָט גאָרנישט געזאָגט, ווען אַ גאַסט האָט איבערגעלאָזן דאָס ביסל אונטערשטע מילך אין פלאַש און אָנגעהויבן אַ נייע פלאַש; פאַרקערט — זי האָט דעמאָלט אָפּגעקערט דעם בליק אין אַ זייט, און בלויז געפרעגט ביי זיך אַליין: ביי אים אין דער היים, ביי זיין אייגענעם טיש, וואָלט ער דאָס אויך געטון?

זי האָט זיך אויך נישט געוואָלט איבערנעמען איבערן מאַן. פאַרקערט,

זי האָט געוואָלט אַז זיינע מעלות זאָלן זיך מערער אָנזען, ער זאָל ריידן מיט מער שטאָלץ צו מענטשן. די וועלט זאָל זען, אַז ער איז נישט קיין נאַר און מען זאָל נישט מיינען, אַז זי, מאַרוסיאַ נאַאומאָוונאַ — וואָס האָט געקענט ענדיקן גימנאַזיע מיט אַ מעדאַל, ווען נישט דער גרויסער אַרעסט — האָט אַרויסגעכאַפּט אַ מאַן פון שאַפּ, אַן אַפּערייטער ווי אַלע אַפּערייטערס און האָט חתונה געהאַט מיט אים, ווייל זי איז שוין געווען אַן עלטער מיידל.

פאַר אַ מענטשן אין די אויגן האָט זי זיך געהיט אויסריידן אַ שלעכט וואָרט אויף איר מאַן. אַז זי האָט אָבער דערזען ווי איר מאַן גייט אין שטאַל צו די בהמות מיט איין קאַלאָשע פון די הויזן העכער פּאַרקאַטשעט פון דער אַנדערער, און ער פּאַרקוקט זיך פלוצלינג אויף עפּעס, אויף אַ בוים, אויפן הימל; אַז זי האָט געהערט ווי מר. דאָרמאַן רעדט צו אַ מענטשן מיט הכנעה, ווי ער וואָלט עפּעס אויסגעבעטן ביי אים, — האָט זי אָנגעהויבן אויסגלעטן איר ווייכע שאַל: „אָט אַזוי זעט אויס דער מאַן, וואָס דאַרף באַשיצן אַ פרוי“, זי האָט געפרעגט ביי זיך אַליין: „קען אַזאַ מאַן אָפּשאַצן די צאַרטקייט און די איידלקייט פון דער פרוי?“ איר האָט זיך געוואָלט זאָגן: „ער האָט זיך געדאַרפט אַרומוואַלגערן מיט אים אין די שייערן“, נאָר זי האָט פאַרביסן די ליפּן און געוואַרט, מען זאָל איר עפּעס פרעגן וועגן אברהמלען, כדי זי זאָל קענען אויסשניידן ביטער, שאַרף: „דער ליידיקגייער, דער וואַלעצוע“. די געסט האָבן אָבער געוווסט, אַז מרס. דאָרמאַן — וואָס מאַכט דעם אָנשטעל אַז זי איז אין דעם האָטעל אַ גאַסט ווי אַלע געסט, זי ציילט אויס די ביסנס וואָס זי שיקט אַרויס פון קיך אין עסשטוב צום טיש. האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ פרוי דאַרף פיינט האָבן ר׳ אברהמלען. זי וועט אויסטראַכטן אויף אים אַז ער איז אַ ליידיקגייער, אַ פוסטעפּאַסניק, אַלץ וואָס אין דער קאָרט שטייט און זיי האָבן צו איר נישט גערעדט וועגן אברהמלען.

זיי האָבן אַליין אויסגעפורעמט זיין געשטאַלט איידער ער איז געקומען אין האָטעל און האָבן נישט געגלויבט אַז ער גייט אַרום אָן אַ היטל און שלאָפט אין די שייערן. זיי האָט זיך געדוכט, אַז זיי ווייסן שוין אַליין וואָס פאַר אַ מענטש ער איז: אַ הויכער ייִד מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד,

וואָס גייט אַרום צווישן די פּאַרמער, רעדט געלאַסן, גאָטספאָרכטיק און לערנט זיי מידות טובות.

טאָמער איז זיי פּאָרט קשה געווען: „דאָ אין אַמעריקע, צווישן די פּאַרמס, אַרום די האָטעלס זאָל זיך פּאַרוואָלגערן אַזאַ ייד", האָט מען זיך צוגעהערט ווי ר' יאָשע האָט מסביר געווען דעם ענין אויף זיין אופן. מען האָט אָפּגעגעבן כבוד דעם גאַסט — דעם עלטערן יידן מיט „רב", נישט דערפאַר ווייל ער איז געווען פרום, נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל אים רופן מיט דעם פאַמיליע־נאָמען מאַלינקאָווסקי און ער האָט האָלט געהאַט אַריינפלעכטן אַ פסוק, אַ גלייכווערטל אין זיינע רייד.

האָט ר' יאָשע געגעבן צו פאַרשטיין די געסט, אַזוי צו זאָגן:

— אין דער היים זענען דאָך געווען גוטע יידן, מגידים, משולחים, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט, טאָ פאַרוואָס זאָל דאָ אין אַמעריקע נישט זיין אַזאַ ייד? וואָס מיינט איר, דאָ איז שוין כלו כל הקיצין, ס'איז שוין משיחס צייטן — כולו חייב; ניין, נאָר וואָס דען? דאָ זענען די שולן, די בתי מדרשים פאַרשלאָסן אַ גאַנצן טאָג, איז ווו זאָל זיך אַזאַ ייד אויפהאַלטן? גייט ער אַרום איבער די וועגן, אין די וועלדער צווישן פּראָסטע מענטשן. איר זעט דאָך, אין די האָטעלן ווו מען פרעסט און זויפט זיצט ער נישט.

זענען די געסט געזעסן פאַרנאַכט אויף דער וועראַנדע און האָבן זיך ניט צוגעהערט צו מרס. דאָרמאַנס מעשיות וועגן די בלומען, וואָס בליִען אויף די קוסטעס אין פרילינג, וועגן די בלעטער, וואָס ווערן קאַרשן־רויט אויף די ביימער אין האַרבסט, נאָר זיי האָבן זיך איינגעהערט ווי ר' יאָשע דער־ציילט וועגן דעם בעל שם טוב, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף גאַנצענע טעג אין וואַלד. זיי האָבן זיך דערמאָנט די אַמאָליקע צייטן מיט אַ יאָר פופציק צוריק, ווען מען איז נאָך געווען יונג אין דער אַלטער היים; זיי האָבן צוזאַמען מיט ר' יאָשען געבענקט נאָך די יידן, וואָס זענען אַמאָל אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט און זיי האָבן אויסגעקוקט אויף ר' אברהמ־לען, אפשר וועט ער פלוצלינג אָנקומען פון וועג.

— ג —

וואָס זאָל איך לייקענען? — אַז איך האָב געזען ווי אַזוי אברהמל דער ליידיקגייער איז געוואָרן ביי די געסט דער גוטער ייִד „ר' אברהמל", איידער זיי האָבן אויסגערעדט אַ וואָרט מיט אים — האָב איך זיך אויף פּאַראײנטערעסירט מיט דעם מענטשן.

נאָר אברהמל איז נישט געקומען אין האָטעל און איך האָב געטראַכט, אַט וועל איך אַוועקפאָרן אַהיים און וועל זיך נישט באַקענען מיט אים.

אַז ס'איז אָבער עפּעס באַשערט קומט עס אומגעריכט, ווען מען טראַכט גאָרנישט וועגן דעם. איך האָב באַגעגנט אברהמל דעם ליידיקגייער, ווען איך האָב נישט גערעכנט אים צו טרעפן.

איינמאָל נאָך מיטיק בין איך אַוועק אַליין שפּאַצירן; אַריין אין וואַלד און פאַרבלאָנדזשעט. איך האָב זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין דער טונקלקייט פון די צווייגן און מאָך און מיר האָט זיך געדוכט, איך בין פּלוצלינג אָפּגעשיידט געוואָרן פון דער וועלט. דיביימער זענען געשטאַנען געדיכט, ווי באַשעפענישן וואָס האָבן זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן אין שרעק פון אַ סכנה, און אָנגעוואָרפן אויף מיר אַ פּחד.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז דער וואַלד ציט זיך אויס ווייט, ווייט אָן אַ סוף און אָן עק, און איך גיי אײַן אין דער ווייטקייט. האָב איך זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און אָנגעהויבן הוקען — אפשר וועט עמעצער דערהערן מיין קול, אָדער איך וועל דערקענען נאָך מיין ווידערקויל ווי ווייט איך בין פון וועג.

מיין קול האָט זיך ניט אָפּגעהאַקט אין קיין ליידיקייט, נאָר איז איינגעזונקען אין דער ווייטער ווייטקייט, שטילער ווי די שטילקייט אין וואַלד. „מסתמא בין איך ווייט פון אַ פעלד", בין איך געוואָרן אומרויִק און נישט געוווסט וואָס צו טון. פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ הו־האַ — האָב איך זיך אָנגעשטרענגט און אָפּגעענטפערט.

דאָס קול האָט זיך געשטאַרקט, זיך דערנענטערט צו מיר און ס'האָט נישט גענומען לאַנג ווי איך האָב דערזען אַ מענטשן נישט ווייט פון זיך. איך האָב זיך אַזוי דערפרייט מיט דער באַגעגעניש, אַז איך האָב אָנגעהויבן רעדן ייִדיש, מאַמע־לשון, און מיר איז גאָר אַרויס פון זינען אַז

דאָ אין קאָנטריוויל דאַרף מען זיך וועגדן אויף ענגליש. איך האָב גע־פרעגט: „אפשר ווייסט איר ווי מען גייט אַרויס פון וואַלד?" נאָר איידער איך האָב געענדיקט, האָב איך געוואָלט פאַרריכטן מיין טעות און אָנגע־הויבן ריידן ענגליש. דער פרעמדער האָט מיר אָבער געענטפערט אויף יידיש:

— אוודאי, פאַרוואָס נישט? אַ מצווה צו פאַרדינען און וויזן אַ ייִדן דעם וועג.

דער ייִד האָט אַ שמייכל געטון:

— ווי ס'ווייזט אויס, איז אין אַמעריקע שווער צו מקיים זיין אַ מצווה: איר האָט אויפגעהערט הוקען; איר זייט פלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן, האָב איך אייך נישט געקענט געפינען...

איך האָב נישט באַהאַלטן פון דעם ייִדן: אין דער געדיכטקייט און שטילקייט פון וואַלד האָט מיין אייגן קול אָנגעוואָרפן אויף מיר אַ שרעק און איך האָב אויפגעהערט הוקען.

— אַזוי איז מיט די מענטשן וואָס זענען נישט צוגעוווינט צום וואַלד; פאַר אַ בוים שרעקט זיך נישט דער מענטש, אַז ער גייט אָבער אַריין אין אַ וואַלד צווישן אַ סךביימער, פאַלט אויף אים אַן אַ מורא.

איך האָב זיך בעסער צוגעקוקט צום דעם ייִדן: ער איז פון מיטעלן וווּקס, אַ סטשופלער, אָפּגעראַזירט, אָן אַ באָרד און אָן וואָנצעס, אָן אַ היטל, די האָר נידעריק אָפּגעשאָרן און שטייען אָפּ האַרט, כאָטש זיי זענען טיף גרוי. דאָס רעקל ליגט אויף אים ענג איינגעצויגן, צוגעמאָסטן צו זיין פיגור ווי ביי אַ יונג בחורל.

ער איז מיר דאָ אין וואַלד געוואָרן נאָענט ווי אַן אַלטער פריינט, וואָס איך האָב פלוצלינג באַגעגנט, און איך האָב געפרעגט: און איר האָט זיך שוין צוגעוווינט?

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך שטיל אויסגערעדט:

— אַז מען דערקענט דעם וואַלד, געוווינט מען זיך צו צו די ביימער ווי צו שכנים.

מיר איז איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אברהמל דער ליידיקגייער. מיר האָט זיך אָבער נישט געגלויבט, אַז דער גוטער ייִד, וואָס מר. דאַרמאַן דערמאָנט זיין נאָמען, מיט אַזויפיל יראת הכבוד, זאָל אויסזען ווי אַ „קאָ־

טער ביי קלאָוקס" אָדער אַ „סיילסמאַן" פון שיך אויף דילענסי סטריט. דאָך האָב איך ביי אים געפרעגט: — איר זייט ר׳ אברהמל?

— יאָ, יאָ — האָט ער אָנגעהויבן שמייכלען — שעמט זיך נישט, אברהמל דער ליידיקגייער, ווי מרס. דאַרמאַן רופט מיך, איך האָב זיך טאַקע איצטער געקליבן גיין אַהין...

— זי זאָגט טאַקע דער ליידיקגייער — האָב איך זיך געפּרווּט פאַר־ענטפערן — אָבער ביי איר אין הויז, אין דעם האָטעל, האָט מען פאַר אייך גרויס דרך־ארץ, אַפילו סעלמע, דאָס יונגע אַמעריקאַנער מיידל, פאַרלאָזט זיך אויף אייך.

— איך ווייס נישט צי מען מעג זיך פאַרלאָזן אויף מיר, אָבער מרס. דאַרמאַן איז גערעכט — איך בין אַ ליידיקגייער; איך גיי אַרום און טו גאָרנישט; די וועלט לויפט, שרייט, קאָכט, און דאָ גייט אַרום אַ מענטש פּוסט־און־פּאַס און קוקט זיך איין אויף די ביימער.

מיר האָט זיך געדוכט אַז אברהמל רעדט נישט צו מיר, נאָר ער שיקט אַרויס זיינע ווערטער אַפּריִער פון זיך אין וואַלד און ער הייבט זיך אָן אַליין אויך דערוויטערן פון מיר. איך האָב אָבער געוואָלט בלייבן מיט אים אין וואַלד, האָב איך זיך אָפּגערופן: — גוט וואָס איך האָב אייך גע־טראָפן, איך האָב אַזוי לאַנג געקוקט אויף די ביימער, אַז איך האָב פאַרגעסן ווי צו ריידן מיט אַ מענטשן.

— און איך לערן זיך ביי די ביימער ווי צו ריידן מיט אַ מענטשן; איר חידושט זיך? — האָט ער אַ שמייכל געטון; — איר ווייסט אַז ביימער רעדן?

— אפשר — האָב איך נאָכגעגעבן און אָפּגעפרעגט: — ווער קען עס דערהערן? מען זאָגט אַז אַ וואַלד פאַרבאָרגט זיינע סודות.

— ניין, — האָט אברהמל אַ קוק געטון אויף מיר, — אַ וואַלד פאַר־באָרגט גאָרנישט, פאַרקערט, ער האַלט אין איין ריידן און דערציילן; ער ענטפערט גיכער ווי אַ מענטש ווען איר זאָגט עפּעס, און ער דערהערט אייערע רייד אַפילו דעמאָלט, ווען איר שווייגט.

— איז וואָס איילט איר זיך אַוועקגיין? — האָב איך זיך געפּרווּט אַריינפּאַסן אין דעם גאַנג פון אברהמלס רייד, — לאָמיר זיך אַוועקזעצן

אַ ווײַלע, וועלן מיר אָפּרוען, און אפשר וועל איך אויך עפּעס דערהערן וואָס די ביימער דערציילן דעם מענטשן.

— איך ווייס נישט צי מען וועט עפּעס דערהערן — האָט אברהמל אַ שמייכל געטון, — אָבער אָפּרוען אַ ווײַלע שאַט קיינמאָל נישט.

— נו, וועט איר אויסקלײַבן אַ גוט אָרט — בין איך געוואָרן פרײַער אין מײַנע רייד מיט אברהמלען — איר ווייסט דאָך דאָ אַלע וועגן און שטעגן.

— איך ווייס. איך ווייס... — האָט אברהמל אויסגעצויגן די ווערטער און אָוועקגעשטעלט אַ טראָט.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער גייט טיפער אין וואַלד. נאָר איך האָב גאָרנישט געזאָגט און ער האָט אויך געשוויגן. ער האָט געהאַלטן אַ טרוקן צווײַגעלע אין האַנט, צוגעטראָגן עס צום מויל, ווי ער וואָלט אַ ביס געטון די פאַרדאַרטע קאָרע, האָט אָנגערירט מיט דעם צווײַגעלע אַ שפּיץ פון אַ צווײַג און זיך אײַנגעקוקט אויף די ביימער.

די שטילקייט פון וואַלד האָט זיך אָפּגעלייגט אונטער אונדזערע טריט, און האָט זיך אויסגעצויגן פאַר אונדז אַזוי ווײַך ווי די צווײַגן האָבן זיך אַראָפּגעבויגן פון די ביימער.

איך האָב זיך אײַנגעקוקט ווי אברהמל גייט פּאַמעלעך אין וואַלד; ער היט נישט זײַנע טריט, נאָר קוקט זיך אײַן אויף די ביימער. האָב איך געטראַכט: אפשר פאַרנעמט ער טאַקע די רייד פון די ביימער, און איך האָב נישט איבערגעשלאָגן די שטילקייט.

נאָר ער אַליין האָט זיך פּלוצלינג אָפּגערופן:

— אָט דאָ קען מען זיך זעצן אָפּרוען.

— ווו? — האָב איך נישט באַמערקט דאָס אָרט.

— אָטאָ — איז ער צוגעגאַנגען נענטער צו מיר און אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן בוים וואָס איז געלעגן אַן אײַנגעבראָכענער.

— ס'איז אַ גוטער אָרט זיך אָפּצורוען, — האָב איך צוגעגעבן, — אָבער וער קען דאָס גיין אַזוי טיף אין וואַלד צו געפינען אַזאַ אָרט?

— מען גייט אַהער, און נאָך טיפער אין וואַלד, ווײַל דעם מענטשן ציט אין וואַלד, — האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן בוים און איז ווידער אַנטשוויגן.

איך האָב געוואָלט ווייטער פירן דעם שמועס:

— און ביי אונדז זאָגט מען, אַז אַ וואָלף ציט אין וואַלד, נישט דעם מענטשן.

האָט אברהמל טיף אַ קוק געטון אויף מיר, ווי ער וואָלט מיך ערשט דערזען:

— אויב מען זאָגט אַזוי, מסתמא איז עס ריכטיק, איך וויל דאָס נישט אָפּלייקענען. איך ווייס אָבער אַז דעם מענטשן ציט אין וואַלד, דערפאַר האָט איר אפשר פאַרבלאָנדזשעט. אין וואַלד דערקענט דער מענטש זיך אַליין. אין דער שטילקייט פון זיינע טריט, אין דער אָפּגעזונדערטקייט פון דער וועלט טויכן־אויף די פאַרבאָרגענישן פון זיין נאַטור. זיי הייבן אַן אַרויסשיינען אָט אַזוי, ווי דאָס ליכט פון די זון־שטראַלן שניידט זיך דורך דורך די צווייגן.

— דער מענטש ווערט אָבער פאַרלוירן אין וואַלד, אָט אַזוי ווי אַלע ביימער פלעכטן זיך איין אין איין וואַלד, בין איך געווען צופרידן, וואָס אונדזער שמועס פאַרבינדט זיך און איך האָב געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן. נאָר אברהמל האָט זיך איינגעשניטן אין מיינע רייד:

— אַ וואַלד איז נישט קיין זאַק קאָרן; יעדער בוים שטייט באַזונדער, איינגעוואָקסן אין זיין שטאַם און זעט אויס אַנדערש ווי דער אַנדער בוים; אָט אַזוי ווי איין מענטש איז אַנדערש פון דעם אַנדערן ווי גרויס די מחנה זאָל נישט זיין.

— אפשר זייט איר גערעכט — האָב איך אָנגעהויבן אויסרעכענען די פאַרשיידענע סאָרטן ביימער.

— יאָ, יאָ — האָט אברהמל איבערגעחזרט מיינע רייד און אויסגעצויגן יעדער וואָרט: — אליאָכע, יאַשין, סאָסנע, דעמב, די צאַרטע בעריאָזקע; ווער קען דאָס איבערציילן אַלע סאָרטן? מען פאַרגעסט אַפילו די נעמען פון באַקאַנטע, דאָס פּנים בלייבט נאָר איבער אין זכרון, — איז פאַרוואָס זאָל איך געדענקען די נעמען פון אַלע מינים ביימער? איך דערקען אַ בוים נאָך דעם אויסזען, — האָט זיך אברהמל פאַרקוקט אויף די צווייגן פון שטאַם, וואָס זענען אָפּגעשטאַנען פון דעם איינגעבראָכענעם בוים; אויף וועלכן מיר זענען געזעסן.

איך האָב דערפילט זייַן חוזק־טאָן, נאָר איך האָב דאָס נישט אַרויס־געוויזן פאַר אים און האָב געפּרווט ווייטער ציִען דעם שמועס:

— איך זע, איר האָט ליב די נאַטור, האָט איר געזען די נאַטור־ווונדער פון אַמעריקע?

— יאָ, יאָ... — האָט ער אָנגעשפּיצט זייַן בליק — איך בין אַרומ־געפאָרן איבער אַמעריקע, געזען די אַלע פּלעצער וואָס מען באַווייזט אין די „מוּוויס" און מען באַשרייבט אין די צייטונגען; איר ווייסט אָבער וואָס איך וועל אייך זאָגן? — האָט ער אויפגעהויבן דאָס קול, גלייך ווי ער וואָלט זיך פּלוצלינג אויסגעשיילט פון זייַנע פאַרבאָרגענישן, און האָט נאָך אַמאָל איבערגעחזרט:

— איך וועל אייך זאָגן, מיר איז בעסער געפעלן אַרומצוגיין דאָ אין קאַנטריוויל ווי צו באַוווּנדערן די ווונדער פון יעלאָסטאָון פּאַרק. און ער האָט מיר אָנגעהויבן געבן צו פאַרשטיין, ווי ער וואָלט עפּעס געלערנט מיט מיר:

— ווען איר קוקט אויף די ווונדער פון די הויכע ריזיקע בערג מיט די אַלטע טויזנט־יאָריקע ביימער, עפנט זיך טאַקע פאַר אייערע אויגן מעשי בראשית, איר זייט אָבער פול מיט פּחד און מורא, ווייל איר דער־זעט פּלוצלינג אַז איר, דער מענטש — דער בחיר היצירה — איז קליין, שוואַך, און אַז איר ווילט — נישטיק, קלענער און נישטיקער פון דער מילב וואָס זעצט זיך אַוועק אויף אַן עלפאַנט. ווען איר גייט אָבער אַרום דאָ אין קאַנטריוויל און קוקט זיך איין אויף די בערג וואָס זעצן זיך אָפּ נידעריקער פון די וואָלקנס, איר טרעט איבער די פעלדער וואָס שפּראָצן מיט זייער זריעה, אָדער איר רוט אָפּ לעבן טייך וואָס ליגט אונטערטעניק אין די ברעגן, ווערט איר נישט שפּל ביי זיך. איר דערפילט, אַז איר מיט די בערג און די טאָלן, מיט די גראָז און די ביימער קומען אַרויס פון איין מקור. איר זייט מעשי ידיו. ס'דוכט זיך אייך, אַז אַזוי איז שטענדיק געווען און אַזוי וועט אַלע מאָל זיין; קיין זאַך ענדיקט זיך נישט און קיין זאַך הייבט זיך נישט אָן, נישט איר און נישט דער באַרג. ס'דערוועקט זיך אין אייך אַ טיפער בטחון, און איר קוקט אויף גאָטס ווערק אָן פּחד, אָן מורא, נייַערט מיט חדוה און בענקעניש, — איז אברהמל אַנטשוויגן געוואָרן און

אַראָפּגעלאָזן זיין בליק אויף די קריכערס, די פליגעלעך, וואָס זענען גע־קראָכן אויפן מאָך אונטער די בלעטער.

איך האָב זיך איינגעקוקט ווי אברהמל באָנעמט זיך אין וואַלד. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיינע רייד וויגן זיך אָט אַזוי ווי די צווייגן בייגן זיך און ער אָטעמט מיט דעם וואַלד, גלייך ער וואָלט אויסגעוואָקסן דאָ צוזאַ־מען מיט די ביימער, פון דעם מאָך. האָב איך נישט באַמערקט ווי איך האָב געזאָגט:

— מסתמא, קומט איר פון אַ דאָרף, האָט איר דאָרטן איינגעזאַפּט דעם ריח פון וואַלד, — און איך האָב געפרעגט: — פון וואַנען קומט איר; טאָקע פון אַ דאָרף?

— ניין! — האָט אברהמל אַ ציטער געטון, און נאָך אַמאָל איבער־געחזרט: — ניין, איך קום פון אַ שטעטל, פון די שטעטלעך ווו אַ קו פליט איבערן דאַך און ס'פאַרשטייט זיך, אַז קיין בוים זעט מען נישט פאַר די אויגן, אָט אַזוי ווי מען באַשרייבט און מען באַרעדט די ערטער פון אונד־זער היים. — האָט ער אַ שמייכל געטון.

— און ווו האָט איר זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין דאָס לשון פון די ביימער?

— אין חומש...

— איך האָב אויך געלערנט חומש, אַפילו אַ בלאַט גמרא, אָבער... — און איך האָב נישט געוווסט ווי וויטער פירן דעם שמועס.

האָט מיר אברהמל אַרויסגעהאָלפן:

— מסתמא, האָט איר צופיל געלערנט, אַוודאי מערער פון מיר, איך האָב ווינציק געלערנט האָט זיך ביי מיר אין זכרון בלויז איינגעשניטן פון די ערשטע סדרות...

— בריאת העולם? — האָב איך געוואָלט טרעפן.

— ניין, אַ גאַנץ געוויינלעכער פסוק; אַז איך האָב געלערנט אין חדר און דער רבי האָט פאַרטייטשט „ויצא יצחק לשוח בשדה לפנות ערב", און יצחק איז אַרויס פאַרנאַכט אין פעלד תפילה־טון — דאַוועגען מנחה, האָב איך געזען פאַר מיינע אויגן „גמלים באים", גאַנצע סטאַדעס קעמלען, און איך האָב זיך איינגעקוקט אין פענצטער אָט אַזוי ווי רבקה, „ותשא רבקה את עיניה" — זי האָט אויפגעהויבן די אויגן; דער רבי האָט שוין געהאַלטן

ווייטער, ער האָט פּאַרטייטשט „ויקח את רבקה ותהיה לו לאשה" — און ער האָט געגומען רבקה, און זי איז געוואָרן צו אים אַ ווייב, — נאָר פּאָר מיינע אויגן האָט נאָך געשווינדלט „ותפל מעל הגמל" — ווי זי איז אַראָפּ־געפאַלן פון קעמל ווען „ותרא את יצחק" — ווען זי האָט דערזען יצחקן. איך האָב רחמנות געהאַט אויף רבקהן, וואָס האָט זיך געשעמט און געצי־טערט, ווען זי איז אָנגעקומען אין דער פרעמד, און מיך האָט געצויגן אין פעלד, אָט אַזוי ווי יצחק איז אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן פאַרנאַכט. איך פלעג זיך אָפּגנבענען פון רביז, אַרויס פון חדר און אַוועקגיין הינטערן שטעטל.

— אַרום שטעטל זענען געווען בערג, אַ וואַלד, פאַרזייטע פעלדער, אָט אַזוי ווי דאָ אין קאַנטריוויל. בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די פעל־דער, אַריין אין וואַלד און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך טרעט אין יצחקס טריט; איך וועל באַלד עמעצן באַגעגענען; איך וועל דערזען דעם פעטער וואָס פאָרט צו אונדז פון קאַסאָווע מיט אַ סך מתנות, אָדער אליהו הנביא, וואָס קומט אָנזאָגן משיחס קומען.

— די ערשטע צייט איז מיר אומעטיק געוואָרן, ווען איך בין אַוועק ווייטער פון שטעטל; איך האָב געציטערט אַריינגייען טיפער אין וואַלד. מיך האָט אָבער געצויגן אין וואַלד. אַז איך בין אָבער אַ ביסל עלטער געוואָרן, איז געוואָרן אינגאַנצן אַנדערש. מיר איז געווען אומעטיק צו זיצן אין חדר צוזאַמען מיט די יינגלעך. איך האָב זיך געשראָקן ווען מען האָט מיך אָפּגעגעבן צו אַ נייעם מלמד לערנען. מיר איז אָבער געוואָרן פריילעך ווען איך האָב זיך אַרויסגעגנבעט פון חדר, פון די יינגלעך, און בין אַוועק אין פעלד. יצחק מיט רבקהן האָבן מיך פאַרפירט אין וואַלד; און ביי די בהמות מיט די שעפּסן, וואָס האָבן זיך געפיטערט אין פעלד, האָב איך זיך אויס־געלערנט דאָס לשון פון די ביימער.

— אויב אַזוי, האָט איר אַ סך תורה געלערנט, האָב איך זיך אַריינ־געמישט אין זיינע רייד.

אברהמל איז געזעסן אויפן בוים, אָנגעשפּאַרט אויף די צווייגן; די צווייגן האָבן זיך אַראָפּגעבויגן אויף זיין קאָפּ און די בלעטער האָבן אים פאַרשטעלט פון מיר. ער האָט ווייטער גערעדט, גלייך ווי ער וואָלט נישט געענטפערט מיר אויף דער פראַגע, נאָר געפירט אַן אַלטן שמועס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט יאָרן צוריק:

— ניין, איך האָב קיין סך נישט געלערנט, אין קיין איין חדר האָב איך זיך נישט געהאַלטן. איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ שם איבערן שטעטל, אַז איך פיר איבער די איבעריקע תלמידים. קיין מלמד איז נישט גערן געווען אַריינצונעמען מיך צו זיך אין חדר, האָט מיין טאַטע ע״ה אָנגעהויבן אַליין לערנען מיט מיר. מיין טאַטע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, איז אָבער געווען אַ פאַריאָגטער מענטש — דאגות פּרנסה — איז ווען האָט ער צייט געהאַט צו לערנען מיט מיר? זומער בין איך געווען פאַרנומען אין פעלד מיט די פליגעלעך, פייגעלעך; איך האָב געדאַרפט נאָכקוקן צי די זאַנגען בליִען טאַקע און צו מוראַשקעס לייגן אייעלעך. ווינטער האָט דער טאַטע געדאַרפט היטן דעם גוי וואָס ברענגט דאָס ביסל תבואה אויף דעם מאַרק ס׳זאָל זיין אַ שטיקל ברויט אין שטוב. פלעגט ער אָפּרייסן אַמאָל, ווינטער ביינאַכט, אַ שעה פון זיין פאַרמאַטערט לעבן און אָפּלערנען מיט מיר אַ קאַפּיטל תנ״ך.

— נו, האָט איר איינגעזאַפּט די הייליקע רייד פון אונדזערע נביאים

— בין איך באַשטאַנען אויף מיין דעה, אַז ער קען לערנען.

— ניין, — האָט זיך אברהמל אויפגעשטעלט און אָפּגעטראָטן אַ טראָט פון בוים, — ביי מיר איז ווינציק געבליבן פון ישעיה, פון יחזקאל, נאָר אין מיין זכרון האָט זיך איינגעשניטן אַ געוויינלעך פּשוט קאַפּיטל אין שופטים, מיר דוכט זיך קאַפּיטל „ט״, און ביז היינטיקן טאָג וויס איך נישט פאַרוואָס; צי צוליב די רייד וואָס יותם האָט גערעדט צו די בעלי שכם, אָדער דערפאַר וואָס איך קען נישט פאַרגעסן ווי אַזוי דער טאַטע האָט געלערנט מיט מיר דאָס קאַפּיטל תנ״ך. דער אָוונט שטייט אָבער פאַר מיינע אויגן אַזוי קלאָר ווי די ביימער דאָ אין וואַלד און ווי יענע ביימער וואָס האָבן געוואָלט זאַלבן דעם דאָרן פאַר אַ קיניג.

— ס׳איז געווען אַ פראָסטיקע ווינטערדיקע נאַכט, — האָט ער זיך צוריק אָוועקגעזעצט אויפן בוים, — אין שטוב זענען שוין אַלע געשלאָפן און דער טאַטע איז געזעסן מיט מיר אין הינטערשטן חדר; אַרום און אַרום איז געווען שטיל און וואַרעם, און די שטילקייט האָט מען געקענט אָנטאָפּן אָט אַזוי ווי מען האָט געפילט די וואַרעמקייט. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז איך מיט דעם טאַטן האָבן זיך אָפּגעטיילט און דערווייטערט פון דעם גאַנצן הויז־געזינד און דער טאַטע פאַרטייטשט נישט די רייד פון יותמען, נאָר

ער נעמט זיך אָן פֿאַר דעם יתום און קען נישט איבערטראָגן די עוולה, וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן יותמען, קעגן זיין פֿאַטערס הויז. „אם באמת משחים אתי למלך עליכם באו חסו בצלי״ — אויב איר ווילט מיך מיט אַן אמת זאַלבן פֿאַר אַ מלך איבער אייך, קומט און שיצט אייך אין מיין שאָטן; „ואם אין״ — און אויב נישט — שילט דער טאַטע מיט דער צונג פֿון יותמען — „תצא אש מן האטד ותאכל את ארזי הלבנון״ — זאָל אַרויסגיין אַ פֿייער פֿון דעם דאָרן, און פֿאַרצערן די צעדערן פֿון לבנון״...

מיר האָט זיך געדוכט אַז אברהמל זאָגט די פּסוקים פֿון תנ״ך מיט די תנועות און מיט דעם קול פֿון זיין טאַטן, אַט אַזוי ווי ער האָט אַמאָל געלערנט מיט אים, האָב איך נישט געקענט באַהאַלטן מיין באַגייסטערונג:

— איר געדענקט אַזויפֿיל אויף אויסווייניק!

— געדענקען, געדענק איך נישט, אָבער דאָס קאַפּיטל האָט זיך איינגעשניטן אין מיין געדעכעניש מיט דעם אמת, מיט דער וואָרהאַפֿטיקייט פֿון יותמס רייד; איך זע אַז מיט אמת קען אַפֿילו אַ דאָרן ווערן אַ מלך און קיניגן איבער די ארזי הלבנון.

אברהמל איז אַנטשוויגן געוואָרן און אָנגעהויבן אָפּטרעטן פֿון בוים. איך האָב אָבער נישט אָפּגעלאָזן דאָס לערנען און נאָך עפּעס געפֿרעגט וועגן זיין טאַטן:

— האָט דער טאַטע ווייטער געלערנט מיט אייך?

— ווען האָט ער צייט געהאַט צו לערנען מיט מיר, אַז ער האָט געדאַרפֿט זוכן פּרנסה פֿאַר אַ געזינד פֿון זעקס קינדער מיט אַ ווייב? וויפֿל מיינט איר זענען געווען אַזעלכע ווינטערדיקע אָוונטן? האָט ער אַ זיפֿץ געטון, נאָר ער האָט באַלד געביטן זיין טאָן, אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן ריידן האַלב אין שפּאַס: — ווילט איר וויסן וואָס איז געווען דער סוף? וואָס טוט מען ביי אַ ייִדן מיט אַ בחורל וואָס שפּאַנט שוין אַריין אין דעם זעכצנטן יאָר, לערנען וויל ער נישט און קיין מלאכה אין האַנט האָט ער נישט? — מען שיקט אים אַוועק קיין אַמעריקע. און מיט דער תורה וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט ביי דעם טאַטן אין שטוב און ביים רבין אין חדר און מיט די 25 דאָלער, וואָס מען האָט מיר געגעבן צו וויזן אין קעסל־גאַרדן, בין איך אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. וואָס מיר איז איבער־געבליבן פֿון דער תורה זעט איר דאָך, אָבער יצחקס מצווה לשוח בשדה

האָב איך אין דעם נייעם לאַנד אָפּגעהיט פּרימער ווי אין דער היים. איך האָב אויסגעקליבן צו אַרבעטן ביי קלאָוקס, מסתּמא בלויז דערפֿאַר ווייל אין דער טרייד איז דעמאָלט געווען אַ לאַנגער „סלעק" און איך האָב געהאַט גענוג צייט אַרומצוגיין ליידיק, נישט צו באַקוקן ניו־יאָרק, נאָר זיך אַרומשלעפּן איבער די פּאַרקן און אַרויסגיין מיילן ווייט הינטער ניו־יאָרק.

— אַרבעט איר איצטער אויך ביי קלאָוקס? — האָב איך זיך אַריינגעמישט.

— וואַרט, איילט זיך נישט, — האָט אבֿרהמל מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, און אַ שמייכל געטון: — אַז יצחק איז אַרויס שפּאַצירן האָט ער באַגעגנט רבֿקהן, נו, האָב איך אויך געזוכט רבֿקהן אויף מיינע שפּאַצירן אין די פּאַרקן, אין די וועלדער, אויף די פּאַרוואָרפֿענע וועגן הינטער ניו־יאָרק.

— איך האָב געטראַכט ווי אין די ייִנגלשע יאָרן: אָט־אָט וועל איך זי באַגעגענען, זי וועט מיר אָנקומען אַנטקעגן און זאָגן: — איך האָב פֿאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד, אפֿשר וועט איר מיר ווייזן דעם וועג. אָדער, — הינט וועלן אויף איר אָנפֿאַלן, איך וועל זיי אָפּטרייבן און זי וועט מיך בעטן, שעמעוודיק מיט ציטער, איך זאָל זי דורכפֿירן דעם וועג — און לאַכט נישט, — האָבן זיך זיינע רייד געקייטלט פֿריי און אָפֿן מיט אַ וויץ, מיט אַ זייטיקער באַמערקונג, ווי ער וואָלט גערעדט וועגן עמעצן אַנדערש און נישט וועגן זיך אַליין, — אַזוי איז טאַקע געשען:

איך בין איינמאָל, זונטיק, אַרויס שפּאַצירן אין פּאַליסיידס פּאַרק. זונטיק פֿלעגן אַהין קומען אַ סך מענטשן; פּיקניקס, פֿאַרווייַלונגען, פֿאַרשיידענע שפּילן... און מאָדנע, מיך האָט נישט געצויגן צו די מענטשן, איך בין נישט אַרויסגעפֿאָרן מיט מיינע פֿריינט אויף פּיקניקס, איך האָב האָלט געהאַט זיין אַליין ווייטער פֿון מענטשן און זיך איינהערן פֿון ווייטן צו דעם אָפּקלאַנג פֿון טומל — אָט אַזוי ווי מען וויל אַמאָל קוקן אויף דעם שאָטן, וואָס ציט זיך נאָך דעם מענטשן און נישט אויף דעם מענטשן. און אין פּאַליסיידס פּאַרק האָב איך באַגעגנט רבֿקהן. פֿאַרנאַכט, אַז ס'איז געוואָרן שטילער אין פּאַרק און די מענטשן האָבן שוין אָנגעהויבן פֿאָרן אַהיים, האָב איך דערזען ווי אַ מיידל קומט אָן פֿון וואַלד, אמת, נישט אויף

קיין קעמל, נאָר צופוס. זי האָט אָבער אויסגעזען ריכטיק ווי רבקה, אַט אַזוי ווי איך האָב זי געזען אין חומש, אַט אַזוי ווי מאָלער מאָלן זי אויף בילדער. איך בין נישט צוגעגאַנגען צו איר און האָב זיך בלויז איינגעקוקט פון ווייטן ווי זי דרייט זיך אַרום צווישן די ביימער. פון אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז זי קלייבט בלומען, זי האָט זיך אָבער נישט געטון איינבייגן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט. ווי ווייזט מען אָבער רבקהן דעם וועג צו יצחקן, ווי גייט מען צו צו איר און זי זאָל זיך נישט דערשרעקן פאַר מיר, ווען זי איז אַליין פאַרנאַכט דאָ אין וואַלד?

— האָב איך פאַרצויגן אַ ניגון פון די לידער וואָס מען האָט בייטאָג געזונגען אויף אַ פּיקניק, זאָל זי וויסן, אַז איך בין אַ ייִד, אפשר איז זי פון דעם פּיקניק, וועט זי דערקענען נאָכן געזאַנג, אַז איך בין נישט קיין פרעמדער. ערשט — אַן איבעררעשונג. איך הער זי רופט: אַבראַשאַ, איך האָב פאַרבלאָנדזשעט! — מיך רופט מען דאָך אברהמל — ווי ווייט איז אַבראַשאַ פון אברהמל; נישט מער ווי אַ בלעכענע קאָקאַרדע פון אַ פּשוטער היטל? בין איך צוגעגאַנגען צום מיידל.

זי האָט זיך פאַרשעמט, דערשראָקן, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ — ווען זי זיצט אויף אַ קעמל וואָלט זי אַוודאי אַראָפּגעפאַלן פון אים, אַט אַזוי ווי רבקה — און זי האָט זיך אָפּגערופן: — איך האָב געמאַכט אַ טעות, אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט.

— איר האָט אָבער פאַרבלאָנדזשעט, וועל איך אייך ווייזן דעם וועג.

— האָב איך זיך אָנגעשלאָגן מיט מיין גוטסקייט.

האָט זי זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן:

— מיר זענען אַרויסגעפאָרן אויף אַ פּיקניק, איך בין אַוועק אין וואַלד זוכן שוואָמען, קלייבן יאַגדעס און האָב פאַרבלאָנדזשעט.

— יאָ, דאָ קען מען פאַרבלאָנדזשען, — האָב איך צוגעגעבן. דאָס מיידל האָט געשוויגן, זי איז געגאַנגען לעבן מיר און געקוקט אויף אירע אייגענע טריט. מיר האָט זיך געדוכט, זי ציטערט, נישט גיין צו נאָענט לעבן מיר און היט זיך, נישט אָפּטרעטן צו־ווייט. האָב איך איר געהאַלפן היטן די גלייכקייט פון איר גאַנג און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. איך האָב נאָר ווידער פאַרצויגן אַ ניגון; פון אָנהייב, האָב איך שטיל אונטערגעברומט די לידער וואָס איך האָב געהערט בייטאָג אויפן פּיקניק, דערנאָך

בין איך זיך פֿאַרגאַנגען אין חזנות. איך האָב גאָרנישט באַמערקט ווי מיר זענען אַרויס פֿון וואַלד, נאָר פּלוצלינג האָבן מיר אַ שײן געטון אין די אויגן די פֿײערן פֿון דעם קאָני אײלאַנד אין פּאַליסײד־פּאַרק, — האָב איך אויפֿגעהערט ציִען דעם ניגון.

האָט זיך דאָס מײדל אָפּגערופֿן: — איר זינגט ווי בײַ אונדז אין דער הײם; ווו האָט איר זיך אויסגעלערנט אַזוי שײן זינגען?

מיך האָט אַרומגענומען אַ גרױסע פֿרײד וואָס בײַ איר האָט אויסגעקומען מײַן זינגען און בײַ מיר האָט זיך אָנגעהויבן בינדן אַ וואָרט צו אַ וואָרט: איך האָב איר דערצײלט — כ'בין געווען אַ משורר בײַ אַ חזן, און זיך נישט געשעמט איר צו זאָגן, אַז איצטער, פֿאַרנאַכט אין וואַלד, זינגט זיך שענער ווי שבת אין שול פֿאַרן עמוד. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זי קומט פֿון מײַן געגנט, כמעט לאַנדסלײַט... נו, דערנאָך... אַזוי ווי בײַ יונגע מענטשן, ווי בײַ אַ בחור מיט אַ מײדל, וואָס דאַנקען גאָט פֿאַר דעם צופֿאַל.

איך האָב פֿון איר נישט פֿאַרהוילן, אַז זי זעט אויס אין מײַנע אויגן ווי רבקה פֿון חומש, און זי האָט געביטן איר נאָמען פֿון גיטל־זשעניע אויף רבקה. זי איז אָבער געווען פֿול מיט קאַפּריזן, קאַפּריזנער — — איז ער פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן און זיך אָפּגעקערט צו די צווײַגן פֿון בוים.

איך האָב זיך נישט גערירט פֿון אָרט, געהיט, מײַן בליק זאָל זיך נישט באַגעגענען מיט זײַנעם און האָב באַהאַלטן אין מײַן טיפֿסטער פֿאַרבאָרגעניש מײַן באַגער צו הערן ווײַטער זײַן געשיכטע. איך האָב געזען, דער מענטש איז צו טיף אײַנגעזונקען אין זײַן צער און איך האָב געוווּסט, אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד קען מען נישט אײַנהאַלטן די ווערטער. איך האָב אָבער נישט געוואָלט פֿאַרנעמען רײד, וואָס דער ווײַטיק שפּאַרט אַרויס, כדי דעם דערצײלער זאָל דערנאָך נישט פֿאַרדריסן. האָב איך געטראַכט, ס'וואָלט געווען גוט מיר זאָלן זיך איצטער פֿאַנאַנדערגײן, נאָר איך האָב נישט געקענט אַוועקשטעלן קײן טראָט.

אברהמל האָט מסתמא דערפֿילט ווי נאָענט עס איז מיר זײַן ווײַטיק, — האָט ער זיך אָפּגעקערט צו מיר, געקוקט אויף מיר אַ ווײַלע און האָט געפֿרעגט: — ווי לאַנג בין איך שוין מיט אײַך אין וואַלד?

— איך ווייס נישט, — האָב איך שטיל געענטפערט, — איך האָב נישט געקוקט אויפן זייגער.

האָט ער אויפגעהויבן די אויגן אויף דער שיין פון דער זון, וואָס האָט זיך דורכגעשניטן דורך די ביימער:

— מסתמא אַ פּאָר שעה.

איך האָב דאָס אָבער נישט באַמערקט.

— איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, אַ פּאָר שעה אין וואַלד איז אַמאָל מערער ווי אַ פּאָר הונדערט יאָר באַקאַנטשאַפט אין שטאָט מיט די טראַמווייען און סאָבווייס, — און ער האָט ווייטער אָנגעהויבן דערציילן:

— זי איז געווען קאַפּריזנער פון רבקהן, און אין די קינדערשע יאָרן איז זי געווען אַנדערש ווי רבקה — זי האָט מסתמא נישט געפאָלגט דעם טאַטן. זי האָט געקענט טראָגן אַ באַרג אויף זיך און קיין זיפץ נישט טון, און אַמאָל איז איר געווען שווער אַ שטרוי אויפצוהייבן. זי האָט געהאַט איר גאַנג אין לעבן; נייִן, נישט קיין פּרינציפּן, נישט קיין פרומקייט, נאָר אַ חלום וואָס זי האָט אויסגעחלומט, און אין דעם חלום האָט זי אַריינגעפּאַסט אַ גאַנצע וועלט מיט אירע אייגענע תרי״ג מצוות. זי האָט אָפּגעהיט איר וועלט פרימער ווי אַ פרומער ייִד דעם יום־כּיפּור תענית. אין דער אויסגעחלומטער וועלט האָט זיך אויסגעדריקט איר ווייבלעכקייט — צי־טער, איינגעשפּאַרטקייט, און צניעות, וואָס האָט געהאַט מער חן ווי די שיינקייט פון אַן אויסגעשניצטן פּנים ביי אַ פרוי. אמת, איר פאַרריסענע ווירדע, האָט אַמאָל אַנטפּלעקט איר שרעק זי זאָל נישט זיין נידעריקער פון דעם מאַן. זי האָט אָבער אַזוי פאַרהייליקט די ליבע צו איר אויסגע־ווײלטן, אַז צומאָל האָט זיך מיר געדוכט, זי האָט מורא ליב צו האָבן, זי זאָל נישט ווערן וואָכעדיקער פון דעם חלום וואָס זי האָט אויסגעחלומט.

— איך האָב זיך אַזוי צוגעפּאַסט צו אירע קאַפּריזן און פירונגען, אַז מיר האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, איך חלום איר חלום, איך מעסט ערלעכ־קייט מיט איר מאָס און שאַץ אָפּ מענטשן נאָך איר פאַרשטענדעניש. עס זענען אַוועק אַ פּאָר יאָר און מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים סוף פּסוק פון „ויצא יצחק לשוח״ — חתונה האָבן, אָדער ווי מען האָט געזאָגט אין יענער צייט — לעבן צוזאַמען, נאָר אין קליינקייט, אַ קליינקייט — איז

ער ווידער אַנטשוויגן געוואָרן אַ ווײַלע און ווײַטער גערעדט ווײַך אין שטיל — איך האָב געהאַט אַ חבר, אַן אַלטן פֿרײַנט, איך האָב זיך מיט אים באַ־קענט גלײַך ווי איך בין געקומען קיין אַמעריקע; ער איז געווען דער היפּוך פֿון מײַן רבקהן. הײַנט וואָלט מען אים אָנגערופֿן אַ ציניקער. אין דער אמתן איז ער געווען אַ שטילער, גוטער מענטש, נאָר ער האָט האָלט געהאַט צו קוקן פֿון דער קרומער זײַט אויפֿן לעבן, אָט אַזוי ווי אַ מענטש געוווינט זיך אײַן אונטערצושפּרינגען ווען ער גײט. ער פֿלעגט רײדן מיט שאַרפֿע ווערטער און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז אים אַרט גאָרנישט — אין דער אמתן האָט אים יאָ געאַרט, נאָר ער האָט האָלט געהאַט זיך צו שפּילן אין באַהעלטעניש מיט דער וועלט. רבקה האָט אים נישט געקענט פֿאַר־טראָגן און איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז זי וויל נישט, איך זאָל זיך טרעפֿן מיט אים, נאָר זי האָט דאָס מיר נישט געזאָגט. זי האָט מיך אָבער געבעטן און האָט פֿאַרזאָגט, איך זאָל מיט מײַן חבר נישט רײדן וועגן איר. איך ווײס נישט צי איך האָב דאָס אויסגעפֿירט. ווי קען מען זיך אויסהיטן, מען זאָל נישט זאָגן אַ וואָרט אַ גוטן חבר וועגן אַ מענטשן, אַ ווײַב, וואָס וועגן אים טראַכט מען יעדע מינוט? מסתמא האָב איך יאָ עפּעס דערצײלט, נאָר בײַ אונדז איז קײן איבערגרײד נישט געווען וועגן דעם. ביז אײנמאָל, אַ קלײ־ניקײט, אַ גאָרנישט, רבקה האָט אָפּגעמאַכט, אַז זי וועט אָװעקפֿאָרן קײן לאָס אַנדזשעלעס. מען האָט איר געזאָגט, זי וועט דאָרטן קריגן שנעלער אַרבעט און מערער פֿאַרדינען. ווײַל זי פֿרי׳ער זיך אַרומקוקן, דערנאָך זאָל איך קומען. אפֿשר האָט זי געוואָלט — אמת, אומבאַוווּסטזיניק — אַז איך אונדזער נײַעם שריט אין לעבן זאָל זי אַוועקשטעלן דעם ערשטן טראָט. זי האָט מיר פֿאַרזאָגט, איך זאָל קײנעם נישט דערצײלן — די וועלט דאַרף עס נישט וויסן — דערהויפּט זאָל איך מיט קײן וואָרט מײַן חבר נישט דערמאָנען. זי האָט זיך שוין צוגעגרײט צו דער רײַזע און אָט־אָט דאַרף איך איר אַרויסבאַגלײטן אויף דעם ערשטן שריט פֿון אונדזער לעבן און לאָזן איר אַוועקשטעלן דעם ערשטן טראָט. דאַרף זיך מאַכן — אַ קלײניקײט — אַ טאָג פֿאַרן פֿאָרן האָט זי באַגעגנט מײַן חבר און ער טוט אַ קוק אין אירע פֿאַרחלומטע אויגן, וואָס האָבן געציטערט אין דעם ערשטן שריט פֿון איר נײַעם לעבן, און שנײַדט אויס אַ דינעם שמײכל אין די ווינקלען פֿון זײַנע ליפּן:

— איר פאָרט קיין לאָס אַנדזשעלעס? אַ נייע שטאָט, וועט איר העלפן בויען...

מיין חבר האָט מיר דערנאָך דערציילט, ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געזען אַזוי פיל צער ביי אַ מענטשן ווי דעמאָלט, ווען רבקה האָט פאַרביסן די ליפּן, אַ קוק געטון אויף אים, גאָרנישט געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען. זינט דעמאָלט האָב איך רבקהן נישט געזען. איך האָב זי ביי איר אין צימער נישט געפונען. האָב איך פאַרשטאַנען, זי איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס, און איך בין אַהין אויך אַוועקגעפאָרן. איך האָב זיך דאָרטן אַרומגעדרייט אַ יאָר, צוויי יאָר און נישט געקענט דערגיין ווו זי איז; ביז היינטיקן טאָג ווייס איך נישט וואָס איז מיט איר געוואָרן, אַזוי ווי איך ווייס נישט ווו מיין חבר איז אַנטרונען געוואָרן. פון לאָס אַנדזשעלעס אַהער בין איך שוין נישט געפאָרן מיט דער באַן, נאָר געגאַנגען צופוס. איך בין געגאַנגען איבער בערג, וועלדער און געטראַכט: אפשר... איך גיי דאָך שפּאַצירן... ווי ס׳ווייזט אויס חזרט זיך נישט איבער קיין נס צוויי מאָל, און אַוודאי נישט דעמאָלט, ווען מען וואַרט אויף אַ נס.

אַזוי האָב איך געזען די ווונדער פון אַמעריקע, די ראָקי מאָונטנס, דעם גרענד־קעניאָן, יעלאָוסטאָן־פּאַרק; וואָס נישט? — האָט אברהמל אַ שמייכל געטון און האָט זיך אָנגעשטרענגט צו ענדערן דעם טאָן פון זיינע רייד, נאָר זיין קול האָט זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריקער און האָט זיך געצויגן אין דעם זעלביקן אומעט ווי ער האָט פריִער גערעדט:

— נאָר ציִען, ציט מיך אַהער; צו אַ פּאַרזייט שטיקל פעלד, צו אַ טייך; גיי איך דאָ אַרום און לערן תורה מיט די פּאַרמער.

איך האָב געמיינט, ער שפּאַסט, ער וויל מיט דעם פאַרבאָרגן זיין צער, האָב איך זיך אין דעם זעלביקן טאָן אָפּגערופן:

— איז לערנט מיט מיר אויך תורה, איך וויל זיך עפּעס אויסלערנען ביי אייך.

— אָי, דאָס טויג נישט, — האָט אברהמל אויסגעצויגן די ווערטער מיט אַ ניגון, — ווי ער וואָלט מיר מוסר געזאָגט: — אַ מענטש טאָר יענעם נישט מבטל זיין, זיך אַליין אַוודאי נישט; איר האָט ביי מיר נישט וואָס צו לערנען.

— איז וואָס לערנט איר מיט די פּאַרמער?

— די תורה וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט ביי מיין מאַמען ע״ה.
— ביי דער מאַמען און נישט ביים טאַטן?
— יאָ, ביי דער מאַמען און נישט ביים טאַטן. די תורה האָב איך זיך אויסגעלערנט תשעה באב. אַ גאַנץ יאָר האָט אונדז קינדער דער טאַטע מדריך געווען און די מאַמע האָט זיך נישט געמישט נישט אין נעמען אַ מלמד און נישט אין די אַנדערע מצוות, אָבער תשעה באב זענען מיר, די קלענערע קינדער, געווען אין דער מאַמעס רשות. זי האָט אַכטונג געגעבן ווער ס׳זאָל אָנבייסן אינדערפרי, ווער ס׳זאָל עסן אַ ביסל שפּעטער און מען זאָל נישט עסן צו זאַט. און אַז דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען דאַווענען מנחה, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, אַרומגענומען אַרום זיך די קליינע קינדער און געליינט פאַר אונדז דעם טייטש-חומש. זי האָט געוויינט: צוליב אַ קליינקייט, אַ נאַרישקייט, צוליב אַ הין מיט אַ האָן איז חרוב געוואָרן דער בית המקדש — און האָט זיך אויסגעטענהט מיט אונדז קינדער — ווינציק הינער זענען געווען אין ירושלים? האָט מען נישט געקענט קריגן קיין אַנדער עוף פאַר דער גילדענער יויך און מיר זאָלן דערפאַר נישט דאַרפן אָפּקומען אין גלות?

מיר קינדער האָבן געוויינט צוזאַמען מיט דער מאַמען. האָט די מאַמע אָנגעהויבן אונדז טרייסטן: אַז מיר וועלן זיין גוט און פרום, וועט דער אייבערשטער אויסלייזן די יידן פון גלות. זי האָט אונדז געלערנט, אַז פון גרויסע זאַכן היט אויס גאָט, פון קליינע זאַכן, פון נאַרישקייטן, דאַרף זיך דער מענטש אַליין היטן. אַן עלטערער דאַרף פאַרשווייגן אַ יינגערן און אַ ברודער דאַרף איבערלאָזן אַ שוועסטער, וועט נישט זיין קיין שלעכטס אויף דער וועלט און ס׳וועלן קומען ישועות ונחמות אויף יידן.

— מיינט איר, אַז איך האָב אָפּגעהיט דער מאַמעס תורה? האָב איך זיך אויסגעהיט פון אַ קליינקייט? — האָט אברהמל אַ קוק געטון אויף מיר, און זיין פּנים האָט זיך דורכגעשניטן מיט אַזאַ טיפן פּייז, גלייך ווי זיין אינגעווייד וואָלט זיך דורכגעקבערט מיט אַ שווערן ווייטיק. — וואָס קען איך טון אויף די עלטערע יאָרן? גיי איך דאָ אַרום איבער די וועגן, פאַרדין מיין שטיקל ברויט מיט אַ טאָג אַרבעט וואָס איך טו ביי יענעם; די מענטשן באַהאַנדלען מיר צו גוט, בעסער ווי איך פאַרדין, יעדערער וויל מיר באַצאָלן מערער ווי איך בין ווערט. נו, און מיט וואָס קען איך

זיי אָפּדינען? — איך רייד איבער פאַר זיי דער מאַמעס תורה: פון גרויסע זאַכן היט אויס גאָט, פאַר קליינע זאַכן דאַרף זיך דער מענטש אַליין היטן. איך טראַכט וועגן מיין אייגענעם לעבן — אַט ערשט איז דאָס געווען, נישט מער ווי אַ קלייניקייט — און איך דערמאָן זיי, צוליב אַ הון מיט אַ האָן איז דער בית המקדש חרוב געוואָרן. איך חזר איבער יותמס רייד, אַז מיט אמת און וואָרהאַפטיקייט קען אַפילו אַ דאָרן קעניגן איבער די צעדערן פון לבנון.

— העלפן אייערע רייד? — האָבן זיך אַרויסגעגליטשט מיינע ווערטער און מיר האָט פאַרדראָסן וואָס איך האָב עס געפרעגט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיט מיין פרעגן בין איך באַגאַנגען די זעלביקע נאַרישקייט וואָס זיין חבר מיט זיין שאַרפן שמייכל. איך האָב מיין ניכטערקייט אַריינגעשטאָכן אין זיין חלום וואָס ער חלומט אויף די עלטערע יאָרן.

— מיינט איר אַז איך וויים? — האָט ער אַ קוק געטון אויף מיר, גלייך ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געטראַכט און האָט זיך פאַרענטפערט: — ווערטער זענען אַזוי ווי עפּל, אַז זיי ווערן צייטיק פאַלן זיי אַליין אַראָפּ פון בוים; און איך האָב אַזויפיל גערעדט, האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: „בלויז אַ צופאַל, אַ צופאַל, איך האָב גאָר געוואָלט גיין צו דאַרמאַנען, איך בין שוין לאַנג דאָרטן נישט געווען, און דאָ האָב איך אייך באַגעגנט"...

איך האָב זיך דערמאָנט אין סעלמען ווי זי גייט־אַרום אינעם האָטעל, און אין איר באַשיידנקייט און איינגעשפּאַרטקייט ציטערט ציטעריקער איר מיידלשער חן, ווי אין קאָקעטעריי, און כ'האָב געטראַכט — אַזוי האָט מסתמא אויסגעזען רבקה. האָב איך געוואָלט זאָגן: „מיר פאַרדריסט נישט אויפן צופאַל, איר דאַרפט אָבער צוגיין צו די דאַרמאַנס, זיי וואַרטן אויף אייך". איך האָב אָבער נישט געוואָלט דערמאנען מרס דאַרמאַן, האָב איך בלויז איבערגעחזרט אברהמלס רייד:

— אין וואַלד אַנטפּלעקן זיך די פאַרבאָרגענישן פון מענטשן.

— יאָ, יאָ, אַט דאָס איז דער סוד פון וואַלד, — האָט זיך אברהמל אָנגעהויבן דערווייטערן פון מיר. ער האָט זיך אָבער אומגעקערט צוריק: „איך האָב גאָר פאַרגעסן, איך דאַרף אייך ווייזן דעם וועג צו דאַרמאַנס האָטעל", און ער איז אַרויס מיט מיר פון וואַלד.

ער האָט מער נישט גערעדט צו מיר, ער האָט מיר בלויז געוויזן דעם וועג: — איר וועט שוין אַלײן טרעפֿן.

מיר איז שווער געווען זיך צו שיידן מיט דעם מענטשן. בין איך געשטאַנען און האָב זיך איינגעקוקט ווי עס דערווייטערט זיך פֿון מיר אַ מידער, איינגעמאַטערטער עלטערער ייִד. ער גייט אין דער ווייטקייט, ציט זיך צוזאַמען מיט דעם נעפּל איבער די טאָלן און פֿעלדער, און דער פֿאַרנאַכט טוט פֿאַרהוילן זיין סוד. נאָר דער וואַלד אַנטפּלעקט פֿאַר מיר אין דעם סוד אַ טיפֿע וועלט, וואָס איך האָב דערזען אונטער די צווייגן.

ס׳קנוילן זיך פֿאַר מיר מר. דאָרמאַן, אברהמל, סעלמע, רבקה, וואָס ציִען זיך איינע צו די אַנדערע, אָט אַזוי ווי דער מענטש וויל זיך דער־גראָבן צו זיין שורש. נאָר, אין איר קלאָרער שכלדיקייט, שטייט מרס דאָרמאַן, ווי דער בײזער שומר ביים טויער, און זי לאָזט נישט באַהעפֿטן זיך די נשמות, וואָס דער אייבערשטער האָט מזווג געווען.

א שטריי מיט א היי

— א —

אַז מ׳האָט עפּעס געפרעגט ביי פּינקען האָט ער נישט אָפּגעענטפערט, נישט געזאָגט קיין ליגן און האָט געענטפערט צו דער זאַך. נאָר אין זשי־רעווע האָט מען זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיינע רייד.

— זאָג, פּינקע, דו מאַכסט נישט קיין טעות, ריכטיק איבערגעציילט? — האָט מען ביי אים איבערגעפרעגט מיט אַ באַהאַלטענעם חוזק און גע־וואַרט, ער זאָל נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל איבערחזרן די רייד.

ביי פּינקען האָט זיך פאַרצויגן דאָס פּנים מיט אַ שאָטן פון אַ כמאַרע, ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע לאַנגע שווערע הענט און אָנגעהויבן ציילן די פינגער: — איינס, צוויי, — האָט איבערגעביטן אַ וואָרט אויף אַ וואָרט, ווי ער וואָלט געקייקלט די רייד איבער הרודעס: — ניין, נישט קיין טעות, ריכטיק צען...

— טאָ זאָג דעם אמת, ביי איטשע יאַנקלען האָט זיך טאַקע אָפּגע־קעלבט די בהמה? — האָט מען מיט נאָך אַ וואָרט געוואָלט פאַרטרייבן די אייגענע לאַנגווייליקייט.

— אַליין געזען — האָט זיך פּינקע אָנגעהויבן שווערן און נישט געוואוסט ווי צו באַווייזן אַז ער זאָגט דעם אמת, האָט ער אָנגעהויבן איבער־חזרן וואָס אַנדערע זאָגן וועגן אים: — פּינקע דערציילט, וואָס די אויגן זעען, די אויערן הערן, — און האָט אַריינגעזאָגט שאַרף מיט כעס: — פּינקע אפשר אַ משוגענער, אָבער נישט קיין ליגנער! — ער האָט זיך

אַרויסגעיאָגט פון שטוב, אַוועקגעשפּאַנט איבער דער לאַנגער גאַס — די איינציקע גאַס אין זשירעוועֶ.

דער טאָג איז געשטאַנען אַ זומערדיקער, אַ רויִקער, אַ שטילער און אַזוי רויִק און שטיל זענען געשטאַנען די הייזער פוןביידע זייטן.

אין דרויסן האָט מען נישט געזען קיין מענטשן, קיינער האָט גאָר־נישט געפרעגט ביי פּינקען און פּינקע האָט נישט געהאַט פאַר וועמען אויסליידיקן די רייד, וואָס האָבן זיך געטומלט ביי אים אין קאָפּ. איז אים געוואָרן שווער צו גיין אין זיינע גרויסע אויסגעטראָטענע שטיוול, וואָס האָבן דערלאַנגט מיט די כאַליעוועס ביז די קני און ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט לעבן אַ שטוב. ער האָט אַריינגעקוקט דורך די אָפענע פענצטער אין הויז אַריין און זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן ציטערן מיט אַן אומרו:
— אָט זעט ער.

— ביי יעקב־בערן אין שטוב הינטער דער טיר.

די ווערטער האָבן אָנגעהויבן פאַלן ביי אים ווי עפּל, וואָס אַ ווינט רייסט פון אַ בוים: — ער וועט דערציילן דער ערשטער וואָס די אויגן זעען, וואָס די אויערן הערן...

נאָר ביי יעקב־בערן אין שטוב איז שטיל און ליידיק, ווי אין דרויסן, פּינקעס אויגן זעען גאָרנישט און די אויערן הערן נישט.

פאַלט ער ביי זיך אַראָפּ: — צו וואָס דאַרף מען אים האָבן דאָ אין זשירעוועֶ? ער מאַכט זיין אייגענעם חשבון פון דער וועלט: — דער הונט גייט נאָך זיין באַלעבאָס, דער פּאַסטוך טרייבט אַרויס די בהמות אין פעלד, ווער קוקט זיך אָבער אַרום אויף אים? — הירזשעט ער אויס ווי אַ געוויין: — און מיר איז הייס, די זון באַקט אין פּנים.

ער שפּיליעט אָפּ דעם לאַנגן בגד וואָס ער טראָגט זומער און ווינטער, נאָר ער טוט אים נישט אויס. ער האָט מורא, מען וועט דערזען די לאַנגע אַרבל פון זיין העמד, וועט מען אָנהייבן טייטלען מיט די פינגער: — פּינקע שטייט אַ נאַקעטער!

פאַרשפּיליעט פּינקע דעם בגד, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, בייגט זיך אונטער זיין שווערן גרויסן גוף און שטעלט אַוועק אַ טראָט ווי ער וואָלט זיך אָנגעשפּאַרט אויף עמעצן.

ער גייט אָבער נישט ווייטער. ער שטייט אויף איין אָרט און זשמור־קעט מיט די אויגן, די זון־שטראַלן זאָלן נישט פאַלן אים אויפן פּנים.

אַז עמעצער גייט דורך פאַרביי, שטעלט ער זיך אָפּ לעבן פּינקען און לערנט אים מיט גוטן:

— וואָס שטייסטו אויף דער זון, פאַרוואָס זעצסטו זיך נישט אין שאָטן? — ער ווייזט אים אָן אויף די גראָז אונטערן בוים און גייט אַוועק.

פּינקע וויל עפּעס ענטפערן, ווייטער פירן דעם שמועס, נאָר ביז וואַנען ער דערטראַכט זיך צו אַ וואָרט, איז שוין דער ייִד ווייט אַוועק און פּינקע יאָגט אים נאָך:

— מיט די אויגן געזען...

פון אַ קוימען שפּאַרט זיך אַ געדיכטער רויך. איילט זיך פּינקע אָנצוזאָגן:

— אַ שריפה! פונקען פליִען...

— ווו ברענט, משוגענער? — שטעלט זיך אָפּ דער ייִד — מען האָט איינגעהייצט אין אויוון, גייט אַ רויך.

— ניין, נישט דאָ — פאַלט פּינקע ביי זיך אַראָפּ, זיינע אויגן קוקן טעמפּ, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרצויגן מיט אַ בלענדעניש, און ער קרעכצט אַרויס: — ניין, ניין, נישט דאָ, אין בוטען.

טוט דער ייִד אַ ציטער: — אין אַזאַ טריקעניש, איין פונק און די גאַנצע שטאָט קען חלילה אַוועקגיין מיטן פייער. ער קוקט אויפן הימל און קען נישט אָפּטון פון זיך די אומרו: — איצטער אַז די זון שיינט, ווען מען גאָרנישט דערזען, וועט ח״ו...

פּינקע ציט זיך אַוועק פון דעם ייִדן און טראַכט: — בוטען ברענט, דאַרף ער העלפן זיך ראַטעווען. און אים גייט פון זינען נישט אַרויס, אַז מען דאַרף ראַטעווען ייִדן. זיצט ער בייגאַכט לעבן קלויסטער אויף אַ שטיין און היט קיין גנבים זאָלן נישט קומען, קיין גזלנים זאָלן נישט אָנפאַלן אויף אַ ייִדישער שטוב.

ער קוקט אויפן הימל: די שטערן רוען נישט, זיי טונקען זיך אין זייער ליכטיקייט; ווערט ער אַליין אומרויִק; זיינע בליקן ציטערן העכער פון די הימלען און ער זעט ווייטער פון די הייזער.

ס׳נידערן אַראָפּ מענטשן פון באַרג; זיי גייען פּאַמעלעך, איינציקווייז; אָט באַווייזן זיי זיך אין דעם ליכט פון די שטערן און הייבן זיך אויף העכער פון זייערע שאָטנס, און אָט לאָזן זיי זיך אַראָפּ נידעריקער פון דער נאַכט און באַהאַלטן זיך אין דער טונקלקייט פון די וואָלקנס.

פינקע וואַרט אָבער; פון זיינע אויגן קען מען קיין זאַך נישט פאַר־באָרגן. ציילט ער איבער: איינס צוויי, דריי... ער זוכט נאָך.

ציילט ער ווידער איבער: „איינער אין אַ גרויסן קאַזשוך מיט אַ האַק אין האַנט, דער אַנדערער אין אַ קורצן פּעלצל אין הויכע שטיוול און דער דריטער מיט אַ שפּיציקער היטעלע, אַנגעטאָן ווי אַ גראַף, ווי אַ פּריץ. אַ גאַנצע באַנדע, זיך באַהאַלטן אונטערן דאַך, הינטער אַ בוים״...

קען שוין פינקע מער נישט איינזיצן אויפן שטיין, ער קען זיך נישט דערוואַרטן ביז וואַנען די גנבים וועלן אַרויסקריכן פון באַהעלטעניש און צוגייך נענטער, ער זאָל זיי קענען אָנכאַפּן פון הינטן פאַרן קאַרק.

ער הייבט זיך אויף פון אָרט, יאָגט זיך אַוועק צו ר׳ חיימס שטוב און קלאַפּט מיט זיין גאַנצער גבורה אין פענצטער:

— גנבים, גזלנים, אַליין געזען...

און גייט אויס אין אַ געבעט: „וואָס פינקע זעט מיט די אויגן, הערט מיט די אויערן״...

ר׳ חיים ווייס אַז דאָס איז פינקע, ער האָט זיך שוין צוגעוווינט, אַז דער צעדרייטער זאָל אויפוועקן ביינאַכט און איבערשלאָגן דעם ערשטן שלאָף. האָט ער רחמנות אויף אים. ער דערשרעקט זיך אָבער און ווערט אין כעס: — פאַרוואָס שלאָפסטו נישט און לאָזט נישט אַנדערע שלאָפן? — נאַ דיר אַ קישן און לייג אַוועק צוקאָפּנס.

—איך קען נישט שלאָפן, — פאַלט אַראָפּ ביי זיך פינקע, — איך מוז היטן.

— פון וועמען היטסטו? — וועפּט זיך אויס ביי ר׳ חיימען דער כעס און ס׳באַווייזט זיך ביי אים אַ געלעכטער, וואָס פאַרציט זיך מיט דער בי־טערקייט פון אַ שמייכל — קיין בעסערן שומר האָט שוין דער אייבער־שטער נישט געקענט אַוועקשטעלן פאַר זיין פאָלק ישראל.

— אַליין געזען — לאָזט נישט אָפּ פינקע — גנבים קריכן.

ווייס נישט ר׳ חיים וואָס צו טון; ער קוקט זיך אַרום, נאָר ער זעט

גאַרנישט און הערט גאַרנישט. ער איז אָבער נישט רויק. גייט ער אַרויס אין פּירהויז. ערשט, אַן אַניצע סמאַליעט זיך אונטערן בוידעם־לייטער; נאָך איין האָר און דער לייטער וועט זיך אָנכאַפּן. לעשט ער דאָס פייער מיט די נאַקעטע הענט, מיט די באָרוועסע פיס. ער פילט נישט דאָס פייער און רופט מיט מחילה און הכנעה:

— פּינקע, פּינקע, ווען ער וועקט נישט אויף, וואָלט מען מיטן לעבן אַוועק.

און פּאָר די בני־בית, וואָס זענען שוין וואָך פון שרעק און פרייד, רעדט איבער דער טאַטע: — אַז מען שלאָפט איין מיט דעם ערשטן שלאָף, קען מען צעטראָגן די שטוב און קיינער וועט נישט הערן.

ער לאָזט פּינקען נישט אַוועקגיין:

— זעץ זיך אַוועק, מען וועט אָנשטעלן דעם סאַמאָוואַר, וועסטו טרינקען מיט אונדז אַ גלאָז טיי.

— ניין, ניין, — חזרט איבער פּינקע און שטעלט אַ טראָט צו דער טיר.

— וואָס איילסטו זיך? — רעדט צו אים ר׳ חיים ווי צו די אייגענע קינדער — דו שלאָפסט דאָך סיי־ווי־נישט.

ר׳ חיימען נעמט אויך נישט קיין שלאָף. קוקט ער זיך איין אויף פּינקען: הויך געוואַקסן, נאָר גייט איינגעבויגן, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און זעט אויס נידעריקער פון זיינע אַקסלען; שוין אַוודאי אין די טיפע פערציקער, אפשר אַריבערגעשפּאַנט פופציק און האָט נישט קיין איין גרויע האָר. אַ גבר, הייבט אויף אַ זאַק מעל און טוט זיך נישט קיין קרים, נאָר ציטערט פאַר אַ פליג. ער האָט אָבער נישט מורא צו זיצן אַ גאַנצע נאַכט אויפן שטיין לעבן קלויסטער. חידושט זיך ר׳ חיים און וויל עפּעס דערגיין ביי פּינקען: ער קען זיך אַליין נישט דערמאָנען ווי לאַנג פּינקע דרייט זיך דאָ אַרום אין זשירעווע: אים דוכט זיך, אַז ער גייט דאָ אַרום ווי ס׳גייען אויף די טעג, ווי ס׳פאַרגייען די זומערן און ס׳קומען די ווינטערן.

קוקט ער טיפער אַריין אין פּינקעס פּנים: די אויגן גרויסע, שוואַרצע, קיילעכדיקע, נאָר פאַרצויגן מיט אַ טעמפּקייט ווי דער אויבערפלאַך פון אַ שטייענדיקן וואַסער. קיין באָרד וואַקסט נישט ביי אים, ס׳שפּראָצן בלויז

איינציקע ווייכע האָר, ליגן אויסגעלייגט עלנטע אויף זיין ברייט פליישיק פּנים און וואַרפן אָן אַן אומעט ווי פאַרלאָזענע שלאָפנדיקע קינדער.

טראַכט איצטער ר׳ חיים דאָס, וואָס ס׳גייט אים אַרויף אויפן זינען, ווען ער דערזעט ווי פּינקע שלעפּט זיך אַ שווערער אַן איינגעבויגענער איבערן וועג, אָדער שטייט אין מיטן גאַס און קוקט אויפן הימל. ער וויל אין דער שטילקייט פון דער נאַכט דערגיין ביי פּינקען פון וואַנען קומט ער. ר׳ חיים ווייס, אַז פּינקע וועט זיך דערשרעקן, זיך אָנהייבן פּלאָנטערן אין זיינע אייגענע ווערטער: — איר ווילט שוין אַרויסטרייבן. פרעגט ער ביי אים עפּעס אַנדערש: — פּינקע, איז דיר ווייך צו שלאָפן ביי דער אַלטער גישען אין הינטער־שטיבל, איך וועל דיר געבן אַ קישן וועסטו אַוועקלייגן צוקאָפּנס.

ווייך, ווייך, — חזרט איבער פּינקע, און וואַרט נישט אויף דעם קישן. ער הייבט זיך אָן איילן: — איך דאַרף היטן, אָנזאָגן, אָהאָ, וואָס די אויגן זעען, די אויערן הערן — און גייט אַוועק.

ר׳ חיים וויל וויסן צי פּינקע גייט זיך לייגן שלאָפן אין הינטער־שטיבל, אָדער זיך אַוועקזעצן אויפן שטיין, שטעלט ער זיך אַוועק אין פענצטער און היט אים ווי ער שפּאַנט אין מיטן גאַס. די לבנה איז אויפגעגאַנגען נאָך האַלבע נאַכט, אויפגעהויבן דעם הימל אין אַ קיילעכדיקן קרייז איבער זשירעווע און טונקט איר ליכט נידעריק אויף דער ערד, אין אָפּגרונט פון דער נאַכט.

פּינקע טרעט שווער איבער דער גאַס; זיין שאָטן ציט זיך אויס ווייט, ווייטער פון אים אין שיין פון דער לבנה צו דעם שטיין לעבן קלויסטער.

— גייט נישט אין הינטער־שטיבל — האָט ר׳ חיים אַריינגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין פענצטער און ער פאַרנעמט ווי אין דער שטילקייט פון שטוב זיפצן אָפּ פּינקעס רייד: — איך דאַרף היטן, אָנזאָגן...

— וועמען היט ער? — וויל ר׳ חיים אַרויסשלאָגן פּינקעס רייד פון קאָפּ און אָפּטון פון זיך די אומרה, וואָס אָטעמט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט — אַ צעדרייטער, ווינטער איז ער נאָך אַ שטיקל מענטש, זומער פאַרלירט ער, נעבעך, אינגאַנצן דעם שכל.

ר׳ חיים קען אָבער נישט פאַרגעסן ווען פּינקע קלאַפּט נישט אָן אין

פענצטער, ווייס ער גאַרנישט צי ער וואָלט איצטער דאָ געקענט שטיין און קוקן אויף דער לבנה. גייען אים פון זינען נישט אַרויס אַלע גוזמאות, נאַרישקייטן, וואָס פּינקע דערציילט.

„אַטאָ האָט ער גלייך נאָך פּסח אָנגעהויבן אָנזאָגן אַלע ווײַלע, אַז מען הרגעט יידן און איז ערשט אַנטשוויגן געוואָרן ווען די קינדער האָבן אים אַריינגעגאָסן אַ קוואָרט קאַלט וואַסער אונטערן קאַלנער". וויל ר׳ חיים מאַכן צו גאָרנישט פּינקעס רייד, נאָר ער טוט פּלוצלינג אַ ציטער: — און פּאָר שבועות האָט מען געפונען אין וויקניער וואַלד אַ דערהרגעטן ייִדן.

— ווער ווייס... — ציט אַרויס ר׳ חיים אַ גרויע האָר פון זיין באָרד. ער קוקט אויף דער האָר און אים קומט אַרויף אויפן זינען דער זון אין אַמעריקע; דער טאַטע וויל, ער זאָל צום פּריזיוו קומען אַהיים, דאָס קינד זאָל נישט זיין אייביק פאַרוואַגלט אין דער פרעמד.

ער דערמאָנט זיך: — אין מיטן ווינטער האָט פּסח געשריבן, אַז ער האָט צעקלאַפּט אַ פינגער און אים איז שווער צו שרייבן. זינט דעמאָלט קומען טאָקן אָן די בריוו אין צייט און ער דערמאָנט נישט דעם פינגער. ר׳ חיים איז אָבער נישט רויק: — שרייבט ער אַליין די בריוו, אָדער ער בעט עמעצן נאָכמאַכן זיין האַנטשריפט?

ער טוט אָן די שפּאַקולן, נעמט אַרויס פּסחס בריוו, מאַכט גרעסער דאָס פייער פון בליך־לאָמפּ און קוקט אויף די מאָדנע בייגעלעך פּאַפּיר — קורצע, שמאָלע, איין זייט אינגאַנצן ליידיק. פריער האָט ער געשריבן אויף אַן אַנדערן פּאַפּיר און די בריוו זענען געווען לענגערע. ער פאַרשט צי דאָס איז פּסחס כתב און וויל זיך דערמאָנען צי פינקע האָט גאָרנישט גערעדט וועגן אַמעריקע.

און איצטער, אין דער שפּעטער שעה פון נאַכט, פאַרגלייכט ר׳ חיים איין אות מיט דעם אַנדערן אין פּסחס בריוו און אים ווילט זיך דערגיין אַ זין אין פינקעס זאַגעכצן, מעשיות און פלוידערייען.

„שטענדיק פאַלן אָן אויף פינקען די רייד די פּסח־צייט, ווען ס׳קומען אַלע אומגליקן אויף יידן און ער האַלט אין אָנזאָגן ביז נאָך די חגאות", טוט ר׳ חיים אַ ציטער: — אַן אומגליק, אַן אומגליק. דערנאָך איז אָנגעקומען די ידיעה פון יעקאַטערינאַסלאַוו, אַז מען האָט דאָרטן געמאַכט אַ פּאָגראָם. ער האָט באַהאַלטן פון חנהן, אַז ער איז געלאָפן קיין סלאָנים טע־

לעגראַפּירן צום שוואָגער. ער האָט איצטער אויך געדאַרפט דעפּעשירן פסחן.

ער וויל אָבער נישט אָנוואַרפן קיין שרעק אויפן הויז, טראַכט ער איבער די רייד, וואָס פּינקע זאָגט אָן: — דער גלח פאַרנאַרט אַ ייִנגל אין קלויסטער, בוטען ברענט, פון קוימען איז אַראָפּגעפאַלן אַ גרויסער, אַ ווייסער, ווי אַ מענטש — און ר׳ חיים טוט אַ שמייכל קאַלט און פאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט אָפּגעלאַכט פון זיך אַליין: — נישט געשטויגן, נישט געפלויגן...

פונדעסטוועגן, אַז פּינקע האָט זיך אויף מאָרגן אין דער פרי באַוויזן אין שטוב, האָט ר׳ חיים נישט געקענט פאַרגעסן, ווי ער האָט ביינאַכט פאַרהיט די שטוב פון אַ פייער און געוואָלט ביי אים אַרויסקריגן מערער רייד. ער האָט זיך צוגעהערט וואָס ער זאָגט און געוואַרט, אפשר וועט ער דערמאָנען אַמעריקע.

פּינקע איז געשטאַנען ביי דער טיר אַ פאַרמאַטערטער און האָט בלויז אַרויסגעזאָגט האַלבע ווערטער, וואָס זענען איינגעגאַנגען אין זיין שוויגן ווי אַ קרעכץ.

— וואָס שטייסטו אַזוי, אפשר ווילסטו עסן? — האָט ר׳ חיים אַרויסגעוויזן זיין גוטסקייט.

— נישטאָ וואָס צו טון — האָט פּינקע געקייט די אייגענע רייד, נאָר פלוצלינג האָט ער אויסגערעדט קלאָר מיט ווייטיק: — קיינער דאַרף מיך נישט.

— וואָס הייסט? — האָט ר׳ חיים געוואָלט דערמאָנען פּינקען, אַז ער האָט ביינאַכט געראַטעוועט פון אַ שריפה. נאָר ער האָט זיך נישט געלאָזט ריידן און איבערגעחזרט, ווי ער וואָלט געאָומערט אויף זיין מזל:

— אַ הונט האָט אַ באַלעבאָס, און איך האָב אַפילו נישט קיין בודע וווּ אַריינצושפאַרן מיין קאָפּ.

— און ווער וועט ברענגען הושענות, און ווער וועט גיין אַ גאַנג און, און, אַ צענטער צום מנין? — וויל ר׳ חיים פאַרטרייבן פּינקעס מרה־שחורה מיט די עובֿדות, וואָס ליגן אויף אים אין זשירעווע.

— יאָ, יאָ, — ווערט פּינקע אויפגעהייטערט — הושענות, ווען, ווען?

— באַלד, באַלד — ציט אים ר׳ חיים אַריין אין דער פריילעכקייט,

ווי מען פירט אַ קינד ביי דער האַנט — ווי ווייט איז ראש־השנה, און נאָך ראש־השנה איז סוכות.

פינקע קען זיך אָבער נישט דערוואַרטן אויף ראש־השנה און טראַכט גאַרנישט וועגן סוכות, נאָר ווען ס׳שטייען נאָך די הייסע טעג, פאַרגעסט ער אויף די גאַנגען וואָס מען שיקט אים, און לאָזט זיך אַוועק אין די בערג, קריכט אין די קוסטעס, גייט צום ברעג טייך און זוכט הושענות, ער זאָל זיי ברענגען אין צייט אויף יום־טוב.

ער קומט פון די בערגלעך, פון טייך מיט ריטלעך, צווייגלעך, באַווייזט זיי לייטן און פרעגט: — גוטע הושענות? צוגרייטן, נישטאָ קיין צייט...

ענטפערט איינער מיט אַ שמייכל: — ביז הושענה־רבה וועלן נאָך אויסוואַקסן הושענות.

אַן אַנדערער פרעגט מיט חוזק: — נו, פינקע, וואָס די אויגן זעען, די אויערן הערן, וואָס האָסטו געזען?

הייבן אָן ציטערן ביי פינקען די אויגן ווי פונקען: — געזען, געזען, די אויערן הערן, געזען אַ מענטשן אַריין אין טייך, מער ווי דעם קאָפּ נישט געזען...

— טאָקע אַזוי, — ווילט זיך אַנהאַלטן דעם שפּאַס, נאָר ס׳גייט אַרויף אויפן זינען: — דער טייך מוז צונעמען אַ מענטשן... — און מען רעדט איין פינקען: — דו גיי נישט צום טייך, קלייב בעסער הושענות.

פינקע הערט זיך אָבער נישט איין צו קיין פרעמדע עצות. ער גייט צום טייך, קלייבט הושענות אין וואַלד, פּאַלגט אַ גאַנג, היט אָפּ די געגנדז, וואָס מען פאַרזעצט אויף ווינטער און זאָגט מבינות צי די שמאַלץ וועט זיך איינגעבן.

אַז מען שטעלט אין די קרויט, סטאַיען אים נישט די גרויסע אויסגעטראָטענע פיס צו שפּרייזן פון איין שטוב אין דער אַנדערער. דאָ דאַרף ער אָפּקלייבן די קאַטשאַנעס, דאַרטן אויפהייבן די פעסלעך, דאָס וואַסער זאָל אָפּרינען, און אין אַן אַנדערער שטוב וויל ער מען זאָל אים לאָזן שעטקעווען די קעפּלעך קרויט.

די באַלעבאָסטע שרייט: — דו וועסט צעשניידן די הענט.

און פינקע שפּאַרט זיך איין, הייבט אָן דערציילן: — די אויגן זעען, די אויערן הערן, אויפן מיטן וועג געלעגן, אַ גרויסע פלאַכטע, אַראָפּגע־

פאַלן, אין דער פינצטער, קיינער נישט געזען, אַ מענטש. גיט מען אים נאָך, די קרויט זאָל זיך איינגעבן, די שמאַלץ זאָל נישט חמצדיק ווערן און מען לאָזט אים צוהאַלטן דעם שנייד־מעסער.

בשעת־מעשה לאַכט מען ווי אַזוי פינקע קען זיך נישט ספּראַווען מיט זיינע גרויסע פינגער. מען חזרט איבער מיט חוזק זיינע רייד — וואָס די אויגן זעען, די אויערן הערן — נאָר ערגעץ־ווו, אין דער טיפער פאַר־באָרגעניש ציטערט אַן ערפורכט פאַר די רייד וואָס ער דערציילט. מען וויל זיך דערמאָנען וואָס ער האָט געזאָגט מיט אַ יאָר צוריק, מיט אַ חודש פריִער, און וואָס איז דערנאָך געשען. ס'קייקלען זיך די זומערן און ווינ־טערן, וואָס פינקע דרייט זיך אַרום אין זשירעווע און מען פאַלט אַריין אין אַ ספק: — ווער ווייס וואָס פאַר אַ גלגול ס'זיצט אין אים; אפשר גאָרנישט משוגע... — אפשר זעט ער, וואָס פון אַן אַנדערן איז פאַרהוילן.

וויל מען זיך פאַרענטפערן און מען פרוווט אויפהייבן פינקען פון זיין געפאַלנקייט. מען וויל באַווייזן אים זיין חשיבות. פאַרגעסט מען נישט צו דערמאָנען אים, אַז ער איז שבת דער צענטער צום מנין, אַן אים וועט קיין מנין נישט זיין.

לאָזט פינקע אַרויס פון האַנט דעם קאַטשאַן. ער גלייכט זיך אויס און צינדט זיך אָן מיט די פרעמדע רייד: „באַלד שבת!" ער הייבט אָן ציילן אויף די פינגער: „מאָנטיק, דאָנערשטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, נאָר ער דערגייט נישט אין רעכענונג ביז שבת. וויל מען אים העלפן אין חשבון און ס'דוכט זיך, אַז אָט־אָט וועט מען אָנטאָן אויף פינקען דעם שבת. פינקע וויל אָבער נישט אָפּלאָזן די חשיבות פון „צענטן", איילט ער זיך נישט גיין צום מנין דאַווענען, און ער וואַרט ר' חיים זאָל שבת אין דער פרי אָנהייבן שרייען אויף אים: — פאַרוואָס ביסטו געקומען אַזוי שפּעט? ווו ביסטו געווען? — ער ענטפערט נישט און ציילט אויף די פינגער: — ריכטיק ניין...

פינקע קוקט אויף די ייִדן אין טליתים און רעכנט איבער נאָך אַמאָל ווער ס'איז אין די ווינטערדיקע פרעסט נישט געקומען דאַווענען, ווער ס'איז קראַנק, און שרייט אויס: — איך, דער צענטער!

דער עולם דאַוונט, נאָר פינקע חזרט איבער ווי מ'זאָגט אַ תּפילה.

ווי מ׳גיסט אויס אַ געבעט: — אַז מיר קיין מנין נישט זיין, — און פאַלט פלוצלינג אַריין אין אַ גרויס פרייד.

ער קען נישט איינרוען: ער גייט אַרום איבערן הויז און ווייס אַליין נישט וואָס צו פאַרלאַנגען ביים רבונו־של־עולם. אין זיין גרויס ווילטאָג, כאַפּט ער אַן ר׳ חיימען פאַרן טלית: — מיר אויך געבן אַן עליה. — ר׳ חיים טוט אַ קוק אויף פּינקען, אים דוכט זיך, ער דערקענט אים נישט: — די אויגן סטאַרטשען נישט אַרויס, נאָר זענען רויק איינגעשניטן אין די אויגן־לעכער. — טראַכט ער: — ווי דער שבת קען דערהייבן אַ מענטשן, אַפילו ווען ער ווייס נישט ווי צו דאַווענען — און פאַרזאָגט אים: — דו זאָלסט אָבער נאָכזאָגן די ברכות וואָרט אין וואָרט.

— נאָכזאָגן, נאָכזאָגן, — זאָגט צו פּינקע, און די פיס ווערן ביי אים אַזוי גרינג, אַז אַן אים, אַז זיין שווערן גוף, ווילן זיי אָנהייבן שפּרינגען איבער די שטולן.

— ב —

ווינטער איז די בעסטע צייט פאַר פּינקען אין זשירעוווּ; ס׳איז נישטאָ קיין שבת, ער זאָל נישט זיין דער צענטער צום מנין און ס׳איז נישט פאַראַן קיין טאָג, ס׳זאָל נישט וואַרטן קיין גאַנג אויף אים.

אַז ס׳לאָזן אָפּ די פרעסט, ס׳הייבט אָן ווערן וואַרעמער, באַווייזן זיך אָרעמעלייט — אין בוידן מיט די ווייבער און קינדער, און צופוס, די פּעשע, מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס. זיי ציִען זיך צו דער פּורים־סעודה, וואָס מען גרייט צו פאַר די אָרעמע־לייט פאַר שבועות אויף ל״ג־בעומר; זיי פאָרן צו די ישובניקעס, ווו מ׳זעצט זיך צום סדר אין רחבות, און זיי שפּרייטן זיך אויס איבער די דערפער, ווו מ׳קען אָנפּיטערן די פערד און אויסרוען די אייגענע ביינער.

פּינקע פאַדעט־אַרום אַרום די אָרעמע־לייט ווי אַן איינגעזעסענער תושב פון זשירעוווּ; ער גייט אַרום מיט זיי איבער די הייזער, ווייזט אָן ווו אַ ייִד וווינט, קלייבט פאַר זיי נדבות און טיילט די אייגענע זעקסערס און דרייערס, וואָס ער האָט אָנגעקליבן פאַר די גאַנגען, וואָס ער איז געגאַנגען.

ער פרייט זיך מיטן יום־טוב, וואָס מ׳מאַכט פאַר אָרעמע־לייט און

וויל איבעררייידן איין מאָל און נאָך אַמאָל, ווי ער וואָלט עפּעס צוגעגרייט פֿאַר זיך אַליין: — פּורים־סעודה, פֿאַר, נאָך, — נאָר אים פֿעלן אויס ווערטער.

לערנט אים אַן אָרעמאַן, ביי ווענען די טאָרבעס האָבן שוין אָפּגעריבן די אַקסלען: — זאָג: פּורים צו דער סעודה, וואָס מען מאַכט פֿאַר אַלע בעטלער, אָרעמע־לייט, קאַליקעס, פֿאַר שבועות אויף ל״ג־בעומר.

און מיט אַ שמייכל, וואָס פֿאַרבאָרגט דעם דורכגעטריבענעם בליק פֿון זיינע אויגן און קוועטשט אַרויס ביי לייטן דאָס נעבעך־גאָפּיל, לערנט ער פּינקען: — קום אויך מיט אונדז, אַ גרויסע סעודה, איבער דער גאַנצער וועלט, דו וועסט זיצן אויבן־אָן.

צינדן זיך אָן ביי פּינקען די אויגן מיט אימפּעט, מיט אומרו. ער וויל נאָך אַמאָל איבערזאָגן: — פּורים צו דער סעודה... — נאָר ער רעדט בלויז אויס: — צו דער סעודה פֿאַר אָרעמע־לייט, — און שרייט: — איך, איך גיין! ווו?

נעמט צו דער אָרעמאַן ביי פּינקען זיינע לעצטע זעקסערס און דרייערס, און ווייזט אים אָן מיט דער האַנט:

— אַט־דאָ, אין ערגעץ, נישט ווייט, און דו וועסט...

ער מאָלט ווידער אויס פֿאַר אים די פּורים־סעודה ,וואָס מען מאַכט פֿאַר אַלע אָרעמע־לייט פֿאַר שבועות אויף ל״ג־בעומר, און זאָגט אים צו, אַז ער, פּינקע, וועט זיצן אויבן־אָן, אַט אַזוי ווי דער חזן שטייט ביים עמוד.

לערנט זיך אויס פּינקע איבערצורייידן: — פּורים צו דער סעודה פֿאַר אָרעמע־לייט אין ערגעץ, — און ער זאָגט אָן, הויך אויפֿן קול, אַלע זאָלן הערן: — איך גיי! איך אויך!

— וווּהין גייסטו? — כאַפּט זיך אַרויס בערקע פֿון די אָרעמע־לייט.

פֿאַלט פּינקע אַראָפּ ביי זיך און ענטפֿערט דערשראָקן:

— ערגעץ, סעודה, אָרעמע־לייט.

לאַכט זיך פֿאַנאַנדער בערקע און רעדט אויס קלאָר:

— פּורים צו דער סעודה וואָס מען מאַכט פֿאַר אָרעמע־לייט פֿאַר שבועות אויף ל״ג־בעומר. — ער טוט אַ קוק מיט זיינע קליינע לופּיקע אויגעלעך אויף דעם הויכן איינגעבויגענעם פּינקע, גלייך ווי ער וואָלט איבערגעזעגט זיין שווערן גוף און זאָגט מיט בצחוק:

— גיי, גיי און איך בלייב דאָ!

בערקע איז אַ קליינער אַ דאַרער מיט אַ שפּיציק נעזל, די בעקלעך פאַרגייען אין אַ רויטקייט, די אויגעלעך קליינע, וואַסערדיקע, נאָר זשוואַוועאַ און רוען נישט אויף אַ רגע; ביי אים פאַרציט זיך דער שפּראָץ פון דער באָרד ווי פוך אונטער פעדערן, נאָר ער זעט אויס נישט דערוואַקסן ווי אַ יינגל.

פון קליינוויז־אויף האָט ער זיך אין ערגעץ נישט געקענט איינ־האַלטן; נישט ביי זיין שטיף־מאַמען אין הויז, נישט ביי דעם מלמד אין חדר און נישט ביי דעם מייסטער אין ווערקשטאַט, צו וועמען מען האָט אים אָפּגעגעבן זיך לערנען אַ מלאכה. ער האָט אַלע מאָל געזוכט זיך פאַרמעסטן מיט אַ גרעסערן פון זיך און האָט געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז שטאַרקער און קליגער פון יענעם. נאָר ער איז שטענדיק געבליבן מיט חרפּות און בזיונות און זיין צונאָמען. אים האָט שאַרפער געבריט דער צונאָמען „בערקע פישער״ ווי די פעטש וואָס ער האָט געקראָגן פאַר די שפּייעכץ, וואָס ער האָט געשפּיגן אויף יענעם.

און אַז ער האָט גאָרנישט געקענט אויספירן ביי די גרויסע, איז ער אַוועקגעלאָפן מיט די יינגלעך — אַ סך יינגער פון אים — אויפן מאַרק, אויפן שול־הויף, האָט אויסגעבראָכן אַ שויב אין אַ פענצטער, איבערגע־קערט אַ קאָשעק עפּל און האָט אָפּגעטון אַנדערע ווילדע שטיק.

אַז ער איז אַנטלאָפן פון מאַרק, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט אַלעמען בייגעקומען. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט אויסבאַהאַלטן פון זיין וווקס, וואָס איז געווען קליין און דאַר. ער האָט אויך נישט געקענט אַנטלויפן פון זיין צונאָמען, וואָס האָט אים נאָכגעיאָגט אין די אויערן פון אַלע עקן שטאָט:

— בערקע פישער

— דער משוגענער!

איז ער אַנטרונען געוואָרן פון שטאָט און האָט זיך צוגעשלאָגן צו די אַרעמע־לייט, בעטלער, וואָס גייען אַרום איבער דער וועלט. נאָר ביי די אַרעמע־לייט איז זיין מערכה אויך נישט געוואָרן בעסער. אַמאָל האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ חידוש — פאַר אַ קליין יינגל, וואָס איז נאָך נישט געוואָרן בר־מצוה און ס'וואַקסט שוין ביי אים אַ באָרד; און אַמאָל איז

ער געוואָרן אַן עלטערער בחור, וואָס איז געווען אַן עילוי, אָבער, פאַר קיין ייִדן געדאַכט, אין אים איז אַריין אַ דיבוק, ביים לערנען, ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל. האָט זיך אָפּגעטון ביי אים דער שכל און ער איז מער נישט געוואָקסן.

און טאָמער האָט זיך בערקע פאַרריסן, נישט געפאָלגט וואָס מען האָט אים געהייסן טון און ריידן, ער האָט געוואָלט באַווייזן זיין אייגענע חכמה און גבורה, — האָט מען אים אַריינגעשפּאַרט אין בויד, אָנגעדרייט פאַר די אויערן, אָנגעשמיסן מיטן רימענעם פּאַס און דערנאָך האָט מען אים געהאַלטן אין מורא מיטן צונאַמען

— געשמיסענער טאַכעס!

אַז בערקע האָט דערזען ווי גרויס און מגושמדיק פּינקע דרייט זיך אַרום אַרום די אָרעמע־לייט און מאַטערט זיך צו זאָגן: — פּורים צו סעודה, ל״ג, — האָט ער אַליין איבערגערעדט איין מאָל און נאָך אַמאָל קלאָר און פלינק: — פּורים צו דער סעודה... — און האָט זיך געריצט מיט פּינקען:

— נו, זאָג, זאָג נאָך אַמאָל: — ל״ג־בעומר פאַר שבועות.

— איך גיי, גיי — האָט פּינקע אַראָפּגעלאָזן זיין שווערן גרויסן קאָפּ.

— גיי, גיי צו דער סעודה און איך וועל דאָ בלייבן — האָט בערקע געוואָלט עפּעס אַריינשטעכן אין דער ברייטער איינגעבויגענער פּלייצע, וואָס האָט פאַרשטעלט זיין גרינגן שפּיציקן קאָפּ, וואָס האָט זיך געוויגט, ווי אויף אַ ווינט.

— ניין, ניין! — האָט זיך פּינקע אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער הייך, פעסט און שטאַרק, ווי ער וואָלט איינגעוואָקסן געוואָרן אין דער ערד. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס טון בערקען, נאָר דער קליינער זשוואַווער בחור האָט אַרויסגעטאַנצט פון זיינע הענט, אָט אַזוי ווי אַ פליג שפּרינגט איבער פון איין אָרט אויף דעם אַנדערן ביי אַ מענטשן אויפן קערפּער.

האָט פּינקע אויסגעשריען מיט כעס, מיט גבורה: — ניין, ניין, איך משוגענער גענוג!

— איך, אַ משוגענער? — האָט זיך בערקע געוואָלט פאַרמעסטן מיט פּינקען און באַווייזן פאַר אַלעמען, אַז ער קען אים בייקומען, נאָר די

אַרעמע־לייט האָבן אים נישט געלאָזן זיך צורירן צו פּינקען; האָט ער זיך בלויז געריִיצט מיט אים:

— דו גיי צו דער סעודה, איך בלייב דאָ... — ביי אים האָט זיך אויפגעוועקט אַ טיפער באַגער, וואָס האָט אים געריִיצט און באַפרידיקט, ווי אַ זויערער געטראַנק שטילט דעם דורשט. ער האָט זיך געוואָלט אָפּ־רעכענען מיט פּינקען, זיך פאַרמעסטן מיט אים און בייקומען אים. האָט ער נישט געוואָלט, אַז פּינקע זאָל אַוועקגיין, נאָר פאַרקערט, ער זאָל בלייבן מיט אים אין זשירעוו. האָט ער זיך אַליין אויסבאַהאַלטן פון די בוידן און געהיט אַז זיי זאָלן נישט פאַרשלעפן פּינקען.

און אַז די אַרעמע־לייט האָבן זיך אַוועקגעצויגן פּורים צו דער סעודה, וואָס מען מאַכט פאַר זיי פאַר שבועות אויף ל״ג־בעומר — זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזן צו די ישובניקעס אויף פּסח — איז בערקע אויסגעוואַקסן לעבן פּינקען און האָט אָנגעהויבן צופּן זיינע איינציקע האָר, וואָס זענען געלעגן עלנט, ווייכע ביי אים אויפן פּנים:

— גיי צו דער סעודה; פּורים צו דער סעודה, נו, זאָג איבער...

פּינקע האָט געפּרוווט איבערזאָגן, נאָר די ווערטער האָבן זיך גע־פּלאָנטערט אין זיינע רייד און זיך צונויפגעקלעפּט ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעזעצט אין ווייכן ליים. האָט ער אַראָפּגעלאָזן נידעריקער דעם קאָפּ און אַוועקגעשטעלט שווער די טריט, ווי ער וואָלט זיך געשפּאַרט אַנטקעגן אַ ווינט.

בערקע איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן פון פּינקען, ווו פּינקע האָט זיך נישט באַוויזן, דאָרטן איז בערקע אויסגעוואַקסן.

פּינקע שרייט: — גענוג איין משוגענער! דו גיי! — און וויל נאָך עפּעס זאָגן האַרב און שאַרף. ער פאַרמעסט זיך מיט אַ קולאַק: — פּלעטן דעם מוח, ביינאַכט, ווען קיינער זעט נישט!

— דו! מיר? — לאַכט זיך פאַנאַנדער בערקע, טאַנצט אַרום אַרום פּינקען און שטעלט אויס דאָס מינדסטע פינגערל:

— דו זעסט, אָט מיט דעם פינגערל וואַרף איך דיר איבער איבערן שפּיץ קלויסטער.

פּינקע שטייט אַ שווערער, די הענט אַראָפּגעלאָזן, מיט די אויגן

גראָבט ער אַ גרוב פאַר בערקען צו באַגראָבן אים, נאָר זיין כוח איז אָפּ־געליימט.

נעמט אים אָן בערקע פאַר דער האַנט מיט אַן אָנשטעל פון רחמנות:

— קום, קום, לאָמיר גיין...

קוקט מען זיך איין אין זשירעווע ווי דער קורץ־פּרייטיק טרעט נישט אָפּ פון דעם שבת־הגדול און מען פרעגט מיט אַ געלעכטער: — ס'איז דאָך שוין פּסח אויף דער וועלט, וואָס טוט דאָ נאָך דער קורץ־פּרייטיק? — מען וויל זאָגן נאָך אַ וויץ, טרייבן שפּאַס פון זיי ביידן און הערן נאָך אַמאָל ווי פינקע היט אָפּ זיין חזקה אין זשירעווע. ווי ער קריגט זיך מיט בערקען:

— איין משוגענער געננוג!

מען וואַרט בערקע זאָל זיך איבערנעמען מיט זיין גלאַטן צינגעלע, איבערחזרן איין מאָל און נאָך אַמאָל:

— פּורים צו דער סעודה וואָס מען מאַכט פאַר די אָרעמע־לייט פאַר שבועות אויף ל״ג־בעומר, — און מאָנען ביי פינקען:

— נו, זאָג איבער!

אַז מען דערזעט אָבער ווי פינקע שטייט אַ שווערער, אַן אָפּגעלאָ־זענער, ווי אַן אויסגעמאַטערט פערד אין שפּאַן און כליפּעט: — איך גיי צו דער סעודה, איך גיי!

נעמט אַרום אַ טיף רחמנות אויף אים און מען הייבט אָן טרייבן בערקען:

— גיי, דו, צו דער סעודה, גיי צו דיין סעודה! געננוג איין משוגענער!

— איך אַ משוגענער?! — לאָזט בערקע אָפּ פינקען און הייבט זיך אָן אויסטענהן מיט דער וועלט: — איך משוגע? ביז וואַנען ער שטעלט אַוועק אַ טראָט, לויף איך דורך די גאַס צען מאָל, צוואַנציק מאָל, איך קען ציילן הונדערט, טויזנט, אַ מיליאָן, זאָל ער ציילן!

און אַזוי יאָגט בערקע איבער פינקען אין יעדער זאַך: אַז מען שטעלט אַרויס ערב־פּסח דאָס מעבל לופטערן אין דרויסן, היט ער דאָס פון הינט, חזרים און לאָזט נישט פינקען זיך צורירן צו אַ חפץ: — וועסט צעברעכן!

ער טרייבט אַוועק אַ חזיר, איידער פינקע דערזעט אים און ער יאָגט זיך אַוועק נאָך אַ הונט שנעלער איידער פינקע שרייט אויס: פּאַשאָל וואָן!

דער עולם איז פאַרטאָן אין יום־טוב, מען איז פאַרנומען מיט זוכן

חיונה און אָפּהיטן די לייזונג אין קראָם; פאַרגעסט מען אויף פּינקען און מען קוקט זיך גאָרנישט אַרום ווי מען שאַפּט זיך מיט בערקען. ער איז שטענדיק דאָ אונטער דער האַנט און פּינקע איז אַלע מאָל צען טריט ווייטער פון דאָרטן ווו מען דאַרף אים האָבן

פּינקע אַמפּערט זיך שוין נישט מיט בערקען פאַר דער חזקה אויף משוגעת, און בערקע זוכט שוין נישט צו פאַרמעסטן זיך מיט פּינקען אין חכמה און גבורה. פּינקע גייט אַרום שווער און אָפּגעלאָזן און רעדט צו זיך אַליין, שטום מיט טרערן: — איך גיי אַוועק, גיי צו דער סעודה... איך דאַרף מען מער נישט האָבן...

ער גייט אַוועק און זעצט זיך אויפן שטיין לעבן קלויסטער. ס׳איז שטיל, די נאַכט איז ווייך, די טונקלקייט איז דורכזיכטיק און דער הימל וואַרפט אָן די שטערן אַרום דער לבנה.

קוקט פּינקע אויפן הימל, ציילט די שטערן און פאַרגעסט אויף בער־קען. ער רעכנט וויפל מענטשן ס׳וועלן קומען שבת דאַווענען, און די ווייסע קלאָרקייט פון דער לבנה שיינט אַראָפּ אויף אים מיט פרייד: — ער איז דער צענטער. ציילט ער די פינגער: — ריכטיק ניין, און ער איז דער צענטער.

קען ער מער נישט איינזיצן אויפן שטיין, יאָגט ער זיך אַוועק צו ר׳ חיימען קלאַפּט אָן אין פענצטער: — ר׳ חיים געבן אָן עליה?

ר׳ חיים נעמט אַריין פּינקען אין שטוב; ער איז צופרידן וואָס ער קען אים זאָגן גוטע רייד און אַראָפּנעמען פון אים דעם אומער. זאָגט ער צו: — אַוודאי, קום נאָר אין צייט, מען זאָל נישט דאַרפן וואַרטן.

ביי פּינקען צינדן זיך אָן די אויגן. און ער באַוואָרנט זיך: — אָבער בערקע נישט; איך — דער צענטער!

— אַוודאי, דו, דער צענטער, — פאַרזיכערט אים ר׳ חיים — נישט בערקע. און ער באַרויִקט אים: — גיי אָבער זיך לייגן שלאָפן און נישט זיצן אויפן שטיין.

פאָלגט אים פּינקע און גייט אַוועק אין זיין הינטער־שטיבל אַ רויִקער, אַ זיכערער און מיט דער זעלבער רויִקייט און זיכערקייט גייט ער שבת דאַווענען.

ער ווייס: — בערקע נישט... ער — דער צענטער... וועט קריגן אַן עליה.

אָבער ווי און ווינד: מען דאַוונט שוין; בערקע מאָנט אַ טלית: — איך בין אַן אלמן! — ער טרייבט פּינקען: — גיי צו דער סעודה! איך — דער צענטער!...

דער טלית שווינדלט פּינקען אין די אויגן; ער ווייס נישט צי די ייִדן טוען אָן בערקען דעם טלית אָדער רייסן אים אַראָפּ פון זיינע אַקסלען. ער זעט אָבער קלאָר, אַז מען דאַוונט שוין, ר׳ חיים שרייט נישט אויף אים פאַרוואָס ער איז געקומען שפּעט און בערקע איז דער צענטער.

טוט זיך פּינקע פּלוצלינג אַ שפּאַר אין עולם. ער טראָגט זיך אַוועק מיט אַזאַ כוח און גבורה צו בערקען, גלייך ווי ער וואָלט זיך אַליין אויפֿגעהויבן העכער פון אַלעמענס קעפּ, און אַ שפּרונג געטון ביזן באַלקן.

ער כאַפּט אָן בערקען פאַרן קאָפּ און פאַנצערט אים איין אַזוי פעסט אין זיינע הענט, אַז ער קען נישט אויסגלייכן די פינגער. ער האַלט בערקעס קאָפּ אין די הענט, נאָר אים דוכט זיך, אַז ער רייסט אַראָפּ פון אים דעם טלית און צערייסט אים אויף שטיקלעך, אויף פּיצלעך.

דער עולם בעט זיך ביי אים: — טרעט אָפּ, לאָז אָפּ. — און טרייבט אים אָפּ פון בערקען.

פּינקע שטייט אָבער פעסט און שטאַרק אויף זיינע טריט און שרייט:

— איך דער צענטער, נישט ער!

פאַרלירט דער עולם דאָס געדולד און רעכנט זיך אָפּ מיט פּינקען:

— מען דאַרף אייך ביידן נישט האָבן; ס׳איז פאַראַן אַ מנין אָן אייך!

און בערקע העלפט אַלעמען אין די רייד, ער גייט פון איינעם צו דעם אַנדערן און רייצט זיך מיט פּינקען:

— גיי צו דער סעודה! איך דער צענטער!

כאַפּט זיך פּינקע, אַז ער שטייט איינער אַליין. קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים, מען דאַרף אים נישט האָבן, און בערקע טראָגט אַ טלית. וויל ער זיך אָפּרעכענען מיט אַלעמען און שרייט אויס:

—איך גיי אַוועק, גיי צו דער סעודה! — און ער שפּאַרט זיך אַרויס פון דאַוונען.

פּינקע ווייס נישט וווּהין ער גייט, נאָר די ביטערקייט, דער אימפּעט

טראָגט אים איבערן לאַנגן וועג צו דער סעודה, וואָס מען מאַכט אין ערגעץ פאַר אָרעמע־לייט...

— ג —

דער וועג איז לאַנג און וויט און מענטשן זענען, קיין עין־הרע נישט, פאַראַן אַ סך. דער וועג ציט זיך גלייך און אויסגעטראָטן; פאַרקריכט אין די בערג און דרייט זיך אַריין אין די געדיכטע פינצטערע וועלדער. און די מענטשן אויף דער וועלט זענען גוט און שלעכט; ס׳זענען פאַראַן מענטשן וואָס ווילן העלפן יענעם, ווען זיי זענען אַפילו אַליין געפאַלן און עס זענען דאָ נפשות, וואָס שטאַרקן די אייגענע שוואַכקייט מיט יענעמס מאַכט־לאָזיקייט.

האָט פינקע געבלאָנדזשעט איבער אַלערליי וועגן, באַגעגנט פאַרשיי־דענערליי מענטשן און האָט געזוכט די פּורים־סעודה, וואָס מען מאַכט פאַר אָרעמע־לייט פאַר שבועות אויף ל״ג־בעומר.

האָט ער געטראָפן אַ גוטן מענטשן — אַ גאָטספאַרכטיקן ייד, האָט זיך יענער פאַרטראַכט: — ביז ל״ג־בעומר איז אַ פאָר וואָכן, נאָר ער האָט נישט געהערט פון אַזאַ סעודה.

ער האָט אָבער אַ קוק געטון אויף דעם אָרעמאַן: — נעבעך געריררט, — און האָט געוואָלט אַריינגעמען אים אין שטוב, געבן אים אָפּעסן און ווייזן ווו ס׳ווינט נאָך אַ ייד.

אַנדערש האָבן פינקען באַגעגנט יענע לייט, וואָס מאַכן חוזק פון אַ מענטשן ווען זיי דערזעען ביי אים די הילפלאָזיקייט אויף דער נאָז. זיי האָבן געפרעגט מיט אַן ערנסט, וואָס האָט אויסגעצויגן דעם אָפּלאָך־שמייכל אויפן פנים:

— ווו וועסטו זיצן אויף דער סעודה?

— אויבנאָן ביי די אָרעמע־לייט ווי דער חזן ביים עמוד, — און די ווערטער האָבן זיך פּלוצלינג אויסגעלייטערט אין זיין קאָפּ, אַזוי קלאָר ווי ביי בערקען:

— צו דער פּורים־סעודה, וואָס מען מאַכט פאַר אָרעמע־לייט פאַר שבועות אויף ל״ג־בעומר.

ערשט איצט האָט אויסגעפּלאַצט אַ געלעכטער.

— וואָס פאַר אַן אָרעמאַן ביסטו, אַז דו טראָגסט נישט קיין טאָרבעס?
— אַן טאָרבעס וועט מען דיר צו דער סעודה נישט צולאָזן.

דאָס געלעכטער פּאַטשט פּינקען אין פּנים, אַט אַזוי ווי בערקעס הענטלעך זענען אים געקראָכן אין די אויגן. פאַלט ער אַראָפּ ביי זיך, ווייס נישט וואָס צו טון און קען קיין טראָט נישט אָוועקשטעלן. יענע לייט טרעטן אָבער נישט אָפּ פון פּינקען; זיי ווייזן אים אַרויס זייער רחמנות און טראַכטן אויס אַן עצה; זיי ריידן אים איין גוט און פרום, ער זאָל גיין זוכן אַ פּאָר טאָרבעס. אַז ער וועט אָנטאָן די טאָרבעס וועט ער זיין אַן אָרעמאַן ווי אַלע אָרעמע־לייט און ער וועט קענען זיצן ביי דער סעודה. טאָרבעס זענען פאַראַן גענוג אויף דער וועלט; אַ טאָרבע איז נישט קיין זיידן קלייד, וואָס אַ כלה טוט אָן צו דער חופּה, און נישט קיין סויבלנער פוטער, וואָס אַ סוחר פעלצט אָן ווינטער אין וואַלד.

די טאָרבע וואַרעמט אָבער מיט טרייסט און האָפענונג דעם אָרעמאַן, אַט אַזוי ווי דאָס זיידענע קלייד קליידט אָן מיט פרייד די כלה, און דער בעטלער וויל נישט אויסטאָן די טאָרבע אין זיין אָרעמקייט, אַט אַזוי ווי דער סוחר וועט נישט אַראָפּנעמען פון זיך זיין פוטער אין די גרויסע קעלטן.

טאָ ווו זאָל פּינקע נעמען אַ טאָרבע, ער זאָל ווערן אַן אָרעמאַן ווי אַלע אָרעמע־לייט?

שטייט ער אויפן שול־הויף, קוקט זיך איין אויף דער וועלט, זוכט די סעודה, וואָס איז צוגעגרייט פאַר אים, און ער איז מקנא די בעטלער וואָס ציִען זיך אין שטאָט, איבער די הייזער, מיט זייערע טאָרבעס.

יידן יאָגן זיך, לויפן אויפן מאַרק; קרעמער, סוחרים איילן זיך צו אַ מנחה; קיינער האָט נישט קיין צייט.

מען וועט אָבער אין אַ קהילה־קדושה נישט לאָזן שטיין אַ פרעמדן יידן אויפן שול־הויף און קיינער זאָל זיך נישט אַרומקוקן אויף אים. זאָגט איין ייד, פּינקע זאָל אַריינגיין אָפּדאַווענען מעריב, וועט ער אים דערנאָך נעמען צו זיך אויף וועטשערע.

פרעגט אַן אַנדער ייד, צי ער האָט זיך צוגעגרייט מיט אַ נאַכטלעגער, ווייזט אַן אויפן הקדש, ווי־נישט קען מען צושפּאַרן דעם קאָפּ אין שניי־דערשן בית־המדרש, ווו אַלע אָרעמע־לייט, פוס־גייער רוען אָפּ.

ווי אַזוי קען אָבער פּינקע גיין צוזאַמען מיט אַלע אָרעמע־לייט זוכן אַ דאַך איבערן קאָפּ אין שניידערשן בית־המדרש, אַז ער האָט נישט קיין טאַרבע? און אַ טאַרבע איז טייער און וואַרעמט דעם אָרעמאַן ווי אַ כלה די חופה־קלייד און דעם סוחר דער סויבלנער פוטער. טאָ ווו זאָל פּינקע נעמען אַ טאַרבע?

שטעלן זיך אַרום פּינקען די אַלע מענטשן, וואָס האָבן נישט וואָס צו טון בין־מנחה־למעריב און ווילן שפּרינגען העכער פון זייער אייגענעם שאָטן, אָט די מענטשן טרעטן נישט אָפּ פון פּינקען; זיי ווייסן ווו מען קען געפינען אַ טאַרבע און זיי ווייזן אים דעם וועג, נענטער פון די אייגענע טריט, צו דער סעודה.

עפנט אויף פּינקע ברייט זיינע אויגן; ער זעט אַזויפיל גוטע לייט לעבן זיך. פרייט ער זיך צוזאַמען מיט זיי:

— פּורים צו דער סעודה, וואָס מען מאַכט פאַר אָרעמע־לייט פאַר שבועות צו ל״ג־בעומר. — און די גוטע לייט זוכן צוזאַמען מיט פּינקען אַ טאַרבע אויפן רויך פון קוימען, ביי די פייגל אונטער די פליגל, אין שול אויפן דאַך. מען זוכט און מען זוכט, ביז מען געפינט די אַלטע זעק, וואָס די קרעמער וואַרפן אַרויס און מען טוט אָן פּינקען טאַרבעס פון פאָרנט און פון הינטן.

שטייט ער אויפן מיטן מאַרק און טאַפּט די טאַרבעס, ווי ער וואָלט געגלעט אַ נייעם בגד, וואָס ער האָט אָנגעטאָן; אַ פרייד שיינט פון זיינע אויגן און ער גרייט זיך צו דער סעודה, וואָס מען האָט צוגעגרייט פאַר אים. נאָר די יינגלעך די קונדסים, זיי פּראַווען שוין איצטער די גרויסע שמחה; זיי טאַנצן אַרום פּינקען אַרום, שפּרינגען, פּאַטשן מיט די הענטלעך, צופּן די שפּיצן פון די טאַרבעס, לאַכן און שרייען:

— זע די טאַרבעס!

— ניין, נישט קיין טאַרבעס!

— נאָר זעק! זעק, זעקלעך!

זייערע פינגער טייטלען פּינקען אין די אויגן, ווי בערקעס הענטלעך. טוט זיך פּינקע אַ ריס פון אָרט, ווי ער וואָלט אַ פאַל געטון:

— פּלעטן דעם קאָפּ!

די יינגלעך אַנטלויפן און יאָגן אים אָן, און באַגלייטן אים אַרויס

פון שטאָט מיט שטיקלעך בלעך און שטעקלעך, מיט קלאַפּערײַ און פּײַ־פּערײַ:

— יאַ אַן אַרעמאַן!

— נישט קיין אַרעמאַן!

— פּלעט אַ קאָפּ, פּאַלט אַ טאָפּ!

— ד —

גייט אַ ייִד איבער דער וועלט אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק און טראָגט פון פאָרנט און פון הינטן אַ זאַק מיט אַ טאָרבע. די טאָרבע מיטן זאַק זענען ליידיק און ער בעט נישט קיין נדבות.

אַז מען גיט אים אָפּעסן, פאַרזוכט ער בלויז אַ ביסן; ער עסט ווינציק, נישט נאָך זיין גרויס און נישט נאָך זיין וווקס, ווי אַ קינד, ביי וועמען די מאַמע בעט זיך איין, עס זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין.

חידושט זיך אַ קרעטשמער: — גייט איבער די הייזער און קוקט נישט אויס ווי קיין בעטלער. — וויל ער מיט זיין פרומען פנים, מיט די גוטע רייד דערגיין: — פון וואַנען איז אַ ייִד, וווהין גייט אַ ייִד?

— צו דער סעודה — מורמלט אויס פּינקע, און ער וויל דערציילן דעם קרעטשמער, אַז ער וויל נישט זיין מיט בערקען, וואָס האָט אַרויס־געכאַפּט ביי אים דעם צענטן: — גייט ער צו... — נאָר די ווערטער שטיקן זיך אין זאַק מיט דער טאָרבע און עס שפּאַרט זיך בלויז אַרויס אַ טוכלער קול: — צוגעגרייט פאַר...

בעט זיך דער קרעטשמער: — עסט אָפּ דערווײַלע.

— עסן אויף דער סעודה — טוט זיך פלוצלינג אָן פּינקעס פנים מיט פרייד.

— וואָס פאַר אַ סעודה? — קוקט זיך איין דער קרעטשמער אויף דעם ייִדן און ער זעט ווי דעם פרעמדנס פנים האָט זיך איבערגעאַנדערשט, ער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש.

פרוווט דער קרעטשמער זיך אַליין ענטפערן: — אַז משיח וועט קו־מען, וועט מען מאַכן אַ סעודה איבער דער גאַנצער וועלט. — ער פאָרשט דעם ייִדנס תנועות, וויל דערגיין פאַרוואָס ער טראָגט אַ זאַק מיט אַ טאָרבע, און דער זאַק מיט דער טאָרבע זענען ליידיק. פרעגט ער: — אפשר וועט איר נעמען אין זעקל אַ שטיקל ברויט, מיט אַ טרוקענעם קעזל. די גאַמעל־

קעס האט מיין ווייב אויסגעוואָרעמט אויף דער זון, און זיי וועלן שטילן דעם הונגער אויפן וועג.

— ניין, ניין, בין נישט הונגעריק, — שפּאַרט זיך איין פּינקע; — וועל עסן אויף דער סעודה, — און שטעלט אַ טראַט צו דער טיר.

נעמט דעם קרעטשמער אַרום אַן ערפורכט: — ווער ווייס, ווי ס׳פּאַר־שטעלט זיך אַ ל״ווניק און ווער קען דערקענען די טריט פון אליהו הנביא, וואָס קומט אָנזאָגן. — לאָזט ער נישט אַוועקגיין דעם ייִדן און בעט אים איבערנעכטיקן די נאַכט ביי אים אין קרעטשמע.

נאָר פּלוצלינג פאָרן אָן די בעלי־עגלות, די דעליזשאַנסן מיט זייערע פּאַרשוינען און סחורה; זיי שטעלן זיך אָפּ אין קרעטשמע אָנפּיטערן די פערד און אָנזעטיקן זיך אַליין.

ס׳ווערט אַ טומל, אַ געשריי אָן איילעניש; דער קרעטשמער מיט זיין ווייב און קינדער יאָגן זיך צוגרייטן עסן פאַר אַלעמען, זיי זאָלן נישט פאַרלירן קיין לייזונג, און זיי פאַרגעסן אויף דעם ייִדן, — דעם אָרעמאַן, וואָס זעט נישט אויס ווי קיין אָרעמאַן.

די בעלי־עגלות און דעליזשאַנסן, וואָס שניידן דורך אַלע וועגן און ווערן נישט פאַרפאַלן אין די געדיכטע וועלדער, האָבן אָבער דערקענט פּינקען און זיי באַגעגענען אים מיט שפּאַס און געלעכטער:

— גייסט צו דער סעודה?

דאָס קול קלינגט פּינקען היימיש, אָט אַזוי ווי אין די אַמאָליקע צייטן אין זשירעווע, ווען מען האָט אים געלאָזן איין זאַך איבעררײדן עטלעכע מאָל און מען האָט ביי אים איבערגעפרעגט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל.

— איך גיי, איך גיי — באַווייזט פּינקע זיינע טאַרבעס און זעק, אַז ער איז אַן אָרעמאַן ווי אַלע אָרעמע־לייט און ער וויל איבעררײדן וואָרט אין וואָרט, אָט אַזוי ווי בערקע האָט זיך איבערגענומען: — פּורים, ל״ג־בעומר... נאָר די בעלי־עגלות שלאָגן אים איבער:

— וועט מען געבן עסן אויף דער סעודה?

הייבן זיך אָן פּלאָנטערן ביי פּינקען די רייד און ס׳צאַפּן זיך ביי אים בלויז איינציקע ווערטער, ווי דער בראָנפן פון אַ שפון גייט אויס:

— אַ סך, אַ סך, עסן...

די בעלי־עגלות לאָזן אים אָבער נישט אָפּ; שניידט זיך אַריין איינער,

אַט אַזוי ווי זיין בייטש טוט אַ סווישטש אין דער לופטן איבער דער אויס־געכאַליעטער פעל פון אַ פערד: — און וווּ וועסטו נעמען אַ לעפל? מיט וואָס וועסטו עסן?

— אַ לעפל, אַ לעפל... — בעט זיך פינקע.

גיבן אים געדעכט די איבעריקע בעלי־עגלות און זיי ווילן אויפהייבן די פריילעכקייט. נאָר פינקע איז צעטומלט, ער קוקט מיט טעמפּע אויגן, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזען, און חזרט בלויז איבער: — אַ לעפל, אַ לעפל.

זיי לאָזן אָבער נישט דעם שפּאָס זיך אויסוועפּן. פאַלט איין אַן אַנדערן:

— בעט אַ לעפל ביי גנענדלען, ביי דער באַלעבאָסטע, — און ער פירט צו פינקען צו דעם קרעטשמער: — גיט אים אַ לעפל.

דער קרעטשמער וועט נישט זשאַלעווען אַ לעפל אַ ייִדן, וואָס גייט, נעבעך, איבער דער וועלט, פרעגט ער:

— וואָס פאַר אַ לעפל, אַ פליישיקן, אַ מילכיקן?

ביי פינקען לייטערט זיך אויס דער שכל; ער פאַרשטייט אַז אויף אַ סעודה דאַרף מען עסן מיט אַ לעפל און ער בעט זיך ביי דעם קרעטש־מער: — אַ לעפל, אַ לעפל צו דער סעודה.

— וואָס פאַר אַ סעודה? — קען נישט פאַרשטיין דער קרעטשמער.

העלפן די בעלי־עגלות אַרויס פינקען:

— דאָס איז אַ גרויסע סעודה, אַן אמתער יום־טוב פאַר אַלע אָרעמע־לייט, נאָר פאַר אָרעמע־לייט, אָבער יעדער אָרעמאַן מוז ברענגען זיין לעפל. — זיי שטעלן זיך איין פאַר פינקען:

— גיט אים אַ לעפל, ווינציק לעפל האָט איר?

אמת, ביי דעם קרעטשמער פעלן נישט קיין לעפל; אים דוכט זיך אָבער, אַז דער ייִד איז אפשר געררירט פון זינען, וועט ער פאַרגעסן צי די לעפל איז אַ מילכיקע אָדער אַ פליישיקע און ער קען נאָך ח״ו גורם זיין אַ וועלט זאָל עסן טרפות. טאָ ווי אַזוי זאָל ער געבן אַ לעפל?...

די בעלי־עגלות האָבן שוין אַריינגעגאָסן נאָך אַ כוסע, זיי האָבן אָפּגעגעסן, און אָנגעפיטערט די פערד. זיי וואַרטן זאַטע, דערוואָרעמטע, מיט די בייטשן אין די הענט אויף די פאַרשווינען וואָס דאַרפן נאָך אָפּ־בענטשן און זיך צוגרייטן צו דער יאַזדע. זיי האָבן אַ שאַרף וואָרט, אַ גראָבן וויץ וועגן די פאַרשווינען, וואָס שפּרייטן זיך אויס איבערן גאַנצן

וואַגן און לאָזן איבער פאַר דעם באַלעבאָס — דעם אַנטרייבער בלויז דעם שפּיץ פון ברעג, פון דער קעלניע, און זיי פאַרגעסן נישט אויף פינקען.

באַהאַלטן זיי זייער געלעכטער אין די ברייטע אַרבל אונטער די סוויס־טשענדיקע בייטשן און מאַנען ביי דעם קרעטשמער אַ לעפל פאַר פינקען:

— אַן אַ לעפל וועט מען אים נישט צולאָזן צו דער סעודה...

— מיט אַ לעפל וועט ער זיצן אויבנאָן.

— אָן אַ לעפל וועט ער בלייבן הונגעריק.

און פינקע שטייט אַרומגעבונדן מיט זיינע זעק און און טאָרבעס, זעט ווי אַ וועלט שטעלט זיך איין פאַר אים, רעדט ער נאָך, ווי ער וואָלט זיך אַנגעלענט אויף זייערע רייד: — יאָ, יאָ, אַ לעפל, עסן, אויבנאָן...

קוקט דער קרעטשמער אויף דעם הויכן ברייטן ייִדן, וואָס שטייט איינגעבויגן, גלייך ווי ער וואָלט געטראָגן שטיינער אין די טאָרבעס און זעק...

— אים האָט דער אייבערשטער היינטיקס מאָל צוגעשיקט לייזונג פון די בעלי־עגלות מערער ווי אַלע מאָל. אפשר איז דאָס אין זכות פון דעם פרעמדן ייִדן. וועט ער זשאַלעווען אַן אָרעמען ייִדן אַ לעפל?

פרעגט ער נאָך אַמאָל איבער: — וואָס פאַר אַ לעפל, אַ פליישיקן, אַ מילכיקן? — און באַהאַלט נישט זיין שרעק: — מיר דוכט זיך; איך האָב מורא; געבן אַ לעפל און אַנטיילן ח״ו אַ וועלט מיט טרפות?!

שטעלט אָן אַ בעל־עגלה זיין כעס:

— וואָס איז ביי דעם אייבערשטן מער אָנגעלייגט, אָפּהיטן אַ וועלט פון טרפות אָדער געבן עסן אַ הונגעריקן, ראַטעווען אַ מענטשן?

ווייס נישט דער קרעטשמער וואָס צו ענטפערן; ער קען נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון דעם אָרעמען ייִד, וואָס גאַרט נאָך אַ לעפל, ווי די ייִדן וואַרטן אויף משיחן און ער קען נישט איינשטעלן דאָס כשרות פון אַ וועלט מיט ייִדן. וויפל מצוות קען ער אָפּהיטן דאָ אויפן ישוב, צווישן די גויים? טאָ וואָס וועט ווערן פון אים, אַז ער וועט ח״ו פאַרזען בשר בחלב און גורם זיין אַז אַנדערע זאָלן עסן טרפות.

קרעכצט ער אַרויס, שווערער ווי פינקע בעט זיך:

— וואָס זאָל איך טון?

האַלט זיך נישט ביי די בעלי־עגלות דאָס געלעכטער, אַט אַזוי ווי אַ היי דויערט נישט אויפן שפּיץ בייטש; זיי פאַלן אַראָפּ ביי זיך:

— טאַקע טרפות, ברענגען אויף דער וועלט עבירות...

ס׳ציט זיך אויס פאַר זיי דער לאַנגער וועג, וואָס שניידט זיך אַריין אין טיפן געדיכטן וואַלד; מען פאַרט אַריין ביינאַכט; דאָס אויג זעט נישט וואָס ס׳טוט זיך אַפריִער און דאָס אויער הערט נישט ווער ס׳יאָגט זיך נאָך פון הינטן. ווינציק אייגענע זינד האָבן זיי — דאַרף מען נאָך מאַכן זינדיקן אַ וועלט?

זיי ווייסן נישט וואָס צו ענטפערן דעם קרעטשמער, זיי האָבן חרטה אויף די אייגענע רייד און ווילן זיך אויסקויפן ביי פּינקען מיט זייער רחמנות. ריידן זיי אים איין:

— צו וואָס דאַרפסטו אַ לעפל? מיר וועלן דיך נעמען אין בויד און ברענגען צו דער סעודה.

פּינקע שפּאַרט זיך אָבער איין. רירט זיך נישט פון אָרט, ער וויל גיין צופוס, ווי אַן אָרעמאַן, ווי אַלע אָרעמע־לייט מיט אַ טאָרבע, און בעט זיך: — אַ לעפל, אַ לעפל...

ער וויל דערציילן, אַז ער גייט צו דער פּורים־סעודה, נאָר די ווער־טער פּלאָנטערן זיך ביי אים. שפּאַרן ווידער אַרויס זיינע רייד אַ געלעכטער ביי די בעלי־עגלות און זיי מאַכן אַ פּשרה, מען זאָל אים געבן צוויי לעפל — אַ מילכיקס און אַ פליישיקס; אין דער רעכטער האַנט — די פליישיקע און אין דער לינקער האַנט — די מילכיקע.

זיי באַפעסטיקן זייערע רייד מיט פּינקעס שכל:

— פּינקע, דו ווייסט וועלכע האַנט איז די רעכטע און וועלכע — די לינקע?

פרייט זיך פּינקע: — ווייס, ווייס...

גיט נאָך דער קרעטשמער, נאָר די הענט רירן זיך נישט ביי אים, בעט ער זיך:

— ער קען פאַרגעסן, מאַכן אַ טעות.

די בעלי־עגלות איילן זיך שוין אין וועג; די פערד זענען איינגע־שפּאַנט, די פאַרשוינעץ האָבן שוין אָפּגעבענטשט און ס׳דוכט אַז זיי, די

בעלי־עגלות, וועלן נאָכגעבן דעם קרעטשמער און איבערלאָזן ביי אים פינקען אַן אַ לעפּל.

נאָר אין דער לעצטער מינוט, קייקלט זיך ביי זיי אַרויס אַ געלעכטער פון אונטער די טריט און זיי פאַלן אויף אַן עצה, מען וועט צובינדן צו דער פליישיקער לעפל אַ שטרוי און צו דער מילכיקער — אַ היי, וועט ער וויסן און נישט פאַרגעסן.

— ה —

און פינקע לאָזט זיך ארויס איבער דער וועלט מיט צוויי לעפל איןביידע הענט; צו איין לעפל איז צוגעבונדן אַ שטריי און צו דער אַנדערער — אַ היי.

היט פינקע די לעפל מיט דער שטריי אין דער רעכטער האַנט, אַט אַזוי ווי גיט אַכטונג אויף דער לעפל מיט דער היי אין דער לינקער האַנט. נאָר די לעפל האַלטן זיך נישט ביי אים אין די הענט; הייבט ער אויף די לעפל מיט דער שטריי, פאַלט אַראָפּ די לעפל מיט דער היי; שטייפט ער איין אין איין קולאַק די לעפל מיט דער היי, גליטשט זיך אַרויס ביי אים פון דער אַנדערער האַנט די לעפל מיט דער שטריי.

פאַרלירט ער און הייבט אויף די לעפל אַזוי לאַנג ביז וואַנען ער פאַרמאַטערט זיך איינבייגן און אויפשטעלן זיך און ער לאָזט איבער די לעפל אויפן וועג; ער היט אָבער אָפּ די שטריי מיט דער היי, אַט אַזוי ווי מען האָט אים פאַרזאָגט אין קרעטשמע.

ער שטעלט שווער די טריט, טונקלט זיינע בליקן אין דער ווייטקייט, ווי ער וואָלט געקוקט דורך אַ נעפל און לאָזט נישט אַרויס פון די הענט די שטריי מיט דער היי.

אַז מען פרעגט ביי אים: — פון וואַנען גייט אַ ייד? — וועט ער נישט דערמאָנען זשירעווע, בערקע זאָל נישט דערגיין ווו ער איז, און אָביאָגן אים, ענטפערט ער נישט.

וויל מען זיך דערוויסן וווּהין שפּאַנט אַ ייד — וואָס איז אַנדערש ווי אַלע אָרעמע־לייט; ער נעמט נישט קיין נדבות און לייגט נישט אַריין קיין שטיקל ברויט אין די טאָרבעס. ביי אים גייט גראַדע אין דער ווײַלע

אַרויס פון זינגען די סעודה וואָס מען מאַכט פאַר די אָרעמע־לייט, און פּינקע איילט זיך מיט די רייד, ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן דעם צעגעבן צום מנין:

— איך גיי, איך גיי, מען וואַרט...

— טאָ וואָס טראַגסטו אַ שטריי מיט אַ היי? — שפּאַרט זיך אַ באַהאַל־טענער געלעכטער און מען וויל אָנרירן די שטריי מיט דער היי:

— וויפל וועסטו וועלן פאַר אַ גאַנצן וואָגן?

— ניין, ניין! — שפּאַרט זיך איין פּינקע און ס'קומען אויף ביי אים קלאָר און שאַרף דעם קרעטשמערס געבעט, די בעלי־עגלות רייד: — פלייִשיקס, מילכיקס, באַזונדער, טרפות, זינד, די וועלט...

— וואָס, וואָס? — וויל מען מאַכן שאַרפער דעם שפּאַס. נאָר ביי פּינקען זיפן זיך די רייד אין איינציקע ווערטער און ביי אים אויף דער צונג בלייבט בלויז: — זינד, די וועלט, טרפות...

וויל מען מיט נאָך עפּעס אויספּרובירן דעם ייִדן, צי ער איז טאַקע גערירט פון זינגען, אָדער מאַכט זיך משוגע, און מען וויל מאַכן מיט אים אַ בייט:

— גיב אַוועק די שטריי מיט דער היי און נאָ דיר אַ שטעקן מיט אַ זעקסער, וועט דיר זיין גרינגער צו גיין און דו וועסט האָבן וואָס צו עסן.

— ניין, ניין, נישט הונגעריק — קומט אים אַרויף אויפן זינען: — סעודה, גרויסע סעודה... — און ער הייבט זיך אָן איילן.

ער פאַרשווינדט פון די אויגן און דאָס געלעכטער און שפּאַס פון עולם שטילט זיך איין אין אַ וואָכעדיקן אומעט. נאָר אין דער לופטן קומען אויף אָפּגעריסענע רייד: — טרפות, אַ זינדיקע וועלט, אַ גרויסע סעודה. — ס'וואַקסט אויס פּינקעס געשטאַלט אַזוי הויך און שווער, ווי ער איז געשטאַנען פאַר די אויגן מיט דער שטריי און היי אין די הענט.

הייבט מען אָן זוכן אַ זין אין זיינע איינציקע ווערטער, וואָס חזרן זיך איבער, ווי אַ ווינט וואָלט זיי געטראָגן, און מען הייבט אָן אויסטייטשן נאָך דעם אייגענעם שכל: — די וועלט איז איינגעטונקט אין זינד, פול מיט טרפות, וועט אַזאַ נישט פאַרזוכן מער ווי אַ שטיקל ברויט פון אַ פרעמדן טיש; וואַרט אויף דער גרויסער סעודה...

ס'קומט אַרויף אויפן זינען די סעודה פון שור הבר מיטן לויתן; מען

הייבט אָן טראַכטן: — ווער ווייס פאַר וועמען זיי פאַרשטעלן זיך, — און מען וויל נאָך עפּעס דערגיין ביי דעם הויכן ברייט־פּלייציקן ייִדן מיט דיליידיקע טאָרבעס און דער שטריי און היי אין די הענט.

נאָר ביי פּינקען האָבן זיך אויסגעטריקנט די רייד און ער דערמאָנט שוין נישט די סעודה. ער שפּאַרט זיך אַרום איבער פעלדער, בלאָנדזשעט איבער וועגן און באַווייזט זיך אין אַ שטאָט אַן אויסגעמאַטערטער, אַן איינגעהויקערטער.

מענטשן דערקענען אים. זיי קוקן זיך איין ווי פּינקע האַלט נאָך אַלץ די שטריי מיט דער היי אין די הענט און עס באַפאַלט אַ שרעק, גלייך ווי מען וואָלט דערזען אַ משל אויף דער וועלט. זיפצט מען מיט רחמנות: — צו וואָס דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז געגליכן...

פאַרשפּעטיקט

— א —

שבת צו וואַרעמעס האָט נחמה קיין סך נישט געגעסן. זי האָט בלויז פאַרזוכט אַ ביסן, זי זאָל מקיים זיין די מצווה פון דער צווייטער סעודה און נישט פאַרשאַפן דעם מאַן קיין עגמת־נפש.

זי האָט אויסגעטיילט די חלקים די צוויי אורחים, וואָס מען האָט גע־נומען אויף שבת, און איז אויסגעזעסןביים טיש ביז נאָך דעם בענטשן. דערנאָך האָט זי זיך געשטאַרקט, גענומען דעם טייטש־חומש און פון דרך־ארץ־וועגן געפרעגט דעם מאַן: „וואָס איז די סדרה?" איר איז אָבער שווער געווען צו זאָגן, האָט זי זיך אַריינגעלייגט אין בעט.

ר' עוזר דער וואַלד־סוחר האָט נאָך ביים טיש געזעסן, אַז ביי זיין ווייב שניידט זיך, ח"ו, אַ קרענק, נאָר ער האָט באַהאַלטן זיין אומרו, ער זאָל שבת נישט אַריינפאַלן אין עצבות.

ער האָט אָבער נישט געקענט אָנהאַלטן זיין סדר פון שבת; ביים עסן האָט ער פויל צוגעטראָגן דעם ביסן צום מויל. ער האָט נישט געפילט קיין טעם אין די שבתדיקע מאכלים, און נישט געקענט אויפעסן דעם חלק, וואָס דאָס ווייב האָט אים צוגעטראָגן.

זיין ניגון פון זמירות האָט זיך געבריקלט און איז פאַרטריקנט גע־וואָרן אויפן טיש, אָט אַזוי ווי דאָס איבערגעבליבענע עסן איז געלעגן אומעטיק אויף דעם טעלער. נאָכן עסן האָט ער זיך נישט צוגעלייגט שלאָפן און אים איז אַרויס פון זינען צו זאָגן ברכי נפשי.

ער האָט געוואַכט איבערן ווייב; ער האָט זיך איינגעקוקט פון וויטן,

איז צוגעגאַנגען שטילערהייט צום בעט און געפּאַרשט איר אויסזען פון נאָענטן.

נחמה איז געלעגן רויִק אויפן בעט און האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איר טוט קיין זאַך נישט ווי. ר׳ עוזר איז אָבער נישט געווען רויִק. ער האָט אַלע ווײַלע געפרעגט עפּעס ביי זיין ווייב און פאַרנומען אירע רייד, גלייך ווי ער וואָלט אַנגערירט דעם ציטער פון איר קול. ער האָט זיך אַנגעשפּאַרט אויף זיין בטחון און נישט געזען קיין סכנה: „מסתמא בלויז אַ קאָפּ־ווייטיק, גאָט וועט געבן און ס׳וועט באַלד איבערגיין״. ער האָט געוואָלט זאָגן: „אפשר רופן אַגוסטעגאַוואַן אָנשטעלן דעם סאַמאָוואַר?״ און ביי אים האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון די ליפּן: „ברענגען אַ דאָקטער?״

נחמה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן, געעפנט די אויגן און פאַרצויגן אַ בלאַסן שמייכל אויפן פּנים:

— ס׳איז דערווײַלע נישטאָ קיין פּיקוח נפש... אַז דו וועסט נישט היטן מיין בעט, וועל איך איינשלאָפן, און דו וועסט אויך קענען כאַפּן אַ דרעמל.

איר האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט צו שאַרף געענטפערט דעם מאַן, האָט זי געערעדט צו אים נאָך רייד, ווייך און גוט: „און אין אָוונט, אַז גאָט וועט געבן, וועל איך אַליין אָנשטעלן דעם סאַמאָוואַר און אָנגיסן פאַר דיר אַ גלאָז טיי״.

ר׳ עוזר האָט זיך אַליין באַרויִקט, און נאָכגעגעבן דעם ווייב. ער האָט נישט גערופן קיין גויע אָנצושטעלן דעם סאַמאָוואַר, האָט נישט געטראַכט וועגן קיין דאָקטער און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער אַ קוק טון אין גאַס, צי ס׳איז צייט צו דאַווענען מנחה.

אין דרויסן האָט זיך דער ווינט איינגעשטילט. דער שניי האָט זיך אָפּגעזעצט אין זיין פייכטקייט און דער וועג איז געלעגן אַן אויסגעלייגטער, אַ גלאַטער. די זון־שטראַלן האָבן געציטערט אין די פונקען, וואָס האָבן זיך געפרעסטלט אין דער לופטן.

„ס׳זאָל אַזוי אָנהאַלטן, וועט מען ביז פּורים אַרויספירן דעם גאַנצן וואַלד״, איז ר׳ עוזרן געקומען אויפן זינען אַ ווייטער געדאַנק, גלייך ווי אַ פרעמדער מענטש וואָלט פּלוצלינג אַריין אין הויז און געבראַכט אים אַ ידיעה פון וואַלד.

ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר איז אין כּעס געוואָרן פאַרוואָס ער קען נישט פאַרגעסן דעם וואַלד. ער האָט איצטער, שבת צו מנחה, נישט געוואָלט טראַכטן וועגן זיינע געשעפטן, נאָר דער חשבון האָט זיך אַליין געפירט: „מאַנטיק וועט קומען דאָס גאַנצע דאָרף אַראָפּנעמען די ביימער, זעגן די ברעטער און אַרויספירן דאָס געהילץ".

— ס'טויג נישט — האָט ער זיך איינגעביסן אין זיין קורץ־שפּיציקער בערדל און איז אָפּגעטראָטן פון פענצטער. ער איז אַריין אין סאַליע און זיך אַריינגעזעצט אין דעם גרויסן ווייכן פאָטעל.

די דופּעלטאָווע פענצטער האָבן פאַרטונקלט די ליכטיקייט פון דרויסן און פאַרצויגן איבערן הויז דעם בין־השמשות אַ סך פריִער. איידער דער פאַרנאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער וועלט. איבער די חדרים און צימערן פון דעם גרויסן צעשפּרייטן הויז האָט זיך שווער אָפּגעזעצט די שטילקייט.

אַזוי שטיל און אומעטיק איז דאָ אַ גאַנצע וואָך, — האָט ר׳ עוזר געטראַכט, — ער איז נישטאָ אין דער היים, זי איז, נעבעך, איינע אַליין, בלויז מיט דער דינסט, פון אומעט אַליין קען מען קראַנק ווערן. טאָ וואָס איז דער חידוש, וואָס זי גייט קוים אַרום און רעדט נישט אויס קיין וואָרט? זי טוט זיך בעטן: „עוזר, צו וואָס דאַרפסטו דאָס?" — האָט ער זיך דערפילט שולדיק קעגן דעם ווייב, און זיינע געשעפטן האָבן זיך אָפּגעטיילט אויף אים שווער גלייך ווי ער וואָלט געטראָגן פולע קעשענעס מיט קופּער־געלט.

— ב —

ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר איז אָנגעקומען אין זשירעווע פאַר אַן איידעם פון דער פרעמד. זיין שווער, וואָס האָט געהאַלטן פון קדמונים אַן דעם פּאַקט ביים גראַף סאַמסאַנסקי אין הויף, האָט געוואָלט איבערלאָזן די אַרענדע פאַר דעם איידעם פון זיין מיזינקע.

ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר האָט אָבער אַנדערש געטראַכט: „אויפשטיין פאַרטאָג און קוקן די בהמות אונטערן עק, וועט ער נישט פאַרשפּעטיקן ווען ער וועט אויסגעבן אַלע קינדער און וועט ווערן גרוי און אַלט ווי דער שווער". האָט ער זיך איינגעקוקט אויף די וועלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן

אָן אָן עֶק און אָן אַ סוף און האָבן זיך געשפּאַרט מיט די שפּיצן אין הימל אַריין; ער האָט געמאָסטן די פעלדער, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט ברייט און לאַנג ווייט פון גראַף סאַמסאַנסקיס הויף.

ער האָט אָנגעהויבן האַנדלען מיט וואַלד, אָפּקויפן תבואה איידער מען האָט אַראָפּגענומען פון די פעלדער און דער איבערשטער האָט אים מצליח געווען.

דעם פאַקט — דעם שווערס חזקה — האָט ער אָפּגעגעבן אַן אַנדער ייִדן. אַליין האָט ער זיך אַרויסגעקליבן פון הויף און זיך אויסגעבויט אַ גרויס הויז מיט חדרים און סאַליעס אין זשירעווע.

„רייסט־אויף אַ וועלט״ — האָבן זיך ייִדן פון זשירעווע געשראָקן פאַר די מאָדנע גאַנגען, וואָס ר׳ עוזר האָט געבראַכט פון דער פרעמד. זיי האָבן זיך געחידושט: „האָט גאָרנישט מורא פאַר קיין עין־הרע״.

ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר האָט זיך אָבער נישט געשראָקן פאַר קיין בייז אויג; ער האָט אין די יונגע יאָרן געשטעלט זיינע טריט פעסט און זיכער; דער כוח האָט גערונען אין זיינע אָדערן און דער שכל האָט קלאָר אויסגערעכנט די געשעפטן וואָס ער האָט געפירט. ער האָט שטענדיק געזען ווי די קאָנטראַקטן מערן זיך אין זיין פייער־קאַסע, גלייך ווי ער וואָלט אַלע מאָל געוויגן זיין פאַרמעגן אין די הענט. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אַנדערש ווי זיין שווער ע״ה, די זשירעווער ייִדן זענען נישט זיין גלייכן, און דער יונגער גראַף פירט זיך נישט אויף ווי דער אַלטער, וואָס איז נישט אָפּגעטראָטן קיין שפּאַן פון זיין פּאַלאַץ.

ער האָט אָבער געוואָלט באַווייזן, אַז ער דערוויטערט זיך נישט פון אַן עדה ייִדן, פלעגט ער אַ שמייכל טון צו אַ זשירעוווער באַלעבאָס: — אַהאַ, דער יונגער גראַף! — ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט וואָס צו זאָגן. נאָר געזאָגט האָט ער דאָס, וואָס ער האָט שוין נישט איין מאָל איבערגע־רעדט: — אַנדערע צייטן, נישטאָ אַמאָליקע פּריצים. דער יונגער גראַף פאָרט אַרום איבער דער וועלט, פאַרשפּילט געלט אין פּאַריז אין קאָרטן. דאַרף איך היטן זיינע הויפן, ער זאָל האָבן אויף הוצאות מיט וואָס צו קו־מען אַהיים אין פּאַלאַץ אַריין...

די רייד האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון ר׳ עוזרס שמייכל און האָבן אויפגעריסן זיין גאווה, האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן:

— אַז איך וועל אויסבויען מיין הויז, וועל איך אויך אַוועקשטעלן אַ הויז פאַר דעם רבונו־של־עולם — איך וועל אויסבויען אַ שול, און איר, ר׳ חיים, וועט זיין דער גבאי, דער שליח־ציבור, איר וועט דאַווענען בײַם עמוד מיט משוררים.

ביי ר׳ חיימען האָט זיך אויפגעוועקט דער ניגון וואָס איז אַ גאַנצע וואָך געלעגן פאַרשלאָפן אין קראָם אונטער דער לייזונג, און ער האָט אַ שמייכל געטון: „איך וואָלט נאָך געקענט אָפּדאַווענען אַ מוסף, אָבער...״ ער האָט אָנגעהויבן גלעטן זיין גרויע באָרד: „מיר זענען אַ הייפעלע יידן צווישן אַזויפיל גוים, און איר, ר׳ עוזר, בויט דאָס הויז אַנטקעגן די קלויס־טערס, אַ ייד דאַרף...״ האָט ער אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי איבערצוגעבן זיין שרעק פאַר דער וועלט: „אַ ייד דאַרף זיך איינצאַמען, זיך נישט אויס־שפּרייטן, ס׳זאָל, ח״ו, נישט קומען צו קיין אומגליק אויף אונדז״.

— פאַרקערט, — האָט ר׳ עוזר געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער פאַר־לאָזט זיך נישט אויף זיין שכל און כוח, נייערט ער וועקט ביי ר׳ חיימען דעם בטחון, — פאַרקערט, אַז מען וועט זיך אויסשפּרייטן, איך וועל נעמען נאָך אַ וואַלד, וועלן צוקומען נאָך יידן, איך וועל דאַרפן שאַפאַרעס, בראַ־קערס, אַ נאמן; די גוים וועלן האַקן, פירן; די יידן וועלן אַכטונג געבן — וועלן מיר נישט זיין קיין הייפעלע, נייערט אַן עדה יידן מיט אַ שול, מיט, מיט... כן ירבו און איר, ר׳ חיים, וועט זיין דער בעל־תפילה.

— יאָ, יאָ, — האָט ר׳ חיים שטיל צוגעגעבן און געקוקט אויף ר׳ עוזרס תנועות, וואָס האָבן זיך שאַרף און הויל אויסגעשניטן פון זיין פנים גלייך ווי זיי וואָלטן אָפּגעמעקט זיין שיטער קורץ בערדל.

— אַ נאַקעט פנים, אַ גלוח שטייט פאַר אים — האָט אַ שרעק אַ ציטער געטון אין זיינע שפּיצפינגער, און ער האָט נישט געקענט באַנעמען, — צו וואָס דאַרף מען האָבן אַזוי פיל חדרים, קאַמערן, גרעסער ווי אַ פּריציש הויז?

ר׳ עוזר האָט באַמערקט די אומרו ביי ר׳ חיימען אויפן פנים, האָט ער זיך פאַרענטפערט און געגעבן אים צו פאַרשטיין:

— ביי מיר אין דער היים איז נישט געווען ווו צוצושפּאַרן דעם קאָפּ. איך האָב זיך אַרומגעוואַלגערט אין ישיבות, זיך אַרומגעשלעפּט איי־בער דער וועלט, וויל איך נישט אַז מיינע קינדער זאָלן דאַרפן אויסבעטן

ביי יענעם אַ טאָג. איך וועל האַלטן פאַר מיינע קינדער די בעסטע מלמדים, און אַז גאָט וועט געבן, וועלן מיינע איידעמס און שניר זיצן צוזאַמען מיט אונדז אין דעם הויז, וואָס איך גרייט צו אויף די עלטערע יאָרן.

ער האָט זיך דערמאָנט אויף די צוויי קינדערלעך, וואָס וואַקסן ביי אים אין הויז, און ער האָט קלערער געמאַכט זיין געדאַנק, באַפעסטיקט זייך דעה, אַט אַזוי ווי ער פונדעוועט איין זיין בנין:

— דערווייל שפּרייטן זיך בלויז אויס מיינע געשעפטן, די משפחה איז נאָך קליין. אַז גאָט וועט געבן, דאָס הויז־געזינט וועט זיך פאַרמערן, די קינדער וועלן אונטערוואַקסן, וועלן זיי אָניאָגן די געשעפטן — האָט ר׳ עוזר שטיל אויסגעלייגט זיינע האָפענונגען ווי אַ תפילה, ווי אַ געבעט.

— ג —

די געשעפטן, די מסחרים זענען געוואַקסן און זיך אויסגעשפּרייט ביי ר׳ עוזר דעם סוחר, נאָר די קינדער האָבן זיך נישט געהאָדעוועט ביי אים. נחמה, זיין ווייב, איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט געבוירן יינגלעך, מיידלעך, נאָר די יינגלעך האָבן נישט דערלעבט צו ווערן בר־מצווה און די מיידלעך זענען געשטאָרבן איידער די מאַמע האָט זיי אויסגעלערנט זאָגן מודה אַני. ביים פערטן קינד, ביי כאַצקעלען, האָט נחמה שוין געוואָלט אָפּנאַרן דעם מלאך־המות, אַז דאָס איז נישט אירס; זי האָט אים אַליין נישט געזויגן, נאָר געדונגען אַן אַם — זאָל יענע זיין די מאַמע און האָבן דעם נחת. זי, די מאַמע, וועט זיך בלויז איינקוקן פון ווייטן ווי אַ גאַסט, ווי אַ בעטלער וואָס קומט אַריין בעטן אַ נדבה.

— אָטאָ — שפּרייט זי פאַנאַנדער אירע הענט און רעכנט איבער די נעמען פון אירע קינדער, גלייך ווי זי וואָלט זיי אויסגעזעצט דאָ ביים טיש, נאָר די שטילקייט פון שטוב לייגט זיך אָפּ שווער אויף אירע טריט ווי אַ צוגעדעקטער קבר, קאַרבט נחמה אויס פון זיך אַ קרעכץ:

— מיינע זינד זענען גרויס און שווער...

ס׳באַפאַלט איר אַ פּחד, אירע קינדער אויף יענער וועלט זאָלן נישט אָפּקומען פאַר אירע עבירות. גייט זי אין גאַס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האַלט די הענט פאַרבאָרגן אונטער דער פאַטשיילע. זי טראָגט נישט די

מאַנטלען און זשאַקעטן, וואָס דער מאַן האָט אויפגעגנייט פאַר איר ביי די בעסטע שניידערס.

זי קוקט זיך נישט איין אויף קיין פרעמד קינד, ס'זאָל זיך ביי איר נישט אויפוועקן קיין קנאה. זי מיידט אויס די פרייד פון אַ שכנס הויז, איר אומער זאָל זיך נישט אוסגיסן אין אַן עין־הרע.

זי זוכט באַהאַלטענערהייט צי ס'האָט זיך נישט באַוויזן אין זשירעווע קיין אָרעמאַן, אַ מדינה־גייער, זי זאָל קענען אים געבן אַ נדבה און פאַר־האַלטן אויף שבת.

— וואָס פאַר אַן אַנדערע מצוות קען אַ אישה מקיים זיין דאָ אין זשירעווע אַרום די קלויסטערס צווישן די גויִים? — טרויערט זי איר טרויער — אין סלאָבים קען מען אַריינגיין אין אַ בית־המדרש, ענטפערן אָמן, הערן אַ גאָטספאַרכטיק וואָרט פון אַ מגיד אָדער אָפּקאָכן אַ געקעכץ פאַר אַ ישיבה־בחור.

— אָבער דאָ, — צאַפּט זי אַרויס פון זיך אַ וואָרט פאַר ר' חיימען, — מיט יעדן טאָג ווערן מיר ווינציקער.

טראַכט ר' חיים וועגן זיינע קינדער, וואָס זענען צעשפּרייט איבער דער וועלט און זיפצט:

— פאָרן אַוועק, קיין אַמעריקע, אַפריקע, ס'ווערט ליידיק, ס'וועט שוין באַלד נישט זיין קיין מנין אַפילו שבת.

— אַז מען פאָרט אַוועק, קען מען קומען צוריק, — הייבט אָן נחמה ווי אַ טרייסט, נאָר איר קול לאָזט זיך אַראָפּ אין אומעט — פון לאַנד אָבער נישט פון זאַמד. פאַרשלייערט זי אירע געדאַנקען מיט אַנדערע רייד און זי ציט אויס איר בליק ווי אַ געבעט — וואָס זאָגט איר ר' חיים?

ר' חיים ווייס, אַז נחמה פרעגט זיך נאָך אויף אַן אָרעמאַן, אַ מדינה־גייער, עקבערט ער זיך אַליין: אַזאַ צדקות, פאַרוואָס קומט עס איר? און ער פרווט ענטפערן זיך אַליין:

— ער האָט זיך פאַרנומען צו גרויס, וויל איינעמען אַ וועלט, איז אים דאָס אייגענע הויז ענג, ער קען נישט געפינען קיין אָרט אין די גרויסע צעשפּרייטע חדרים און זי דאַרט איין, פאַר קיין יידן געדאַכט, מיט יעדן טאָג.

נאָר ער זאָגט דאָס נישט נחמהן; ער רעדט צו איר ווייך און גוט, זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך:

— אַז ס׳וועט אויפהערן רעגענען, אַרום חנוכה, וועלן זיך אָנהייבן באַווייזן אָרעמעלייט, ס׳וועלן קומען די קאַראַבעלניקעס, מדינה־גייער און ביי אייך וועלן נישט פעלן קיין אורחים צום טיש.

— אָבער דערווײַלע... — טוט נחמה אַ זיפץ, און זי וויל נישט זאָגן ר׳ חיימען, אַז ווען ער פאָרט אַוועק אין וואַלד, איז דער אומעט נאָך שווע־רער, און דאָס גרויסע הויז, וואָס ער האָט אויסגעבויט, ליגט אויסגעשפרייט מיט די קאַמערן און חדרים ווי אַ קללה.

זי וועט דאָס אויך נישט דערמאָנען עוזרן. זי האָט נישט קיין טענות צו אים פאַרוואָס ער האָט געבויט דאָס גרויסע הויז און יאָגט זיך אַ גאַנצע וואָך נאָך זיינע גרויסע געשעפטן. זי זעט, אַז דער צער שניידט אים שאַר־פער ווי איר; אַז ער גייט אַריין אין שטוב, טוט זיך אָפּ פון אים דער אימפּעט וואָס טרייבט אים אַרום איבער די וועלדער, ס׳וועפּן זיך אויס ביי אים די רייד, וואָס ער ברענגט אַהיים, און ער טרעט איבער די חדרים שווער, גלייך ווי ער וואָלט מיט זיינע טריט געגראָבן דעם פונדאַמענט, וואָס ער האָט באַפעסטיקט טיף אין דער ערד.

זי ברענגט אַ משל און חזרט אים איבער, ווי זי וואָלט עס געלייענט אין טייטש־חומש, זי זאָל זיך טיפער באַהעפטן מיט דעם מאַנס פיין:

— דער בורא עולם האָט באַשאַפן דעם מאַן, ער זאָל זיין שטאַרק און געזונט, ער זאָל קענען מפרנס זיין זיין הויז־געזינט און באַשיצן זיין ווייב מיט די קינדער: וואַקסט ער הויך און גלייך ווי אַ דעמב; אַז ס׳טרעפט אָבער, ח״ו, אַ דונער דעם דעמב — ברעכט ער זיך איין און וועט שוין מער נישט אַרויסגעבן קיין בלעטער, ווי אַ האַלעוועשקע וועט זיך נישט אָנצינדן. די פרוי איז אָבער געגליכן צו אַ ווערבע; זי איז ווייך און איידל, איר איינגעווייד איז אויסגעבעט פאַר דעם נפש וואָס זי דאַרף טראָגן און זויגן, בייגט זי זיך — די אישה — איין אונטער דער שווערער שטראָף, ווי די ווערבע לאָזט זיך אַראָפּ צו דער ערד אין אַ גרויסן ווינט, נאָר זי ברעכט זיך נישט איבער, און מיט דעם אייבערשטנס הילף בלייבט זי איינ־געוואַקסן אין איר אייגענעם שטאַם. דערפאַר האָב איך כוח אַרומצוגיין איבערן שטוב, און ער מאַכט נישט צו מיט קיין אויג ביינאַכט. ווען ער זאָל זיך דאַרפן אַ גאַנצע וואָך אַרומדרייען אין הויז און זוכן די וויגעלעך, וואָס זענען געהאַנגען פאַר די קינדער, און נישט אַרויסגיין פון די צע־

שפּרייטע חדרים... — פאַרציט זיך איר צער נאָך די פאַרשניטענע קינדער מיט אַ שרעק, איר מאַן זאָל, ח״ו, נישט אַריינפאַלן אין אַ שווערער מחלה...

— ד —

און שבת, אַז נחמה איז קראַנק געוואָרן, האָט זי פאַרבאָרגן אירע וויטיקן, עוזר זאָל עס נישט זען און ער זאָל קענען אָוועקפאָרן אין וואַלד. זי האָט זיך געשטאַרקט, און שבת־צונאַכט אַליין דערלאַנגט טיי די מענטשן, וואָס זענען געקומען נאָך הבדלה אין שטוב אַריין. זונטיק האָט זי זיך אויסגעהיט, האָט זיך נישט אַריינגעלייגט אין בעט, און האָט איבער־געחזרט:

— עוזר, גרייט זיך צו, דו דאַרפסט מאָרגן פאַרטאָג, אם־ירצה השם, אָוועקפאָרן אין וואַלד.

אמת, ר׳ עוזר האָט נישט געזען אויף נחמהן קיין שום סימנים פון אַ קרענק. ער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט און געטענהט, אַז ער וועט נישט פאָרן אין וואַלד, ער וויל פריִער פאָרן מיטן ווייב קיין סלאָנים צו אַ דאָקטער, אָדער ברענגען אים אַהער.

— ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויז, האָט געביסן זיין קורץ בערדל און איבערגעחזרט: — איך פאָר נישט. ביי אים האָט זיך פאַרגנבעט אַ געדאַנק, ווי דער שאָטן קריכט פלוצלינג אַרויס ביינאַכט אין וועג: — טאָמער, ח״ו, אל תפתח פה לשטן, די שעה זאָל נישט זיין, ער וויל גאָר פאַר זיין מויל נישט אַרויסברענגען, — און אים איז באַפאַלן אַ פחד.

האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן ביים רבונו־של־עולם: — און אַ שטיקל ברויט מיט אַ ביסל וואַסער איז ווינציק פאַר מיר? זי וויל מער נישט, און איך דאַרף נישט מער, נעם צו מיין עשירות און שטראָף מיך מער נישט.

נחמה האָט פרום און גאָטספאַרכטיק געגעבן גערעכט דעם מאַן:

—ביידע וועלטן קען אַ מענטש נישט האָבן, כאַפּט מען אַריין אין איין אָרט, פעלט ערגעץ אַנדערש, — זי האָט אים אָבער אויך דערמאָנט:

— אין וויקניער וואַלד אַריינגעלייגט אַזויפיל געלט און שוין אָפּגע־קויפט די תבואה פון איבער־אַ־יאָר.

ר׳ עוזר האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן נחמהן, ער האָט זיך איינגע־

שפּאַרט: — זאָלן די מענטשן פירן די געשעפטן, וויפל ס׳וועט בלייבן, וועט זיין געגנוג פאַר אונדז ביידן, אויף שבת וועט, דאַנקען גאָט, נישט פעלן; אין אָרעמקייט וועט אפשר דאָס מזל ליכטיקער שיינען, און אפשר? — האָט דאָס וואָרט אַ לייכט געטון מיט אַ שמייכל ביי אים אויפן פּנים, ווי אַ ווינט בלאָזט אַוועק אַ פונק.

אַ מאַן קען אָבער נישט פאַרבאַרגן פון זיין ווייב אַפילו דאָס, וואָס איז ווייטער ווי דעם מאַנס אויגן קוקן און נחמה, ר׳ עוזרס ווייב, האָט געזען וווהין זיינע טריט ציִען זיך. האָט זי פאַרבאָרגן דער מוטער שרהס שמייכל: „צו מיר וועט דאָך דער אייבערשטער קיין מלאך נישט שיקן״ און געמאַכט דעם חשבון:

— מאָרגן קומען די גוים האַקן דעם וואַלד. אַז מען וועט אויסהאַקן אין צייט וועט מען אַרויספירן אין צייט און דו וועסט קענען, אַז גאָט וועט געבן, גלייך נאָך פּסח אַרויסשיקן דאָס געהילץ.

— און וואָס אַרט מיך, אַז ס׳וועט נישט זיין אין צייט און איך וועל פאַרשפּעטיקן? זיך געגנוג געיאָגט, — האָט ר׳ עוזר געוואָלט ענטפערן זיין ווייב, פאַרקערט ווי זי טראַכט. נאָר אירע ווערטער האָבן זיך אויסגעלייגט ווייך איבער די צעשפּרייטע קאַמערן ווי אַ טרייסט, און ער האָט נישט געוווסט צי ער דערטראַכט זיך אַליין וועגן דער אַרבעט אין וואַלד, אָדער גיט נאָך נחמהן און חזרט איבער אירע רייד:

— איצטער נאָך די חגאות, אַז די גוים האָבן פאַרשיכורט ביז אַ גראָשן, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען אין קאַנטאָר, זענען זיי להוט נאָך אַ גילדן וועלן זיי אָנפאַלן אויף דעם וואַלד, ווי אַ היישעריק, מיט די פערד, מיט די העק און זעגן און זיי וועלן אין איין טאָג אָפּטון דאָס, וואָס זיי וועט שפּעטער נעמען אַ וואָך.

אים איז אָבער שווער געווען געבן גערעכט דעם ווייב, און נאָך שווערער איז אים געווען אָפּצומאַכן וואָס ער זאָל טון. האָט ער געהאַלטן אין איין איבערפרעגן ביי נחמהן:

— דיר טוט גאָרנישט וויי? מיר דוכט זיך...

נחמה האָט זיך געשטאַרקט און באַרויִקט עוזרן:

— גאָרנישט, געזינטער ווי פאַראַכטאָגן.

ר׳ עוזר האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף אירע רייד, ער האָט

אָבער געגלויבט דעם ווייב, אַט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט פאַרגעסן וועגן וואַלד. אים איז אָבער פון זינען נישט אַרויס, אַז מאָרגן וועט קומען אַ דאַרף גוי׳ם... ער איז זונטיק געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין דעם גרויסן ווייכן פאָטעל און נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. אים האָט זיך אָבער געדוכט, אַז ער שטעלט ערגעץ אַ טראָט און קערט זיך אום צוריק; ער גייט און גייט, טוט אַ קוק אויף הינטן און בלייבט ווידער שטיין. ניין, ער וועט ווייטער נישט גיין, ער דאַרף זען וואָס ס׳טוט נחמה. נאָר ער גייט ווייטער און אים באַגלייטן אירע גוטע קלוגע רייד: — מיר איז גאָרנישט; דו קענסט נישט זיצן אין הויז, גאָרנישט נישט טון, און לאָזן דיין פאַרמעגן אויף פרעמדע הענט.

און מיט די זעלבע גוטע רייד האָט נחמה געזאָרגט מאָנטיק אין דער פרי: — האָסטו זיך אָנגעטאָן וואַרעם? פאַרשפּיליע זיך. — ר׳ עוזר האָט געפאָלגט זיין ווייב, אָנגעטאָן דעם שווערן פלאַסטש, גענומען מיט זיך דעם פוטער, אַרומגעדרייט דעם האַלדז מיט אַ וואָלענעם שאַל און געבליבן שטיין אין מיטן שטוב אַן אָנגעפּעלצטער, אַן אָנגעטאָנענער.

נחמהן האָט אַרומגענומען אַ שווערער אומעט. אירע פיס האָבן אָנגעהויבן חלשן, איז זי צוגעגאַנגען נענטער צו עוזרן און געגלעט זיין בגד ווי זי וואָלט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אים: — פאַר געזונטערהייט.

אַז ער האָט אָבער אַוועקגעשטעלט אַ טראָט, האָט זיך איר געדוכט, אַז ביי איר פאַלט עפּעס אַרויס פון די הענט, האָט זי נאָך אַמאָל אַרויפגעלייגט די האַנט ביי אים אויפן אַקסל און אים אַרויסבאַגלייט ווי מיט אַ געבעט: — דו וועסט זיך נישט זאַמען?

— איך וועל זיך נישט זאַמען, וועל קומען פרי׳ער אַהיים, — האָבן דעם מאַנס רייד געאָטעמט אין זיין ווייבס קול און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז זיי ביידע פאָרן אַרויס צוזאַמען אין וואַלד אַריין.

— ה —

ר׳ עוזר האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט לעבן קאַנטאָר, נאָר האָט זיך אַוועקגעיאָגט טיף אין וואַלד בלויז אַ קוק טון וויפל גוי׳ם זענען געקומען אַראָפּלאָזן די ביימער.

איבערן וואַלד האָט זיך געטראָגן דער טומל און געשריי פון די מענטשן, פון די פערד, און האָט פאַרהילכט די לופט מיט דעם קלאַנג פון די העק און זעגן. דער וואַלד איז שוין געווען האַלב־אויסגעהאַקט, די ביימער זענען געשטאַנען שיטער און צעוואָרפן און האָבן אויפגעעפנט ר׳ עוזרס עשירות, וואָס איז געווען אויסגעלייגט ברייט און ווייט אויפן שטח: קלאָפּטער און שורקעס האָלץ צום הייצן; שפּאַלן, קלעצער אַרויסצופירן אויפן ברעג, און אָפּגעבראָכענע צווייגן, וואָס ר׳ עוזר האָט נישט פאַר־קויפט, נאָר געלאָזט די אָרעמע גויים צונויפקלייבן אָן געלט.

ר׳ עוזר האָט דורכגעפירט זיין בליק איבער זיין פאַרמעגן ווי אַ ווינט פאַרגנבעט זיך צווישן געדיכטע צווייגן: — מער ווי צוויי הונדערט קלאָפּ־טער. ער האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין רעכענונג, נאָר אין דער לופטן האָט אָפּגעהילכט, אַט אַזוי ווי די קעלט האָט זיך געבראָכן אין דעם טרו־קענעם פראָסט: — עטלעכע טויזנט רובל בלויז פון דעם האָלץ, און דאָס האָט ער נישט אַריינגענומען אין חשבון ווען ער האָט געשאַצט דעם וואַלד!

— ער האָט קיין טעות נישט געמאַכט, — איז ער געוואָרן זיכערער ביי זיך, האָט אַראָפּגענומען די שאַל פון האַלדז, אָפּגעשפּיליעט דעם פּלאַסטש און האָט איינגעאָטעמט פריי און טיף די לופט, ווי ער וואָלט באַרוואַס אַרויס פון אַן ענגער הייסער שטוב אין דרויסן.

ער האָט געקוקט אין דער ווייטקייט, די זונשטראַלן האָבן געציטערט אויפן שניי און זיך גערייצט מיט דעם פראָסט ביי ר׳ עוזרן דעם וואַלד־סוחר אויפן פּנים.

— ס׳איז וואַרעמער ווי זומער, — האָט ער געווישט דעם שוויס, וואָס האָט זיך באַוויזן ביי אים אויפן שטערן, און האָט געטראַכט, אַז אים איז ווינטער בעסער ווי זומער. ער האָט געוואָלט זאָגן עמעצן — ס׳איז גוט וואָס מען האַקט דעם וואַלד ווינטער און נישט זומער: — זומער! — האָט ער געבערעקלט דעם שניי אונטער די טריט ווי ער וואָלט עפּעס בייגעקו־מען, און האָט זיך דערנעענטערט צו זיינע מענטשן, וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט פון די דאָרף־גויים.

ער האָט עפּעס געפרעגט, די מענטשן האָבן געענטפערט, און דער כבוד האָט געציטערט אין די רייד, ווי דער פראָסט האָט געפינקלט אין דער זון. ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר האָט זיך אַליין נישט אַרומגעזען, ווי ער

האָט אָנגעהויבן פּאַנאַנדערזאָגן וואָס מען זאָל טון, אָנווייזן אויף חסרונות
אַחוץ געבן עצות, וואָס האָבן זיך אויסגעשניטן ווי באַפּעלן.

די מענטשן האָבן אויסגעהערט מיט הכנעה זיינע רייד און געוואָלט
מיט עפּעס אויסנעמען ביי דעם באַלעבאָס, האָבן זיי באַוויזן, אַז זיי האָבן
נישט פאַרגעסן זיינע פּלענער און דערמאָנט די סמאָליאַרנע: — אַז מען
וועט עס דאָ אָוועקשטעלן, וועט זיין גענוג קאָרטשעס אויף אַ גאַנץ זומער
צו ברענען.

— דער וואַלד איז שוין אָבער באַלד אויסגעהאַקט, — האָט אַ שאַפער
באַדויערט וואָס די אַרבעט ענדיקט זיך.

— גראַף סאַמסאָנסקי האָט שוין אָבער אויך פאַרשפּילט דאָס געלט
אין קאָרטן, — איז ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר נישט אָראָפּגעפאַלן ביי זיך
— ער וועט באַלד אָוועקשטעלן דעם וויקניער וואַלד אויף טאָרגעס.

— אָבער... — האָט אַ ציטער געטון אָן אומרו ביי דעם שאַפער; ער
האָט נישט געוואָלט דערמאָנען, אַז די סלאָנימער סוחרים האָבן געמאַכט
יד־אחת און זיי ווילן באַטן, זיי זאָלן דאַרפן אַפילו פאַרזעצן די ווייבערס
חתונה־מתנות.

— געהערט — האָט ר׳ עוזר אַ שמייכל געטון.

— יאָ, — האָט דער שאַפער געוואָלט נאָך עפּעס דערגיין, ער האָט
אָבער נישט געוואַגט עס צו פרעגן דעם באַלעבאָס.

ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר האָט מער נישט גערעדט וועגן די טאָרגעס.
אים האָט נישט געאַרט וואָס די סלאָנימער האָבן געמאַכט יד־אחת. פאַר־
קערט, ער האָט זיך געוואָלט פאַרמעסטן מיט זיי און באַווייזן דער וועלט, אַז
ער וועט געווינען. זיי וועלן בלייבן ביים באַטן מיט דעם יד־אחת און ער
וועט האָבן דעם וואַלד. און דאָ, גלייך אויפן אָרט, אָט אַזוי ווי ער האָט
געקוקט אויפן שאַפער און זיך גערייצט מיט דעם אומעט פון זיין פּנים,
האָט ער שוין געזען ווי ער וועט איבערקליגן די סלאָנימער חכמים. ער
וועט נישט וואַרטן ביז יואַנען גראַף סאַמסאָנסקי וועט בעטן ביי אים געלט,
נאָר ער אַליין וועט צופאָרן צו אים אין הויז און זאָגן אים אין אַ געלעכ־
טער: — גראַף, איך האָב צופיל געלט, אפשר ווילסטו אָנטאָן אַ זילבערנעם
שפּאַן אויף דיינע פערד, — און איבערלאָזן ביי אים אַ פּאָר צענדלינג קאָ־
טערינעס. דערנאָך וועט ער אויף די טאָרגעס, אין פאַרזיגלטן קאָנווערט

אַריינשרייבן, אַז ער באַט פאַר דעם וואַלד כך וכך צוזאַמען מיט דער הלוואה, און קיינער וועט נישט וויסן ווי אַזוי צו איבערשטייגן אים!

— ער דאַרף זיך אָבער נישט איילן, ער האָט צייט, — האָט זיך ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר דערפילט זיכערער, גלייך ווי ער וואָלט נישט אי־בערגעטראַכט די אייגענע רייד, נאָר געהערט גראַף סאַמסאָנסקיס קול, ווי ער דאַנקט אים פאַר דער הלוואה, וואָס ער גיט אים איידער ער האָט אים דערמאָנט וועגן דעם.

דער וויקניער וואַלד האָט געשווינדל׳ט פאַר זיינע אויגן: „לאַנג און ווייט, ציט זיך אָן אַן עק און אָן אַ סוף, מען האָט פון אים נאָך קיינמאָל נישט אויסגעשניטן קיין דעליאַנקע. ווער ווייס ווי לאַנג ס׳וועט נעמען ביז מען וועט אים אָפּשאַצן, אַוודאי חדשים. מוז מען זיך צואיילן, גלייך ווי די וועגן וועלן זיך אויסטריקענען, וועט מען דאַרפן אַריינפאָרן אַהין״.

— דאָ, אין דעם וואַלד, טאָר מען נישט מעדליען — האָט דער טומל אַריינגענאַרט ר׳ עוזרן דעם וואַלד־סוחר אין דער אַרבעט פון טאָג. ער האָט זיך געצאַפּלט, ווי אין אַ נעץ, אין זיינע אייגענע רייד און באַפעלן:

— דאָ דאַרף זיין אַזוי!

— דאָרטן אַנדערש!

— פורים טאָר דאָ נישט בלייבן קיין שפּענדעלע!

און האָט באַהאַלטן פאַר זיך אַ סוד:

— צו דעם וויקניער וואַלד דאַרף מען זיך נעמען מיט אַ פרייען קלאָרן קאָפּ. — ער האָט געקוקט אויפן וואַלד, וואָס ער האָט איצטער אויס, און האָט אים פאַרגליכן מיט דעם וויקניער וואַלד:

— פינף מאָל גרעסער, צען מאָל, ווי קען מען דאָס גאָר פאַרגלייכן? ער האָט איצטער געדאַרפט צופאָרן זען דעם גראַף סאַמסאָנסקין. — נאָר אים האָט פאַרדראָסן וואָס ער האָט נישט גענומען מיט זיך אַ פּעקל קאַטע־רינקעס, ער קען דאָך אים נישט געבן קיין צען און פינף רובלדיקע אַסיג־נאַציעס.

דער הו־האַ און געשריי פון וואַלד האָט אים אָבער נישט געלאָזט אַראָפּפאַלן ביי זיך. אים איז נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז ער קען נישט אויסרעכענען זיינע געשעפטן און פאַרגעסט, וואָס איז נייטיק צו טון, — נאָר פאַרקערט, — האָט ער זיך געגעבן גערעכט, — ער דאַרף איצט

נישט פאָרן צום גראַף. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער וואָלט געבראַכט נאָך אַ תירוץ, אַז ער האָט צוגעזאָגט נחמהן נישט זאַמען זיך, קומען אַהיים פריער.

ער האָט בלויז געוואָלט אַריינגיין אין קאַנטאָר אַ קוק טון אויף די חשבונות; מען דאַרף אומעטום האָבן אַן אויג, טאַקע אייגענע מענטשן, מען מעג זיי געטרויען, ר' עוזר דער וואַלד־סוחר האָט אָבער הנאה אונטערצו־יען דעם חשבון און אַליין אַ קוק טון אויף דעם סך־הכל.

— איך האָב נישט קיין צייט, איך האָב געדאַרפט פאָרן צום גראַף, נאָר איך מוז פאָרן אַהיים, — האָט ר' עוזר דער וואַלד־סוחר גערעדט צו זיינע מענטשן אומרויִק, און די אַרבעט דאָ אין וואַלד איז אים געוואָרן איבעריק, ווי אַ זאַך וואָס איז שוין לאַנג אָפּגעטון געוואָרן און ס'וואַלגערט זיך פאַרגעסן ערגעץ הינטער דעם וויקניער וואַלד.

— אָטאָ זענען די חשבונות — האָט מען אויפגעעפנט די ביכער פאַר דעם באַלעבאָס. נאָר איידער ר' עוזר דער וואַלד־סוחר האָט אַ קוק געטון אויף די רעכענונגען, האָט זיך באַוויזן דער עקאָנאָם מיט אַ שליחות פון גראַף סאַמסאָנסקי, אַז דער גראַף וואַרט אויף אים אין וויקניער וואַלד און הייסט עוזרן דעם וואַלד־סוחר גלייך קומען אַהין.

— אָט אַזוי ווי איך האָב געטראַכט, — האָט ר' עוזר דער וואַלד־סוחר אַ ציטער געטון, נאָר זיין פרייד האָט אַ שווינדל געטון מיטן שאָטן פון שרעק: — אפשר דאַרף ער נישט פאָרן?

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון די ביכער, האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט אַ קוק געטון אויפן עקאָנאָם און איבערגעפרעגט: — וואָס האָט דער גראַף געזאָגט? — ער האָט געוואָלט ענטפערן: — איך פאָר נישט, צוגע־זאָגט אַהיים קומען פריִער, זאָלן זיי זען, אַז איין וואָרט נחמהס איז אים טייערער ווי דער וויקניער וואַלד מיט אַלע געשעפטן דעם גראַפס.

נאָר דער עקאָנאָם האָט געקאַרגט די רייד, בלויז אויסגערעדט רויִק און זיכער: — דער גראַף וואַרט. — האָט זיך ביי ר' עוזרן דעם וואַלד־סוחר אויסגעוועפּט זיין שטאָלץ און ער האָט געמאַכט אַן אַנדער חשבון:

— דאָ, קען ער זיך אַריינטון אין די ביכער און פאַרגעסן, אַז ער דאַרף קומען אַהיים, אַז ער וועט אָבער פאָרן צום גראַף — וויפל קען ער

זיך זאַמען דאָרטן — וועט ער נישט דאַרפן ציילן די מינוטן — און זיין אין צייט אין דער היים.

— ו —

אַז ר׳ עוזר איז געקומען אין וויקניער וואַלד, האָט ער דאָרטן שוין נישט געטראָפן דעם גראַף; ס׳זענען בלויז געבליבן זיינע סליאַדן: די פערדס קאָפּיטעס האָבן זיך אָפּגעזעצט אין די טריט פון שניי, און די שניטן פון שליטן האָבן ווייט און לאַנג אויסגעצויגן דעם וועג. האָט ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר אַ זיפץ געטון :— פּאַרשפּעטיקט אויף אַ האָר, אויף דעם שפּיץ פון לייצעס, — און האָט זיך איינגעקוקט אויפן וויקניער וואַלד, וואָס האָט מיט דעם שניי פון די צווייגן צוגעדעקט די טונקלעניש פון די שטאַמען.

ער האָט מיט זיין בליק געפּרווט אַריינדרינגען אין דער געדיכטעניש פון וואַלד און האָט נישט געקענט פאַרגעסן, אַז אָט דאָ, אין דעם שניי, האָט זיך דער וויקניער וואַלד געקענט אַריינגליטשן צו אים אין די הענט אַזוי גלאַט און גרינג ווי דער שניי בייגט אַראָפּ די געדיכטע צווייגן פון די ביימער.

— פּאַרשפּעטיקט! — האָט זיך זיין אייגענער קול איבערגעחזרט ווי אַ פרעמדער ניגון, וואָס באַדויערט אים, און האָט אים נישט געלאָזט איינרוען. ער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט: — איך וועל זיך נישט נאָכיאָגן, איך וועל איצטער נישט פאָרן צום גראַף אין פּאַלאַץ, — און האָט זיך דערמאָנט נאָך אַמאָל און האָט ווידער איבערגעחזרט, ווי ער וואָלט געוואָלט פּאַרטויבן דאָס קול: „פּאַרשפּעטיקט״, אַז ער האָט צוגעזאָגט נחמהן נישט זאַמען זיך און קומען פריִער אַהיים. האָט ער זיך פּאַרענטפערט פאַר דעם גראַף, פאַר דעם עקאָנאָם:

—איך האָב איבערגעלאָזן אַ קראַנק ווייב אין דער היים — און ער האָט זיך געפּלאָנטערט אין זיינע טריט, ווי אַ מענטש קווענקלט זיך אין חרטה:

— לאָמיר זיך אומקערן צוריק אין וואַלד, דאָרטן וועל איך נעמען מיין פערד און שליטן און פאָרן אַהיים; איך האָב צוגעזאָגט...

נאָר גלייך ווי ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר האָט זיך אַריינגעזעצט אין

עקאָנאָמס שליטן, האָט זיך אָנגעיאָגט דעם גראַפס קוטשער מיט אַ פּאָר פערד:

— דער גראַף איז אין פולוואַרעק, האָט ער געשיקט זיין פּאָר פערד מיטן שליטעלע נאָך דעם פּאַן; דער גראַף וואַרט דאָרט אויפן קופּיעץ.

— ניין, איך וועל נישט פאָרן! — האָט ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר געענטפערט מיט כעס און האָט אָוועקגעשטעלט אַ פעסטן טראָט צו דעם עקאָנאָמס שליטן.

דער קוטשער איז געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער, ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן דעם קופּיעץ און האָט נישט געקענט אָפּמאַכן ביי זיך צי ער זאָל נאָך אַמאָל איבערחזרן דעם גראַפס באַפעל, אָדער פאָרן צוריק אין פולוואַרעק.

האָט דער עקאָנאָם אָנגעהויבן פאַרענטפערן דעם גראַף:

— ער איז געקומען אַהער אין וויקניער וואַלד אויף פּאַלעוואַניע, האָט מסתמא דערזען, דער שני צו טיף, איז ער אַוועקגעפאָרן אין פול־וואַרעק אַ קוק טון ווי זיינע רייט־פערד האָדעווען זיך — האָט דער עקאָ־נאָם איינגערעדט דעם פּאַן: — וויבאַלד דער גראַף האָט געשיקט צוויי שליחים, איז דער ענין אַ וויכטיקער; אפשר גאָר אַ גרויסער געשעפט, — האָט ער באַהאַלטן אונטער דער נאָז זיין שמייכל, מען זאָל נישט זען ווי ער וויל מיט די גאָר גרויסע פאַרדינסטן פאַרנאַרן דעם קופּיעץ צום גראַף.

— איך דאַרף נישט קיין געשעפטן, — האָט זיך ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר אָנגענומען פאַר זיין אייגענעם כבוד — איך האָב אין דער היים, ביי זיך אין הויז, אַ וויכטיקערן געשעפט, גאָר אַ טייערן עסק. — ער האָט דערזען ווי נחמה דרייט זיך אַרום איינע אַליין אין דער ברייטער צעשפּריי־טער הויז און אים האָט אַרומגענומען אַן אומרו: — אמת, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן פון דער היים איז זי טאַקע אַרומגעגאַנגען אַ געזונטע, אָבער שבת איז זי דאָך געווען נישט מיט אַלעמען.

פון וואַלד, פון אונטער די צווייגן האָט זיך געשפּאַרט די פינצטער־ניש פון די שטאַמען און פאַרצויגן מיטן פאַרנאַכט דעם שניי. — ס׳וועט באַלד צופאַלן די נאַכט, — האָט דער וואַלד איצטער אָנגעטראָגן אַ פחד אויף ר׳ עוזרן דעם וואַלד־סוחר און ער איז אַראָפּגעפאַלן ביי זיך: — איך וועל נישט נעמען דעם וואַלד.

— איך פֿאַר נישט! — האָט ער געוואָלט שאַרף זאָגן דעם עקאָנאָם, נאָר זיין קול האָט זיך אויסגעאָטעמט ווי אַ געבעט:

— ס'איז ווינטער, ווי גרויס איז דער טאָג, באַלד וועט ווערן נאַכט, ווען וועל איך קומען אַהיים?

— און אַז דער פֿאַן וועט דאַרפֿן האַקן אָט־דאָ דעם געדיכטן וואַלד, וועט ער גאַנצע וואָכן נישט קענען קומען אַהיים, — האָט דער עקאָנאָם שטיל געצויגן דעם קופּיעצס רייד.

— מסתמא טאַקע וועגן וואַלד, — האָט זיך ר' עוזר דער וואַלד־סוחר נישט גערירט פֿון אָרט און געטראַכט: — פֿאַרשפּילט דאָס געלט אין קאָרטן, קען ער זיך נישט דערוואַרטן אויף די טאַרגעס.

דער עקאָנאָם מיטן קוטשער האָבן געקוקט אויף ר' עוזרן דעם סוחר און געוואַרט אין וועלכן שליטן דער קופּיעץ וועט זיך אַריינזעצן. זיי האָבןביידע געשוויגן, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, און האָבן געהיט מיט זייערע בליקן זיינע באַוועגונגען אָט אַזוי ווי מען ציטערט איבערן פֿאָדעם פֿון אַן אודע, וואָס פֿאַנגט דעם פֿיש.

און ר' עוזר דער וואַלד־סוחר האָט זיך געראַנגלט צווישן ביידע שליטנס; ער האָט נישט געוווּסט ווו אָוועקשטעלן דעם טראָט. פֿאַר די אויגן האָט זיך געצויגן, אָן אַ סוף, אָן אַן עק, דער וויקניער וואַלד. ער קען אים איצטער איינגעמען, די סלאָנימער מיטן יד־אחת זאָלן דאָרטן קיין פֿוס נישט קענען אַוועקשטעלן, אין דער היים שטייט די שטוב אַ ברייטע, אַ צעשפּרייטע, נחמה בעט זיך: — זאָג זיך נישט, — ער ענטפֿערט איר: — צו וואָס דאַרף איך די געשעפֿטן, איך האָב זיך גענוג געיאָגט נאָך עשירות.

נאָר דער עקאָנאָם רעדט אים איין:

— דער טאָג איז שוין גרעסער, דער וואַלד שטייט נאָך אונטער דער זון און איידער די זון וועט פֿאַרגיין וועט דער פֿאַן שוין זיין אין פּולוואַ־רעק. — ער לייגט אַוועק די האַנט ביי אים אויפֿן אַקסל:

— דער פֿאַן וועט נאָך קענען שלאָפֿן די נאַכט ביי זיך אין בעט; ווי לאַנג איז דער פֿאַן פֿון דער היים?

— דער צווייטער טאָג.

— בלויז צוויי טעג, — האָט דער עקאָנאָם איבערגעחזרט און נאָך

אַמאָל געזאָגט ווי ער וואָלט צונויפגערעכנט די צאָל אויף די צוויי פינגער:
— צוויי טעג?

— יאָ, צוויי טעג, — האָט ר' עוזר דער וואַלד־סוחר געענטפערט רויִק און זיך געחידושט: — און אים האָט זיך געדוכט, גאָט ווייס ווי לאַנג ער איז שוין פון דער היים. — האָט ער נאָך אַמאָל געמאַכט דעם רעכענונג ריכטיק, ער זאָל קיין טעות נישט האָבן, אָט אַזוי ווי ער רעכנט אויס אַ געשעפט: — נעכטן אין דער פרי איז ער אַוועקגעפאָרן פון הויז, בלויז איין נאַכט איבערגענעכטיקט אין וואַלד.

— און היינטיקע נאַכט וועט איר שוין שלאָפן אין דער היים — האָט דער עקאָנאָם אָנגענומען דעם פאַן פאַר דער האַנט און האָט אים געפירט צו דעם גראַפס שליטעלע.

ער האָט זיך געוואָלט באַוואָרענען, אַז דער קופּיעץ זאָל קיין חרטה נישט האָבן און האָט אַ ווונק געטון צום קוטשער, ער זאָל צוגרייטן דעם שליטן. דער קוטשער האָט זיך דערפרייט, וואָס ער קען אויספירן דעם גראַפס באַפעל. האָט ער געהאַלטן אויסגעשפּרייט אין ביידע הענט די באַר־ראַנינע און געוואַרט מיט הכנעה דער קופּיעץ זאָל זיך אַריינזעצן אין שליטעלע. ער זאָל אים קענען צודעקן די פיס, אָט אַזוי ווי ער זאָרגט וועגן גראַף, ווען ער פאָרט מיט אים אַרויס אין וועג. דער עקאָנאָם האָט אויסגעשפּרייט דעם וועג מיט זיינע גוטע רייד און איינגערעדט דעם פאַן:

— איידער דער קוטשער וועט אַ צי טון מיט די לייצעס, וועלן די פערד אָנשפּאַרן מיט די קעפּ אין פּולוואַרעק.

— און ווען וועט ער קומען אַהיים?! — האָט עוזר דער וואַלד־סוחר געוואָלט שאַרף פרעגן. נאָר די רייד זענען פאַרחלשט געוואָרן אין זיין גאַנג, ווי ער אַליין האָט זיך געפּלאָנטערט אין די בליקן פון דעם קוטשער און עקאָנאָם.

— ז —

אין פּולוואַרעק האָט עוזר דער וואַלד־סוחר אויך פּאַרשפּעטיקט; ער איז געקומען צו שפּעט. גראַף סאַמסאָנסקי איז מיט זיין סוויטע אַרויסגע־ריטן אויף זיינע רייט־פערד אין דעם יאַגד־הויז פון זאַסוליטשער וואַלד;

ער האָט אָבער פאַרזאָגט, אַז דער קופיעץ זאָל נישט אַוועקפאָרן און וואַרטן אויף אים אין פולוואַרעק.

— ווען איז ער אַוועקגעפאָרן? — האָט זיך געדוכט, אַז ר׳ עוזר האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ דרעמל און וויל דעריאָגן מיט זיינע רייד דעם גראַף.

דער אויפזעער האָט אַ קוק געטון אויף דעם הימל, וואָס האָט זיך ברייט און טיף געעפנט אין זיין בלויקייט, געזוכט עפּעס אין דער זון, וואָס האָט געקעלטערט אירע בלאַסע שטראַלן אין פאַרנאַכט, און האָט פויל אויסגעצויגן דעם ענטפער: — מיט אַ שעה צוריק, אפשר אַ האַלבע שעה; ער האָט געוואָלט קומען אַהין פאַר ליכטיקן.

— אַזוי לאַנג ווי איך האָב זיך געישובט צי איך זאָל פאָרן, ווען ער פאָרט גלייך אַרויס, וואָלט ער שוין איצטער געקענט פאָרן אַהיים, — האָט ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר איינגעזען, אַז דער עקאָנאָם איז געווען גערעכט. האָט ער שטיל געפרעגט ביי דעם אויפזעער:

— ווי לאַנג וועט ער זיך זאַמען?

— ווי לאַנג קען ער זיך זאַמען? וויפל דאַרף אים נעמען אָנקוקן דאָס יאַגד־הויז? ער גרייט זיך מסתמא אַרויספאָרן אויף אַ גרויסן פאַנג, וויל ער זען ווו אָנצושטעלן די ביקס און אפשר וועט ער האָבן מזל און אַ הירש וועט אים אָנלויפן אַנטקעגן — וועט ער אים ברענגען אַ לעבעדיקן, און באַלד קומען, ווי נישט... — האָט דער אויפזעער אַ שמייכל געטון מיט ביטול, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט באַווייזן, אַז ער האַלט נישט דעם גראַף פאַר קיין גרויסן יעגער. ער לאַכט אָפּ פון זיך אַליין, וואָס ער זיצט דאָ אַ גאַנץ יאָר אין פולוואַרעק און ציילט וויפל קערנער האָבער זאָל אַ פערד אויפעסן.

ר׳ עוזרן האָט זיך געדוכט, אַז דער אויפזעער שפּאָט אויך אָפּ פון אים — דעם יידן — וואָס האָט איבערגעלאָזן אַ קראַנק ווייב אין דער היים און לויפט נאָך דעם גראַף ווי אַ שאָטן נאָכן ווינט — האָט ער אויסגעשריען:

— איך וועל נישט וואַרטן, איך וויל גלייך פאָרן אַהיים!

— אָבער ווי וועט דער פאַן פאָרן אַהיים? — האָט דער אויפזעער רויק געציילט די ווערטער — דער קוטשער מיט די פערד מוזן דאָ וואַרטן אויפן גראַף, טאָמער וועט ער באַלד קומען פון יאַגד, זאָל ער קענען גלייך

אַוועקפֿאָרן צו זיך אין פּאַלאַץ. קיין אַנדערע פֿערד האָב איך נישט, איך קען דאָך נישט איינשפּאַנען די רייט־פֿערד אין אַ שליטן, אַפֿילו אין דעם גראַפֿס שליטן.

דער פֿאַרנאַכט האָט זיך פּלוצלינג אַראָפּגעלאָזן אויף דעם פֿאָלוואַרעק, די עטלעכע געביידעס האָבן זיך טיפֿער אײַנגעזעצט אין שניי ווי אַ באַרג בעט זיך אויס אין דער פֿינצטערקייט.

ר׳ עוזרן דעם וואַלד־סוחר האָט זיך געדוכט, אַז ער איז אָפּגעשניידט געוואָרן פֿון דער וועלט; ער קען אין ערגעץ נישט צוקומען און קיינער קען אַהער נישט קומען. פֿאַר אים האָבן געשווינדלט די ביכער פֿון זיין קאַנטאָר, ס׳האָט זיך געוויגט דער וויקניער וואַלד און אונטערגעפֿירט גאָר אַן אַנדער סך־הכל ווי דער, וואָס ער האָט געזען אין זיינע געשעפֿטן: — ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון הויז בלויז אויף איין טאָג, האָט ער געוואָלט אַראָפּגנבֿענען די נאַכט און קומען אַהיים פֿאַרטאָג, האָט זיך אָנגעיאָגט דער עקאָנאָם און ער איז גאָר אַוועקגעפֿאָרן אין דעם וויקניער וואַלד. דערנאָך זענען געקומען דעם גראַפֿס פֿאַר פֿערד ער זאָל פֿאָרן אין פֿאָל־וואַרעק. ער איז געקומען אַהער פֿאַר ליכטיק; ווען ער איז געזעסן אין שליטן האָבן די זונשטראַלן אויפֿגעהויבן דעם טאָג הויך און דער שניי האָט געשיינט וויאָרסטן וויט, נאָר גלייך ווי ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ טראָט דאָ אין פֿאָלוואַרעק און אויסגערעדט אַ וואָרט מיטן אויפֿזעער, האָט ער זיך נישט אַרומגעזען, ווי די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. ניין, דאָס איז נישט קיין גלאַטע מעשה! ער האָט נישט געטאָרט אַוועקפֿאָרן פֿון דער היים, און וויבאַלד ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון הויז און איבערגעלאָזן אַ קראַנק ווייב, פֿאַרט ער שוין נישט מיט קיין פֿערד און שליטן, נאָר דער שטן טרייבט אים, און פֿאַרנאַרט אים.

האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן ביי דעם אויפֿזעער און איינריידן אים מיט גוטע רייד:

— גנעדיקער האַר, דו דאַרפֿסט דאָך אַליין פֿאַרשטיין, ווען דער גראַף וואָלט נישט געוואָלט אַמאָל נעכטיקן אין דעם יאַגד־הויז, וואָלט ער נישט אויסגעבויט אין דער פֿאַרוואָרפֿענער פּוסטשע אַזאַ גרויסן בנין מיט אַזוי־פֿיל פּאָקאָיעס, בעט איך דיר, הייס דעם קוטשער פֿאָרן; און איידער דער גראַף וועט זיך איבערקערן אויף דער אַנדערער זייט דאָרטן אין זאַסולי־

טשער וואַלד, אין זיין יאַגד־הויז, וועט דער קוטשער קומען צוריק און די פערד וועלן שוין עסן זייער האָבער אין קאָניושנע.

— דער גראַף קען אָנקומען יעדע מינוט. און וואָס וועט ער מיר זאָגן? — דער קופּיעץ האָט נישט געוואַרט, און די פערד זענען נישטאָ — האָבן זיך ביי דעם אויפזעער אַרויסגעשפּאַרט די אויגן און די שוואַרצע וואָנצעס האָבן זיך אין טונקעלן ליכט פון שטוב ברייטער און געדיכטער פאַרצויגן אויף זיין פּנים.

ר׳ עוזרן דעם וואַלד־סוחר האָט זיך געדוכט, אַז ער דערקענט נישט דעם גראַפס אויפזעער, אפשר איז אַ נייער אויפזעער אָנגעקומען, דערפאַר רעדט ער צו אים אַזוי.

— און אפשר, — האָט ער נישט געקענט פאַרטרייבן פון זיך דעם פּחד, — ווער ווייס ווער ס׳איז געווען דער עקאָנאָם, פון וואַנען ס׳קומט דער אויפזעער, — האָט ער זיך געוואָלט דערטראַכטן צו עפּעס, וואָס ער האָט נישט געקענט מסביר זיין מיטן שכל:

— ווו בין איך דאָ אין דער וועלט? — און ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט רוגזא צו דעם אויפזעער:

— דו ווייסט ווער איך בין, איך בין דער קופּיעץ, וואָס האַנדלט מיטן גראַף לענגער ווי דו ביסט דאָ, און מיט די טויזנטער וואָס איך האָב אָפּגעגעבן דעם גראַף קען מען, — האָט ער געוואָלט זאָגן: — אָפּקויפן אַלע פערד דעם גראַפס מיט די הויפן. נאָר זיין קול איז אויסגעגאַנגען אין זיין שרעק און ער האָט קוים אויסגערעדט, ווי ס׳פאַלט אַראָפּ אַ טרער:

— גיב מיר די פערד.

— גוט, — איז דער אויפזעער געוואָרן ווייכער און זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן, — אָבער ווו וועל איך נעמען פערד? וואָס וועל איך טון, אַז גלייך ווי דער קוטשער וועט אויסציִען די בייטש אין דער לופטן, וועט זיך אַריינשפּאַרן דער קאָפּ פון דעם גראַפס רייטפערד?

— איז דינג פאַר מיר אַ פאָר פערד! זאָל מיך אַ פויער אָפּפירן אַהיים, און נישט דער קוטשער אין דעם גראַפס שליטן.

— ווייסטו נישט, אַז דער גראַף האָט אויסגעבויט זיינע שטאַלן ווייט פון אַ ישוב, אַז אַרעמער גוי זאָל נישט קענען אַריינגנבענען זיין קליאַטשע צו דעם גראַפס אַן אָגער, טאָ ווי אַזוי קען מען אין דעם שניי צוקומען פון

דאַנען צו אַ דאָרף, און וועלכער פויער וועט דאָס וועלן איינשטעלן זיין באַשעפעניש און אַרויספאָרן ביינאַכט אין אַזאַ וועג? — האָט דער אויפזעער געוואָלט באַווייזן דעם ייִדן, אַז ביי דעם אָרעמען פויער, ביי זיין טאַטן, ביי זיין זיידן איז טייערער אַ פערד ווי ביי אים מיטן גראַף — אַ מענטש.

— ביי איך איז רעכט, — האָט דער אויפזעער געוואָלט באַווייזן די עוולות, וואָס ער זעט יעדע מינוט אויף דער וועלט, ביי דעם גראַף, ביי דעם ייִדן.

ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר האָט אָבער נישט געקענט אויסהערן זיינע רייד, האָט ער אויסגעשריען:

— וועל איך אָפּקויפן ביי אים די פערד! נאַ, נעם וויפל דו ווילסט, גיב מיר אָבער אַ פּאָר פערד! זאָל ער מיר ברענגען אַהיים און צונעמען צוריק די פערד; נעם מיין געלט און באַצאָל וויפל דו ווילסט.

— ער וויל אַלץ אַוועקגעבן איצטער, ווען ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל עס צונעמען, — האָט דער אויפזעער שאַרף אַ קוק געטון אויף דעם ייִדן, — אָבער אַזוי וועט ער נאָכלויפן נאָך אַ געשעפטל פּערציק מאָל פערציק מייל און נישט פאַרגעסן אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר דעם גראַף; זאָל זיך איצטער באַווייזן אַן אָרעמער פויער מיט זיין אויסגעמאָגערט פערדל, וועט ער זיך אָנהייבן דינגען און אויסציילן דעם גראָשן, — האָט דער אויפזעער געטראַכט און געדרייט די גראָבע וואָנצעס, אויסגעצויגן זיי אויף די באַקן און האָט געטאָפּט זיין ווייך אָנגעגאָסן געזיכט. ער האָט עס אָבער מורא געהאַט צו זאָגן דעם קופּיעץ, האָט ער אָפּגעטעמפּט זיינע געדאַנקען, די רייד זאָלן נישט שניידן מיט זייער שאַרפקייט:

— איך זיץ דאָ צו היטן דעם גראַפס פאַרמעגן; דו זעסט, אַלץ ליגט דאָ אין מיינע הענט און קיין זאַך קומט מיר נישט אָן אין מויל, וויל איך אויך איינהיטן דיין געלט. איך וועל עס ביי דיר נישט צונעמען; דאַרפסטו פאַרשטיין, אַז קיין פויער מיט זיין פערד וועט איצטער אַהער נישט קומען. די האָבער איז דאָ אויסגעציילט און אָפּגעקליבן פאַר די יחסנים — פאַר דעם גראַפס רייט־פערד, און נישט פאַר דעם אָרעמען פויער. זיין פּראַצע וועט דער עקאָנאָם ערשט דינגען ביי דעם פויער אין ווינטער, ווען מען דאַרף פאַרזייען די תבואות, וואָס דו האָסט שוין אָפּגעקויפט ביי דעם

גראָף, טאָ וואָס וועט דאָ איצטער טון אונדזערער אַ מענטש מיט זיין אויסגעדאַרטער קליאַטשע?

האָט זיך ר׳ עוזר אַ ריס געטון פון אָרט, נאָר ער איז געבליבן שטיין שווער און פאַרמאַטערט:

— וועל איך גיין צופוס אין דאָרף דינגען, קויפן אַ פערד.

— ביז וואַנען דו וועסט זיך דערשלאָגן צום דאָרף וועט די נאַכט אָוועקגיין, דו קענסט נאָך אין שניי פאַרלירן דעם וועג און פאַרבלאָנדזשען, איצטער קענסטו גאָרנישט אויפטון מיט דיין געלט, האַלט דיין פאַרמעגן — וועסטו ווערן רייכער, וועסט אויסהאָקן גרעסערע וועלדער, אָפּדינגען מערער פעלדער; אַ ייִד האָט ליב געלט, עשירות מאַכט חשובער דעם מענטשן, — איז דער אויפזעער אַראָפּגעפאַלן ביי זיך.

— איך דאַרף נישט קיין עשירות; איך וועל אַוועקגעבן מיין גאַנץ געלט פאַר איין שפאַן, וואָס וועט מיך דערנענטערן צו מיין הויז, און איך ווייס נישט ווי ס׳קומט צו מיר דאָס געלט, — האָט זיך ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר אַראָפּגעלאָזן אויפן בענקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן טיש, און זיך אַוועקגעזעצט אַזוי שווער ווי ער וואָלט מיט זיין גוף זיך אַליין דערדריקט.

— פאַרוואָס ווייס דאָס עשירות בלויז דעם וועג צו דעם רייכן און קומט קיינמאָל נישט צו דעם אָרעמאַן? — האָט דער אויפזעער דערטרונקען זיין שמייכל אין די געדיכטע וואָנצעס און האָט געוואָלט דערמאָנען דעם ייִדן, ווען ער איז געזעסן אין זיין שליטעלע און דער וועג איז געווען פריי און אָפן האָט ער זיך געיאָגט נאָך עשירות, נאָר איצטער, אַז ער איז פאַרשפאַרט געוואָרן אין אַ ווינקל, איז פון זיין גאָלד געוואָרן קופּער און ס׳ווערגט דעם האַלדז. האָט ער עס אַרויסגעבראַכט מיט אַ משל:

— אַ מענטש איז געגליכן צו אַ הונט, — ער האָט זיך אָבער דער־שראָקן פאַר די אייגענע רייד און איז אַנטשוויגן געוואָרן. נאָר פאַר זיך אַליין האָט ער קלאָר געמאַכט: — אַז מען דערלאַנגט אים מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ, וואַיעט ער.

— אַזוי ווי אַ חיה אין שטייג, — האָט ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר אויסגעטייטשט דעם משל אויף זיין אופן און האָט זיך איינגעקוקט אין פענצטער. דער שניי האָט זיך צוגעדעקט מיט דער נאַכט און אָפּגעלייגט דאָס פינצטערניש אויף די שויבן. — ער זעט נישט פון וואַנען ס׳קען

קומען די ישועה; ער האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געיאָגט, איבערגעשפּאַנט אַלע גרענעצן, און איצטער, אַז ער דאַרף קומען אַהיים, צו זיין ווייב, צו נחמהן, קען ער נישט אוועקשטעלן קיין טראָט, אַלע וועגן זענען אָפּגעשניטן. אַזוי וועט ער אָפּשניידן זיינע געשעפטן, — האָט ער זיך איינגעביסן אין זיך, — ער וועט נישט נעמען דעם וויקניער וואַלד, ער וועט לאָזן די מענטשן אַליין אַרויספירן דעם וואַלד.

— און וואָס מיינסטו טו איך דאָ? — האָט דער אויפזעער פּלוצלינג איבערגעשלאָגן דעם ייִדנס רעיונות און אַ זיפץ געטון אויף דעם מזל פון זיינע פיר צענדליגג יאָר לעבן, — בין פאַרשפּאַרט אַ גאַנצן ווינטער אין פּולוואַרעק. — אים האָט אַרומגענומען אַ רחמנות אויף זיך אַליין: — ווען ער־אַ, אָט דער פאַרשוין מיט זיינע ברייטע פּלייצעס און גרויסן קאָפּ, וואָלט נישט געהאַדעוועט זיינע גראָבע באַקן, נאָר געהאַט אַ ביסל שכל, וואָלט ער נישט געדאַרפט זיצן דאָ אין העק און ציילן די האָבער ביי די פערד אונטערן עק, אַזוי — האָט ער אַ קוק געטון אויפן קופיעץ מיט קנאה.

נאָר ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און איז געזונקען אין זיין אייגענעם גוף ווי אַ שטיין לאָזט זיך אַראָפּ אין וואַסער. ער האָט איצטער נישט אויסגעזען ווי קיין קופּיעץ, נייערט ווי אַ פאַרמאַטערטער בעטלער, וואָס איז געקומען פון אַ וויטן שווערן וועג.

האָט דער אויפזעער אָנגעהויבן איינריידן דעם ייִדן מיט דעם רחמנות, וואָס ער האָט געוויקט אין זיין אייגענעם אומעט: — דער גראַף וועט קו־מען פאַרטאָג, איידער די זון וועט אויפגיין — און האָט זיך געבעטן ביי אים: — איך וועל צוגרייטן אַ געלעגער, די נאַכט איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן צו שלאָפן און נישט צו זאָרגן.

— ח —

גראַף סאַמסאָנסקי האָט זיך אומגעקערט אין פולוואַרעק פריִער ווי מען האָט זיך געריכט אויף אים. ער האָט אַריינגעריטן פאַרטאָג איידער ס׳איז ליכטיק געוואָרן און האָט זיך איבערגענומען מיט פריידן:

— ער איז גאַרנישט געפאָרן אויף פּאַלעוואַניע, ער האָט געוואָלט בלויז אָנקוקן דאָס יאַגד־הויז און זיך אומקערן צוריק. ס׳איז אָבער אָנגע־

לאָפן אַ הירש אַנטקעגן, אײדער ער האָט אװעקגעשטעלט אַ טראָט איז װאַלד, און ער האָט זיך אַזױ געצילעװעט אין דער חיה, אַז ער האָט אים געטראָפן אין אױג, — און ער האָט אַנגעװיזן מיט שטאָלץ: — געבראַכט אַ גאַנצן, אַן אַ שפּרינקעלע אױף דער פעל, גלײך װי אַ לעבעדיקן, כאָטש בינד אים אָפּ פון פערד און לאָז אים אַרומשפּרינגען איבערן פּולװאַרעק.

— נישט אַזױ װי איך האָב געטראַכט, — האָט דער אױפזעער געקוקט אױפן גראַף, האָט אָפּגעמאָסטן מיט זײן שאַרפן בליק עװזרן דעם װאַלד־סוחר, און האָט געהיט װי דער ייִד זיך באַנעמט איצטער. אין זײנע אױגן זענען זײ בײדע, — דער גראַף מיט דעם ייִדן, — געװאָרן אײן מענטש און דער „אײן מענטש" האָט אױסגעביטן זײנע עטלעכע צענדליג יאָר לעבן אױף דעם פאַרװאָרפענעם פּולװאַרעק. דער „אײן מענטש" האָט אים, — דעם אױפזעער, — אַװעקגעזעצט דאָ, אין דעם העק אַנטאָן שיך די פערד אױף די פיס. איז ער געשטאַנען אַ פאַרשטױסענער אַן איבעריקער אָן אַ זײט און נישט געװאַגט צוגײן צום גראַף.

דער גראַף האָט זיך נישט אומגעקוקט אױף דעם אױפזעער, ער האָט אָבער אין זײן פרײד נישט פאַרגעסן צו פאַרענטפערן זיך פאַר דעם װאַלד־סוחר:

— אַזאַ פאַל טרעפט בײ אַ יעגער אײן מאָל, אַמאָל אין אַ יאָרהונדערט. דאַרף פאַרשטײן דער פּאַן, אַז נאָך אַזאַ פּאַסירונג קען מען נישט גלײך אַװעקפאָרן און מען דאַרף פײערן די געשעעניש, מיט אַ טרונק, מיט צו־בײסן. איך בין אָבער נישט געבליבן נעכטיקן אין דעם יאַגד־הױז, װײל איך האָב געװוסט, אַז איך האָב געבעטן דעם פּאַן װאַרטן אױף מיר.

— אױפן גראַף איז נישט שװער צו װאַרטן, — האָט ר' עװזר דער װאַלד־סוחר געװאָלט אָפּגעבן כבוד דעם שררה, — אָבער, נאַר, איך בין שױן לאַנג פון דער הײם.

— מײנע פערד װעלן דיך ברענגען אַהײם שנעלער, װי דײן פּױער װעט אױסציִען די בײטש אױף זײן קאָבילע, — האָט דער גראַף געװאָלט אױפװעקן מער פרײלעכקײט בײ עװזרן, — װאָס ביסטו אַזױ פאַראומערט? נישט אױסגעשלאָפן, געשלאָפן אין דער פרעמד?!

ר' עװזר דער װאַלד־סוחר האָט געװאָלט פאַרהערן דעם גראַפס רײד און װידער געפרעגט:

— ווען וועט דער גראַף היסן שפּאַנען זיינע פערד?

— ביין, איך דאַרף פריער אַרומריידן מיט דיר, אַ וויכטיקן ענין, — גאַר אַ גרויס געשעפט...

ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר האָט נישט געהאַט קיין מוט צו זאָגן דעם גראַף, אַז אים אַרן נישט די רייכע געשעפטן, ער יאָגט זיך איצטער נישט נאָך די גרויסע עסקים.

די פייערלעכקייט, וואָס דער גראַף האָט געבראַכט פון יאַגד, האָט געציטערט אין דעם ליכטיקן פראַסטיקן טאָג ווי בלישטשענדיקער שפּינ־וועבס. די רייכקייט האָט זיך געוועלבט איבער די פּריצישע קליידער, איז אויפגעגאַנגען פון דעם כבוד וואָס האָט זיך געטומלט אין פּולוואַרעק, און האָט אַריינגעצויגן ר׳ עוזרן אין דעם גראַפס עסקים, אַזוי ווי די אַרבעט אין זיין וואַלד האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אויף זיין ווייב מיט דעם אומעט פון זיין גרויס צעשפרייט הויז.

זיינע שווערע רעיונות, וואָס האָבן אים געמאַטערט ביינאַכט, האָבן זיך אויסגעלייטערט און האָבן אָפּגעגרענעצט די פינצטערע נאַכט פון דעם ליכטיקן טאָג. האָט ער אויסגערעכנט: — בלויז צוויי נעכט, דער דריטער טאָג; און איידער די זון וועט פאַרגיין, וועט ער שוין זיין אין דער היים.
— האָט ער הכנעהדיק גערעדט צום גראַף:

— וויבאַלד דער גראַף האָט געשיקט נאָך מיר, מסתמא האָט ער אַ וויכטיקן ענין אין זינען.

— יאָ, יאָ, אַ וויכטיקער עסק, איך וויל דו זאָלסט אָנקוקן דעם וויק־ניער וואַלד. דאָרטן איז נאָך קיין האַק נישט געפאַלן אויף קיין שטאַם, וויל איך, אַז דו זאָלסט אַוועקשטעלן די ערשטע טריט.

— דער וויקניער וואַלד, — האָט עוזר אַ ציטער געטון, — אַט אַזוי האָט ער געטראַכט. נאָר דער וואַלד האָט זיך אַ וויג געטון, דאָ אונטער דער ליכטיקער זון מיט דער פינצטערניש פון די שטאַמען, וואָס האָט זיך נעכטן געשפּאַרט אויף דעם קלאָרן שניי, מיט די רעיונות וואָס האָבן אים געמאַטערט אַ גאַנצע נאַכט, האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען:

— אָבער איצטער, היינט, איך מוז פאָרן אַהיים, — און ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ווען ער האָט געוואַרט אויף אים, האָבן זיך די רגעס

אויסגעצויגן ווי שעהן. נאָר דער גראַף האָט אים נישט געלאָזט ריידן און האָט זיך אַליין געאײַלט:

— דאָס איז אַ גרויס געשעפט. דו ביסט טאַקע אַ רייכער סוחר, אָבער אַזאַ עסק האָסטו נאָך נישט דורכגעפירט; דו פאַרשטייסט דאָך, אַז דאָ קענען מיר דאָס געשעפט נישט שליסן, — און ער האָט אָנגעהויבן גיין צו זײַן שליטעלע, וואָס איז געשטאַנען אײַנגעשפּאַנט מיט זײַן פּאָר פערד.

עוזר איז נאָכגעגאַנגען שווער און פּאַמעלעך נאָך דעם גראַף און גע־האַלטן צוגעגרייט אויף די ליפּן זײַנע רייד ווי אַ טיף געבעט: — ווי אַזוי קען איך פאָרן צום גראַף אין הויף, אַז איך האָב צוגעזאָגט מײַן ווײַב. — נאָר אַז דער גראַף סאַמסאָנסקי האָט אים פאַרבעטן אידל מיט אַ שמייכל צו זיצן לעבן אים אין שליטן, האָט עוזר נישט געקענט מעיז זײַן דעם גרויסן שררה. ער האָט אים גאָרנישט געזאָגט, בלויז שטיל אויסגערעדט, ווי ער וואָלט געהאַרכזאַם איבערגעחזרט אַ באַפעל: — פון דאַנען אין הויף איז דאָך אַזאַ ווייטער מהלך.

דער גראַף האָט גאָרנישט נישט געענטפערט דעם ייִדן, ער האָט בלויז מיט גרויס רחבות אויסגעצויגן זײַן בליק אויף די פערד און שאַרף געזאָגט צום קוטשער: — פאָרן!... — אַ ביסל שפּעטער האָט ער געענטפערט דעם ייִדן אויף זײַן אייגענעם אופן: ער האָט אים אָנגענומען פאַרן אַקסל, אָנגע־הויבן אָפּקערן זײַן קאָפּ אויף הינטן און אָנגעוויזן אויף דעם שניי וואָס האָט זיך געהויבן פון די פערדס פּאָדקאָוועס העכער פון שליטן: — דו זעסט וואָס איז געבליבן פון דעם פּולוואַרעק? אָט אַזוי שנעל וועט באַלד קומען אַנטקעגן דער הויף.

— און ווי שנעל וועל איך קענען זײַן אין דער היים? — האָט עוזר איבערגעחזרט די רעיונות, וואָס האָבן געגעבערט זײַן מוח, גלײַך ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין.

— אַזוי גיך ווי מיר וועלן אָפּשליסן אונדזער עסק, — האָט דער גראַף אַ קוק געטון דעם ייִדן אין פּנים אַרײַן: — דאָרטן אין דאַנציק, אין ריגע, דאַרפן זיי האָבן מײַן געהילץ, די וועלט בויט זיך איבער; נײַע וועגן, נײַע באַנען, לאַנגע בריקן, — און ער האָט אָנגעהויבן שמייכלען: — זיי לייגן אויס נײַע וועגן און איך דאַרף אויסצײַלן אַלטע אַסיגנאַציעס, אָבער גלײַך, איך קען נישט וואַרטן ביז די טאַרגעס.

— קענען מיר דאָך אָפּשליסן דעם ענין אַט־דאָ אויפֿן וועג, ביים גראַף אין שליטן, — האָט זיך ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר געבעטן, — צו וואָס דאַרפֿן מיר פֿאָרן צום גראַף אין פּאַלאַץ?

— ניין, ניין — האָט גראַף סאַמסאָנסקי געשאָקלט מיטן קאָפּ, — דאָ אויפֿן פֿראָסט וועסטו קיין סך נישט קענען אָנציילן, די פֿינגער וועלן פֿאַרפֿראָרן ווערן. אַז מיר וועלן זיך אַוועקזעצן ביים טיש אין פּאַקאָי, וועלן מיר איבערציילן; און אַטאָ איז שוין דער הויף, שנעל געקומען?!...

— אַזוי גיך זאָל איך נאָר קומען אַהיים, — איז עוזר געוואָרן אויפֿגעלייגט, גלייך ווי ער וואָלט שוין געזען ווי די פּאָר פֿערד שטעלן זיך אָפּ לעבן זיין שטוב.

און אַז מען איז אַריין אין פּאַלאַץ, האָט ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר נישט געאיילט דעם גראַף צו ריידן וועגן דעם געשעפֿט. ער זאָל נישט מיינען, אַז דער ייד יאָגט זיך נאָך דעם עסק, — ער האָט בלויז אין זינען געלט און איז נישט גרייט צו טון אַ טובה אַ פּריץ.

האָט ער אָנגעצויגן אויף זיך אַ רויִקייט און האָט ווידער גערעכנט און איבערגערעכנט: — היינט איז ערשט מיטוואָך, און ער איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער היים מאָנטיק אין דער פֿרי. ווי לאַנג האָט גענומען אַהער פֿון פּולוואַרעק? — האָט ער שוין געזען ווי ער יאָגט זיך אַהיים מיט דעם גראַפֿס פֿערד.

און אַזוי רויִק האָט ער אויסגעהערט דעם גראַפֿס רייד, אַז ער דאַרף גלייך האָבן אַ צענדלינג טויזנט רובל. ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר האָט אויסגערעכנט, אַז ער קען געבן דאָס געלט און נישט פֿאַרענגען זיך, האָט ער שטיל געענטפֿערט דעם גראַף:

— אין אַ וואָך אַרום...

— און וויפֿל קענסטו היינט, באַלד אויסציילן? — האָט דער גראַף געפֿרעגט.

— איצטער, איצטער — האָט עוזר איבערגעחזרט, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פֿאַר עפּעס.

— פֿאַרוואָס ענטפֿערסטו נישט? — איז דער גראַף צוגעשטאַנען.

— איך האָב געלט, — האָט עוזר נישט פֿאַרבאָרגן קיין זאַך פֿון דעם

גראַף. — אָבער קליינע אַסיגנאַציעס, וואָס איך האָב גענומען אין וואַלד אויסצאָלן די פויערים; ווי קען איך אַזאַ געלט געבן דעם גראַף?

— דאָס איז אויך געלט, — האָט דער גראַף אַ קלאַפּ געטון דעם ייִדן אין פּלייצע, — לאָמיר עס אויסציילן...

האָט עוזר אויסגעטאָן דעם קאַפּטן און פון די קעשענעס, וואָס זענען געווען איינגענייט איבערן גאַנצן אונטערשלאַק, האָט ער אָנגעהויבן אַרויסנעמען הויפנס פינף־ צען־רובלדיקע אַסיגנאַציעס און אויסגעלייגט זיי אויפן טיש.

אין מיטן דערינען איז געוואָרן אַ טומל אין פּאַלאַץ; און איין קול האָט איבערגעשריען אַלעמען: — איך מוז גלייך זען דעם קופּיעץ! — דאָס קול פון זיין שכן אַגוסטין, האָט עוזר דערקענט, און איז אַרויסגעלאָפן אָן אַ קאַפּטן מיט אַ הויפן אַסיגנאַציעס אין האַנט. ער איז צוגעפאַלן צו אַגוסטינען און זיינע רייד זענען אָפּגעליימט געוואָרן. — וואָס מאַכט מיין ווייב?

— איך האָב דיר געבראַכט אַ בריוו, געהייסן נאָר דיר אין האַנט אָפּגעבן!

עוזר האָט נישט געדענקט צי ער האָט דורכגעלייענט דעם בריוו, ער האָט אָבער קלאָר געהערט ווי ער האָט זיך געבעטן ביים גראַף, גלייך ווי אַ פרעמד געוויין וואָלט זיך געטראָגן איבערן פּאַלאַץ: — גיב מיר דיינע פערד, מיין פערד און שליטן האָב איך איבערגעלאָזן אין וואַלד; דיינע פערד, דיינע פערד.

— איך וועל גלייך הייסן שפּאַנען די פערד, — האָט דער גראַף געפּרוּווט טרייסטן דעם ייִדן, — און איידער דו וועסט זיך אַרומקוקן, וועסטו שוין זיין אין דער היים.

— אין אַ שעה, אין דריי שעה... — האָט עוזר געשעפּטשעט.

— ס׳וועט מער נישט נעמען, — האָט דער גראַף געמאָסטן די רייד. — אָבער צייל איבער פריִער דאָס געלט...

— דאָס געלט! — האָט זיך עוזר געכאַפּט, אַז ער האַלט נאָך דעם הויפן אַסיגנאַציעס, האָט ער אַרויסגעלאָזט די פּאַפּירלעך פון די פינגער, ווי ס׳פאַלט עפּעס אַרויס פון אַ שלעפּעריקער האַנט, און געקוקט מיט בלינדע אויגן אויפן טיש. ער האָט געזען אַז די פּאַפּירלעך קאָרטשען זיך

ווי פונקען פייער צינדן זיך אין העגט, לאַנגע שפּיציקע, ווי שאַרפע נעגל, שאַרן שוואַרצע קוילן.

ער האָט זיך געלאָזט אַנטאָן דעם פלאַשטש און איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם קוטשער מיט אַגוסטינען, גלייך ווי זיין גוף וואָלט זיך אַראָפּגעוויגן אויף זייערע אַקסלען.

און פון אונטער די טריט ווי ס׳פּויזשען קאַליקעס, ווי ס׳קריכן שרצים, האָבן זיך געשאַרט טויטע דערשטיקטע ווערטער:

— איך דאַרף נישט...

— איך וויל נישט...

און מיט פאַרמאַטערטע רייד האָט אַגוסטין דערציילט און האָט זיך פאַרענטפערט פאַרוואָס ער איז געקומען אַזוי שפּעט:

— מען האָט אים אַרויסגעשיקט נעכטן אין וואַלד, האָט ער דעם פאַן נישט געטראָפן, זיך געיאָגט אין וויקניער וואַלד, זיך געיאָגט און גע־בלאָנדזשעט, דאָס פערד איז נאַס געוואָרן, קיין קאָפּ וואַסער נישט געהאַט אין מויל, קוים אָנגעקומען אין פאַלאַץ, פרעמדע, נישט זיין ווייב האָבן אים געהייסן זיך יאָגן, נישט זשאַלעווען דאָס פערד, — האָט ער אַרויס־געטריבן דעם דוך ביי דער קליאַטשע, ער האָט אָבער נישט געכאַפּט דעם פאַן, דערפאַר איז ער געקומען אַזוי שפּעט.

האָט ר׳ עוזר דער וואַלד־סוחר אַרויסגעלאָזן אַ גרויס יאָמער־געוויין: פאַרשפּעטיקט!

אליהו הנביא דערפרייט א יידן
פסח צום סדר

אין דעם קליינעם ישוב זשירעווע האָט מען אויף אַ ייִדן, וואָס יאָגט זיך נאָך אַ מצווה, וואָס איילט זיך טון יענעם אַ טובה, געזאָגט: „זוכה זיין בהמהלע". אַז מען האָט געוואָלט אָנווייזן אויף עמיצן, אַז ער איז פרום, ערלעך און גאָטספאָרכטיק, פלעגט מען אויסצי:ען די ווערטער: „אַהאָ, זיין בהמהלע האָט פאַרבלאָנדזשעט".

די עלטערע ייִדן פון זשירעווע האָבן וועגן דעם דאָזיקן ווערטל דער־ציילט אַזאַ מעשה: מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט אין זשירעווע געוווינט אַ ייִד — עוזר דער וואַלד־סוחר מיט זיין ווייב נחמה. זייערע קינדער זענען זיך צעפאָרן איבער דער וועלט און קיינער איז פון זייער משפחה נישט איבערגעבליבן אין זשירעווע. עוזר מיט נחמהן האָבן אָבער איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ גוטן נאָמען, און פון זיי שטאַמט דאָס ווערטל: „ער זוכה זיין בהמהלע"...

אין די יונגע יאָרן האָט עוזר דער וואַלד־סוחר געהאַט אַ סך עשירות און געשמט איבער דער וועלט פאַר אַ גרויסן בעל־צדקה. ער האָט מיט זיין ווייב און קינדער פאַרוווינט אַ גרויסע שטוב מיט אַ סך חדרים, און פון אַלע חדרים האָבן ביינאַכט געלויכטן די בליץ־לאָמפּן אין די פענצטער, אַז אַ דורכגייער זאָל נישט פאַרזען זיין הויז און אַן אָרעמאַן זאָל נישט אויס־מיידן די טיר פון זיין שטוב.

זענען אורחים נישט פאַרבייגעגאַנגען עוזרס שטוב. אָרעמעלייט האָבן

אַנגעלייגט וועג זיי זאָלן אָנצינען פאַר ליכט־בענטשן קיין זשירעווע און האַלטן שבת ביי עוזרן אין שטוב. פסח צום סדר איז ביי עוזרן אין הויז געווען פריילעכער ווי ביי די ייִדן פון גאַנצן ישוב, ווייל ביי זיין טיש זע־נען געזעסן אורחים פון אַלע עקן וועלט און זיי האָבן פאַרקלונגען די שטוב מיט די ניגונים, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון די ווייטע וועגן און שטעגן.

אויף די עלטערע יאָרן איז עוזר דער וואַלד־סוחר געוואָרן, נישט פאַר קיין ייִדן געדאַכט, אַן אָרעמאַן, אַ ייִד אַ יורד. פון אים האָט זיך אָפּגע־טון די הצלחה. ער האָט מער נישט געקענט געבן קיין צדקה און האָט נישט געקענט מקיים זיין די מצווה פון הכנסת אורחים.

אַ גאַנצע וואָך האָט עוזרן נישט געאַרט זיין אָרעם לעבן, נאָר שבת און יום טוב האָט ער נישט געקענט פאַרגעסן אויף זיין אַמאָליקער עשירות.

אַז ער האָט זיך פסח אַוועקגעזעצט צום סדר און אַ קוק געטון ווי די שטולן שטייען שווערע, ליידיקע, דער טיש ציט זיך אויס אַ לאַנגער, אַ ווייטער און ער אַליין מיט זיין ווייב זינקען איין אין דער שטילקייט, וואָס דער ברעג ווייסער טישטוך האָט אויסגעטיילט פאַר זיי ביידן אין דער גרויסער שטוב — האָט זיך ביי עוזרן אויפגעוועקט אַ טיפע בענקעניש נאָך דער פרייד, וואָס האָט אַמאָל פאַרקלונגען זיין הויז פסח צום סדר.

אים איז שווער געווען צו דערציילן די וווּנדער פון יציאת מצרים און לויבן דעם בורא עולם, וואָס האָט אויסגעלייזט דאָס פאָלק ישראל פון פרעהס הענט, נאָר ער האָט געזיפצט אויף זיין אייגענעם מזל, וואָס פון אים האָט זיך אָפּגעטון זיין עשירות, זיינע קינדער זענען צעשפרייט און צעזייט איבער דער וועלט און ער איז אַזוי אָרעם, אַז ער שעמט זיך אַפילו צו נעמען צו זיך אַן אורח צום סדר.

ער האָט אָפּגעזאָגט די הגדה איידער ס'האָבן אויסגעברענט די ליכט, וואָס נחמה האָט אָנגעצונדן לכבוד יום־טוב, און ער האָט זיך איינגעקוקט ווי זיין ווייב זיצט ביים טיש אַ מידע און דרעמלט.

אים איז שווער געווען צו דערפרייען דעם ווייב מיט דער פרייד פון יום־טוב, ווייל ביי זיך אין שטוב האָט ער בלויז געזען די שווערע שאָטנס פון די ליידיקע חדרים. איז ער מקנא געווען די ייִדן פון זשיטעווע, וואָס

זיצן איצטער ביים סדר צוזאַמען מיט זייערע קינדער, מיט אורחים און זאָגן נאָך די הגדה.

האָט ער זיך אויפגעהויבן פון היסב־בעט און אָנגעהויבן אַרומגיין אי־בער דער שטוב. ער האָט שווער אַראָפּגעוויגן אויף זיך זיינע זעקס צענדליק יאָר, ווי ער וואָלט געוואָלט איינזינקען אין זייער עלטער. נאָר זיין שאָטן האָט זיך אויפגעהויבן אויף די ווענט העכער פון זיין הויכן וווּקס, אַרויסגעשפּאַרט זיין געשטאַלט פון דער באַהעלטעניש און גערייצט זיך מיט אים: „וואָס וועסטו טון אין שטוב? די פרייד פון דיין יום־טוב שיינט ביי פרעמדע טישן און קיין שלאָף נעמט דיך נישט?"

האָט עוזר נישט געזען דעם אומעט, וואָס די רעשטלעך פון זיין אַמאָליקער באַלעבאַטישקייט האָבן איצטער פאַרצויגן ביי זיין ווייב אויפן פנים. ער האָט זי איבערגעלאָזן אַליין אין הויז און איז אַרויס אין דרויסן.

— —

די לבנה איז געשטאַנען אַ קיילעכדיקע, אַ קלאָרע אין מיטן הימל. דער הימל האָט זיך אויסגעצויגן ברייט און ווייט און האָט זיך אויפגעהויבן הויך, העכער איבער זיינע ווייטקייטן. אַ דין, דורכזיכטיק פרעסטל האָט געציטערט אין דעם שיין פון דער לבנה און געשמעקט מיט דעם ריח פון פרילינג.

דאָ אין דרויסן האָט זיך פאַר עוזרן אַנטפּלעקט דער יום־טוב פּסח פריילעכער ווי ביי זיך אין שטוב און האָט אים אַוועקגעצויגן איבער דער לאַנגער גאַס. פון די גויאישע הייזער האָט זיך אָפּגעזעצט די ביינאַכטיקע שטילקייט. ביי זיי אין די פענצטער איז שוין געווען פינצטער און די שאָטנס פון די דעכער האָבן זיך שווער אָפּגעלייגט פאַר עוזרס טריט. פון די ייִדישע הייזער האָט אָבער געפינקלט אַ שיין אין די שפּאַרונעס פון די פאַרהאַנגענע פענצטער און האָט זיך געטונקט אין דעם קול פון דער הגדה. עוזר האָט נישט באַמערקט ווי ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן הירשל דעם קרעמערס הויז. דער ליילעך, וואָס האָט פאַרהאַנגען דאָס פענצטער, האָט זיך אַראָפּגערוקט פון טשוואָק און עוזר האָט קלאָר געזען ווי דאָס גאַנצע הויזגעזינט זיצט נאָך ביים טיש צום סדר, דער טאַטע מיט דער מאַמען מיט די זעקס קינדער און צוויי פרעמדע אורחים. זיי זינגען ערשט „כי לו נאה, כי לא יאה".

ער האָט זיך אַנגעשפּאַרט אָן דעם פּלויט פון הירשלס הויף, איינגע־ביסן זיין בליק אין דער שיין, וואָס האָט זיך אַרויסגעשניטן פון פענצטער און האָט אויסגעצײלט און איבערגעציילט די זין מיט די טעכטער, וואָס זענען געזעסן צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע און די אורחים ביים טיש.

ער האָט אויסגעלייגט זיינע טענות, ווי אַ הונגעריקער מאַנט אַ ביסן ביי אַ געגרייטן טיש, פאַרוואָס האָט גאָט צוגענומען די פרייד פון זיין שטוב און איבערגעענטפערט אין אַן אַנדער הויז.

די יידן פון זשירעוויע זענען געזעסן ביי די סדרים, זיך געפרייט מיט דעם יום־טוב און קיינער האָט זיך נישט דערמאַנט אויף עוזר דעם וואַלד־סוחר, וואָס איז געוואָרן אויף די עלטערע יאָרן אַ יורד. הירשלען דעם קרעמער איז נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז אַ ייד שטייט אין דרויסן און היט זיינע פענצטער.

נאָר אליהו הנביא, וואָס לאָזט נישט דורך פּסח ביינאַכט קיין איין יידיש הויז, האָט דערזען ווי ביי עוזרן הייבט אָן פון גרויס אומעט די קנאה זידן אין די אויגן. האָט ער נישט געקענט צוקוקן ווי פון גרויס בענקעניש צו דער חדווה פון יום־טוב, קען נאָך אַ ייד געבראַכט ווערן ח״ו צו די שווערע זינד פון קנאה, און האָט זיך באַוויזן צו עוזרן. ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ נידעריקן פויערל מיט אַ הויכן שטעקן, איז צוגע־גאַנגען צו עוזרן, און האָט שטיל געזאָגט:

— דאָברי וועטשער טשעלאָוועטשע — גוט אָוונט באַלעבאָס — דו ביסט אַרויסגעגאַנגען זיך דורכגיין אין אַזאַ שיינער נאַכט?

— יאָ, זיך דורכשפּאַצירן — האָט עוזר אַ ציטער געטון און איבער־געחזרט נאָכאַמאָל — בלויז זיך דורכגיין.

ער האָט אַ קוק געטון אויף דעם פויערל: „ער טראָגט אַ קורצן פּעלצל, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק און דער שטעקן איז העכער פון אים. מסתמא גייט ער פון אַ ווייטן מהלך״. האָט ער אים געוואָלט בעטן אַריינגיין צו זיך אין הויז אָפּרוען, אָבער ווי נעמט מען אַריין אָן ערל פּסח אין שטוב? אפשר האָט ער חמץ אין קעשענע? האָט ער בלויז געפרעגט:

— פון וואַנען ביסטו? דו קומסט מסתמא פון אַ ווייטן וועג?

— ניין, איך בין קיין סך נישט געגאַנגען. איך בין פון דאַנען — האָט דאָס גויעלע ווייך אַ קוק געטון אויף דעם יידן.

עוזר איז שוין ווייט אָפּגעטראָטן פון הירשלס הויז. ער האָט איבער־געלאָזן הינטער זיך דעם שאָטן פון דעם דאָך, און דער שיין פון דער לבנה האָט זיך ליכטיק אויסגעצויגן פאַר זיינע אויגן. האָט ער דערזען, אַז דאָס פויערל איז אים באַקאַנט. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט דער־מאָנען פון וועלכן דאָרף ער איז. האָט ער אָנגעהויבן אויסרעדן:

— דו ביסט פון...

— יאָ, יאָ — האָט דאָס גויעלע געהאָלפן אויסזאָגן די ווערטער און עוזרן האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון דאָרף. האָט ער ווייטער געפרעגט:

— טאָ וואָס טוסטו אַזוי שפּעט דאָ אין זשירעווע? — דו ווייסט דאָך, אַז היינט איז ביי ייִדן יום־טוב און מען קען גאָרנישט קויפן?

— איך דאַרף גאָרנישט קויפן, נאָר איך זוך מיין בהמהלע — איז דאָס פויערל געגאַנגען מיט דראָבנע טריט.

— דאָ אין זשירעווע? — ווונדערט זיך עוזר.

גיט דאָס פויערל צו פאַרשטיין דעם ייִדן:

— ביי מיר איז היינט פאַרנאַכט פאַרפאַלן געוואָרן מיין בהמה; אַרויס פון שטאָל און נישטאָ. זאָגט מען ביי אונדז אין דאָרף, אַז היינט איז ביי ייִדן אַזאַ יום־טוב, אַז זיי וואַרפן אַרויס אין גאַס דאָס גאַנצע ברויט. טראַכט איך, אַז מיין בהמהלע האָט זיך אויסגעהונגערט פון ווינטער, איז זי מסתמא אַוועק זוכן דאָס ברויט. גיי איך אַרום איבער די ייִדישע הויפן, אפשר וועל איך דאָרטן געפינען מיין בהמה.

דאָס גויעלע איז אַרויף אויף אַ ייִדישן הויף און איז באַלד אַרויס צוריק מיט אַ טיפן זיפץ:

— נישטאָ דאָס בהמהלע... די איינציקע באַשעפעניש, וואָס איך האָב אין מיין באַלעבאַטישקייט.

האָט עוזר אָנגעהויבן טרייסטן דעם פויערל:

— זיי נישט פאַרומערט. גאָט וועט געבן און דו וועסט געפינען דיין בהמה. דו ווייסט דאָך, אַז דער אייבערשטער פאַרלאָזט נישט דעם אָרעמאַן.

וויל דאָס פויערל באַווייזן דעם ייִדן זיין חכמה, וואָס די יאָרן האָבן איינגעקאָרבט אין די קנייטשן פון זיין פּנים, און ער זאָגט:

— גאָט איז זיך מרחם אויף יעדן מענטשן, ווען אים איז נישט גוט.

ער איז ווידער פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ יידישן הויף, נאָר ער איז שנעל אַרויס פון דאָרטן אַ פריילעכער:

— מיר דוכט זיך, אַז איך האָב געהערט ווי דאָרטן אַ ביסל ווייטער מעקעט מיין בהמה.

— יאָ, דאָרטן איז אַ יידישער הויף. נחום דער שוחט וווינט דאָרטן — ענדיקט די רייד עוזר שטילערהייט, ווי ער וואָלט דאָס געזאָגט צו זיך אַליין, און הייבט אָן איילן דעם פויערל:

— די בהמה קען נאָך אַוועקגיין.

— ס'איז נישטאָ זיך וואָס צו יאָגן — גייט דאָס פויערל פאַמעלעך און האַלט איין דעם יידנס טריט. — וואָס וויל נעבעך דאָס אָרעמע באַשעפעניש? אַ פּאָר קערנער, אַ ביסל גראָז און ווי באַלד ס'האָט אָפּגעגעסן, ס'איז זאַט, וועט שוין די בהמה נישט אַוועקגיין.

— ער איז מיט מער בטחון ווי איך — פאַרשעמט זיך עוזר און ער פאַרענטפערט זיך פאַר דעם אַלטיטשקן:

— אמת, אַ מענטש דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף גאָט...

הייבט דאָס פויערל אויף זיין בליק העכער פון זיין שטעקן, טוט מילד אַ קוק אויף דעם יידן, ווי ער וואָלט אים אַ גלעט געטון מיט דעם שיין פון דער לבנה, און דערציילט אים וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין פעלד ביי דעם אָקס מיט דעם אַקער, און וואָס ער איז דערגאַנגען ביי די שאָף אויף דער פּאַשע:

— אַז איך וואָלט זיך נישט פאַרלאָזן אויף גאָט אין הימל, וואָלט איך קיינמאָל נישט דערלעבט צו זען ווי די תבואה גייט אויף אין פעלד. דו וואַרפסט אַריין די זריעה אין אַסיען אין דער ערד, און וואָס זעסטו פאַר די אויגן? — בלאָטע, רעגן, שניי. ווען דער מענטש זאָל נישט האָבן קיין בטחון, אַז ס'וועט אויפגיין כפל כפליים, וואָלט ער געזשאַלעוועט דאָס ביסל תבואה, וואָס ער נעמט צו ביי די קינדער פון מויל; דער פויער וואָלט קיינמאָל נישט פאַרזייט די פעלדער און ער וואָלט אויסגעגאַנגען פון הונגער.

— האָסטו אַ סך פעלד? — האָט עוזר אַ קוק געטון אויף דעם פויערל און געוואָלט דערגיין פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ קלוגער אַלטיטשקער פּסח ביינאַכט אין זשירעוועֹ. ער האָט אַ טראַכט געטון; זוכט ער טאַקע

זיין בהמהלע אויף די יידישע הייף? און האָט אַ ציטער געטון: „אפשר?...״ נאָר דער שיין פון דער לבנה האָט אים אַריינגעלויכטן אין די אויגן מיט דער לויטערקייט פון הימל. ער האָט דערזען, אַז דאָס פּנים ביי דעם גויעלע איז צעקנייטשט און צעאַקערט פון די יאָרן און ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז דאָס איז זאַכאַרקאָ פון זאַווערשע, האָט ער זיך פאַרחידושט: „ער לעבט נאָך?״ און אויסגערופן מיט אַ שמייכל:

— זאַכאַרקאָ, איך האָב דיך נישט דערקענט!

האָט זיך זאכארקא אָפּגעשטעלט, זיך אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן:

— דערפאַר פרעגסטו וויפל פעלד איך האָב.

— טאָ זאָג מיר, דו האָסט נאָך כוח צו פיטערן די שאָף? — האָט עוזר געפרעגט ביי אים ווי ביי אַן אייגענעם מענטשן. ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז גראַף סאָמסאָנסקיס פאָטער האָט נאָך געזאָגט, אַז ער וואָלט פאַרשמיסן אַ גאַנצן דאָרף גויים, נאָר ער וואָלט איבערגעלאָזן איין זאַ־כארקאן צוליב זיין טיפער חכמה. האָט ער שטיל אויסגערעדט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע — וויפל פעלט דיר ביז אַ הונדערט?

— קיין הונדערט נישט, אָבער דעם שוועל פון נייַנציק האָב איך שוין איבערגעטראָטן. נאָר דאַנקען גאָט — האָט זיך זאכארקא אָפּגעשטעלט און אָנגעוויזן מיטן שטעקן אויף דער לבנה, — דו זעסט די לבנה, זי פאַרגייט אַ דינע, אַ פאַרשניטענע און גייט אויף אַ פולע, אַ קיילעכדיקע. אַזוי איז אויך מיט דעם מענטשן: אַז ער איז ווערט ביי גאָט, ווערן זיינע יאָרן באַנייט אויף דער עלטער מיט נייעם כוח.

— אָבער דאָס, וואָס ווערט אָפּגעשניטן אין די יונגע יאָרן — האָט זיך עוזר דערמאָנט אויף זיין אַמאָליקער עשירות.

ער האָט אַ זיפץ געטון און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אין די שאָטנס, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף דער ערד.

— עוזר — האָט זאכארקא אַ טרייסל געטון דעם יידן פאַרן אָקסל — הויב אויף בעסער דעם קאָפּ, טו אַ קוק אויפן הימל און זע ווי ליכטיק ס׳שיינען די שטערן.

דער אומעט האָט אָבער שווער אַראָפּגעצויגן עוזרס קאָפּ צו דער ערד. ער האָט זיך נישט אָפּגעקערט צו זאכארקאן און אָנגעהויבן אָפּטרעטן

פון אים. זאַכאַרקאַ האָט אים נישט פאַרהאַלטן. ער האָט זיך בלויז אַוועק־געשטעלט אַפּריזער פון אים און שטיל אויסגערעדט:

—איך וויל עפּעס פרעגן ביי דיר. זאָג מיר, פאַרוואָס פייפט אַ פּאַס־טוך אויף אַ פייפל, ווען ער פיטערט זיין טשערעדע?

— דו ביסט דאָך אַ פּאַסטוך — האָט עוזר אַ שמייכל געטון — טאָ זאָג דו מיר...

— דו אַנטלויפסט אָבער — האָט זאַכאַרקאַ אַרויסגענומען זיין פייפעלע פון בוזעם און אַ קוק געטון עוזרן אין פּנים אַריין. — איילן טאָר מען זיך נישט. זעסט דאָך ווי איך גיי מיט דראָבנע טריט און איך האָב שוין, דאַנקען גאָט, אָפּגעטראָטן ניין צענדליק יאָר.

— גוט, איך וועל דיך פאָלגן. איך וועל זיך נישט איילן — האָט זיך עוזר אָפּגעשטעלט.

— וועל איך דיר דערציילן פאַרוואָס אַ פּאַסטוך פייפט אויף אַ פיי־פעלע: ווייסטו דעמאָלט אפשר קוקן אויף די שטערן, וואָס באַשיינען גאָטס הימל און נישט אויף די שאָטנס, וואָס פאַרפינצטערן די ערד. אַז אַ פּאַס־טוך זיצט אַליין אַ גאַנצן טאָג אין פעלד מיט זיין טשערעדע ווערט אים אומעטיק, ס'פאַלט אויף אים אַן אַן אומעט, און דער אומעט איז דער ערגסטער שונא פון דעם מענטשן אַזוי ווי דער טייוול. די שעפּסן — גאָטס באַשעפענישן — דערשמעקן דאָס, זיי דערפילן דעם פּאַסטוכס אומעט און ווערן אַליין אויך אומרויִק. זיי האַלטן זיך נישט צוזאַמען, שלאָגן זיך אָפּ פון דער סטאַדע און אַנטלויפן. דער יונגער פּאַסטוך, וואָס קען נאָך נישט די נאַטור פון די שאָף, ווערט אין כעס, הייבט אָן שרייען, קנאַקן מיט דער בייטש און יאָגט זיך נאָך די שעפּסן. כאַפּט ער אַ לעמעלע, אַנטלויפט אַ שעפּעלע. וואָס איז דער סוף? אַז ער קומט פאַרנאַכט אין דאָרף מיט דער טשערעדע, כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט איבערגעלאָזן אין פעלד אַ צענדליק שעפּסן, אַ וואָלף זאָל זיי פאַרצוקן מיט די קאָפּיטעס. אַן אַלטער פּאַסטוך אָבער, וואָס האָט שוין געזען אַזוי פיל זומערן וויפל שעפּסן ער האָט ביי זיך אין סטאַדע, ווייס, אַז די שאָף אַנטלויפן נישט פון סטאַדע, נאָר פאַרקערט, זיי טוליען זיך איינע צו די אַנדערע ווי אַ פולער זאַנג בייגט זיך צו אַ צייטיקן זאַנג. דער אַלטער פּאַסטוך, דער קלוגער פיטע־רער פאַרטרייבט פון זיך דעם אומעט, זיינע שאָף זאָלן נישט ווערן אומ־

רויק. ער הייבט אָן פּייפן אויף זיין פּייפל און שפּילט אויס מיט די פינגער איבער די לעכלעך אַלערליי ניגונים. ווערט אים פריילעכער, די שעפּסן האַלטן זיך צוזאַמען מיט דער סטאַדע און עסן זאַטער. אַזוי איז אויך מיט דעם מענטשן: ער דאַרף אויפוועקן אין זיך די פרייד — דאָס פּייפל, — וואָס גאָט האָט אַריינגעגעבן אין אים, ווען ער איז געבוירן געוואָרן. אַז ער וועט שפּילן אויף זיין פּייפעלע, לויבן גאָט פאַר דעם געשאַנק וואָס דער אייבערשטער האָט אים געגעבן, וועט ער קוקן שטענדיק אויף דער ליכטיקייט פון די שטערן און נישט אַראָפּלאָזן זיין בליק אין דער פינצ־טערניש פון קנאה.

— דו ביסט גערעכט... — האָט עוזר אַ קוק געטון אויף זאַכאַרקאַס פּייפל, אָט אַזוי ווי אַ קינד קען נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון אַ פיינער שפּילצייג.

— איך וועל דיר געבן דאָס פּייפל. ביי מיר אין טאָרבע האָבן זיך גענוג אָנגעקליבן פון די זומערן, וואָס איך פּיטער די שעפּסן. נאָר צו וואָס דאַרפסטו אַ פּייפל? יעדער מענטש טראָגט אין זיך אַ ניגון. דאָס פּייפל פּייפט דאָס בלויז אַרויס — האָט דער אַלטיטשקער ווייך גערעדט, און מיט זיינע רייד אויסגעלעקט ביי עוזרן דעם אומעט פון די אויגן.

האָט זיך עוזר דערפרייט, וואָס ער קען אָנזאָגן זאַכאַרקאַן, אַז ער הערט ווי זיין בהמה מעקעט ביי נחומען אויפן הויף און ער האָט זיך געאיילט אָנווייזן מיטן פינגער:

— אָט דאָ־אָ...

— ווהין אַ בהמה קען עס פאַרקריכן — האָט זאַכאַרקאַ געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער איז אַרויף אויפן הויף און האָט אַרויסגעפירט זיין בהמה, אַן אויסגעפּאַשעטע, אַ פולע, אַ קיילעכדיקע, אַזוי זאַט ווי אַ קו קומט אין מיטן זומער פון פעלד.

האָט עוזר אַ שמייכל געטון:

— זי האָט געוווּסט צו וועמען אויפן הויף אַרויפצוגיין.

— אַ באַשעפעניש האָט אַמאָל מער שכל פון אַ מענטשן — האָט זאַכאַרקאַ אַרומגעבונדן שטייפער די שטריק אַרום זיינע לענדן און אָנגע־הויבן אָפּטרעטן פון עוזרן.

— דו פאַרנעמסט זיך שוין אַהיים? — איז עוזרן געוואָרן אַ שאָד, וואָס דער קלוגער אַלטיטשקער גייט אַוועק.

— זע ווי דער הימל איז שוין אויסגעשטערנט — האָט דאָס פויערל אויפגעהויבן דעם קאָפּ העכער פון דעם הויכן שטעקן. — ס׳איז שוין אַוודאי נאָך האַלבער־נאַכט, און ביז וואַנען איך וועל קומען אַהיים וועט מיין בהמהלע נאָכאַמאָל ווערן הונגעריק.

עוזר האָט אַ קוק געטון אויפן הימל און האָט אויסגעצויגן זיין בליק אויף זאכארקאַן. דער אַלטיטשקער האָט זיך שוין ווייט דערווייטערט פון אים, ווי ער וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן פון אַ באַרג און איז פאַרלוירן געוואָרן פון זיינע אויגן. פון ווייטן האָט זיך בלויז געהערט ווי ער פייפט אויף זיין פייפל און דער ניגון האָט ווייך געציטערט אויפן ווינט אין דער לופטן.

דער הימל האָט זיך אויפגעהויבן העכער פון די שטערן. די שטערן האָבן געציטערט אין זייער אייגענעם שיין, זיי זענען געפאַלן איינע אויף די אַנדערע, פולע, צייטיקע און אָפּגעקלונגען מיטן פייפן פון דעם פייפל. עוזרן האָט זיך געדוכט, אַז ער שטייט נישט אויף איין אָרט, נאָר וויגט זיך אין דער ליכטיקייט, וואָס די לבנה האָט אַראָפּגענידערט נידעריק, נידעריקער פון די שטערן אין הימל, און אויסגעשפּרייט ביי עוזרן אין שטוב.

עוזר האָט דערזען זיין ווייב ליגט אין בעט און אויף איר פּנים רוט די פרייד פון יום־טוב. האָט ער אָנגעהויבן זאָגן שיר השירים מיט דעם ניגון, וואָס דער אַלטיטשקער האָט געפייפט אויף דעם פייפל און האָט געזען די פרייד פון סדר, וואָס האָט זיך פאַרצויגן שפּעט, שפּעטער ווי אַלע יאָר, טיף אין דער נאַכט אַריין.

— —

און אַז ר׳ עוזר איז אויף מאָרגן אין דער פרי געקומען צו ר׳ חיימען דאַוונען צום מנין, האָט נאָך אויף זיין פּנים גערוט די פרייד פון סדר.

„וואָס פאַר אַן אורחים האָט ער געהאַט, ווען האָט ר׳ עוזר געקענט פאַרבעטן, אין זיין אָרעמקייט, צום סדר“, — האָבן די מתפללים געטראַכט. זיי האָבן נישט געקענט באַהאַלטן זייערע פראַגן: „פאַרוואָס האָט איר, ר׳ עוזר, נישט געבראַכט אייער אורח צום מנין דאַוונען“?

— נישט קיין אורח, — האָט ר׳ עוזר געוואָלט זאָגן, נאָר...

עס איז אָבער צעטומלט געוואָרן, ווי ער וואָלט פּלוצלינג דערזען פּלא־פּלאים, און האָט נישט געקענט אויסריידן זאכארקאס נאָמען.

— נו... — האָבן די יידן געוואַרט אויף אַ וואָרט.

ר׳ עוזר האָט אין דער שטילקייט, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ווי צו שמונה עשרה, נישט געקענט אַפילו דערמאָנען „אַ פּויערל", ער האָט נאָר שטיל ארויסגעבראַכט:

— ער איז געגאַנגען זוכן זיין בהמהלע ביי ר׳ נחומען אויפן הויף. בין איך מיט אים אַרומגעגאַנגען איבערן גאַס — אַזוי אַרומגעגאַנגען. האָט זיך דער פּסחדיקער דאַוונען אָנגעטאָן אין גרויס חדווה. מען האָט אין זשירעווע נישט פאַרגעסן דאָס ווערטל: „זוכט זיין בהמהלע".

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פֿאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספֿאַרקויפֿט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פֿינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספֿאַרקויפֿט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פֿאָלקס־לידער (אויספֿאַרקויפֿט)
44) ז. יעגואַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספֿאַרקויפֿט)
45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פֿאַרביי... (אויספֿאַרקויפֿט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פֿאַמיליע קאַרפּ (אויספֿאַרקויפֿט)

(פֿרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פֿאַנד, מעקסיקע 1950)

50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פֿייער און פֿלאַמען (אויספֿאַרקויפֿט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פֿאַרן לעבן (אויספֿאַרקויפֿט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פֿלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"

(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פֿאַנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) חיים גראַדע — שיין פון פֿאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פֿון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָ. (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספֿאַרקויפֿט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספֿאַרקויפֿט)
72) י. י. טרונק — סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספֿאַרקויפֿט)

(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פֿאַנד, מעקסיקע 1951)

173) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַן־פּאולאָ, בראַזיל, 1951)
74) ד"ר א. מוקדוני — אויסלאַנד
75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פערלע — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, וואַרשע, 1937
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשאַרני — ווילנע
79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער וואָך
82—83) יצחק פערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) יוסף אָקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע
85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות
87) ד"ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)
89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר' אבא און אַנדערע כתבים
91—92) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
93) שמעון האָראָנטשיק — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות (קראַקע)
95—96) יאָנאַס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן (זכרונות)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאַנד, מעקסיקע 1954).
97—98) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) פועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) י. הירשהויט — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאַנד, ביי „די אידישע
צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1955).
102) משה זאַנשיין — יידיש וואַרשע
103) פ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)
105־106־107) מיכאל באָרוויטש — אַרישע פאַפּירן
108—109) מרדכי שטריגלער — געאַרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)
110—111) ד"ר א. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש
(פרעמירט דורכן האַפּער־לייב ליטעראַטור־פאַנד ביים יידישן וועלט־
קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1956).
112) ברוך האַגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאַנד, ביי „די אידישע
צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1956).
113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)

114) **פנחס שטיינוואַקס** — ייִדן צום געדענקען
115) **ק. צעטניק** — דאָס הויז פון ליאַלקעס
116) **מאַקס ווײַנרײַך** — פון בײדע זײַטן פּלויט **(וועגן אורי קאָוונער)**
117) **אליעזר וויזל** — און די וועלט האָט געשוויגן
118) **ש. בערלינסקי** — ירושה
119) **ד"ר יוסף טענענבוים** — צווישן מלחמה און שלום
120) **יוסף אָקרוטני** — סוף קאַפּיטל
121) **זיגמונט טורקאָוו** — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) **בער י. ראָזען** — פּאָרטרעטן
123) **אברהם טענענבוים־ארזי** — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) **משה קאַגאַנאָוויטש** — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
126—127) **אברהם זאַק** — קנעכט זענען מיר געווען
128) **יעקב גלאַטשטיין** — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) **דוד פלינקער** — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
131) **משה יודל שעליובסקי** — אין דער וועלט אַרײַן

עס דרוקט זיך און דערשײַנט בקרוב:

ד"ר יצחק שוואַרצבאַרט — זכרונות פון קראָקע
לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלײַבט אָפן

עס גרייט זיך צום דרוק

שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
פנחס וועלנער — דערציילונגען

פּרעסע־שטימען פון דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

★

ל. דאָמאַנקעוויטש שרייבט וועגן אברהם זאַקס „קנעכט זענען מיר געווען" („אונדזער געדאַנק", בוענאָס איירעס, 15טן אויגוסט, 1957):

מיט אַ קורצער צייט צוריק זענען אין אַרגענטינע דערשינען די ביכער 126 און 127 פון דער, אין דער גאַנצער וועלט ייִדיש־וועלט פּאָפּולערער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום":ביידע ביכער בילדן צוויי בענד פון אברהם זאַקס זכרונות פון זיינע יאָרן אין רוסלאַנד אונטערן טיטל „קנעכט זענען מיר געווען".

דער מחבר פון די צוויי ביכער, דער פּאָעט און פּראָזאַיקער אברהם זאַק, איז אין פּאַריז זייער גוט באַקאַנט. צוזאַמען מיטן שטראָם צוריקקערנדיקע פון רוסלאַנד איז ער נאָך דער מלחמה איבער פּוילן געקומען נאָך פראַנקרייך. נאָכן פאַרברענגען ביי אונדז אין פּאַריז עטלעכע יאָר, איז ער מיט אַ גרעסערער גרופּע שרייבער אַריבערגעפאָרן נאָך אַרגענטינע, וווּ ער וווינט ביז איצט.

אַ שטילער בטבע, איז אברהם זאַק געבליבן אין פּאַריז אַ ביסל אין דער זייט פון גרויסן טומלדיקן טראַקט, שטיל האָט ער זיך אַריבערגעגליטשט ביז אַרגענטינע און דאָרט שטיל אָנגעשריבן זיינע איבערלעבענישן אין די סאָוועטישע „אַרבעטס"־לאַגערן. און שטיל זענען אויך זיינע צוויי ביכער. זיי זענען געשריבן אָן כעס, אָן פאַרביטערונג, אַפילו אַ ביסל מיט אַ שמייכל, מיטן שמייכל וואָס איז אים תמיד אייגן. געשריבן אָביעקטיוו, אַ שטייגער ווי דאָרט אין די באַראַקן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דער ווייטער סאָוועטישער רעפּובליק פון קאָמי, וואָלט געווען פאַרשפּאַרט נישט ער אַליין נאָר זיינס אַ שאָטן, אַ צווייטער איך.

צו דערציילן האָט ער פון אַ סך רשעות, רשעות פון רעזשים און רשעות פון די אויבער־קנעכט איבער די אונטער־קענכט. עס איז די קונץ פון אַלע דעספּאָטיעס צו באַהערשן קנעכט דורך קנעכט און דערפון צו מאַכן דעם יסוד פון זייער הערשאַפט; ער האָט אָבער אויך אַ סך צו דערציילן וועגן מענטשלעכקייט פון יחידים, וועלכע אונטערדריקטע פיזיש, דערדריקטע גייסטיק, האָבן זיי נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן די מענטשלעכע צורה, וואָס זייערע באַצווינגער ווילן ביי זיי צורויבן, זיי וואַרטן נאָך, זיי האָפן נאָך, הגם זיי ווייסן און זיי זאָגן, אַז פאַר זיי זענען אַלע האָפענונגען — ווי פאַר די וואָס נידערן אין דאַנטעס גהינום — שוין אויסגערונען.

די לאַגערס זענען פונאַנדערגעשפּרייט איבער די גרויסע שטחים פון רוסלאַנד, איבער די טייגעס פון סיביר, איבער די וויסטענישן און סטעפּעס פון די ווייטע רעפּובליקן, ברייט איז די רוסישע ערד און פּלאַץ אויף איר איז פאַראַן גענוג צו בויען שטייגן, ווו מענטשן זאָלן רעדוצירט ווערן צו אַ זאָאָלאָגישן לעבן און אַפילו פיל נידעריקער ווי דאָס.

צוערשט איז דאָס פאַרשיקן געווען אַ נקמה אַקט פון סטאַלינען קעגן זיינע פּאָליטישע קעגנער. און אַזעלכע האָבן נישט געפעלט. שפּעטער איז עס געוואָרן אַ מלוכה־קאַלקולאַציע. אַ געניאַלע מחשבה פון טיראַן, אַז מען קען אויפבויען די וויסטענישן, בויען קאַנאַלן, בריקן, שאָסייען אין די טייגעס אין די סטעפּעס ווו קיין שום מענטשלעכער פוס איז נאָך נישט געטרעטן, דורך אָט די הענט פון „פאַרברעכער". און מען האָט אָנגעהויבן פאַבריצירן פאַרברעכער. גענוג געווען אַ ווונק, אַ וואָרט, אַ מסירהלע, אַז מען זאָל באַקומען 10 יאָר, 15 יאָר, 25 יאָר תפיסה. האָט מען געשאָסן 2 האָזן מיטאַמאָל. אי מען האָט געבויט, „סאָציאַליזם" דורך בחנמדיקע שקלאַפן, אי מען האָט געהאַט אַרבעטער דאָרט, ווו מען האָט זיי אויפן פרייען וועג ניט געקענט האָבן.

ווען די ייִדישע פּליטים פון פּוילן האָבן זיך געראַטעוועט פון נאַצישן פייער, זענען זיי גלייך אַריינגעפאַלן אין סטאַליניסטישן וואַסער און צום גרעסטן טייל זענען זיי באַלד געוואָרן פאַרברעכער, שפּיאָנען און ווי אַזעלכע פאַרשיקט געוואָרן הינטער די הרי חושך. דער מחבר פון די צוויי בענד „קנעכט זענען מיר געווען", צווישן זיי.

איך לייענט אַדורך די צוויי ביכער און עס ווערט קלאָר: ראשית, אַז די רביס פון די נאַציס זענען געווען די סאָוועטישע מושלים. אַוודאי האָבן די דייטשע דעם סיסטעם פערפעקציאָנירט. אים „באַרייכערט" מיט אַזעלכע וויכטיקע אינסטרומענטן ווי קרעמאַטאָריעס און גאַזאויוונס. (אגב אַ פּריווילעגיע „בלויז" פאַר ייִדן) אָבער די מעטאָדע פון אַנטמענטשן דעם מענטש, אים פאַרוואַנדלען אין אַ זאַך איז געווען די דערפינדונג פון קאָמוניסטישן רעזשים.

און נאָך אַ זאַך ווערט קלאָר: אַז די גרויסע און טאָטאַלע ליקווידאַציע פון ייִדישקייט זענען געווען דער לעצטער אַקט פון אַ דראַמע.

וואָס האָט זיך שוין אַ סך פריִער אָנגעהויבן אָפּשפּילן.

שוין אין 1939 ווען די צוויי פאַרבינדעטע סטאַלין און היטלער האָבן זיך צעטיילט מיט פּוילן און די ייִדן זענען אין בהלה געלאָפן פון מלכות האַקנקרייץ צו מלכות האַמער און סערפּ, האָבן זיי זיך שוין אָנגעטראָפן אין די פאַרנומענע געביטן אויף אַ גוט אָרגאַניזירטן סיסטעם פון ליקווידאַציע.

שוין דעמאָלט זענען פון די ייִדישע קינדער אַוועקגענומען געוואָרן די ייִדישע שולן און איבערגעגעבן געוואָרן צו די פּוילישע, רוסישע און ווייסרוסישע קינדער. בלויז אַ קלענער טייל פון די שולן זענען נאָך געבליבן, אַ זייער באַשרענקטע פּרעסע, איינרעגימענטירטע שרייבער און דאָס ייִדישע טעאַטער זענען נאָך געראַטעוועט געוואָרן פון יענער שריפה, וואָס איז שוין אויך נישט געווען די ערשטע.

אָן מליצות, אָן דעקאָראַציעס, מיט אַ זעלטענער איינגעהאַלטנקייט שילדערט אונדז אברהם זאַק דעם אוםברחמנותדיקן קאָנצענטראַציע סיסטעם, ווו מענטשן ווערן ביי אַ פראָסט פון 35 גראַד געיאָגט אין די וועלדער צו עבודת פּרך פון 12 שעה. קומען אַהיים מיט אָפּגעפרוירענע אברים.

ער גיט אונדז דעם ציניזם פון די וואָס האָבן אויף די טויערן פון די שקלאַפן־באַראַקן אָנגעשריבן די לאָזונג „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך“.

אַזוי האָבן דאָך די נאַציס אויף די טויערן פון די אומקום־לאַגערן אויפגעצייכנט „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס“. דער זעלבער ציניזם, די זעלבע אָפּשפּעטונג פון אַלע מענטשלעכע הייליקייטן.

אַ טרייסט זענען בלויז די קליינע צאָל טיף־מענטשלעכע כאַראַקטערן, וואָס זאַק האָט אָנגעטראָפן אין די לאַגערס צווישן זיי פאַרשיקטע שוין פון יאָרן, וואָס ציילן זיך נישט מער. אָן שום האָפענונג ווען עס איז נאָך צו לעבן אַ מענטשלעך לעבן, און דאָך האָבן זיי באַהאַלטן זייער צלם אלוהים. צומייסט זענען עס געווען רעוואָלוציאָנערן פון דער גאָר אַלטער גוואַרדיע, פאַרמשפּטע דורך דער נקמה פון טיראַן צו אייביקער שקלאַפעריי.

מיט זיינע שטילע רייד דערערדט זיך אברהם זאַק צו אַלעם וואָס ער וויל דערציילן. און עס קריצן זיך אונדז איין אין זכרון פאַרשידענע טיפּן און כאַראַקטערן: דער גלח שולמינסקי, מיט פּסוקים פון תהילים אין זיין מויל, וואָס חזרט אָפּט איבער (אויף פּויליש) דעם פּסוק גם כי אלך בגי צלמות, לא אירא רע כי אתה עמדי, אָבער דעם טאָג ווען עס קומט די בשורה פון שיקאָרסקיס אָפּמאַך און די באַפרייאונג פון די פּוילישע בירגער, שטאַרבט ער פון אַ האַרצשלאַג; פון אַ געוויסן איידעלן ייִד, גורעוויטש, וואָס איז שוין יאָרן סעפּאַרירט פון זיין משפּחה און האָט נישט קיין רעכט נישט צו שרייבן און נישט צו באַקומען בריוו; פון אַ געוועזענעם רעוואָלוציאָנער טשיזשעוו, וואָס האָפט תמיד אויפן צוזאַמענברוך פון דער דעספּאָטיע און נאָך און נאָך.

זאַק גיט אונדז אָפּ גרוסן פון זלמן רייזען. ערגעץ־ווו איז פאַרשפאַרט דער רעדאַקטאָר פון ווילנער „טאָג", אגב אַ געניגטער צום „פראָגרעס", מחבר פון „לעקסיקאָן". ער קרעכצט און וויינט. מיר ווייסן היינט, אַז ער איז פון תפיסה קיינמאָל שוין נישט אַרויס. ער גיט אונדז אַן אומדירעקטן גרוס פון איזאַק באַבעל, דעם פיינעם הומאָרפולן ייִדיש־רוסישן שרייבער פון לעבן פון די אָדעסער פאָרשטעט, אין מלכות־לאַגערן איז ער באַשעפטיקט ביי רייניקן פערד...

און ער זעט פערזענלעך די פרוי פון אַדאָלף יאָפע, דעם באַרימטן רעוואָלוציאָנער, וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, נאָך טראָצקיס פאַרשיקונג. יאָפעס אלמנה זיצט שוין אַלס „טראָצקיסטקע" אַריבער 10 יאָר. זי געהערט צו די מיליאָנען, וואָס סטאַלין האָט פאַריאָגט פון לעבן.

זאַק ציט די זכרונות ביז צו דער באַפרייאונג פון די פוילישע דורך דעם אָפּמאַך מיט דער פוילישער רעגירונג פון לאָנדאָן גלייך נאָך דעם, ווי היטלער האָט אַטאַקירט די סאָוועטן.

אַזוי גרויס איז געווען דאָס אומגליק און די ליידן, אַז די בשורה פון באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד דורך די נאַציס רייסט אַרויס ביי אַלע פוילישע אינטערנירטע און ביים מחבר אַליין די נישט־באַרעכנטע ווערטער: איצט זענען מיר געראַטעוועט. כאָטש דער מחבר גיט זיך גלייך דערנאָך אָפּ אַ חשבון וויפל וויטיק דער נאַצישער איבערפאַל וועט גורם זיין צו נייע ייִדישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן און אין רוסלאַנד.

אַזוי אָבער האָט גערעדט דער אינסטינקט פון אַ מענטשן פאַרמשפּט צו שקלאַפעריי.

ווען זיי פאַרלאָזן דעם לאַגער זענען די רוסן זיי מקנא. ווער יועט זיך פאַר זיי אָננעמען? ווער וועט זיי באַפרייען? אָבער אַ טייל געפינט אַ שאָדנפרייד. זיי זאָגן: עס וועט נאָך אייך אויף דער פריי ערגער זיין, איר וועט אונדז מקנא זיין...

אָבער וועגן די איבערלעבענישן אויף דער פרייהייט דערציילט זאַק נאָך ניט אין די ערשטע צוויי בענד, זיי דערציילן בלויז פון עבדים היינו.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 131

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA

Copyright by:
M. Y. SHELUBSKY, (New York)

R01268 55246

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 25 DE OCTUBRE DE 1957
EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE
SAN LUIS Nº 3149, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

M. Y. SHELUBSKY

POR EL MUNDO...

(CUENTOS)

★

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
Buenos Aires, 1957